STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08360

TSURIK IN DER HEYM

Samuel Lewin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל לעווין

צוריק אין דער היים

שמואל לעווין

צוריק אין דער היים

ראָמאַן

פאַרלאַג די ברידער שולזינגער, ניו־יאָרק

ניו יאָרק, נ. י. 1980

TZURIK IN DER HEYM
(And He Returned Homeward)
By
SAMUEL LEWIN

LIBRARY OF CONGRESS
CATALOG CARD NUMBER: 80-670284

Copyright 1980 by
MIRIAM LEWIN
3470 Cannon Place, Apt. J-12
Bronx, New York 10463

איבערזעצן, איבערדרוקן, אפילו טיילווייז, איז
אָן דער הסכמה פונעם מחבר נישט דערלויבט

ציכנונגען פון ישעי'ה לעווין
(דעם דיכטערס זון)

ארויסגעגעבן ביי די ברידער שולזינגער
Published in U.S.A. by
Shulsinger Brothers, Inc.



פאָרוואָרט

פון פראַנץ ווערפעל

(צו דער דייטשער איבערזעצונג, אַרויסגעגעבן אין לעוויט-פאַרלאַג, ווין 1936, א. נ. „און ער קערטע היים״)

עס געהערט נישט צו די גוטע מידות אין אונדזער היינטיקן גייסטיקן לעבן, אַז מ׳זאָל פאַרשוועכן אַנוועגנדיק דאָס וואָרט „דיכטער״ אויף מחברים פון ראָמאַנען און מעשיות. צו זיין אַ דיכטער מיינט עפּעס אַנדערש ווי נאָכצוגעשטאַלטן טאַטזאַכן פון לעבן, אויסצוטראַכטן אַ גוטע פאַבעל און דורך געשיקטקייט פון שפּראַך פאַרוואַנדלען דיווירקלעכקייט אין וואַרשיינלעכקייט. די אַמאָליקע גדולים, אָדער חכמים. **איבערזעצער.** האָבן געניי געוואוסט פאַרוואָס זיי שטעלן אינעם וואָרט Vates דעם דיכטער באַגלייך מיטן חוזה, ד.ה. מיט דעם גייסט [פון נבואה] וואָס איז ביכולת צו זעען בילדער, וועלכע קומען צו אים נישט פון דרויסן, נאָר דערשיינען אין אים גופא.

פונדעסטוועגן, כאָטש מיר איז קלאָר דער דאָזיקער חילוק און די באַגרעניצונג, זאָג איך מיט רואיקער זיכערקייט, אַז **שמואל לעווין** איז אַ דיכטער. געוויס, ער איז אַ דיכטער פון אַ קליין פאָלק, פון אַ פאַרפאָלגטער אומה, וועלכע טראָגט אויף איר רוקן, ווי אַ שווערן באַרג, אַן אומבאַגרייפלעכע שליחות. ס׳איז דאָס אומרואיקסטע פאָלק פון אַלע פעלקער, וואָס פירט נישט אויס קיין איינע פון יענע באַדינגונגען, דורך וועלכע אַלע אונדזערע נאַציעס באַהויפּטן זיך.

פאַר די יידישע קינסטלער און דיכטער איז׳ס אָן אַ מאָס שווער. זיי קריגן נישט קיין שום הילף, וואָס שעפערישע עקזיסטענץ קריגט. אין

קלענסטן ווינקל פון זייער האַרץ איז צוזאַמענגעקוועטשט די טרויער־ריקייט פון טויזנטער יאָרן, אַ וועלט פון סודותדיקער פאַר־גאַנגענהייט, און גאָר קיין מילדערונג אין דער געגנוואַרט. דער דאָזיקער גורל איז אַמקלאָרסטן ביי די יידישע דיכטער פון מזרח אייראָפּע. אין פוילן און אין רוסלאַנד לעבט אַ כנסת ישראל. זיי פעלט אָבער יענע אייגנשאַפטן און דינסטיקציעס, וואָס זאָלן זיי אויסגלייכן מיט אַנדערע נאַציעס. נישט גרונט און באָדן, נישט פרייהייט און זעלבסט־באַשטימונג בינדט זיי צוזאַמען, נאָר בלויז אַן אַלטע פאָרעם פון לעבן, וואָס ברענגט זיי צו אַ טראַגישן מצב אין זייער סביבה. נאָר די יסורים פון טראָגן דעם גלות איז אפשר אַמשווערסטן דאָרטן, וואו די צעזייעטע און צעשפּרייטע האָבן זיך באַזונדערס געדיכט צוזאַמענגעשלאָסן. אויף אַזעלכע ערטער שטעלט זיך די אייגנאַרטיקייט פונעם לעבנס־נוסח אַמשטאַרקסטן אַנטקעגן, און דער טראַגישער ווידערשפּרוך שטייגט ביז אומדערשעפּלעכן טרויער.

פון דאָזיקן טרויער זינגט **לעווין** אין זיינע מעשיות און ראָמאַנען. אָן מורא, אָן ביליגער פעלשונג און אָפּנייגונג קוקט ער איר אין די אויגן אַריין.

ער לעערט דעם כוס פונעם יידישן גורל און אומדערפאָרשלעכע יידישע שליחות ביז צום דנאָ. **דערביי איז זיין טאַלאַנט אַזוי גרויס, אַז** ער באַהאַנדלט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט מיט אַ שרייענדיק קול, נישט מיט קלאָגן און נישט מיט צוזאַמענגעביילטע פויסטן טוט ער אָנקלאָגן; ניין! זיין טאָן איז אָנגענעם שטיל, און זיין האַנט, וואָס פירט דעם לייענער פעסט און זיכער, איז צאַרט.

דער דאָזיקער ראָמאַן זיינער געהערט צו דער שולע פונעם דייטשן דערציאונגס־ראָמאַן. טייל קאַפּיטלעך און טייל בילדער טרעפן זיך צוזאַמען אין זייער פיינקייט און הומאָר מיטן „גרינעם היינריך״.*

*) אַ באַרימטער ראָמאַן פון גאָטפריד קעלער, אַ שווייץ־דייטשער שריפטשטעלער, געבוירן אין Zürich 1819 און געשטאָרבן אין 1890. איבערזעצער.

איך דענק מיט פאַרגעניגן וועגן דעם העלד, דעם יונגן מעכל, ווען ער פאַלט, אין וואַרשע, אַריין צו אַ טרופּע אַקטיאָרשטשיקעס. דאָך, ווי שטאַרק דערוויטערט זיך דערנאָך דער יונגער מעכל פון דעם „גרינעם היינריך!" זיין שווערע ירושהדיקע לאַסט טרייבט אים דורכן לעבן. צייטנווייז דערגרייכט ער זיין ציל. אָבער ווי עפּעס גאָטס אַן אורטייל וואַלט אים פאַרבאָטן צו געניסן זיינע דערפאָלגן, אויסצוטרינקען אַלע יענע תענוגים, די לוסט און די זינד, וואָס זענען אַנדערע יאָ פאַרגינט. אין דאָזיקן אורטייל קלינגט אַ טונקעלער טאָן: „אַ פאָלק פון כהנים זאָלט איר מיר זיין!"

דער דיכטער לעווין קעמפט, אַז עס זאָל דערפילט ווערן דער־דאָזיקער אָנזאָג, הגם ער פאַררופט זיך קיינמאָל נישט אויף דער תורה. אָבער זיין גאַנצע נשמה איז פול פון איר. דאָס שטענדיקע נאָך נישט גענוג, מיט וואָס ער באַשענקט זיין העלד, וועלכער צעשטערט אַלעמאָל אויפסניי זיין ערדישן וואוילטאָג – דאָס איז די בייטש, וועלכע טרייבט דעם בענקענדיקן מענטש אויף גאָטס וועג.

ערשטער טייל

א

די יונגע מאַמע איז געזעסן אַפֿן ראַנד פֿון בעט און געקוקט אַף די טונקל־ברוינע לאָקן, אַפֿן קינדערישן שטערן, וועלכער איז געווען גרויס ווי בײַ אַ דערוואַקסענעם מענטש און באַזונדערס שיין: קיילעכדיק, קלוג און עקשנותדיק. זי האָט געקושט דעם שלאָפֿנדיקע קינדס האַנט, די שמייכלענדיקע ליפּן און די צוגעמאַכטע אויגן. דער קליינער מעכל האָט דערפֿילט, אַז די מאַמע זיצט לעבן אים און זיך אויפֿגעכאַפּט; ער האָט אַ פֿאַרשלאָפֿענער אויסגעשטרעקט ביידע הענטלעך. זי האָט זיי צוגעדריקט צו איר האַרץ און געשעפּטשעט „שלאָף״ — און איז אַף די שפּיץ־נעגל אָפּגעטראָטן.

געווען איז שרהלע שוין צען יאָר נאָך דער חתונה און געהאַט דערווייל נאָר דאָס איינע קינד. איר מאַן איז געווען אַ מלמד; ער האָט געלערנט מיט דערוואַקסענע ייִנגלעך. געהייסן האָט ער לוי. ער איז געווען אַ שפּילער און געהאַט אַ קול נגינה. שרהלען האָט ער שטאַרק ליב געהאַט, זיך געשפּיגלט אין אירע טונקעלע ברוינע אויגן. אָבער שרהלע האָט לכתחילה מורא געהאַט חתונה צו האָבן מיט אים: טאָמער, חס ושלום, געראָט ער אַריין אין זיין טאַטן. האָט זי אים נאָך דער חתונה, זעענדיק ווי איידל ער איז נאָך ליבער געקראָגן, האָט זיך איר האַרץ געשראָקן: דאָס קינד זאָל, חלילה, נישט זיין געראָטן אין איר שווער. און אַז זי האָט דערזען איר קינד — אַ ייִנגעלע — האָט טונקל־ברוינע האָר און נישט קיין רויטע, איז איר פֿרייד געווען גרויס. שפּעטער אָבער, ווען מעכל האָט אָנגעהויבן עלטער ווערן, האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבן שרעקן.

מעכל איז געווען געראָטן אי אין טאַטן און אי אין דער מאַמען. פֿון איר האָט ער געהאַט די געקרייזלטע האָר און די טונקל־ברוינע גרויסע קיילעכדיקע אויגן, פֿאַרחלומטע און טיפֿע. עס האָט זיך אָבער אַלע מאָל מער

און מער אין זיי באַוויזן די פלאַקערענדיקע שוואַרצע פלאַמען, ווי אין זיידנס אויגן, פאַר וועלכע שרהלע האָט זיך אַזוי געשראָקן. פון טאַטן האָט ער געהאַט די טאַטערישע נאָז, די גראָבע ליפּן און דאָס שיינע קול צום זינגען, וואָס אויך דער זיידע — דעם טאַטנס טאַטע — האָט געהאַט.

לוי׳ס פאָטער האָט געהייסן יקותיאל. אין שטעטל האָט מען אים גערופן אַקים. ווייל ער האָט אויסגעזען מגושמדיק, ווי אַ קאַצאַפּ, מיט קורצע פיס, מיט אַ שיטער רויט בערדל, מיט קליינע, גרויע אויגן, שאַרפע און שפּיציקע. אָנגעטאָן איז ער געגאַנגען אין אַ דזשיפּיצע מיט פאַלדן הינטן, אַ מין שובע, און אַ היטל פון אַ שעפּסענער פעל. אַמאָל האָט מען אים געוואָלט אָפּגילטן ער זאָל זיין חזן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט און איז גלייכער געווען אַ טאָקער. אינעם שטעטל האָט ער יום־טוב — אַמאָל אויך מוסף אין אַ שבת — געדאַוונט פאַרן עמוד. ער איז געווען אַ גרויסער אביון. נאָר געטרונקען האָט ער אַ סך, ריינעם ספּירט, נאָך צוגעשיט פעפער, און געריכערט מאַכאָרקע.

מען האָט אין שטעטל דערציילט וועגן יקותיאל׳ן אַזאַ מעשה: אַז זיין עלטער זיידן האָט מען אין אַ פּאָגראָם געשאָכטן. דער עלטער באָבען האָט מען גאָרנישט געטאָן, ווייל זי איז געווען שיין און יונג. זי האָט געהאַט דערנאָך אַ קינד: נאָר ס׳איז מעגלעך, אַז זי איז שוין פריער נאָך פאַרן פּאָגראָם מעוברת געווען.

די דאָזיקע מעשה — און נאָך אַנדערע מעשיות — האָבן די יינגלעך אין חדר, אין וועלכן מעכל האָט געלערנט, דערציילט צווישן זיך. די חברים האָבן אים געפרעגט אויב עס איז אמת, אַז זיין זיידע איז אַ רוסישער קאַצאַפּ און נישט קיין ייד? ער האָט זיי אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען. דערנאָך האָט ער דעם זיידן דערציילט: „די יינגלעך אין חדר זאָגן, אַז די עלטער־באָבע...״

יקותיאל איז געווען אַ בייזער און אַ שוויַיגער. האָט ער דעם אייניקל גאָר נישט געענטפערט. האָט מעכל געפרעגט דער באָבען. זי איז געווען אַ דערשלאָגענע פון צרות און דערביי געקענט דערציילן שיינע מעשיות. מעכל האָט זי דערפאַר ליב געהאַט נאָר וואָס מיט זיין עלטער־עלטער באָבען איז געשען האָט זי אים ניט געזאָגט און עס האָט אים ניט געקענט אַרויס פון קאָפּ, וואָס די יינגלעך האָבן אין חדר דערציילט. האָט ער געפרעגט דעם

טאַטן און באַקומען אַן ענטפער: „דיין זיידע איז אַ ייד גלייך מיט אַלע יידן!" דאָס האָט מעכל געזען: דער זיידע דאַוונט אין שול, איינגעהילט אין אַ טלית, ווי אַלע יידן. אָבער... און ער האָט געפרעגט דער מאַמען: „מאַמע!... מיינע חברים זאָגן... איז דאָס אמת?..."

שרהלע האָט געענטפערט: „ניין, מיין קינד, עס איז נישט אמת!"

אַ גאַנץ אַנדער מין ייד איז געווען ר' יעקב, שרהלעס פאָטער, אין וועמען זי איז געווען אין גאַנצן געראָטן. ער איז געווען אַ הויכער, מיט אַ שיינער, שוואַרצער באָרד, אַ חסיד, און אַ קלוגער ייד, נישט קיין פאַנאַטיקער. ער האָט געהאַלטן אַ מיל און ליב געהאַט פריילעכקייט. דער קליינער מעכל האָט זיך דאָ געפילט גוט. ער האָט געזונגען און די פרעמדע סוחרים, וואָס זיינען געקומען קויפן מעל און פאַרקויפן תבואה, האָבן אים געגעבן זעקסערס, צענערס, און אפילו זילבערנע צוואַנציקערלעך. נאָר די באָבע האָט מורא געהאַט פאַר אַ גוט־אויג און נישט געלאָזט דעם יינגל זינגען. ר' יעקב אָבער האָט נישט געגלויבט אין אַן עין הרע און מעכל האָט ווייטער געזונגען. דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער אַוועקגעגעבן דער אַנדערער באָבען, זי זאָל אים דערציילן שיינע מעשיות.

די מיידלעך פונעם שטעטל האָבן דעם „קליינעם זינגער," ווי זיי האָבן אים גערופן, אָנגעפּאַקט פולע קעשענעס נאַשערייען און נישט אָפּגעלאָזט, ער זאָל זינגען. זיי האָבן אים אויסגעקושט יעדעס אבר און אויסגעקניפּט שטיקער פלייש. „עס וואַקסט אַ טייערע כלי!" האָבן מענטשן אין שטעטל געזאָגט. אַז לוי האָט געדאַוונט פאַרן עמוד און דער קליינער מעכל האָט אים אונטערגעהאַלטן באַם זינגען, זיינען די מתפללים אויסגעגאַנגען פון תענוג.

נאָר דעם גרעסטן נחת האָט געהאַט שרהלע, ווען איר קינד האָט שבת באַם טיש צוגעהאָלפן דעם טאַטן זינגען זמירות.

מעכל איז געוואַקסן אַ גרויסער קונדס. ער האָט נישט געוואָלט גיין אין חדר אַריין און דעריבער זיך נישט אויסגעלערנט אפילו קיין עברי, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט פיינט געהאַט דעם רבין זיינעם, אַפילו אויך דעם טאַטן, ווען ער האָט מיט אים געוואָלט לערנען.

שרהלע'ס שרעק, אַז איר קינד געראָט דאָך אַריין אין איר שווער, האָט אָנגעהויבן וואַקסן. זי האָט אַלע מאָל מער דערזען אין מעכלען שלעכטע מידות פון זיין זיידן: אַז ער איז נישט פרום און ציט צו גוים. מיט אַ ציטעריק

קול האָט זי צו איר מאַן געזאָגט: „אפשר וואָלט מען מעכלען אָוועקגעשיקט אין אַ ישיבה אַריין?"

לוי האָט געשוויגן. ער האָט שרהלע׳ן ניט געקענט ענטפערן פון שברות הלב. ער האָט געהאַט גרויס צער און צוגעזען דעם צער פון דער פרוי וועגן זייער איינציקן קינד. אַף זיינע פּלייצעס האָט זיך געלייגט אַ שולד פאַר נישט באַגאַנגענע זינד.

מעכל האָט באַ אַכט, ניין יאָר, געשטעלט דאָס שטעטל אַפן קאָפּ. ער האָט געשפּילט אין פערד און אין מלחמה. צו פיר פּאָר פערד אין דער לענג האָט ער איינגעשפּאַנט, בלויז יינגלעך, און וויאָ!... די מיידלעך זיינען נאָכגעלאָפן. אַריין אין אַלע בלאָטעס, אין די קאַלאַזשעס, וואָס זיינען געווען אַפן וועג; די קיישלעך פון די מאַרקזיצערנס, ערדענע כלים פון די טעפּערס זיינען געפלויגן אין אַלע זייטן, — אַז ער האָט געשפּילט אין מלחמה — ער איז דערביי תמיד געווען דער גענעראַל, אַ קאָזאַצקער, מיט אַ פּיקע אין האַנט — האָבן די זעלנער געמוזט טאָן דאָס אייגענע וואָס ער: אויסהאַקן שויבן און שלאָגן יידן.

ווייבער האָבן געשריגן: אַקימס איינעק!... די טריפע יוכע האָט זיך צעיושעט אין אים!..."

איינהאַלטן מעכלען האָט געקענט נאָר רחלע. זי איז געווען זיינע אַ כלה, אַ שוואַרצע פּרינצעסן. אירע לאָקן האָבן זיך געקרינגלט ווי שלאַנגען, די מאַנדל־אויגן האָבן געסמאַליעט און די רויטע ליפּן האָבן געשמייכלט. מעכלען האָט זי גערופן: „מיין האַר קעניג" און זיך טיף פאַרבויגט בעת זי האָט גערעדט צו אים.

מעכל איז געוואָר געוואָרן, אַז אין וואַרשע איז דאָ אַ טעאַטער, און אַקטיאָרן פאַרשטעלן זיך פאַר קיסרים, פאַר גראַפן און פּרינצן; זיי טוען זיך אָן אין פּורפּור אין גאָלד. די פרויען, געטינט, טוען זיך אָן אין זיידענע קליידער מיט שלעפּעס פון הונדערט איילן. זיי קומען אַרויס אַף דער בינע, די מוזיק טוט אַ זעץ אַרויס, דער קיסר טוט אַ פאַל פאַר זיין געטין און זינגט: „אָ, דו מיין ענגעל!"

פון דעמאָלט אָן האָט מעכל שוין געשפּילט נאָר אין טעאַטער, און זיין ענגעל איז געווען רחלע.

לוי איז געוואָרן נאָך שווייגענדיקער. שרהלע האָט געוויינט. ר׳ יעקב

האָט געטרייסט זיין טאַטער און דעם איידעם: „נישקאָשע, ער וועט עלטער ווערן, וועט ער זיין אַ לייט.״ יקותיאל האָט געטענהט צום זון און צו דער שנור, אַז מען זאָל מעכלען מאַכן פאַר אַ בעל מלאכה: „זאָל ער ווערן אַ קאָוואַל!״ ער האָט ס׳איינינקל געבראַכט צו אַ שמיד און באַפוילן: „נעם דעם האַמער!״ נאָר מעכל האָט ניט געוואָלט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: „קיין וואַרשע! אַן אַקטיאָר ווערן!״

איז געבליבן, אַז מעכל זאָל ווערן אַ קאַמאַשנמאַכער. אָבער ער האָט ניט געקענט איינזיצן בײַ דער מאַשין און אַרבעטן. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען וואַרשע און אין זיין קאָפּ האָט זיך געמישט: קיסרים... געטינס... ער האָט געזונגען אַלע מאָל העכער און אויסגערופן: „אָ, מיין ענגל!...״ די מאַשין האָט געזעצט. דער מייסטער האָט געשריגן און געשאָלטן דעם געזעל, אַז ער זאָל שטיל בלייבן. אָבער מעכל האָט נישט געהערט, ביז אין זיין קאָפּ אַריין האָבן גענומען פליען כאַליעוועס, שיך, שטיקער פּאַדעשוויעס, שמאַטעס, אַ בעזים. ערשט דאַן האָט ער אויפגעהערט. ער האָט געקוקט מיט ווילד־אַרויסגעזעצטע אויגן...

דער מייסטער האָט געשריגן: „אַרויס פון מיין שטוב! אַ קאַמאַשנמאַכער ווילסטו ווערן? — אַן אַקטיאָרטשיק ביסטו! זיך צעזונגען ווי אַ רוח, ווי טויזנט שדים וואָלטן אין אים אַריין! איך שריי: שטיי! און ער זינגט, אַז ס׳הויז פּאַלט שיר איין! וואָס, ווען צען טויזנט קאָזאַקן זאָלן שרייען, ווען טויזנט האַרמאַטן זאָלן שיסן — אויב מען וואָלט אַזוי פאַרגלושעט געוואָרן ווי פון זיין טריפהנעם קול!״.

נאָר מעכל האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט, וואָס עס איז געשען. ערשט ווען ער האָט אויפגעהויבן דאָס פּיסל פון מאַשין אַפּירצונעמען די כאַליעווע און דערזען דעם חורבן וואָס ער האָט אָנגעמאַכט: די פּשיסווע איז געווען צעהאַקט, די נאָדל צעטראַסקעט, דאָס קלעצל גאָרן אַ פּלאָנטער — האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט דערזען, אַז אונטערן פענצטער אין דרויסן שטייט דאָס גאַנצע שטעטל, פון שטופּן זיך איינער דעם אַנדערן האָט מען אויסגעהאַקט אַ שויב — האָט ער געכאַפּט דאָס כאַלאַטל און איז אַנטלאָפן.

דער מײַסטער האָט אים נאָכגעשיקט עטלעכע ברכות: „צעברעך די פיס! מער זאָל איך דיין געביין בײַ מיר ניט זען!״

שרהלע האָט זיך דערשראָקן דערזעענדיק מעכלען. זי האָט אים גענומען

אויספרעגן, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט איר קיין איין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר געגלאָנצט מיט די גרויסע,ווילדע אויגן און אַ זאָג געטאָן: „איך פאָר קיין וואַרשע!"

שרהלע איז אַהינגעלאָפן צום פאָטער אין דער מיל אַריין און דאָרט געכליפּעט, ווי אַ קליין קינד. עס איז געווען אַ גאַנצע סעסיע. ר' יעקב האָט געטענהט צום איידעם — ווייל ער איז שוין באַשטאַנען, מעכל זאָל פאָרן קיין וואַרשע — אַז עס טויג נישט, ער איז אַ צו ווילדער יונג. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און נאָך אַ ישוב הדעת באַשלאָסן: „מעכל וועט זיין באַ מיר."

נאָר מעכל איז נישט לאַנג געבליבן באַם זיידן אין דער מיל. ער האָט גע'גנב'ט געלט פון אַ שופלאָד, ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט זעכציק רובל; דער זיידע יקותיאל האָט אים געהאָלפן קריגן אַ פּאַס, ער זאָל קענען פאָרן קיין וואַרשע. דאָס האָט דער אַלטער געטאָן להכעיס זיין מחותן דעם גביר, און דער שנור, די „באַגעבויניצע", ווי ער האָט זי גערופן.

רחלע איז אַלט געוואָרן עלף יאָר. פאַרן אַוועקפאָרן האָט מעכל מיט איר פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. באַם געזעגענען זיך האָט ער איר געשוואוירן אייביקע ליבע. זי איז געווען זייער טרויעריק וואָס ער פאָרט אַוועק. „שווער מיר נאָך אַ מאָל", האָט זי אים געזאָגט, „אַז דו וועסט מיך נישט פאַרגעסן און, אַז ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער שפּילער אין טעאַטער, וועסטו מיט מיר חתונה האָבן און מיט מיר אויספאָרן די גאַנצע וועלט!" ער האָט איר נאָך אַמאָל געשוואוירן אייביקע ליבע. זי איז פאַר אים געשטאַנען, ווי אַ פרומע יידישע כלה פאַר אַ חתן, מיט אַן אונטערטעניק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. באַלד האָט זי ווידער צו אים אַרויפגעקוקט מיט אירע פייערדיקע אויגן און אים געהייסן נאָך אַמאָל שווערן אַז ער וועט דאָס גאַנצע לעבן איר בלייבן געטריי. ער האָט ווידער געשוואוירן און איר אָנגעזאָגט: „נאָר עס זאָל קיינער ניט וויסן, וואוהין איך בין געפאָרן! איך ווייס עס דערווייל אויך נישט; אפשר פאָר איך גאָר קיין אַמעריקע..." דערפון איז רחלען נאָך שווערער געוואָרן אַפן האַרצן און די גאַנצע נאַכט האָט זי שטיל אַריינגעוויינט אין קישן.

ב

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג ווען מעכל איז אין וואַרשע אַראָפּגעגאַנגען פון דער באַן. זיינע אויגן האָבן געקוקט אין אַלע זייטן. ער איז געווען צעחושט פון דער גרויסער שטאָט. טראַמוויַיען האָבן געקלונגען, עס זיינען געפאָרן דראָשקעס. מעכל האָט זיך געהאַלטן אין איין חידושן: „אַזעלכע גרויסע קאָמיניצעס!... אַזוי פיל מענטשן!"... ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואוהין צו גיין. האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע און ווי אַ גרויסער פריץ באַפוילן: „אין אַ האָטעל!"

דער דראָזשקאַרזש האָט באַטראַכט דעם פּאַסאַזשיר זיינעם און שוין געוואוסט, וואוהין ער זאָל אים פירן.

דער בעל הבית פון האָטעל — אַן אָפּגעפּרעסענער פּאַרשוין, מיט קיילעכדיקע, ראַזירטע באַקן, ווי אַ צירקאַטלעט — האָט מעכלען אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און אים גענומען אויספרעגן: „פון וואַנען ביזטו, יונגערמאַן? — און וואָס ביסטו? — אַזוי... אַ זינגער... און ווי הייסטו? — נישט שאַליאַפּין?... און וויפל געלט האָסטו? — זייער גוט..."

פירנדיק דעם גאַסט פון איין שטאָק אַפן אַנדערן, האָט דער משרת געזען וואָס פאַר אַ יאָלד דאָס איז און באַשלאָסן, אַז ער קען פאַרדינען אַביסל געלט. אין צימער האָט ער מעכלען געזאָגט: „איך קען אייך באַקאַנט מאַכן מיט די גרעסטע זינגער פון דער וועלט!"

מעכל איז געווען גליקלעך. ער האָט דעם משרת געגעבן אַ רובל, אַז ער זאָל אים ברענגען אַ גרויסן זינגער.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און אין קליינעם צימערל איז געשטאַנען פאַר מעכלען אַ „גרויסע זינגערן." באַם געבן אים אַ דאַר הענטל, מיט „בריליאַנטענע" פינגערלעך און אַ „גאָלדענעם" בראַסליעט, האָט זי זיך פאַרגעשטעלט: „גרעפין פעדאַראַ פּרימאַדאָנאַ פון רוימישער אָפּעראַ!"

פאַר מעכל'ס אויגן זיינען אַרויסגעשוואומען געטינס וועלכע ער האָט געזען פאַר זיך באַם קאָמאַשנמאַכער ווען ער האָט געזונגען. עס האָט זיך אים געדאַכט, ער שטייט אַף דער בינע פאַרשטעלט פאַר אַ קיסר און עס האָט זיך שיר אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ: „אָה, מיין ענגעל!..."

די „גרעפין האָט אים געזאָגט, אַז איר ברודער איז דער וועלט באַרימטער

זינגער פון דער קייזערלעכער אָפּעראַ, „קאַטערינאַ די צווייטע״ אין פּעטערבורג און איר קוזין איז דיריגענט אין דער אָפּעראַ „וויוואַ לאַ מוזיקאַנאַ״ אין פּאַריז. זי האָט שנעל אַ דריק געטאָן אָפן עלעקטרישן קנאָפּ בײַ דער טיר. עס איז אַרײַנגעקומען דער משרת. זי האָט אים באַפוילן, אַז ער זאָל הייסן פאַרפאָרן אַ דראָזשקע. אַ שטאָלצע האָט זי זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. מעכל איז איר נאָכגעגאַנגען מיטן היטל אין האַנט. מיט אַמאָל איז ער געוואָרן אַ גאַנצער קאַוואַליער. ער האָט זיך געפּלאָנטערט מיטן היטל אין האַנט, אונטער אירע פיס בײַם עפענען פאַר איר די טיר און בײַם אונטערהויבן זי אונטערן אָרעם, ווען זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער דראָזשקע. האָט ער זיך געזעצט לעבן איר.

אָפן וועג האָט די גרעפן דערציילט מעכלען, אַז זי פאָרט מיט אים צו איר ברודער און איר קוזין. די ביידע „וועלט באַרימטע קינסטלער״ זײַנען איצט דאָ בײַ איר אין דער היים. דאָס איז אויך געווען אמת. אין אַ באַרדאָגעמאַליעוועטער שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט צוויי יונגען. זי האָט מעכלען פאָרגעשטעלט פאַר זיי. זיי האָבן אים געגעבן די הענט. דערפון האָט מעכל זיך געפילט געהויבן.

די גרעפין האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דעם איינציקן רויט פּלושענעם פאָטעל און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָפן אָנלען. די אָפּגעבליאַקעוועטע, פלאַקסענע האָר, האָבן זיך איר צעשיט איבער די אַקסלען.

מעכל האָט געקוקט אַף די „גאָלדענע״ האָר. דער „זינגער פון דער קייזערלעכער אָפּעראַ אין פּעטערסבורג״ האָט אַ נעם געטאָן גלאַט אַזוי: „פאַ, לאַ, מי דאָ, רע... דאָ מי, פאַ לאַ״... דער „דיריגענט פון דער אָפּעראַ אין פּאַריז״ האָט מיטן שטעקעלע, וואָס ער האָט פּונקט געהאַלטן אין האַנט, קאַפּעלמייסטעריש געמאַכט אַהין און אַהער און צוגעקלאַפּט מיט אַ פוס צום טאַקט. דערנאָך האָט ער מעכלען — זאָגנדיק אים מסיע מישע — געבעטן, אַז ער זאָל עפּעס זינגען, וועט ער הערן אויב ער האָט די שטימע, וועלכע ער זוכט.

מעכל האָט צוזאַמענגענומען אַלע זײַנע כוחות און געוויזן, וואָס ער קאָן. שויבן האָבן געציטערט. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס דער דיריגענט האָט אים געוויזן, אַז ער זאָל אויפהערן, ווייל ער ווייסט שוין. מעכל האָט געזונגען. אַ מער די פּרימאַדאָנע: זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און אויסגערופן:

„איר זײַנט קאַרוסאָ." ער האָט זיך אָנגעקוקט, ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט.

דער „דיריגענט" און דער „וועלט באַרימטער זינגער" האָבן מעכלען באַשטעטיקט, אַז ער איז קאַרוסאָ. זיי האָבן אים געקלאַפּט אַף די פּלייצעס און גלייך אָפּגעמאַכט: פינף טויזנט רובל אַ חודש אין ערשטן יאָר. דאָס צווייטע טאָפּלט. דאָס דריטע יאָר דריי מאָל אַזוי פיל. א. אז. וו. נאָר דער מסיע מישע מוז זיי געבן פופציק רובל אַ משכן, אַז ער וועט נישט אָננעמען קיין אַנדער אַנגאַזשמאַ. מאָרגן צען פרי זאָל ער זיין גרייט צו דער רייזע.

אין האָטל אַריין איז מעכל צוריק געקומען משוגע פון גליק. ער האָט געטאַנצט און געשפרונגען. גלייך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש שרייבן אַהיים אַ בריוו. אָבער ער האָט זיך איבערגערעכנט, אַז עס טויג נישט; ער וועט שרייבן פון פאַריז. רחלען האָט ער נישט פאַרגעסן, נאָר פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען די „גרעפן פעדאָראַ" מיט די גאָלדענע האָר. די גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן. ער האָט געזען פאַר זיך די מוטער; וויינט... דער טאַטע איז בלאַס... באַם זיידן אין מיל טוט זיך סכנות־נפשות... און מאָרגן פאָרט ער אַוועק נאָך ווייטער פון דער היים... ער האָט באַשלאָסן: דער מאָמען וועט ער באַלד, אַף דער באַן, שרייבן אַ גרויסן בריוו פון אַכט זייטן: דעם זיידן יקותיאל וועט ער שיקן אַ סך געלט אין דעם זיידן פון דער מיל וועט ער אָפּשיקן דריי מאָל זעכציק רובל! ער איז אויפגעשטאַנען באַלד אין דער פרי, אַזוי ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן און געקוקט אַף די ווייזערס, פון זייגער, ביז עס איז געוואָרן נײַן. ווידער האָט ער באַקוקט דאָס פעקעלע, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים. ס'איז געוואָרן האַלב צען.

מעכל איז אַראָפּגעגאַנגען אַף דער גאַס. ער האָט זיך געדרייט היןן און צוריק פאַרן האָטעל. דער „דיריגענט" און דער „וועלט באַרימטער זינגער" האָבן אים געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען נאָך אים. ס'איז געוואָרן צען, האַלב עלף, עלף. מעכל איז צוריק אַרויפגעגאַנגען אין זיין צימער. ס'איז געוואָרן צוועלף, איינס. ערשט אַ זייגער פינף האָט מעכל אָפּגעזוכט דעם האָטעל משרת. יענער האָט אים באַרואיקט, געזאָגט, אַז באַ גרויסע לייט טרעפט אָפּט עפּעס פאַרן אָפּפאָרן, וויכטיקע זאַכן צו דערליידיקן אָן וועלכע זיי האָבן גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן; אָדער זיי ווערן צוריק געהאַלטן אין לעצטן מאָמענט,

און צום מיינסטן אַף גאַנצע וואָכן. דעריבער ברויך ער זיך נישט מאַכן קיין שום עגמת־נפש, נאָר זאָל באַצאָלן פאַר דער נאַכט שלאָפן און זיך דינגען ערגעץ אַ צימער, וואָס וועט אים קאָסטן נישט מער ווי אַ רובל אַ גאַנצן חודש, נישט ווי דאָ אין האָטעל, אַ האַלבן רובל איין נאַכט. ער וועט אים שוין מיטטיילן ווען דער „באַרימטער זינגער״ און דער „דיריגענט״ וועלן האַלטן ביים אָפּרייזן.

מעכל האָט דעם משרת געקוקט אין מויל אַריין און נישט געוואוסט: זאָל ער אים יאָ גלויבן, אָדער נישט. דער יונג האָט אים געגעבן נאָך אַן עצה: אַז ער זאָל וועגן דער גאַנצער זאַך מיט קיינעם ניט ריידן, ווייל ס'טויג נישט, ס'וואָלט געווען נישט קלוג.

האָט מעכל געפאָלגט דעם משרת: ער האָט מער ווי אַכט רובל שוין נישט געהאַט.

ג

דער בעל־הבית, בײַ וועלכן מעכל האָט איצט געוואוינט, איז געווען אַ פּשוטער מענטש, אַ סטאָליאַר. אַז מעכל האָט אים דערציילט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, האָט יענער זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ: „דאַנקט גאָט״, האָט ער זיין לאָקאַטאָר געזאָגט, „אַז איר לעבט! די דאָזיקע חברה האָט אייך געקאָנט אומברענגען!״ דער סטאָליאַר האָט באַקומען גרויס מיטלייד מיט דעם קליינשטעטלדיקן אָרימען בחור, נאָך כמעט אַ יינגל לויטן פּאָס, און זיך שוין אַרויסגעלאָזט אין דער וועלט אַריין. און ער האָט דאָך קיינעמען נישט אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט: קיין שום קרוב, אפילו נישט קיין באַקאַנטן.

נאָר מעכל האָט פונדעסטוועגן, כּל־זמן ער האָט נאָך געהאַט געלט, געלעבט אַ גוטן טאָג אין וואַרשע. ער האָט געגעסן די גוטע וואַרשעווער מאַנדלבייגל, שטיקער קעזקוכן, פלאָדן. וואָס שפּעטער וועט זיין, ווען ער וועט מער קיין געלט נישט האָבן — האָט ער אַפילו קיין טראַכט נישט געטאָן. דאָס קאָכענדיקע לעבן פון דער גרויסער שטאָט האָט פאַרטריבן אַלע זיינע זאָרגן. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט, זיך אַוועקגעלאָזט ביז צו דער בריק איבער דער

ווייסל. באַ יעדער גרויסער „וויסטאַווע״ איז ער שטיין געבליבן, געקוקט אַף די שיינע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט אינעווייניק געווען אויסגעלייגט. אַז ס׳איז געוואָרן נאַכט און די גאַז און עלעקטרישע גאַסלאַמטערנס האָבן זיך אָנגעצונדן, איז ער גאָר נתפעל געוואָרן. דאַן האָט ער אַפילו די היים פאַרגעסן, רחלען, אַפילו דעם אָרימער יידישער קוואַרטאַל, וואו ער האָט געוואוינט, איז אים געפעלן.

פלוצים אָבער איז מעכל, נישט אין אַ שיינעם, נאָר אין אַ מיאוסן פרימאָרגן, געבליבן אָן אַ גראָשן. אַ פאַרצווייפלטער — האָט ער נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן. פון דאַזיקן מאָמענט אָן האָט מעכל געגומען שטאַרק בענקען אַהיים, באַזונדערס צו דער מאַמען, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי וויינט, און אַז דער טאַטע איז פון גרויס צרות, צוליב זיין אַנטלויפן קראַנק געוואָרן. זיי ווייסן דאָך אַפילו נישט וואו ער איז אַהינגעקומען. אפשר זאָל ער זיי דאָך שרייבן? ———

דער סטאָליאַר האָט מעכלען געראָטן ער זאָל גיין צו די לייט וואָס שרײַבן אין די גאַזעטן; זיי ווייסן אַלץ: וועגן טעאַטער, צירק — נו, וועגן אַלץ.

„יאָ, טאַקע!״ האָט מעכל זיך אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך גענומען מאַכן פאָרוואורף, וואָס ער איז נאָך אַלץ נישט געגאַנגען אין קיין טעאַטער אַריין. וועגן דעם איז ער דאָך געקומען קיין וואַרשע, אַנטלאָפן פון דער היים. נאָך אַף דער באַן האָט ער זיך פאָרגענומען: ער וועט זיך פאַרשטעלן פאַר דעם וואָס האָט צו זאָגן איבערן טעאַטער אַז ר׳איז אַ גרויסער זינגער. נאָר דאָס, וואָס האָט מיט אים געטראָפן, האָט אים אינגאַנצן דערשלאָגן. אָבער היינט באַנאַכט גייט ער אין טעאַטער זען ווי אַקטיאָרן — פאָרגעשטעלט פאַר קיסרים — פאַר גענעראַלן, טוען אַ קום אַרויס אַף דער בינע און נעמען זינגען. ער האָט אָבער נישט קיין געלט. איז ער אַוועק אין אַ רעדאַקציע, ווי דער סטאָליער האָט אים געראָטן. דאָרט האָט ער נישט געוואוסט צו וועמען זיך צו ווענדן. אַזוי פיל טירן! ס׳האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן ווען ער האָט געעפנט איינע. צו וועלכן טיש זאָל ער צוגיין? ס׳שטייען אַזוי פיל טישן! באַ יעדן טיש זיצט מען און מ׳שרייבט.

„צו וועמען ווילט איר?״

„כ׳וויל ווערן אַ זינגער! כ׳בין אַ גרויסער זינגער!״

דער יונגערמאַן, וועלכער איז געזעסן אַמנאָענטסטן צו דער טיר און מעכלען געפרעגט צו ווען ער וויל, האָט אים אַוועקגעשיקט, געהייסן גיין אין אַן אַנדער רעדאַקציע. נאָר פון דאָרט האָט מען דעם „גרויסן זינגער" צוריקגעשיקט אין דער זעלבער רעדאַקציע, פון וועלכער ער איז געקומען. מ'האָט אים געזאָגט, אַז ער איז געווען אַפן ריכטיקן אָרט. איז ער צוריקגעקומען. האָט אים ווידער דער זעלבער יונגערמאַן געפרעגט וואָס ער וויל און אים אָפּגעשיקט צו אַ צווייטן טיש. פון יענעם טיש האָט מען אים געשיקט צו אַ דריטן. דער מענטש, צו וועלכן מעכל האָט זיך געווענדט באַם דריטן טיש, האָט אים געהייסן אַריינגיין אין אַנדערן צימער. פון דאָרט האָט מען אים געשיקט אַפן צווייטן שטאָק, פון צווייטן שטאָק אַפן דריטן, פון דריטן, אַפן פערטן, ביז ער איז אָנגעקומען אין צימער פונעם קריטיקער. נאָר דאָ האָט אים דאָס מיידל, וועלכע האָט אים פאַרהאַלטן און נישט געלאָזט גיין ווייטער, געזאָגט, אַז איצט נעמט דער קריטיקער נישט אויף: זאָל ער קומען אין צוויי שעה אַרום. אפשר... נאָר אַז מעכל איז צוויי שעה שפּעטער (פינקטלעך) ווידער געקומען, איז דער קריטיקער שוין נישט געווען.

„קומט מאָרגן נאָכאַמאָל", האָט די פריילין געזאָגט מעכלען.

דעם אַנדערן טאָג איז מעכל געקומען זייער פרי און געמוזט לאַנג וואַרטן אַף דער סעקרעטאַרקע. אָבער דער קריטיקער איז אין דעם טאָג גאָר אינגאַנצן נישט געקומען אין דער רעדאַקציע אַריין. „קומט מאָרגן נאָכאַמאָל", האָט זי דעם „זינגער" געזאָגט.

דאָס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. דער קריטיקער אַ דאַרער, אַ הויכער, האָט איילנדיק זיך, מעכלען אויסגעפרעגט וואָס ער וויל. דערהערנדיק דאָס וואָרט „זינגער", האָט ער דעם קליינשטעטלדיקן בחור אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט שטרענג: „ווערט אַ בעל־מלאכה, אַ שניידער, אָדער אַ שוסטער! ווען איר זאָלט אַפילו האָבן די בעסטע שטימע, וועט פון אייך גאָרנישט ווערן! עס זיינען דאָ גענוג חזנים! משוררים — מער ווי פליי".

קוקנדיק אַפן אויסגעצויגענעם, דינעם האַלדז אינעם הויכן, שטייפן קאָלנער מיטן רויטן שניפּס, האָט מעכל שיר אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און איז געשטאַנען מיט דרך־ארץ פאַרן שטרענגן און בייזן „דייטש" מיט דער גרויסער, שפּיציקער געמבע.

דער קריטיקער איז פלוצים איבער געגאַנגען צו אַן אַנדערן טאָן: „איר ווילט ווערן אַן אָפּערע זינגער?... אין וועלכער אָפּערע רעכנט איר אויפצוטרעטן?...

מעכל האָט געשוויגן. ער האָט געפילט, אַז דער פאַרשווין מאַכט פון אים חוזק.

איז דער קריטיקער ערנסט געוואָרן: „ווי אַלט זייט איר? נישט מער? זינגט עפּעס.״

נאָך מעכעלעס זינגען איז דער קריטיקער געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערער. אָבער ער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי ער זאָל דעם בחור העלפן. ער האָט אים געגעבן אַן אַדרעס צו אַ לערער פון מוזיק. וועלכער איז אויך געווען דיריגענט פון אַ כאָר אין אַ פאַריין.

ד

אין אַ קורצער צייט האָט מעכל זיך אינגאַנצן געענדערט. ער איז איצט אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט, דערשלאָגן און צערודערט. דער דיריגענט האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז אַ סך, אַ סך לערנען, אַז זיין שטימע איז רוי און מוז ערשט אויסגעבילדעט ווערן. דאַן האָט ער געשוויגן. דאָס שווייגן האָט מעכלען געוואָרגן ווי מיט הענט. „און אַז איר וועט אייער שטימע שוין האָבן אויסגעבילדעט?״ האָט דער דיריגענט אים דערנאָך געפרעגט מיט אַ פינצטער קול. „איר וועט ווערן אַ משורר באַ אַ חזן. איך האָב אויך אַמאָל, ווי איר — ווען איך בין געווען יונג — געוואָלט ווערן אַן אָפּעראַ־זינגער. אָבער... ווען איך וואָלט זיך געווען געשמדט״...

מעכל האָט נישט פאַרשטאַנען אַקוראַט וואָס דער דיריגענט האָט געמיינט דאָס וואָרט „געשמדט״ האָט ער באַלד פאַרגעסן. אַז עס איז אים דערנאָך, ווי אין חלום דורכגעלאָפן אין קאָפּ, האָט ער — אויך ווי אין חלום — געענטפערט דעם דיריגענט, ווי ער וואָלט מיט אים גערעדט: „וועל איך מיך שמדן״...

מעכל איז געווען הונגעריק און בייז, דער דיריגענט האָט אים געהייסן קומען אין פאַריין זיך פאַרשרייבן אין כאָר. נאָר ער איז נישט געגאַנגען.

אָבער דאָס וואָרט „נאָטן״ איז אים, ווי אַן אָנגעגליטעטער טשוואָק, געבליבן שטעקן אין מוח, און ברענט אים. און ער האָט נישט אויפגעהערט צו זען פאַר זיך דעם זילבערנעם קאָפּ פונעם דיריגענט, דעם גרויסן שטערן און די טרויעריקע אויגן. ווידער האָט ער געוואָלט צו אים אַהינגיין. אָבער ער האָט נישט געקאָנט, ווי ער וואָלט דעם דיריגענט געהאַסט. און דאָך האָט ער אים איצט אַזוי ליב געהאַט. פון הונגער האָט זיך מעכלען אַזש געדרייט דער קאָפּ און ער האָט מער ניט געקאָנט שלעפּן די פיס. דעם סטאָליארס פרוי האָט אים אַ פּאָר מאָל געגעבן עטלעכע קאַרטאָפל. זי האָט אַף אים רחמנות געהאַט. אָבער פאַרן עסן איז מעכל תמיד אַוועקגעגאַנגען, נישט געוואָלט בלייבן. זיין נאָז און די אויגן האָבן זיך דערמאָנט אין די שבתדיקע פיש אין דער היים, אין דער חלה, לאָקשן מיט יויך און קאָמפּאָט, פלוימען מיט ראָזשינקעס. ער האָט זיך דערמאָנט אין די בייגל מיט מאָן; אין די שטיקער קעזקוכן און פלאָדן, וועלכע ער האָט זיך געקויפט, ווען ער האָט נאָך געהאַט געלט. ער האָט געקלערט: אפשר זאָל ער דאָך שרייבן אַ היים? נישט, אַז מען זאָל אים שיקן געלט, נאָר ווייל שוין עטלעכע טעג, אַז ער זעט פאַר זיך ווי די מאַמע ליגט קראַנק.

ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין די גאַסן. רחלען האָט ער נישט פאַרגעסן. צו גיין אין טעאַטער אַריין האָט ער נישט געהאַט קיין געלט. באַנאַכט — אַפן צעבראָכענעם בעטל אין דער קעלער שטוב — האָט ער געזען ווי עס געבן אַ קום אַרויס קיסרים אַף דער בינע, אין גאָלד און פּורפּור... עס איז ליכטיק... זיי זינגען... צומאָרגנס האָט ער ווידער זיך געשלעפּט אַ הונגעריקער איבער די גאַסן. יעדן יונג, וועלכער איז פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס איז דער וועלכער האָט באַ אים צוגענומען די פופציק רובל, האָט ער געקוקט אין די אויגן אַריין. אַז ער האָט דערזען אַ מיידל מיט בלאָנדע האָר, וועלכע האָט אים דערמאָנט אין דער „גרעפן פעדאָראַ״, האָט אים געטאָן אַ טיאָכקע אין האַרצן.

איינמאָל איז ער געבליבן שטיין פאַר אַ וויסטאַווע פון אַ קאָמאַשנמאַכער־געשעפט און געקלערט: אפשר אַריינגיין פרעגן אַף אַרבעט? נאָר ער איז גלייך אַוועקגעגאַנגען. און תמיד, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קאָמאַשנמאַכער־געשעפט, איז ער דערפון אַנטלאָפן. ער

האָט זיך געדרייט פאַר רעסטאָראַציעס. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס האָט ער איינמאָל געעפנט אַ טיר. ער האָט אַריינגעצויגן אין זיך די טייערע ריחות פון די מאכלים. עס איז אים אָנגעקומען אַ פול מויל מיט שפּייעכץ. זיינע אויגן האָבן געשלונגען פון בופעט אַראָפּ אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען. נאָר עס איז צוגעקומען איינער און אים געפרעגט, וואָס ער וויל. אַז ער האָט נישט געענטפערט, האָט אים דער פאַרשיין אַרויסגעטריבן: „אַזאַ געזונטער יונג! אַרבעטן וויל עס נישט! גייט אַרום גנבנען!״

ווי אַ הונט אָן אַ היים, האָט מעכל זיך געשלעפּט איבער די גאַסן. אין אַ פּאַרק האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אַף אַ באַנק. זיין האַנט האָט אויפגעהויבן אַ גרין בלעטל פון דער ערד. ער האָט עס געקייט, אויסגעשפּיגן, ווידער אויפגעהויבן אַ בלעטל, ווידער געקייט און ווידער אויסגעשפּיגן. אַז עס איז געוואָרן נאַכט איז ער אַהיימגעגאַנגען. אָבער ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן: ער וועט גיין צו דער באַן, און ווי אַלע טרעגער — ער האָט דאָס געזען ווען ער איז געקומען צופאָרן — וועט ער די פּאַסאַזשירן טראָגן די וואַליסקעס און פאַרדינען געלט. נאָר באַלד איז אים איינגעפאַלן אַ בעסערער פּלאַן: ער וועט אַרומגיין זינגען אין די הויפן. ער האָט געזען, ווי אַ ייד מיט אַ יינגל האָבן אין אַ הויף געזונגען, און פון די פענצטער האָט מען זיי אַרונטער געוואָרפן געלט. אָדער ער וועט ווערן אַ משרת. נאָר באַ קאַמאַשנמאַכעריי וועט ער נישט אַרבעטן.

אַזוי ווי עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז ער אויפגעשטאַנען און איז גלייך אַוועק צו דער באַן. עס איז אָנגעקומען אַ צוג. פון וואַגזאַל האָבן זיך געגומען שיטן מענטשן. ער איז נאָכגעלאָפן אַ ייד און באַ אים געכאַפּט די וואַליסקע. אָבער גלייך איז אונטערגעקומען אַ יונג, אים אַרויסגענומען די וואַליסקע פון האַנט און דעם ייד געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גנב. מעכל האָט זיך אָקעגנגעשטעלט און געכאַפּט אַ פּאַטש פונעם יונג. ער האָט צוריקגעגעבן. עס זיינען זיך אָנגעלאָפן נאָך טרעגער און אים געשלאָגן. דערנאָך האָבן זיי אים געזאָגט: „ביזט אַ געזונטער יאַט״. נאָר אים צולאָזן צו זייער פאַך האָבן זיי נישט געוואָלט. איז ער געוואָרן אַ משרת אין אַ שענק. אָבער מער ווי צוויי טעג איז ער דאָרט נישט געבליבן: די אַרבעט איז געווען צו שווער פאַר אים. האָט ער גענומען אַרומגיין אין די הויפן זינגען: ער האָט אָפּגעהוסט,

זיך אַרומגעקוקט, און געזונגען וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט געזונגען וואָס אַמאָל העכער, געוואָרן שטאָלצער בײַ זיך, ווי ער וואָלט געשטאַנען אַף אַ בינע פאַרשטעלט פאַר אַ קיסר. דער הויף איז געוואָרן פול מיט מענטשן. דורך די פענצטער האָבן זיך באַוויזן קעפּ. מעכל האָט אַ נעם געטאָן נאָך העכער, געמאַכט מיט די הענט, געוואָרפן מיטן קאָפּ, אַ גיי געטאָן הין און צוריק און אַרויסגעשטעלט די ברוסט ווי אַ גיבור. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אַז ער זינגט אין אַ הויף צו פאַרדינען געלט. ווען ער האָט געענדיקט האָבן פון די אָפענע פענצטער גענומען פליען מטבעות אײַנגעוויקעלט אין פּאַפּירלעך.

אַזוי אין אַ צווייטן הויף, אין אַ דריטן. באַנאַכט האָט ער אין קעלער איבערגעציילט וויפל ער האָט פאַרדינט. אַ סך געלט! ווידער האָט ער געגעסן שטיקער קעז־קוכן, שטיקער פלאָדן, בייגל מיט מאָן. ער האָט געגעסן וויפל ער האָט נאָר געקענט, פאַר די טעג, וואָס ער האָט געהונגערט. יעדן טאָג האָט ער פאַרדינט מער. ער האָט נישט געוואוסט וואו ער זאָל אַהינטאָן אַזוי פיל געלט. האָט ער זיך געקויפט אַ שיינעם אָנצוג, מיט פאַסקעס פון פאָרנט און הינטן און געפּאַסטע שטיוועלעך, ווי אַ יעגער. ער האָט גענאַשט, געגעסן האַלבע הינער און געטרונקען ביר, אָנגעהויבן רויכערן, זיך געקויפט אַ זייגערל מיט אַ קייטעלע, אַ פענמעסערל און אַנדערע זאַכן, זיך געלאָזט וואַקסן אַ גרויסע טשופּרינע און גענומען נאָכקוקן שיינע מיידלעך. דערבײַ האָט ער זיך דערמאָנט אין די מיידלעך פון זיין שטעטל, וועלכע האָבן אים — ווען ער איז נאָך געווען גאָר קליין — אין מיטן גאַס געקושט און געקניפּן און אים געגעבן נאַשוואַרג, ער זאָל זינגען. ער האָט דעם סטאָליערס פרוי געגעבן געלט. זי האָט אים גע׳עצהט, אַז ער זאָל יעדע וואָך באַהאַלטן צען רובל: אַזויערנאָך וועט ער זיך אָנזאַמלען אַ גרויס פאַרמעגן און זיין אַ נגיד. ער האָט געלאַכט, געטיילט אַרימעלייט אין די גאַסן זעקסערס און צענערס, געפונען אַלעמאָל אַן אַנדער חברה און געהולעט מיט זיי. אָבער געזונגען האָט ער נאָר טרויעריקע לידער. פריילעכע זײַנען אים נישט געפעלן. יעדע נאַכטן, האָט זיך אים גע׳חלומט עפּעס אַנדעש: אַז ער פאָרט אין אַ גאָלדענער קאַרעטע... ס׳האָט זיך פאַרליבט אין אים איינע מיט גאָלדענע האָר...

איינמאָל האָט ער נאָך אַזאַ חלום זיך אויפגעכאַפּט מיט דעם געדאַנק, אַז

ער האָט עפּעס פּאַרשפּעטיקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז נאָך נישט געווען אין טעאַטער, וואו די אַקטיאָרן טוען אַ קום אַרויס פאַרשטעלט פאַר קיסרים. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי ס׳האָט געקאָנט געשען, אַז ער איז דאָרט נאָך נישט געווען. איצט האָט ער דאָך געלט. דעם גאַנצן טאָג האָט ער געוואַרט עס זאָל שוין נאַכט ווערן. „אין גרעסטן טעאַטער אַריין!״ האָט ער אַ זאָג געטאָן צום דראָזשקאָזש באַם אַריינזעצן זיך אין זיין דראָשקע. מ׳האָט דעמאָלט אויפגעפירט די אָפּערע „אַאידאַ״.

צומאָרגנס האָט ער מער נישט געקאָנט אַרומגיין אין די הויפן זינגען. ער איז איצט יעדן טאָג, באַלד אינדערפרי, געגאַנגען אין פּוילישן טעאַטער אַריין מען זאָל אים צונעמען פאַר אַ זינגער. ער איז נאָכגעלאָפן איינעם, אַ הויכן, מיט אַן אַ אַקטיאָריש געגאָלט פּנים און אים פאַרזיכערט אַז ער איז אַ גרויסער זינגער. יענער האָט אויף אים אָנגעשריגן: „ווינאַשע, סמאַרקאַטשו!״ איינמאָל איז צוגעקומען דער דינער, אַ פעטער, מיט לאַנגע וואָנצעס, און מעכלען אַרויסגעוואָרפן.

נאָר מעכלס גורל האָט זיך דאָך גענומען ענדערן.

ה

נאָך אַ שטיקל צייט הונגערן און מער בשום־אופן נישט קאָנען אַרומגיין איבער די הויפן זינגען, איז מעכל געוואָרן אַ משורר באַ אַ חזן.

דער חזן, אַ ייד מיט בוימעלדיקע אויגן אין פעטערדיקן פּנים, מיט אַ שפּיציק בייכל אָף קורצע פיס, אַ חלשותדיק מענטשל — האָט מעכלען, באַם צונעמען אים, אויסגעפרעגט פון וואַנען ער איז, וואָס זיין טאַטע טוט און אים געזאָגט: „איך בין אַ חזן, נאָר אַ קליינער. איך דאַוון אין אַ קליינער שול און צוויי יינגלעך האַלטן מיר אונטער. משוררים... אַוודאי... אַז איר ווילט — קאָנט איר זיין דער דריטער. קריגן וועט איר — לאָמיר זאָגן — גאַנץ שבת צו עסן.״ אין שטוב האָט געשטונקען לויג, צעוואָקסענע קאַרטאָפליעס און אומריינע ווינדעלעך. די ווענט זיינען געווען גרוי, מיט שפּינוועבס.

מעכל האָט געשוויגן, געווען ווי באַטויבט פון דערשלאָגנקייט; אַזוי ביטער איז אים געווען אָפן האַרצן! פּלוצים האָט דאָס גאַנצע בלוט זיך אים אַ גאָס געטאָן אין קאָפּ אַריין און די ווייסע, טאַטערישע ציין, האָבן גענומען

בליצן ווי שפּיצן פון קליינע מעסערלעך. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ גרויסע, גרינע שפּין קריכט אַף אים אַרום...

„קומט דאַנערשטיק נאָכאַמאָל!" האָט דער חזן געזאָגט מעכלען. אינגאַנצן צוגעזאָגט האָט ער אים נישט. „מען וועט זען."

אין מעכלען האָט געקאָכט דאָס בלוט. דער בליק אין חזנס אויגן זיינען אים אויסגעקומען ווי בּאַ אַ הונט, ווען מען ווייסט נישט: צי בעטעלט ער, אָדער צייעט ער זיך אַ ביס צו טאָן. נאָר אַז דער חזן האָט אים געפרעגט:

„איר וועט קומען?" האָט ער געענטפערט: „יאָ".

דאָנערשטיק האָט דער חזן מעכלען געפרעגט, ווי ער הייסט.

„מעכל".

„דאָס הייסט: מיכאל. לאָמיר גלייך אָנהויבּן!" ער האָט אויפגעמישט אַ סידור, אָפּגעהוסט, און אַ נעם געטאָן: „לכו נרננה לד'..."

מעכל האָט זיך פאַרהאַקט. דער חזן האָט אים געהייסן זאָגן פּשוט עברי. מעכל האָט געפּאָלגט, אָבער דער חזן האָט אים גלייך אָפּגעשטעלט. זיינע בוימלדיקע אויגן זיינען עטוואָס גרעסער געוואָרן:

„איר קענט נישט קיין עברי?"

מעכלס פּנים איז צוערשט בּלאַס געוואָרן. דערנאָך האָט עס אָנגעהויבּן ברענען. ער האָט אַלעמאָל מער צוגעבויגן די אויגן צום סידור, ווי ער וואָלט מיטן בליק געוואָלט אָפּקראַצן די אותיות פון בּלעטל. ער האָט געאַרבּעט, ווי אַ פערד, ווען עס שלעפּט אַ פור שטיינער אַף אַ זאַמדיקן וועג...

דער חזן האָט זיך געביסן די אָנגעשוואָלענע באָרד פון האַלב שוואַרצע און האַלב געלע סטרונעס. דער יונג האָט אים אָנגעהויבּן אויסקומען, ווי עפּעס נישט קיין ייד. ער האָט מעכלען געפרעגט: „דו ביסט דאָך אַ ייד?" סוף כל סוף האָט ער דאָך באַשלאָסן, דעם יונג צוצונעמען פאַר אַ משורר. עברי וועט ער זיך שוין אויסלערנען. דער עיקר איז דאָס קול. און אַ קול האָט ער... דאַריבּער האָט דער חזן נישט געוואָלט טראַכטן, ווי אַ סוחר, ווען ער קויפט גאָלד פאַר מעש. נאָר דאָס האַרץ האָט אים דאָך נישט געלאָזט אינגאַנצן אָפּנאַרן אַן אָרים ייִנגל, און ער האָט צו מעכלען געזאָגט: „דו ביסט דאָך נישט רייך ווי איך זע, און דאָ האָסטו קיינעם נישט — וועסטו בּאַ מיר זיין אינגאַנצן, מיט עסן און מיט שלאָפן".

דער חזן'טע האָט דאָס שייטל זיך תמיד אַראָפּגערוקט אין די אויגן אַריין.

זי האָט מעכלען אַריינגעפירט אין אַ פינצטערער קאַמער, אַ נאַסע, און אים געזאָגט: „דערווייל וועט איר דאָ שלאָפן. די, וואָס העלפן צו מיין מאַן זינגען, שלאָפן אויך דאָ".

אין דער קאַמער זיינען געשטאַנען צוויי טאַפטשאַנעס.

מעכל איז שוין צו אַ שלעכטער דירה און צו אַ שלעכט געלעגער, פון צייט ער האָט געוואוינט באַם סטאָליאַר אין קעלער, שוין געווען צוגעוואוינט. אָבער אין דער דאָזיקער קאַמער איז ער יעדן טאָג אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער. אין די אויגן האָט אים געשטאָכן, ווי עס וואָלטן דאָרט געווען זאַמדעלעך, און עס האָט אים געביסן דאָס לייב. ער האָט געהונגערט און געמוזט זיין גאָר אַ דינסט, נישט בלויז אַ משורר. חוץ די קאַמער זיינען געווען פיר שטובן און עלף קינדער, איינס קלענער ווי דאָס אַנדערע. די חזן'טע האָט זיך קוים גערירט: זי איז געווען פויל, צעיוירן, און געליטן פון מיגרענע. די משוררים האָבן אין די שטובן געמוזט טאָן אַלץ. נאָר זעענדיק אַ נייעם, האָבן זיי נישט געוואָלט מער אַרבעטן. מעכל האָט יעדן טאָג מיט דער בעל־הבית'טע געמוזט גיין אַפן מאַרק און אַהיימשלעפן אַ שווערן קאָרב עסנוואַרג. אַז אַ קינד האָט אין מיטן שטוב אָפּגעטאָן אַ מיאוסע זאַך, האָט די חזן'טע אים געהייסן נעמען אַ שמאַטע און אויסווישן. אַז ער האָט נישט געוואָלט, זאָגנדיק, אַז ער איז נישט קיין דינסט, האָט זי אָנגעהויבן שרייען, ווי איר טבע איז געווען, אַז דער גאַנצער הויף מענטשן איז זיך צוזאַמענגעלאָפן, מעכל האָט נישט געוואוסט, אַז זי מאַכט אַזאַ געוואַלט, ווען מען פאָלגט זי נישט. אָבער ער האָט זיך געהאַלטן באַ דאָס זייניקע: „איך בין נישט קיין דינסט! און פאַרוואָס זאָל איך אַליין אַלץ טאָן?" ער האָט זיך גענומען אַרומקריגן מיט די פיר משוררים, וועלכע האָבן באַם חזן געגעסן און זיינען דאָרט געשלאָפן גלייך מיט אים. איינמאָל האָט ער זיך צו איינעם אַ לאָז געטאָן: „דו שמענדריק מיט עסיק!"

נאָר דאָנערשטיק און פרייטיק איז געווען אַנדערש. דער חזן, אין אַכטקאַנטיקן, חזן'נישן קאַפל, האָט קאַפּלמייסטעריש גענומען מאַכן מיט די הענט צו די פינף משוררים, ווי ער האָט געזאָגט: „ממקומך מלכנו תופיע..." אַז אַלע זיינען שוין פאַרטיק געווען, האָט ער זיך געווענדעט צום משורר, ער זאָל זינגען סאָלאָ: „נו מעכל"...

מעכל האָט שוין געקאָנט דעם חזן'ס אַלע „קאָמפּאָזיציעס", אַלע זיינע

דריידלעך, זיין ציקלען זיך און זיין פֿאַרגיין זיך אין מתיקות. ווען ער האָט אין שול געזונגען סאָלאָ, האָט ער שוין אַליין זיך געציקלט ווי דער חזן, און זיך געפֿילט דערהויבן. ער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין תענוג, זיך געשפּילט מיט יעדן טאָן, גענומען אַלעמאָל העכער דעם טאָן, אַ וואָרף געטאָן און אים געכאַפּט, און אָנגעהויבן ווידער אַפּסניי. ער האָט גאָר־נישט געוואָלט אויפֿהערן.

די יידן זיינען פֿון דאַוונען איצט תמיד אַהיימגעקומען צעזונגענע. זיי האָבן געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דעם נייעם משורר. טייל האָט זיך אָפּילו געדאַכט, אַז דאָס איז דער אייגענער, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אין די הויפֿן זינגען. עס האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין סודות וועגן מעכלען, פֿון אַ סך שולן איז מען געקומען אים הערן. באַם חזן איז זיין לאַגע געוואָרן אַנדערש: ער איז מער נישט געשלאָפֿן אין דער קאַמער, ניט באַדאַרפֿט מער מיטגיין מיט דער בעל הבית׳טע איינקויפֿן און באַקומען שוין אַ רובל אַ וואָך. נאָר דעם חזן האָט ער איצט נאָך מער פֿײַנט געקראָגן, פֿאַר זיין חנפֿענען אים מיט גוטע ריידעלעך. אַף דער חזן׳טע האָט ער זיך פּשוט געמיאוסט צו קוקן, כאָטש זי איז איצט צו אים גוט געווען. עס האָט אים געטריבן פֿון די עיפּושדיקע חושכדיקע שטובן מיט די עלף קינדער.

און איינמאָל — ס׳איז דעמאָלט געווען אַ שטאַרקער פֿראָסט, די זילבערנע זון האָט זיך געשפּיגלט אין בלוילעך בליצנדיקן שניי — האָט מעכלען אַרומגענומען אַ שרעקלעכע אומרויקייט וועגן דער היים, באַזונדערס וועגן דער מאַמען. ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט אַהיימגעשריבן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם טיש און אָנגעהויבן: „ליבע מאַמע... טייערע מאַמע...״ נאָר מער האָט ער נישט געקאָנט שרייבן. עס האָט אים געטראָגן... ער איז געלאָפֿן צו דער באַן, צוריק געקומען, און ווידער געלאָפֿן. עס האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן אַף אַן אָרט, נישט שטיין, נישט זיין אין שטוב. ער האָט נישט געקאָנט עסן. ווידער איז ער געלאָפֿן צו דער באַן, צוריק געקומען. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט און ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. אָבער ער האָט נישט געקענט איינליגן אין בעט און איז צוריק אויפֿגעשטאַנען. ער האָט ווידער געוואָלט לויפֿן צו דער באַן. נאָר דאָס טויער פֿון הויז איז שוין געווען געשלאָסן און ער האָט נישט געוואָלט קלינגען באַם סטרוזש. באין ברירה האָט ער זיך

צוריקגעלייגט אין בעט און איז איינגעשלאָפן. נאָר אין שלאָף האָט זיך אים געדאַכט, אַז די מאַמע וועקט אים. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט — פון דרויסן האָט שוין אַריינגעגרויט — איז די מאַמע טאַקע געזעסן אַף אַ שטול פאַר זיין בעט. דער טאַטע איז געשטאַנען. אַ צעטומלטער — און דאָך זייער רואיק — האָט מעכל געקוקט אַף ביידן. און מיטאַמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען: „מאַמע"..."

שרהלע האָט אַרומגענומען מעכלען. איבער אירע בלאַסע הענט האָבן זיך געצויגן דינע, בלויע אָדערלעך. פון שוואַכקייט האָבן די הענט אירע זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר קינדס שוין ברייטע, מענלעכע פּלייצעס. זאָגן — האָט זי אים גאָרנישט געקענט.

פון מעכלס האַרץ האָט זיך ווידער אַרויסגעריסן: „מאַמע"... וואָס מאַכסטו?... ער האָט דערזען, אַז זי איז קראַנק. אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דעם טאַטן נאָך נישט געגעבן די האַנט און זי אים אויסגעשטרעקט. נאָר דער פאָטער — וואָס איז נאָך שטילער און רויקער געוואָרן, ווי ער איז תמיד געווען — האָט דעם זון געזאָגט: „דו האָסט דיר נאָך נישט אָפּגעגאָסן די נעגל". האָט מעכל זיין האַנט צוריקגענומען. ער האָט זיך גיך אָנגעטון. פון דער מוטער האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי אין דער היים — אפילו ווען ער האָט שוין געאַרבעט באַם קאָמאַשנמאַכער — האָט ער כמעט תמיד, אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, דערזען די מאַמען זיצן אַף זיין בעט, אָבער דער בליק אין אירע אויגן איז איצט אַן אַנדערער: אויסגעלאָשן, פאַרגליווערט. איר פּנים איז געוואָרן נאָך לענגלעכער בלייכער, שווייגנדיקער.

לוי האָט שטום, מיט אַ סך פאַרזאָרגטקייט אין זיינע ווייכע, געטרייע אויגן, אַרומגעפּלאָטערט אַרום שרהלען, אַז ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אין זון.

שרהלע האָט זיך געטוליעט צו איר קינד און נישט געהאַט קיין כוח אים צוצודריקן צו זיך. זי האָט אַוועקגעשאַרט די טונקלברוינע לאָקן פון זיין קיילעכדיקן, עקשנותדיקן שטערן און אים געקושט. ס'איז איר געקומען עטוואָס רויטקייט, לעבעדיקייט אין פּנים אַריין און זי האָט געשמייכלט: „מיר איז שוין בעסער"...

לוי האָט זיך ביי איר געבעטן: „זעץ דיך, שרהלע!"

מעכל האָט איינגעהאַלטן אין זיך דעם כעס אָפּן טאַטן פאַר זיין שטילקייט תמיד און פאַרוואָס ער שלאָגט אים איצט נישט. „איך בין דאָך שולדיק אין דעם וואָס די מאַמע איז קראַנק!" האָט ער געטראַכט.

שרהלע האָט ווידער געזאָגט: „מיר איז גאָרנישט..." אירע אויגן האָבן ביסלעכווייז באַקומען מער לעבן. זי האָט געקוקט אַף מעכלען מיט באַהאַלטענער פרייד מיט שטאָלץ און געזאָגט: „ער איז שוין העכער פון טאַטן"... זיינע פּלייצעס... קיין שום עין־הרע", איר פּנים האָט זיך אַלע מאָל מער אויפגעטייעט. זי האָט זיך דערזען אין איר קינד און זיך ווידער איבערצייגט: „ער געראָט דאָך מער אַריין אין מיין טאַטן, ווי אין שווער!..." נחתדיק האָט איר האַרץ געקוואָלן פון חזן׳ס ווערטער, וועלכע ער האָט איר פריער געזאָגט: „איר האָט אַ ווילן זון! ער וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער באַרימטער חזן! איר זאָלט אים, חס־ושלום נישט צוריק אַהיימנעמען! ווייל... וואָס קען דען אין קליינעם שטעטל פון אים ווערן? ס׳וואָלט געווען אַן עבירה פאַר גאָט, ווען אַזאַ טייער קול זאָל, חלילה, פאַרלוירן גיין! ער איז באַ אונדז ווי אַן אייגן קינד."

באַם אָנבייסן האָט די חזן׳טע ניט אָפּגעלאָזט שרהלען, נאָר זי זאָל טרינקען נאָך אַ גלאָז באַווארקע און זיך לאָזן אַריינטאָן נאָך אַ שטיקל צוקער. דער חזן איז געזעסן לייטיש אין אַ כטקאַנטיקן קאַפּל, אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע און לעקישעוואַטע געשמייכלט. ער האָט גערעדט וועגן חזנים, וועגן וואַרשע, און געשאָטן מיט ווערטער תורה. לוי האָט, ווי זיין טבע, געשוויגן און געקוקט אַף שרהלען, ער האָט געזען, אַז זי זעט שוין טאַקע גאָר אַנדערש אויס ווי אין דער היים. די חזן׳טע האָט מעכלען נישט אָפּגעלאָזט, נאָר ער זאָל זיך נעמען נאָך אַ שטיקל ברויט און עס בעסער אָנשמירן: „וואָס זשאַלעוועט ער אַזוי ס׳פּיצל פּוטער? דער טאַטע און די מאַמע קאָנען נאָך טאַקע מיינען, אַז חס־ושלום... הע־הע־הע־... הלואי קיינמאָל נישט ערגער, רבונו של עולם!"

לוי האָט דעם חזן געפרעגט אַן עצה, צו וועלכן דאָקטער ער זאָל מיט דער פרוי גיין.

„צו קיין שום דאָקטער, לוי!" האָט שרהלע געזאָגט. „כ׳בין שוין אינגאַנצן געזונט, מיר וועלן איצט גיין צו אונדזער קרוב, אפילו זייער אַ ווייטער; אָבער מיר מוזן אים כאָטש דאַנקען, און איינוועגס וועל איך זען וואַרשע".

די חזנטע האָט אָנגעזאָגט מעכלען: „ער זאָל, למען־השם קומען מיט די עלטערן צום מיטיק און זיי זאָלן, חס־וחלילה, נישט גיין ערגעץ אַנדערש שלאָפֿן!‟ זי האָט זיך געווענדט צו שרהלען: „יאָך וואָלט נאָך געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך פֿריער — נאָך אַזאַ נאַכט פֿאָרן! אַביסל צולייגן: זיי וועלן זיך אויסרוען. אין שטוב וועט זיין גאַנץ שטיל‟.

נאָר שרהלע האָט געוואָלט גיין.

מעכל איז געווען דער פֿירער. ער האָט זיינע עלטערן געוויזן וואַרשע, געווען שטאָלץ, וואָס ער איז אין אַזאַ גרויסער און שיינער שטאָט. „אַ חילוק פֿון די דאָזיקע גאַסן, פֿון די דאָזיקע קאָמעניצעס קעגן די קליינע געסלעך, די איינגעפֿאַלענע הייזלעך אין אונדזער „שטעטל‟ — האָט ער זיך געהאַלטן אין איין גרויסן — „דאָס איז די יערוזאַלימסקע אַלייע! דאָס זענען די לאַזשענקעס!‟ די גאַנצע צייט האָט ער גערעדט: ווען וועט דער טאַטע, אָדער די מאַמע, שוין אָנהייבן ריידן וועגן דעם, וואָס ער האָט אַרויסגע׳גנבעט געלט באַם זיידן און איז אַנטלאָפֿן? ער האָט אַלעמאָל איינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס, ווייל עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט קריגט ער פּעטש.

לוי האָט זיך געהאַלטן אין איין גרייטן צו פֿרעגן דעם זון, פֿאַרוואָס ער האָט ווייניקסטנס נישט געשריבן; דאַדורך איז דאָך די מאַמע קראַנק געוואָרן! די ווערטער זיינען אים שוין געלעגן אַף דער צונג. נאָר אַז ער האָט אַ קוק געטאָן אַף שרהלען, זיינען זיי אים צוריק פֿאַרשוואונדן.

„נו, ווי גייט דיר? — האָט שרהלע ווייך געפֿרעגט איר קינד.

מעכל האָט געענטפֿערט, ווי מיט אַ טענה: „גוט‟!

„פֿאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג ניט געשריבן?‟ האָט לוי געקראָגן קוראַזש און מיט ביטערן פֿאַרוואורף, נאָר איינגעהאַלטן און שטיל, זיך גענומען צום זון. ער האָט אָנגעקוקט שרהלען, אויב זי איז ניט בייז אַף אים וואָס ער רעדט אַזעלכע שטרענגע ווערטער צום קינד, און אויב ער זאָל נאָך ווייטער ריידן. דערזעענדיק אַף איר פּנים, אַז זי איז טרויעריק געוואָרן, האָט ער גלייך אויפֿגעהערט. דאָס איז געווען די גאַנצע שטראָף פֿאַר מעכלען.

די מאַמע האָט געפֿרעגט דעם זון: „ווי איז דיר געגאַנגען די גאַנצע צייט אין וואַרשע, מיין קינד?‟ זי האָט גערעדט אַף זיין ענטפֿער. אָבער ער האָט געשוויגן. האָט זי אים גענומען דערציילן, ווי אַזוי זי האָט מיטן טאַטן

געטראָפן צו אים, וואָס אין דער היים האָט זיך אָפּגעטאָן ווען זיי זענען אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ: „אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר דעמאָלט אַלע געוויינט. צו מאָרגנס איז אַרייַנגעקומען רחלע און דערציילט, אַז דו ביסט אַוועקגעפאָרן, אָבער זי ווייסט נישט וואוהין: אפשר קיין אַמעריקע. האָט מען געוואַרט אַף דײַנס אַ בריוו. עס זיינען אַוועק צוויי וואָכן, פיר, פינף, און פון דיר איז אַלץ קיין בריוו נישט געקומען. מען האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ. דער זיידע פון מיל האָט אַהער געשריבן צו אברהם־שלומען — אפשר ביסטו גאָר טאַקע אין וואַרשע — און אים געבעטן, ער זאָל דיך אויפזוכן, נאָר, חס־ושלום נישט דורך דער פּאָליציי! דאַריבער האָט געדויערט אַזוי לאַנג. דער טאַטע — דו קוקסט אים אָן — איז שוין געוועזן מער טויט ווי לעבעדיק!״

מעכל האָט נישט דערציילט, וואָס ער האָט אַלץ שוין געליטן אין וואַרשע, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען זינגען אין די הייף. ער האָט אויך נישט געוואָלט זאָגן, וואָס ער וויל ווייטער טאָן. דער פאָטער און די מוטער האָבן אים דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז ער זאָל מיט זיי צוריקפאָרן אַהיים. אָבער ער האָט געהאַט נאָר איין ענטפער: ער בלייבט אין וואַרשע! אַזוי דעם צווייטן און דריטן טאָג. זיינען די עלטערן אַליין צוריק אַהיימגעפאָרן. מעכל האָט זיי באַגלייט צו דער באַן. צוריקגייענדיק האָט ער זיך דערפילט באַפרייט פון דער שווערקייט, וועלכע האָט אים די גאַנצע צייט אין וואַרשע אַזוי שווער געדריקט. נאָר דער מאַמען האָט ער דאָך נישט אויפגעהערט ווײַטער צו זען פאַר זיך, און אַפילו דעם טאַטן. אָבער אַף רחלען איז ער געוועזן בייז. זי האָט נישט געהאַלטן וואָרט. „אויס, איצט בין איך פריי פון דעם, וואָס כ׳האָב איר געשוואוירן.״

ו

נאָר לאַנג איז מעכל באַם חזן נישט געבליבן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין אין פוילישן טעאַטער אַרײַן, מ׳זאָל אים צונעמען פאַר אַ זינגער, און ווידער האָט מען אים פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן. אין יידישן טעאַטער איז ער אויך שוין געוועזן. מ׳האָט דעמאָלט געשפּילט „על נהרות בבל״. ער האָט געקויפט דעם טייערסטן בילעט. אָבער ער איז געבליבן אינגאַנצן אַנטוישט. עס איז אים נישט געפעלן, נישט דער קיסר, נישט די גענעראַלן און נישט די

פרינצעסן. „שוסטערס זיינען זיי, דינסטן!" האָט ער באַם אַוועקגיין געמורמלט. באַם זינגען האָט ער זיך די גאַנצע צייט געמוזט צוהאַלטן די אויערן. נאָר ער האָט באַשלאָסן: „איך וועל זיי ווייזן, ווי מען זינגט, ווי אַזוי אַ קיסר מוז טאָן אַ קום אַרויס אַף דער בינע, ווי אַזוי ער דאַרף זיך טאָן אַ שטעל אַוועק!"

און צומאָרגנס, אַזוי ווי ער איז אויפגעשטאַנען, איז ער אַוועק צום יידישן טעאַטער, מ'זאָל אים צונעמען פאַר אַ שפּילער. דאָס טעאַטער איז נאָך געווען געשלאָסן. ער האָט זיך געדרייט הין און צוריק אַפן טראָטואַר, ביז ער האָט דערזען איינעם אָנקומען. „דאָס מוז זיין אַן אַקטיאָר!" האָט ער באַשלאָסן. אָבער ער האָט נישט געוואוסט: זאָל ער צו דעם פּאַרשוין צוגיין און אים גלייך זאָגן, וואָס ער וויל, אָדער זאָל ער פריער בלויז פאַרפירן מיט אים אַ שמועס? פאַרשטעלן וועט ער זיך פאַר אַ גרויסן זינגער פון אַמעריקע.

ביידע, דער געקומענער פאַרשוין און מעכל, זיינען אַפן זעלבן טראָטואַר געגאַנגען הין און צוריק: נאָר ווען איינער איז געגאַנגען אַהין, איז דער אַנדערער געגאַנגען צוריק. ביידע האָבן זיך אַלעמאָל געטראָפן, זיך אָנגעקוקט, און געגאַנגען ווייטער. ביסלעכווייז אָבער האָט דער פאַרשוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו קוקן אַף מעכלען. מעכל ווידער האָט דעם פאַרשוין ערשט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן. ער האָט אים מיט די אויגן אַרומגעטאַפּט פון אַלע זייטן, אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און פון אונטן ביז אַרויף און זיך איבערגעצייגט: לויט די אויסגעדרייטע שיך מיט די לאַטעס, אין וועלכע יענער גייט, לויט דאָס אָפּגעטראָגענע מאַגאַרקעלע און לויטן גאַנצן אויסזען — איז דער פאַרשוין געגוג אין דער אדמה, און ער מעג צו אים צוגיין. דאָס איינציקע, פאַר וואָס עס איז מעכלען איבערגעבליבן צו האָבן דרך־ארץ, איז געווען דער גרויסער, שוואַרצער שלייף און דער ברייטער קאַפּעלוש. נאָר באַלד האָט ער איינגעזען, אַז אַפילו פאַרן קאַפּעלוש ברויכט ער אויך קיין גרויסן דרך־ארץ נישט האָבן, ער איז געגוג אָפּגעכוימערט. בלייבט דער שלייף. אָבער דער קאָלנער, אין וועלכן דער שלייף איז געווען דאָס צירונג, איז געווען געגוג שמוציק.

איז מעכל צוגעגאַנגען צום פאַרשוין: „אַנטשולדיקט..."

דער פאַרשוין האָט זיך געמאַכט אַז ער איז פאַרטיפט אין הויכע געדאַנקען. ער האָט די גאַנצע צייט געמערקט, אַז דער יונג באַטראַכט אים

פון אַלע זייטן און דאָס האָט אים פאַרדראָסן. האָט ער מעכלען נישט געוואָלט ענטפערן. נאָר אַז מעכל האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן: „וואָסווילט איר?״

„כ׳וויל ריידן מיטן דירעקטאָר״.

דער פאַרשוין האָט די גאַלע טעקע אונטערן אָרעם — אַזעלכע, ווי עס טראָגן מיניסטאָרן און באַנק — דירעקטאָרן — געטאָן אַ רוק אַהין און צוריק, אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ און מיט אַ דאַרער האַנט אַ שאַר געטאָן די בלאָנדע, לאַנגע האָר און זיך גענומען רייבן דעם ווייסן, גלאַטיקן שטערן. זעענדיק, אַז דער ראָצער קוקט אים שוין אָן אַנדערש ווי פריער, ער ווייסט שוין פאַר וועמען ער שטייט — האָט ער אים קודם־כל צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע, אים אויך אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און פון אונטן ביז אַרויף, און אים דאַן געלאָזט שטיין: ר׳איז פּשוט פון אים אַוועקגעגאַנגען. נאָר דאָס איז נישט געווען גענוג פאַר אים, ער מוז זיך אין דעם ראָצער אמתדיק נוקם זיין, און פונדערוויטנס אים געפרעגט: „וואָס דאַרפט איר דעם דירעקטאָר? איך בין...״

מעכל איז צוגעלאָפן: „כ׳וויל...״ אַן אומזיסטן בילעט אין טעאַטער אַריין? — „איר וועט נישט קריגן?״

מעכל איז נאָכגעלאָפן דעם פאַרשוין, אָבער יענער האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן. איז מעכל געשטאַנען אַן אויפגעפּאַטשטער, ביז עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די אַקטיאָרן: איינציקווייז, צו צוויי, צו דריי.

איין אַקטיאָר, מיט צעשויבערטע האָר, מאַכנדיק גרויסע שפּרייזן מיט די לאַנגע פיס און וואַרפנדיק מיטן שטעקן, האָט געביסן אַן עפּעל. ער האָט געהאַט גרינע אַגרעס־אויגן, ווילדע, אַרויסגעזעצטע. אַ צווייטער, אַ קליינער, א דאַרער, מיט אייטערדיקע, שוואַרצע, לוסטיקע אייגעלעך, אין אַ צעריסענער, פאַרטשאַנגלטער מאַנאַרקע, האָט אָפּן וועג געשטודירט זיין ראָלע. ער איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין די פּאָר בלעטלעך, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין האַנט און געקניידשט דעם קליינעם, דאַרן שטערן, זיך אַלעמאָל פאַרקרימט אַנדערש, געמאַכט משונה׳דיקע הוועיות און געשריגן: „ד׳ יברך! דו איידעלע, פיינע דינע! דו שענסטע פּערל פון אונדזער מדינה! וואָס דו ביסט פול מיט דעת, חכמה און בינה! באַווייז מיר נאָר דיין פּרייע

מינע! און לאָז מיך הערן דיין זיס קול — נגינה! דו וואוילע בתולה! רכה ועדינה!״

דאָס איז געווען דער „פּאַפּוס״ אין „בר־כּוכבא״. אים זיינען אַנטקעגן געקומען: דער „בר־כּוכבא״ אַליין, אַ לאַנגער געץ, מיט אַ הויכן, אָדערדיקן לאַנגן האַלדז און אַ גרויסן אַדמס־עפּל, וועלכער איז באַ זײַן שרײַען געפלויגן אַרויף און אַראָפּ. נעבן אים איז געגאַנגען דער „ר׳ אליעזר־המודעי״, אַ דיקלעכער, פעסטער יונג; אַ כיטראַק. צווישן זיי ביידע איז געגאַנגען די „דינה״. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט קלייד, אויסגענייט מיט „פּערל״, מיט פאַרשידענע בלומען, מיט „גאָלד און זילבער״, און באַפּוצט מיט סטענגעס און פאַרשידענע שפּיצן. אַפן הוט איז געווען אַ בלומענגאָרטן און אַ סאַד. איבער די פאַרשיידענע קווייטן און פרוכטן זיינען אַרומגעפלויגן צוויי פייגעלעך. עס זענען אַראָפּגעהאַנגען צוויי לאַנגע, גרינע סטענגעס: זיי זיינען געווען פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען. דאָס צירונג איז באַשטאַנען פון אַ „גאָלדענער קייט״ פאַר אַ האַלבן רובל, פון דריי שנירלעך „פּערל״ פאַר צוואַנציק קאָפּיקעס, פון אַ שניר קרעלן און אַ שניר בורשטינען, חוץ בראַנזלעטן, פינגערלעך, אַ זייגערל, און אַ לאָרנעטע ווי באַ אַלע כראַבינעס. זי איז געווען איינגעהילט אין אַ פעלערינע, נאָר אַזוי, אַז אָט, אָט פאַלט זי פון איר אַראָפּ.

דער „אליעזר־המודעי״ האָט פון קעשענע אַרויסגענומען אַ האַלבע חלה מיט פּוטער און וואורשט און געוואָלט אָנהויבן קייען. נאָר דינה, דערזעענדיק ווייסע חלה מיט וואורשט — כאָטש זי האָט שוין געהאַט געגעסן אָנבייסן — האָט אַפּסניי באַקומען אַפּעטיט, אַז עס האָט איר אַזש אָנגעהויבן וואַסערן דאָס מויל. האָט זי ביים „ר׳ אליעזר־המודעי״ אַרויסגעכאַפּט די חלה פון האַנט. ער האָט זיך באַ איר געבעטן, זי זאָל אים כאָטש צוריקגעבן די העלפט. אָבער זי האָט געביסן שטיקער און געריבן מיט ביידע באַקן. האָט ער — אַ געוועזענער גערויועטער שוסטער — זי אַ נעם געטאָן אין זיינע אָרעמס אַריין און אַרויסגעראַטעוועט פון אירע הענט זיין אָנבייסן.

„דער „בר־כּוכבא״ — אַ געוועזענער בית־מדרשניק — האָט געוואָלט העלפן זיין פרוי, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם געזונטן יונג. די אַקטיאָרן האָבן צווישן זיך גערעדט גלייך ווי זיי דעקלאַמירן שוין זייערע

ראָלן: „עס טוט מיר לייד אַף דער לאַגע אַף דיינער! ווי וואַגסטו דאָס צו זאָגן, דו נאַרישער סאַמאַריטאַנער! ר׳ אליעזר המודעים טאָכטער איבערצוקויפן מיט גאָלד? כאַ־כאַ־כאַ!! און ווער? אַזאַ מיאוסע, שמוציקע, מבוזה־געשטאַלט?״

דערויף איז צו איר צוגעלאָפן „בר־כּוכבא״ און געטאָן אַ זינג אַרויס: „יאָ נאָר איין קעגנער האָבע איך. זאָל איך דיר געשטען? דו וועסט מיר מוזן פאַרצייען, ווייל די פּערזאָן איז דיר געהער... דער איינציקער קעגנער איז — דיין פאָטער! עס פאַרדריסט מיך זייער!״

דערביי איז אָנגעקומען דער רעזשיסער. דאָס איז געווען דער דירעקטאָר און געשפּילט אויך אַף דער בינע, אַז עס האָט אויסגעפעלט אַן אַקטיאָר. נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען אַ כאַליאַסטרע סטאַטיסטן: מיידן, יונגען, און גרעסערע קינדער. אַלע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע.

דער פאַרשוין, וועלכער איז אָנגעקומען דער ערשטער, האָט אויפגעשלאָסן ס׳טעאַטער און די גאַנצע חברה, זיך שטופּענדיק, איז פאַרשוואונדן.

מעכל איז געבליבן אינדרויסן. ער האָט צוגעלייגט אַן אויער צום שליסל־לאָך, צו הערן די רעפּעטיציע. אָבער ער האָט געהערט שרייען, שעלטן, זידלען, און אַזעלכע ווערטער, אַז ער איז אַזש רויט געוואָרן פון בושה. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציע. עס האָט געקאָכט אין אים: „ווי זיי זינגען... און דער בר־כּוכבא״!... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין טעאַטער, ווי די אַקטיאָרן טרעטן אויף, ווי זיי שפּילן. נאָר פּלוצים האָט די טיר זיך געעפנט און ער איז אַריינגעפאַלן אין טעאַטער.

דער פאַרשוין פון פריער איז ווי אַ הונט אַרויסגעקראָכן פון אַ בודע און ווידער געפרעגט מעכלען: אַלזאָ וואָס ווילט איר? — ריידן מיטן דירעקטאָר?״

דער דירעקטאָר האָט געוואָלדעוועט. צו מעכלען האָט ער געשריגן: „כ׳ברויך נישט מער קיין סטאַטיסטן!״

מעכל האָט געשטאַמלט: „איך בין אַ זינגער פון אַמעריקע, אַן אַקטיאָר!״

די אַקטיאָרן און די סטאַטיסטן האָבן אַף אים אויפגעריסן די אויגן.

האָט דער דירעקטאָר באַטראַכט מעכלען: „איר זיינט אַ זינגער פון

אַמעריקע... אַן אַקטיאָר... און איר ווילט...״ ער האָט אים אַ ווייז געטאָן אַף די סטאַטיסטן: „זיי אַלע זיינען פון אַמעריקע און ווילן... און פאַגנאַ מאַניאַ וויל אויך...״ האָט ער אַ ווייז געטאָן אַף אַ שיין מיידל.

אַ יונג האָט אַ געשריי געטאָן: „חתונה־האָבן!״...

חברה האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דאָס מיידל האָט זיך פאַרשעמט. זי האָט נישט געוואוסט, וואו זיך אַהינצוטאָן פון די מאַנסבילישע אויגן.

עס איז צוריק אַריינגעקומען דער יונג, וועלכער איז פריער אַרויסגעגאַנגען און מעכל איז דורך אים אַריינגעפאַלן אין טעאַטער. דער יונג איז צוריקגעקומען מיט בייגל, מיט זעמל, הערינג, קעז, און אַ פלעשל בראָנפן. חברה האָט ווי היישעריקן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. דערנאָך האָט די רעפעטיציע זיך ווידער אָנגעהויבן.

מעכל איז שוין געבליבן אינעווייניק. ער איז שפּעטער ווידער צוגעגאַנגען צום דירעקטאָר, אים געבעטן ער זאָל אים צונעמען, איז אים נאָכגעלאָפן, ביז ער האָט אים צוגענומען; דערווייל פאַר אַ סטאַטיסט. קיין געהאַלט האָט ער אים נישט געצאָלט. „אַ סטאַטיסט קריגט נישט קיין געלט!״ האָט ער מעכלען דערקלערט, „עס זיינען דאָ גענוג, וואָס בעטן זיך אומזיסט, אַבי זיי זאָלן זיך קאָנען באַווייזן אַף דער בינע״.

נאָר שפּעטער האָט מעכל באַקומען צען קאָפּיקעס אַ נאַכט. דער סופליאָר האָט זיך איצט באַצויגן צו אים גאָר גוט. „ער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער מענטש״, האָט מעכל איינגעזען, „ער וויל נאָר מ׳זאָל אים האַלטן פאַרן דירעקטאָר און ער איז דאָך נאָך מער, ווי דער דירעקטאָר: אָן אים וואָלטן די אַקטיאָרן נישט געוואוסט קיין איין וואָרט צו ריידן אַף דער בינע.״

מעכל האָט דער חברה אַקטיאָרן אָנגעהויבן געפעלן. זיי האָבן אים נישט געלאָזט מער אַזוי שטאַרק הונגערן, הגם זיי האָבן אַליין נישט ווייניק געהונגערט. דערפאַר האָט ער זיי באַדינט, געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן אים געהייסן, זיי געהאָלפן לערנען די ראָלן און זיי געלערנט זינגען. אַ פריילעכע חברה! דערפאַר האָט מעכל זיי ליב געקראָגן.

דער דירעקטאָר האָט געזען, אַז דער נייער סטאַטיסט איז אַ געשיקטער חברה־מאַן, האָט ער אים געגעבן אין „כינקע פינקע״ אַ ראָלע צו שפּילן: „דו וועסט שפּילן פריץ״! אָבער דו מוזט אַלעמאָל לאַכן!״

מעכל איז געווען גליקלעך. נאָר די אַקטיאָרן זיינען איצט געוואָרן אינגאַנצן אַנדערש צו אים. געוואוינט האָט ער איצט ווידער אין אַ קעלער, אין נאָך אַן ערגערן ווי פריער באַם סטאָליאַר און ווידער געהונגערט, ווייל מער ווי צען קאָפּיקעס אַ נאַכט האָט ער נאָך אַלץ נישט געקראָגן. אָבער דאָס ערגסטע זיינען געווען די צרות, וועלכע די אַקטיאָרן האָבן אים איצט אָנגעטאָן.

„איך וועל זיין אַ גרעסערער אַקטיאָר פון אייך אַלעו!" האָט זיך איינמאָל פון מעכלען אַרויסגעריסן. „איך וועל שפּילן אין אַ גרויס טעאַטער!"

חברה האָט גענומען פון אים חוזק מאַכן: „אפשר אין גרויסן פּוילישן טעאַטער?... ניין, ער וועט שפּילן אין מאַרינסקי־טעאַטער אין פּעטערבורג!"... אַלע האָבן זיך פאַר אים פאַרבויגן: „גאַספּאַדין שאַליאַפּין!..."

די פרויען זיינען געבליבן נייטראַל. „דינה" האָט געמאַכט נאַרישע אויגן: „יאָך עלם גאָרנישט לאָזן טון"... ער איז אַ שיינער יאַט!"... איר מאַן — דער „בר־כּוכבא" — האָט זיך כּלומרשט אויך אָנגענומען פאַר מעכלען, צו ווייזן, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר קאָנקורענץ. נאָר אמתדיק — און זייער שטאַרק — האָט זיך פאַר אים אָנגענומען לאה, „די בלאַסע פּרינצעסן", ווי עס האָבן זי גערופן אירע שונאים, ווען זיי האָבן פון איר חוזק געמאַכט. זי האָט איינמאָל אויסגעגאָסן איר גאַנץ ביטער האַרץ: „פּחדנים! בלויז אייערע אייגענע אינטערעסן מיינט איר! פאַר יעדן אמת'ן טאַלאַנט האָט איר דאָס קדחת!"

חברה האָט נישט געשוויגן, באַזונדערס די „דינה". זיי האָבן לאהן געשטאָכן: „דאָס רעדסטו דאָך נאָר, ווייל מ'לאָזט דיך נישט שפּילן אין קיין הויפּט־ראָלע!"

לאה האָט געענטפערט: „איז וואָס?"

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריג, איינער דעם אַנדערן האָט אויפגעדעקט דעם יחוס, עס זיינען געפלויגן פּערלדיקע ווערטער פון קאַזאַרמע און פון נאָך בעסערע ערטער...

די אַקטיאָרן האָבן באַ די רעפּעטיציעס — און אויך באַם שפּילן — אים, מעכלען, אָפּגעטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך: זיי האָבן אים אונטערגעזאָגט אַנדערע, ווערטער, נישט די וועלכע זיי האָבן באַדאַרפט אין זייערע ראָלן

אים זאָגן, אים צעטומלט און פּראָוואָצירט. נאָר אַ סך איז ער זיך אויך אַליין שולדיק געווען. ער האָט געשפּילט אין „פּריץ״, אין דער ראָלע פון אַ חסר־דעה; אָבער אים איז פאַרגעקומען, אַז ער שפּילט פּאַר „בר־כּוכבא״, אָדער פאַרן קעניג אין „אַאידאַ״. האָט ער זיך אַלעמאָל געטאָן אַ שטעל אַוועק, ווי ער וואָלט געגאַנגען איינעמען אַ פעסטונג.

דאָס פּובליקום אין טעאַטער זיינען געווען אידן אין קאַפּאָטעס, נאָר די בערד שוין אַביסל צוגעשוירן. עס זיינען געווען יידן קורץ געקליידעטע און מיט שוין גאָר קליינע שפּיציקע בערדלעך. אויך געגאָלטע. צומיינסטן זיינען דאָס געווען בעלי־מלאכות, מעקלער, הענדלער, און אויך קליינע סוחרים. עס זיינען געקומען יונגע לייט מיט ווייסע קעלנערלעך און מאַנקעטן, מיט קליינע היטעלעך און קאַפּעלושן. דאָס זיינען געווען קאָמאַשנמאַכערס, זייגער־מאַכערס, דאַמסקי שניידער, פּריקאַזשטשיקעס — פיינע יוגעליייט, פאַצעטן. זיי זיינען געקומען מיט זייערע כּלות, מיט בעל־הבתישע און חסידישע מיידלעך, מיט וועלכע זיי האָבן געפירט, אין געהיים, ליבעס. דאָס זיינען געווען היטנפּוצערקעס, שניידער־מיידלעך, סקלעפּאָוועס. עס זענען געקומען אויך ווייבער אין שייטלען. דער עולם איז געווען ערנסט באַ אַ טרויעריק שטיק און געלאַכט באַ אַ פריילעך שטיק. אַ סך האָבן שטילערהייט מיטגעזונגען מיט די אַקטיאָרן. אַם שטאַרקסטן איז זיי געפעלן „כינקע פינקע״.

מעכל איז נאָך יעדן מאָל שפּיל געווען דערשלאָגן. אין איין קריטיק האָט מען אים אינגאַנצן אַראָפּגעריסן: „הער שטערן, אין דער ראָלע פון פּריץ, האָט קיין שום טאַלענט ניט.״

לאה האָט באַ אַ רעפּעטיציע געשריגן: „איך ווייס ווער עס איז שולדיק אין דער דאָזיקער קריטיק!״

לאה איז געווען פון אַ פרומער היים אין אַ קליין שטעטל. באַ אירע עלטערן האָט איר גאָר ניט געפעלט. אָבער זי האָט זיך דאָרט געפילט עלנט. האָט זי אָפּגעלאָזט דעם שדוך מיטן שוחטס זון און איז אַוועק אין דער גרויסער שטאָט. מעכל איז איר גלייך געפעלן. זי האָט געזען, אַז ער האָט טאַלאַנט און אים מקרב געווען ווי זי האָט נאָר געקאָנט. אָבער די חברה אַקטיאָרן האָבן אים דאָך אַרויסגעשטופּט פון טעאַטער. זי האָט אים געהייסן קומען, אים געגעבן צו עסן די העלפט פון איר שטיקל ברויט, אָפּגעשיילט אַ

טעפל קאַרטאָפליעס און געקאָכט פּאָר זיינעטווועגן, אַראָפּגעלאָפן די פינף שטאָק און אַרויפגעבראַנגט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. אַז זי האָט ניט געהאַט קיין געלט האָט זי זיך געבאָרגט באַ דער בעל־הבית׳טע, באַ וועלכער זי האָט געוואוינט. באַם אַוועקגיין האָט זי אים תמיד אָנגעזאָגט, ער זאָל איר בּרענגען די קויטיקע וועש, וועט זי זיי אים אויסוואַשן. זי האָט אים פאַריכט די מאַנאַרקע, די שקאַרפּעטקעס.

„אפשר ווידער אָנהויבן אַרומגיין זינגען אין די הויפן?״ האָט מעכל געקלערט. אָבער ער האָט דאָס מער ניט געקאָנט טאָן. ער איז צום הונגערן, צו אַלערליי צרות שוין געווען געוואוינט. נאָר עס איז אים געווען זייער שווער אָפּן האַרץ: די פליגל זיינען אים געווען אונטערגעהאַקט, ווי מ׳זאָגט. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין די שמאָלע, פאַרעיפּישטע יידישע גאַסן. וואַרשע איז אים מער ניט געפעלן. עס איז געווען הערבסט. ס׳האָט געפּאָסקודיעט. דער הימל איז געווען בּלאָטיק און געטריפט ווי אַ נאַסע, בּרודיקע שמאַטע.

מעכל איז געוואָרן מעלאַנכאָליש. ער איז ווידער אַהינגעגאַנגען צו לאה׳ן. זי איז געזעסן אָפּן אייזערנעם בּעטל און געלייענט, געווען אַזוי פאַרטיפט, אַז זי האָט אים ניט באַמערקט. דערנאָך האָט זי אים געזאָגט: „דאָס איז די גאָלדענע קייט!״ ער האָט געקוקט אָף איר מיט טרויעריקע אויגן.

„נו, וואָס הערט זיך באַ אייך?״ —

האָט זי אים גענומען אויספרעגן ——

„איר זיינט אינגאַנצן צעבראָכן, זע איך. אָבער איך האָב תמיד געזאָגט, אַז לאַנג וועט איר דאָרט ניט קאָנען זיין, עס איז אַ מיאוסע באַנדע. איר דאַרפט אייך דאָס ניט נעמען אַזוי צום האַרץ. אָדער בּענקט איר אַ היים?״ —

אין מעכלס אויגן האָבּן זיך באַוויזן טרערן.

לאה האָט אים געטרייסט און גענומען דערציילן פון איר לעבן: „שוין צוויי יאָר בּין איך אין דעם דאָזיקן טריאַטער (זי האָט דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט מיט פאַרבּיטערונג). די גאַנצע חברה — באַזונדערס דער דירעקטאָר, מ׳שטיינס געזאָגט — ווייסן אַלע, אַז איך האָב אַ סך מער טאַלאַנט ווי די פּרוי פעלצמאַן, וועלכע שפּילט אין די הויפּט־ראָלן. אָבער... ניין, אַזעלכעס וועל איך קיינמאָל ניט ווערן!... איר דאַרפט קיין שום צרות ניט האָבּן, וואָס איר זיינט דאָרט ניט מער, עס איז צו אייער גליק. איר וועט

זען. בלויז איינס: אַ ייִד טאָר ניט געבוירן ווערן מיט קיין גוטער שטימע און דערצו נאָך האָבן אַזאַ טאַלאַנט, ווי איר האָט!״.

מעכל האָט איר דערציילט וועגן דעם דיריגענט, באַ וועלכן ער איז אַמאָל געווען, דעם חזן, פון וועלכן ער איז אַוועקגעגאַנגען.

לאה האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן: „איר קאָנט כאָטש ווערן אַ חזן. אָבער איך? איר שווייגן האָט אָנגעפילט דאָס קליינע בוידעם־שטיבל מיט אַ טרויעריקייט, ווי דער טויט פון אַ יונג לעבן. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן: „דעם דיריגענט קען איך גוט. איך האָב אַמאָל געזונגען אין זיין כאָר. ער איז אַ טייערער מענטש, מיט גרויס וויסן, אַ סך טאַלאַנט. אָבער ער איז אַ ייִד, אַ הייסער ייִד. ליידט ער. הונגערט כמעט. האָט שוין אַפילו מער קיין האָפענונג ניט, איז רעזיגנירט, פאַרביטערט. ער גיט אַוועק אַלע זיינע כוחות פאַרן כאָר אין פאַריין און קריגט אַפילו קיין דאַנק ניט. פון וועמען? ווער דאַרף באַ אונדז קאָנצערטן? הערן אַ חזן אין אַ שול — יאָ; אָבער אמתע מוזיק קונסט...״ זי האָט מעכלען דערציילט, וואָס זי האָט אַלץ געטאָן כדי אויסצובילדן איר שטימע: „כ׳האָב געהונגערט נאָך מער ווי איר. און וואָס? — ווען כ׳זאָל אַוועקגיין צו די גוים!...״

מעכל האָט זיך דערפילט שולדיק קעגן דיריגענט, ווייל ער איז מער ניט געגאַנגען צו אים. אָבער ער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם מענטש, אים ניט אויפגעהערט פאַר זיך צו זען. עס האָט אים געצויגן אַהין צוגיין נאָר עפּעס — ער האָט ניט געוואוסט וואָס — האָט אים צוריקגעהאַלטן. איצט וועט ער צו אים גיין, האָט ער פעסט באַשלאָסן. ער האָט דערציילט לאה׳ן, וויפל מאָל ער איז שוין געווען אין פּוילישן טעאַטער מ׳זאָל אים צונעמען, נאָר מען האָט אים אַלע מאָל אַרויסגעוואָרפן.

„מיר האָבן שולן און בתי־מדרשים״, האָט לאה ווידער גענומען ריידן מיט פאַרביטערונג. דערנאָך האָט זי מעכלען גענומען מונטערן: „גייט ווידער אין אַ רעדאַקציע אַריין, אפשר וועט מען אייך דאָרט דאָך העלפן, געבן אַן עצה, איך בין שוין פאַרפאַלן. אָבער איר וועט נאָך אַמאָל זיין באַרימט, אין דעם בין איך גאַנץ איבערצייגט!״

מעכל האָט געלאַכט. באַם אַוועקגיין האָט ער איר געזאָגט: „אַך, עס איז אַזוי שלעכט! און צוריקפאָרן אַהיים וויל איך ניט!״

ז

פון לאה׳ן איז מעכל געגאַנגען צום דיריגענט. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט ער זיך פאַרענטפערט: „כ׳ווייס ניט פאַרוואָס... כ׳האָב ניט געקאָנט..."

דער דיריגענט האָט אים ניט געלאָזט ווייטער רעדן. ער האָט זיך דערפרייט מיט אים, אויסגעפרעגט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געטאָן, „אַזוי, אַזוי..." ער האָט זיך געהאַלטן אין איין חידושן. נאָר גלייך איז ער פאַרשטומט געוואָרן. און פלוצים האָט ער זיך גאָר ווילד צושריען, געוואָרן אויפגעקאָכט: „שמדט אייך! שמדט אייך!"...

די פּיאַנאָ האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך קרעכצן און ברומען, ווי מען וואָלט זי געשלאָגן. צי פון דעם דיריגענטס פאַרצווייפלטע געשרייען און זיין מעטאַלענע שטימע, אָדער פון אַ שטויס באַ זיין פאַרבייגיין — די זילבערנע נשמה פון דעם דריי־עקיקן שוואַרצן גוף אין מיטן שטוב האָט זיך צעקלאָגט.

דער דיריגענט איז פאַרזונקען געוואָרן אין פינצטערע מחשבות. עס האָט געזשומעט אין שטוב. דערנאָך האָט ער אָפּגעקרעכצט און מיט אַ שטיל געבראָכן קול געזאָגט צו מעכלען: „גייט אַהין צום חזן סאַלאָמאַנאָוויטש. ער איז מיין פריינט. זאָגט אים, אַז איך האָב אייך געשיקט. איך ווייס אַז איר קענט קיין משורר ניט זיין איר וועט קיין חזן ניט ווערן. אָבער וואָס קאָן מען טאָן?" — — —

ח

דאָס אַלץ, וואָס מעכל איז אין וואַרשע (אין דער קורצער צייט) דורכגעגאַנגען, האָט זיך צוזאַמענגענומען אין אַ גרויסער קנויל און זיך אַרויפגעלייגט אַף אים ווי אַ באַרג. דאָך האָט ער פון אונטער דעם באַרג געזען פאַר זיך דאָס זעלבע וואָס ער האָט געזען אין זיין שטעטל באַם קאָמאַשנמאַכער. ער האָט געוואוסט — אַז ער וועט קיין משורר ניט זיין, אויך נישט קיין חזן. „פאַר וואָס זשע שיקט מיך דער דיריגענט צו אַ חזן?" האָט זיך מעכל געפרעגט און געזיפצט: וואָס זאָל איך איצט טאָן?"

ער איז ווידער אַהינגעגאַנגען צו לאה׳ן. זי האָט אים געזאָגט: „טוט וואָס דער דיריגענט האָט אייך געהייסן.״

לאה׳ן האָט ער געפאָלגט. ער איז געגאַנגען צום חזן. דאָרט האָט מען אים אַריינגעפירט אין זאַל און געהייסן וואַרטן. די ווענט זיינען געווען שטיל, ווי זיי וואָלטן געשלאָפן. אין גרינע פעסלעך זיינען געשטאַנען גרויסע וואַזאַנעס.

מעכל האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אַזעלכע גרויסע, מאָדנע בלעטער האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען. ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן, זיך ניט געטרויט צו מאַכן אַ טריט אויף די טייערע טעפּיכער. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געגלעט דעם ווייכן שטאָף אַזוי צאַרט, ווי ער וואָלט געגלעט די מוטער. דערהערנדיק טריט איז ער אויפגעשפּרונגען. די ברייטע טיר, מיט פאַרשיידנפאַרביקע שויבן, האָט זיך צערוקט.

„מיין נאָמען איז מאַדאַם סאָלאָמאָנאָוויטש״! האָט זיך דעם חזן׳ס פרוי פאָרגעשטעלט און געגעבן מעכלען איר קליין, ווייס הענטל און אים געזאָגט: „אונדזער פריינט האָט אונדז טעלעפאָנירט וועגן אייך. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין געהערט ערגעץ זינגען״...

מעכל איז רויט געוואָרן.

פרוי סאָלאָמאָנאָוויטש איז צוגעגאַנגען צו אַ וואַזאָן און זיך דאָרט אַנידערגעשטעלט. איר אויסדעקאָלטירט זיידן קלייד, אָן אַרבל, האָט געראַשט בײַ איר יעדער באַוועגונג, אַרום די קיילעכדיקע ברוינע אָרעמס האָבן זיך געוויקלט צוויי גאָלדענע שלאַנגען און געקוקט מיט גרינע פייערלעך... עס האָבן געבליצט די בריליאַנטן פון אירע פינגערלעך. די בלאָנדע לאָקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איר פעטן נאַקן. זי האָט זיך געשפּילט מיט אַ פאָלמען בלאַט און דאַבײַ אויסגעפרעגט מעכלען וועגן פאַרשיידענע זאַכן: ווי לאַנג ער איז שוין אין וואַרשע, ווי לאַנג ער איז געווען בײַ יענעם חזן, פאַרוואָס ער איז פון אים אַוועקגעגאַנגען, און ווי ער האַלט אין נאָטן. אין איר האַלדז האָבן געקלונגען זילבערנע גלעקלעך. זי האָט זיך צעלאַכט און פון איר רויט מויל האָט געקוואַלט פריילעכקייט.

מעכלען איז הייס געוואָרן אין די פּלייצעס... אין די אָרעמס און אין דער ברוסט האָט אים מחיה׳דיק געקיצלט. דאָס איז געווען אַ מין תענוג, וועלכן ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט... ער האָט מיט חסר־דעה׳דיקע

שיכורע אויגן, געקוקט אַפֿן דינינקן, זילבערן קייטעלע, וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום פּרוי סאַלאָמאָנאָוויטש׳ס ווײַסן האַלדז, אַף דער זילבערנער, איידל געשניצטער בראָש, וועלכע איז אַראָפּגעהאַנגען פֿונעם קייטעלע און גערוט אין דער קליינער רינע צווישן אירע בּרוסטן, פֿון וועלכע ער האָט געזעען בּלויז דעם אָנהויב. ער האָט איר דערציילט וועגן זיין קומען קיין וואַרשע.

זי האָט זיך צעלאַכט: „איר ווילט ווערן אַן אָפּערע זינגער?"... און דאַבּיי געקוקט אַף זיין עקשנותדיקן שטערן. פֿאַר אירע אויגן האָט געשוועבט דאָס מאַרינסקי טעאַטער אין פּעטערבּורג. זי האָט זיך ווידער צעלאַכט. אָבער דאָס קלינגען פֿון די זילבּערנע גלעקלעך אין איר האַלדז איז איצט געווען אַביסל דערשטיקט, ווי עס וואָלטן פּלוצים געוואָרן, שפּעלטעלעך אין זיי. איז פּלוצים לעבּעדיק געוואָרן אין איר יענע צייט, ווען זי האָט אין פּעטערבּורג שטודירט מוזיק. אָבער פֿאַר איר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וועלכער איז געקומען ווערן משורר בּאַ איר מאַן. זי האָט אים ווידער גענומען אויספֿרעגן פֿאַרשיידענע זאַכן, דער עיקר, ווי ער האַלט אין נאָטן. אַף דער דאָזיקער פֿראַגע האָט איר מעכל פֿריער ניט געענטפֿערט. זי האָט געוואוסט, אַז ער קאָן ניט קיין נאָטן, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען אין די הויפֿן זינגען. אָבער ער האָט אַ געוואַלדיקע שטימע: דער דיריגענט האָט דאָס געזאָגט דורכן טעלעפֿאָן. זי האָט געטראַכט: ער זעט אויס ווי אַ רוסישער בּאָסיאַק, ווי איינער פֿון גאָרקיס טיפּן. אָבער מעכל האָט איר נאָך אַלץ ניט געהאַט געענטפֿערט אַף דער לעצטער פֿראַגע. „אפשר וועט איר עפּעס זינגען?" — האָט זי אים געמונטערט און איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ. זי האָט אויסגעזוכט נאָטן, זיי געגעבּן מעכלען און גענומען עטלעכע טענער. אירע פֿינגער האָבּן אַ שוועבּ געטאָן איבּער די ווייסע שוואַרצע ביינדלעך היין און צוריק. נאָר פּלוצים האָט זי איבּערגעריסן און זיך געווענדט צו מעכלען: „מיר וועט אויסקומען צו אַרבּעטן מיט אייך, ווייל איך העלף מיין מאַן בּאַם איינשטודירן מיט די משוררים. אַלזאָ, זינגט, איך וועל אייך בּאַגלייטן".

מעכלען האָבּן די נאָטן געבּריט אין דער האַנט. איצט האָט ער געפֿילט דעם פֿעלער וועלכן ער האָט געמאַכט, וואָס ער איז דאַמאָלט ניט געגאַנגען זיך פֿאַרשרייבּן אין כאָר בּאַם דיריגענט. (יענער חזן האָט מיט אים וועגן נאָטן ניט גערעדט). וואָס זאָל ער טאָן מיט דעם גרויסן, האַרטן בויגן פּאַפּיר?

ער האָט מורא געהאַט אַריינצוקוקן אין אים... בגנבה האָבן זיינע אויגן אַלע מאָל געכאַפּט אַ בליק אַף די משונה׳דיקע גרויסע און פעסטע שטריכן אין דער לענג און אין דער ברייט, אַף די האַרטע און גרויסע פינטלען אָן אַ שיר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שטאַלצע, קלוגע קעפּ... ער איז אַלע מאָל מער צעמישט געוואָרן...

„נו, פאַרוואָס זינגט איר ניט?״

מעכל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט.

„אפשר זאָל איך אייך פאַרזינגען?״, האָט דעם חזן׳ס פרוי געפרעגט דעם משונה׳דיקן יונג, וואָס איז געשטאַנען צעטומלט פאַר איר. און זי האָט גלייך אָנגעהויבן

„פאַלש! פאַלש!״ האָט זיך פון מעכלען אַרויסגעריסן.

די געוועזענע מוזיק סטודענטן אין פעטערבורג האָט זיך צוזאַמענגעקאַרטשעט. זי איז בלאַס געוואָרן. די אויפגעפּראַלטע נאָז־לעכער האָבן אַרויסגעבלאָזן שטיקער פייער. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי שטייט פאַר איר לערער אין פעטערבורג... יענער האָט אויך תמיד געשריען: „פאַלש, פאַלש!״ זי האָט אַ קוק געטאָן אַף מעכלען, אים אָפּגעבריט מיטן קאַלטן פייער פון אירע אויגן, און איז אַרויסגעגאַנגען.

מעכל האָט געפילט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ שלעכטע זאַך. מיט ברענענדיקער נייגעריקייט האָט ער זיך ווידער איינגעגעסן אין דעם האַרטן בויגן פּאַפּיר, וועלכן ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין האַנט. די שטריכן און די פינטלען זיינען אים אַלע מאָל היימישער געוואָרן, אויסגעקומען באַקאַנט...

פרוי סאָלאַמאַנאָוויטש האָט אַריינגעפּלאַצט צו איר מאַן. דער חזן האָט דערפילט — נאָך איידער ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין פרוי — ווי אויפגערעגט זי איז, און געפרעגט: „וואָס איז?״ זי האָט געקייכט פון לאַכן: „דיין שאַליאַפּין!... די נאָטן האַלט ער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף!...״ דאַרויף האָט הער סאָלאַמאַנאָוויטש איר געענטפערט קאַלט און געלאַסן: „איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער קען ניט קיין נאָטן!״ ער האָט זי געלאָזט שטיין און איז אַריינגעגאַנגען צו מעכלען.

מעכל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַפן זעלבן אָרט נעבן קלאַוויער און מיט די אויפגעריסענע אויגן געשלונגען די נאָטן. נאָר דער גרויסער און

באַרימטער קאַנטאָר האָט אים איבערגעשלאָגן: „פאַרוואָס שטייט איר? ביטע, זעצט אייך."

מעכל האָט געקוקט אַף דעם שלאַנקען, שיין אויסגעפּוצטן הער און געמיינט אַז עס איז אַריינגעקומען דער קיסר ניקאָלאַי דער צווייטער, וועלכן ער האָט שוין אַזויפיל מאָל געזען אַף די זילבערנע רובלס. נאָר גלייך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער קייסער האָט אַ געל בערדל: דאָס האָט ער איינמאָל געזען אַף אַ פּאָרטרעט. דער אָבער האָט אַ שוואַרץ בערדל, נאָר עפּעס צו שוואַרץ, ווי אָפּגעפאַרבט. ער זעט אויס יונג און אַלט...

דער חזן האָט אַף מעכלען געקוקט מיט פאָטערלעכער ליבע. ער האָט געפרעגט וואָסער שטימע ער האָט און אים געהייסן זינגען. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און איבעראַשט. האָט ער זיך צוגעהערט צו מעכלס יעדן טאָן. דערנאָך האָט ער אים געפרעגט, ווי אַלט ער איז און זיך נאָך מער געחידושט.

הינטער דער טיר זיינען געשטאַנען עטלעכע משוררים. טייל האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם ווען מעכל האָט געזונגען און טייל האָבן חוזק געמאַכט: „ער שרייט ווי אַ געקוילעטער אָקס."

„ווי אַן אָקס פאַר דער שחיטה"... האָט איינער זיך אָנגערופן. דאָס איז געווען אַ חכמה מיט אַ טאָפּלטער באַדייטונג, און ער האָט דערפאַר געקראָגן אַ קניפּ אַף אַ ווייך אָרט.

אַ צווייטער האָט געזאָגט אַן אַנדערע חכמה: „דער קליינשטעטלדיקער יאָלד האָט פריער ניט פאַרשטאַנען, אַז צוערשט מוז ער אויסהאַלטן עקזאַמען באַ איר"...

אַ דריטער, מיט פּיפּיקן שטאָלץ, האָט זיך באַרימט: „באַ מיר האָט זי באַלד איין אָנהויב געזען, אַז זי האָט ניט געטראָפן דאָס אָרט!..."

דאָס האָט דעם ערשטן, די „גראָבע ליפּן", ווי מען האָט אים גערופן, פאַרדראָסן און ער האָט דעם פּיפּיקן אַריינגעהאַקט: „זי וויל דאָך אַף דיר אַפילו ניט קוקן, דו אויסגעווייקטער הערינג!"

דער חזן האָט דערהערט שטימען הינטער דער טיר און זי געעפנט. דערזעענדיק צוויי משוררים — די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן — האָט ער זיי אַריינגערופן: „איר דאַרפט זיך ניט שעמען. איך האָב דאָס אַמאָל אויך געטאָן. אַז איך האָב פאַרבייגייענדיק ערגעץ געהערט זינגען אַ שיינע שטימע בין איך

שטיין געבליבן. איינמאָל — איך בין נאָך דעמאָלסט געווען קליין און ניט געהאַט קיין געלט — האָב איך מיך אַוועקגעשטעלט אין דרויסן פאַר דער אָפּערע, און — זאָגט וואָס איר ווילט — אפילו דעם קלענסטן טאָן האָב איך געהערט! באַקענט אייך! ער הייסט שטערן, דערווייל נאָך אַ קליינער שטערן...

נאָך אַ קורצער צייט האָט מעכל שוין געקענט זינגען פון נאָטן. געלערנט מיט אים האָט דער חזן אַליין, אויך לייענען און שרייבן רוסיש. ער האָט מיט אים גערעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן מוזיק און סתם וועגן גייסטיקע פּראָבלעמען. דאָס זיינען פאַר מעכלען געווען נייע וועלטן און ער האָט די ביכער, וועלכע ער האָט געקריגן צו לייענען, ממש געשלונגען.

דער חזן האָט דעם נייעם משורר אַלע מאָל מער ליב געקראָגן. איינמאָל האָט ער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַף זיינס אַן אַקסל און אים געזאָגט: „איך וויל מיט אייך וועגן עפּעס ריידן. איר זענט באַ מיר געוואָרן ווי מיינס אַ זון. איך האָב ניט קיין קינדער. איך בין נאָך אפילו ניט זייער אַלט; אָבער... יאָ... אָט וואָס איך וויל אייך איצט זאָגן איך וועל מיין גאַנץ פאַרמעגן אָפּשרייבן אַף אייך, און אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר זיין אַ חזן אַף מיין אָרט.“

מעכל האָט זיך דערשראָקן פאַר די דאָזיקע רייד. ער האָט אַרויפגעקוקט צום חזן און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואָס. ער איז געווען אינגאַנצן צעטומלט.

הער סאַלאָמאָנאָוויטש איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער און געלאָזט זיין משורר אַליין.

מעכל האָט געזען פאַר זיך די גרויסע שול, אין וועלכער ער זינגט צווישן צוואַנציק משוררים, דעם עולם אין צילינדערס און שוואַרצע פּראַקן, און געטראַכט וועגן דעם וואָס דער חזן האָט אים געזאָגט. ער איז איצט שוין געגאַנגען פיין אָנגעטאָן, אין אַ בלויען אָנצוג און אין שוואַרצע לאַק־שיך. אָבער עס האָט אים געטריבן פון דעם הויז.

דעם חזן׳ס יונגע פרוי האָט אַף דעם נייעם משורר געהאַט אַ בייז האַרץ די ערשטע צייט. צוליב אים איז זי ניט געקומען צום טיש עסן. דער מאַן האָט זי גערופן אָבער זי האָט אים אַלע מאָל געענטפערט: „מיך הונגערט ניט.“ ער האָט געליטן. ביז משוגעת האָט ער זי געליבט. ער האָט געוואָלט די ליבע אין זיך דערשטיקן, זי אַרויסשניידן פון זיין האַרץ; אָבער ווי ווילד פלייש איז זי

אַלץ מער געוואַקסן אין אים. ער איז שוין געווען מיד פון שווערן קאַמף מיט זיך און געלעכצט נאָך רו. שוין צוגעוואוינט צו בלייבן קאַלט באַ יעדן חשד; זיך אונטערגעגעבן. מיט געוואַלד האָט ער זיך געהאַלטן גלייך געגאַנגען שטאָלץ מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ ער זאָל אויסזען יונג, מען זאָל ניט זען ווי צעבראָכן ער איז, ער האָט זיין פרוי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף ניט זיין אַזוי באַליידיקט אַף דעם נייעם משורר: „ער איז אַ יינגער יונג, נאָך ניט געצוימט, רוי. אָבער ער האָט אַ געוואַלדיקע שטימע און די וועלט וועט אַמאָל אַ סך ריידן וועגן אים!“ אַז ער האָט באַ איר גאָרנישט געקאָנט פועלן, האָט ער געזאָגט צו מעכלען: „איר מוזט איבערבעטן מיין פרוי!“

מעכל האָט געפאָלגט דעם חזן. זי האָט אים מוחל געווען און געשמייכלט. אין דעם זעלבן טאָג האָט זי אים געזאָגט: „מיר וועלן דורכגיין די נאָטן, וועלכע מיין מאַן האָט מיט אייך נעכטן איינגעזונגען.“

צווישן די משוררים זיינען עטלעכע געווען מיאוסע ברואים. זיי האָבן דעם חזן׳ס פרוי גערופן „די פּעטערבורגערן“ און גערעדט אַף איר מיאוסע רייד. איינער פון זיי האָט פאַרגעלייגט, מען זאָל דעם חזן אונטערשרייבן אַ בריוול, אַז דער שטערן האָט זיך צופיל פאַרקוקט אַף דער לבנה... חברה האָט געלאַכט. זיי האָבן געוואוסט, אַז דעם דאָזיקן פאַרשוין קרענקט זייער שטאַרק וואָס ליובאַ — די פּעטערבורגערין — זעט אים איצט ניט מער. זיי האָבן אים געטרייסט: „זי זעט איצט קיינעם ניט פון אונדז.“ די „גראָבע ליפּן“ האָט זיי געזאָגט מוסר: „זי איז אַ טראַגישע פרוי... אין פּעטערבורג האָט זי אַ סך געליטן. זי האָט געוואָלט ווערן אַן אָפּערע זינגערין. קיין טאַלאַנט האָט זי ניט, קיין שטימע אויך ניט. אָבער זי האָט געוואָלט... זי איז שוין אפילו געווען אין אויסלאַנד און מסתמא האָט זי שוין ניט איין אומגליקלעכע ליבע דורכגעמאַכט. זי האָט אַמאָל געמוזט זיין געוואַלדיק שיין. נאָך היינט קען מען זיך פאַרליבן אין איר. וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם אַלטן. ער פאַרבט זיך די האָר און דאָס בערדל, אָבער...?

מעכל האָט מיט אַ סך פון די משוררים זיך אַרומגעקריגט, זיי געזידלט, ווען ער האָט זיי געהערט רעדן שלעכטס אַפּן חזן׳ס פרוי. מיט די אַנדערע איז ער געווען גאַנץ חבריש. אָבער אויך פון זיי איז אַלעמאָל אַן אַנדערער געווען אָנגעברויגזט אַף אים, ווייל ער איז געווען שטאָלץ באַ זיך און דער חזן האָט אים ליב געהאַט. נאָר מעכלען האָט געפּייניקט אַ ווילדע

אומרואיקייט. אַ סך מאָל איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַר׳חלומטער, און עפּעס אַ מין וואַרטן... באַנאַכט האָט זיך אים געַ׳חלומט, אַז ער פליט... צומאָרגנס האָט זיך אים דעם גאַנצן טאָג געדוכט, אַז ער הערט ליובאַס שטימע, זי זינגט אַזוי שיין... אומעטום, וואו ער איז געווען, האָט ער געהערט איר שטימע... זי האָט אים אַמאָל, באַם איינשטודירן „ברכו״, געפרעגט ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק, צו ווערן אַן אָפּערע זינגער. זי האָט געלאַכט, מיט די זילבערנע גלעקעלעך אין איר האַלדז, ווען ער האָט איר דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון דער היים. „אַנטלאָפן?״... זי איז פּלוצים ערנסט געוואָרן. „זאָגט, וויפל זענט איר טאַקע אַלט?״ דער נאָך האָט זי אים דערציילט, אַז זי איז אויך אַמאָל אַנטלאָפן פון דער היים, זי איז נאָך געווען גאַנץ יונג דאַמאָלט. זי איז אַנטלאָפן מיט אַ געליבטן קיין אויסלאַנד. שפּעטער — יענער האָט זי פאַרלאָזט — איז זי צוריקגעקומען און איז געפאָרן קיין פּעטערבורג. יאָ דאָס לעבן צווישן קינסטלער... זי האָט מעכלען אויסגעמאָלט דאָס לעבן אין פּעטערבורג, ווי די שטאָט זעט אויס, די פריילעכקייט דאָרט, ער האָט אַלץ, וואָס זי האָט אים דערציילט, זיך פאָרגעשטעלט נאָך אַ סך פאַנטאַסטישער. האָט אים געגומען רייסן און טראָגן קיין פּעטערבורג, נאָך אַ סך שטאַרקער ווי אין זיין שטעטל קיין וואַרשע. באַנאַכט האָבן זיך אים איצט געחלומט בעלער, שאַמפּאַניער, טענצערנס... צווישן די טענצערנס איז געווען ליובאַ, אינגאַנצן נאַקעט, מיט גרויסע בריסטן... ער האָט זי אַרומגעהאַלטן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף איז ער געווען אינגאַנצן צעגליט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס, וואָס מיט אים איז געשען... צומאָרגנס האָט ער זיך דעם גאַנצן טאָג געשעמט פאַר יעדן איינעם און ליובאַן ניט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין... אָבער זי איז דעם טאָג געווען באַזונדערס גוט צו אים און אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט וועלן פאָרן קיין רוסלאַנד, וועט זי אים מיטגעבן בריוו צו אירע באַקאַנטע: „איך האָב דאָרט אַ סך פריינט.״

עטליכע וואָכן שפּעטער האָט זיך מעכלען ווידער געַ׳חלומט, אַז ער האָט אַרומגעהאַלטן ליובאַן... צו מאָרגנס, באַם איינשטודירן מיט איר „אדון עולם״, האָט ער זי אָנגערירט באַ אַ האַנט. זי האָט אים אַ גלעט געטאָן. ער האָט געוואָלט ווייטער זינגען, נאָר עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס שטייט

ווער הינטער דער טיר... ער איז אַרויסגעגאַנגען רויט און צערודערט... פונקט איז פון גאַס אַנגעקומען דער חזן.

פון דעמאָלט אָן איז מעכל באַם זינגען אַלע מאָל צעמישט געוואָרן און נישט געוואוסט, וואו ער האַלט. דעם חזן האָט ער מער נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין. ער האָט איצט געהערט אומעטום די מוזיק פון „פּיאַצאָ" און נישט געקאָנט פאַרגעסן מער דעם טראַגישן „טאָניאָ". ערשט פאַר עטלעכע טעג איז ער מיט דער פרוי סאַלאָמאָנאָוויטש געווען באַ דער דאָזיקער אָפּערע. מעכל איז זיך איצט פאַרגעקומען, ווי ער וואָלט געווען „סילוויאָ" אָדער „טאָניאָ". פּעטערבורג איז אַלע מאָל שטאַרקער אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן. אויפשטייענדיק איינמאָל זייער פרי — ווייל ער האָט אין דער דאָזיקער נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן — האָט ער אַריינגעלייגט אין דער וואַליזקע, וועלכע ער האָט זיך פאַר עטלעכע וואָכן געקויפט, אַלץ וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט פון זיינע זאַכן, און איז אַוועק צום חזן זיך געזעגענען: „איך קען נישט זיין קיין משורר. אַ חזן וויל איך קיינמאָל נישט ווערן."

דער חזן האָט אים אָנגעקוקט און נישט געקאָנט געבן די האַנט.

ט

מעכל האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער. שוין דעם צווייטן טאָג וואוינט ער דאָ. דעם דראָזשקאָזש האָט ער געזאָגט ער זאָל אים פירן אין האָטעל „מענדעל". ווי אַזוי איז אים איינגעפאַלן דער דאָזיקער נאָמען? שוין נעכטן איז אים דאָס צימער אויסגעקומען באַקאַנט. עס דאַכט זיך אים, אַז דעמאָלט איז אַף דער טיר אויך געשטאַנען נומער אַכט און צוואַנציק. דעמאָלט איז דאָ אַריינגעקומען די „גרעפין פעדאָראַ". זי האָט אים געפירט צו זיך אין אַ באָרדאָ-געמאָלטן צימער, מען האָט אים געהייסן זינגען. דער „דיריגענט" פון דער אָפּערע „ווי יואַ לאַ מוזיקאַנאַ"...

ער האָט געשמייכלט. אָבער זיינע ליפּן זענען געווען בלאַס. שוין דעם צווייטן טאָג האָט ער נישט געגעסן. באַנאַכט האָט זיך אים געחלומט, אַז אַ

שרעקלעכע חיה האָט אים אַריינגעכאַפּט אַ האַנט אין פּיסק און אים געשלעפּט... זי איז געלאָפן און ער איז נאָכגעלאָפן... אַזעלכע מאָדנע אויגן האָט זי געהאַט...

דער קאָפּ האָט אים ווײ געטאָן. זאָל ער דער דינסט זאָגן, זי זאָל אים אַרויפברענגען עסן? פיר קאָפּיקעס האָט ער בײ זיך. די ליפּן זענען אים פאַרטריקנט. איז ער קראַנק? ער וועט דאָך גײן צו לאה׳ן, כאָטש ער איז בײ איר שוין אַזוי לאַנג נישט געווען! ווען ער וואָלט מיטן חזן בײם געזעגענען זיך, געווען געריידט וועגן געלט, וואָלט ער גלײך געווען געפאָרן צום באַן, געקויפט אַ בילעט ביז פּעטערבורג, און... אַדיע, וואַרשע!... מיט ליובאַן האָט ער זיך נישט געזעגנט. זי וואָלט אים געווען געגעבן בריוו צו אירע פריינט.

ס׳איז אים אײנגעפאַלן צו פאַרקויפן די זאַכן, וועלכע ער האָט אין דער וואַליזקע. דאָס איז אַ גוטער געדאַנק! ער האָט גערופן די דינסט און איר געזאָגט, זי זאָל אים אַרויפברענגען עסן.

נאָכן עסן איז זײן שטימונג געוואָרן אַן אַנדערע. ער האָט אַרויפגעשטעלט די וואַליזקע אויפן טיש און זי געעפנט. דער טײערער ריח פון בעז — פונעם פלעשל פּערפיום אין דער וואַליזקע — האָט אים ווידער דערמאָנט אין לאה׳ן. ער האָט באַקוקט אַלע זאַכן, וועלכע זי האָט אים געקויפט. נאָר מער ווי צו באַצאָלן פאַרן שלאָפן און עסן אין האָטעל, האָט ער פאַר זײ נישט געקריגן. דרײסיק קאָפּיקעס זענען אים געבליבן, און דער טײערער פּערפיום־ריח אין דער לײדיקער וואַליזקע. ווידער איז ער געווען פאַרצווייפלט. בײם חזן האָט ער איבערגעלאָזט נאָך אַ סך זאַכן זײנע. אָבער ער האָט געקלערט וועגן דער היים. אין לעצטן בריוו האָט אים די מאַמע געשריבן, אַז זי בענקט זײער שטאַרק נאָך אים.

ער וועט גײן צו לאה׳ן!

אויף דער גאַס, גײענדיק פּאַמעלעך, האָט ער זיך דערמאָנט, ווי ער האָט דעמאָלט — ווען ער איז נאָך געווען בײם ערשטן חזן — געפירט די עלטערן זײ צו ווײזן וואַרשע. די מאַמע איז אַלע מאָל שטײן געבליבן, האָט אַרויפגעלייגט אויף אים די בלאַסע הענט און געקוקט אויף אים.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די מאַמע שטײט פאַר אים, אין טונקל־ברוינעם קלײד מיט די שמאַלע, זילבער גרויע פּאַסקלעך.

„פאַרוואָס האָסטו אַזעלכע טרויעריקע אויגן, מאַמע?... דיין שטערן איז אַזוי בלאַס, אַזוי שיין!"

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער רעדט צו זיך אַף דער גאַס און גענומען גיין האַסטיקער. לאהן האָט ער, ווי תמיד ווען ער איז צו איר געקומען, געטראָפן לייענען אַ בוך. זי האָט אים אין דער ערשטער רגע נישט דערקענט. אָבער זי האָט זיך באַלד געכאַפּט: „שטערן!... איר האָט אייך אַזוי פאַרענדערט!... וואו זיינט איר די גאַנצע צייט געוועזן?... פאַרוואָס זיינט איר מער נישט געקומען צו מיר?"... זי האָט דערקענט, אַז כאָטש ער גייט אַזוי שיין אָנגעטון און דאָס פּנים איז אים פולער געוואָרן, האָט ער אַ סך געליטן. האָט זי אים געפרעגט: „מיט אייך איז עפּעס פאָרגעקומען? —"

ער האָט נישט געענטפערט.

זי האָט זיך גענומען פאָרען פאַר אים, ווי תמיד ווען ער פלעגט קומען צו איר. נאָר ער האָט זי גאָרנישט געלאָזט טון: „איך בין נישט הונגעריק."

„וואָס איז מיט אייך?"

„איך וויל פאָרן קיין פעטערבורג."

„און איר האָט נישט קיין געלט... דעריבער זיינט איר אַזוי דערשלאָגן?"

זי האָט זיך צעלאַכט: „געלט איז בלאָטע!... איך האָב צען רובל און אַ גאָלדן זייגערל מיט צוויי גאָלדענע פינגערלעך!... איר זאָלט פאָרן! די גאַנצע צייט וואָס איר זיינט נישט געקומען האָב איך געטראַכט וועגן אייך. איך בין שוין פאַרפאַלן. און ס'איז נישט קיין סכנות־נפשות... אָבער איר, מיט אַזאַ שטימע! — אַלץ זאָלט איר טאָן, אפילו..." דאָס וואָרט „שמדן" האָט זי דאָך נישט געקענט אַרויסברענגען פון מויל.

באַ דער באַן, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיר איר, האָט זי אים געזאָגט לאַכנדיק: „ווען איר וועט זיין אַ גרויסער, באַרימטער זינגער, זאָלט איר נישט געדענקען די נאַרישע לאהן!"...

צווייטער טייל

י

מעכל האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל פון וואַגאָן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאָרט אַהיים... די פעלדער, די וועלדער, דער גאַנצער דרויסן, וועלכער איז פאַרבייגעפלויגן פאַר אים, איז געווען איינגעהילט אין דער פינצטערניש פון נאַכט און איז געשלאָפן. פון צייט צו צייט האָט אויפגעלויכטן אַ קליין פלעמל, וואָס איז געקומען פון אַ פענצטער אין אַ כאַטע. די פונקען פונעם לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך געצויגן אין גאָלדענע פעדים פאַר זיינע אויגן. די רעדער האָבן געקלאַפּט. ער האָט דאַרינען געהערט אַ ליד פון זיין פאָרן אין אומבאַקאַנטע ערטער... נאָר דאָס געפיל, אַז ער פאָרט אַהיים האָט נישט אויפגעהערטן אין אים. ער האָט געזען פאַר זיך דער מאַמעס ווייסע, פאַרחלשטע הענט. לאה... ווען נישט זי, וואָלט ער נישט געקענט פאָרן. זי האָט פאַרזעצט ס׳זייגערל מיט די צוויי פינגערלעך, איינגעקויפט פאַר אים זאַכן, עסן, אים געקויפט אַ בילעט, אָבער נישט ביז פעטערסבורג, ווייל זי האָט דאָך נישט געהאַט גענוג געלט. זי האָט אים געגעבן פיר רובל אין קעשענע אַריין, אים געצוואונגען, ער זאָל נעמען ס׳געלט. באַם געזעגענען זיך האָט זי אים געזאָגט: „ווען איר וועט זיין אַ גרויסער, באַרימטער זינגער...״

די שטאָט אין וועלכער מעכל איז געקומען, איז געווען קאַוועל. ס׳איז געווען אַרום איינס באַנאַכט און ער האָט געגעכטיקט אין וואַקזאַל. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן איז ער אַרויסגעגאַנגען און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אין זיך אַריינגעצויגן די גרויע פאַרטאָג לופט און זיך געפרייט מיט די ווייסע שורות הייזער, אַלע אַזעלכע פריינטלעכע, גאַנץ אַנדערע ווי די הויכע קאַמעניצעס אין וואַרשע. נאָר עס איז אים דאָך געווען שווער אַפּן האַרץ. איצט האָט ער שוין געוואוסט, אַז אַזוי גרינג וועט ער קיין אָפּערע־זינגער נישט ווערן. ער איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין וואַקזאַל, גענומען די

וואַליזקע און זיך געלאָזט גיין איבער די פּראָסט-ברוקירטע גאַסן פון דער נאָך שלאָפנדיקער שטאָט. דערזעענדיק אַ שוילבנטיר פון אַ אידישן האָטעל, איז ער אַריינגעגאַנגען. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ גלאָז טיי און געפרעגט, אויב ער וועט קריגן אַ צימער.

נו, און ווייטער? — דער דיריגענט אין וואַרשע, ליובאַ און אויך לאה, האָבן אים געזאָגט אַז ער מוז ענדיקן אַ קאָנסערוואַטאָריום, כדי צו קאָנען ווערן אַן אָפּערע-זינגער. געלט אַף אַ בילעט קיין פּעטערבורג האָט ער נישט. אַפן וועג האָט מען אים אויך געזאָגט, אַז קיין ייד לאָזט מען דאָרט נישט זיין.

אַ גאַנצע וואָך איז אַוועק. „זאָל זיין וואָס עס וויל" האָט מעבל באַשלאָסן. „איך פאָר אָן אַ בילעט!" און ער האָט געפרעגט דעם בעל-אכסניה וויפל ס'קומט.

„פינף רובל מיט פערציק קאָפּיקעס."

„וויפל?"

דער בעל-אכסניה האָט אים געוויזן דעם חשבון.

„אָבער איך האָט נישט קיין גאַנצע פיר רובל אַפילו!"

דער בעל-אכסניה, אַ ייד מיט אַ שיינער, ווייסער באָרד, האָט אָנגעקוקט דעם גאַסט און אים גענומען אויספרעגן פון וואַנען ער איז און וועגן וואָס ער איז געקומען קיין קאָוועל.

„איך וויל ווערן אַן אָפּערע זינגער. כ'פאָר קיין פעטערבורג."

„קיין פעטערבורג ווערן אַן אָפּערע זינגער..." דער ייד מיט דער זילבערנער באָרד האָט געקלערט אַ ווײַלע און דאַן געזאָגט צו מעבלען: „ווי איך זע, לאָזט איר זיך אַרויס גלאַט אין דער וועלט אַריין, קיין געבראָטענע טויבן וועלן אייך נישט פליען אין מויל אַריין... טאָ נאַט אייך צוריק אייער געלט. דאָס איז איינס. והשנית — בלייבט נאָך עטלעכע טעג. מ'וועט שוין זען..."

מעבל איז געבליבן נאָך צוויי וואָכן. געצאָלט האָט ער מיט זינגען זמירות שבת באַם טיש און מיט לידער אין מיטן וואָך נאָך וועטשערע. דעם בעל-אכסניה'ס פרוי האָט אים נאָך יעדן עסן געפרעגט, אויב ער איז שוין געזעטיגט און אים געבעטן „עסט נאָך. איר וועט אפשר צועסן וואַרעניע צו דער טיי? טייערע וואַרעניע פון אַפריקאַסן!" זי האָט זיך געווענדט צו דער

אינגסטער טאָכטער און איר געזאָגט: „ברענג, פּאַזשאַלוסטאַ, נאָך אַביסל וואַרעניעו!״

סאָניטשקאַ, אַ גימנאַזיסטין פון אַ יאָר זעכצן, אַ ברונעטע מיט אַ קאַלמיצקע פנים, נאָר זייער אַ חנ׳עוודיקע, איז געווען באַליידיקט, וואָס די מוטער שאַפּט זיך אַזוי מיט איר אין דער אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדן בחור, וועלכער קאָן אַזוי שיין זינגען, פאָרט קיין פּעטערבורג ווערן אַ זינגער, און האָט אַזעלכע אויגן, אַז מ׳קאָן נישט אויסהאַלטן זייער בליק... אָבער זי איז געווען זייער צופרידן, וואָס זי קאָן עפּעס טאָן פאַר אַזאַ בחור, וועלכער וויל ווערן אַן אָפּערע זינגער און קוקט אַף איר אַזוי, אַז זי קאָן נישט אויסהאַלטן זיינע בליקן. אַז זי איז צוריקגעקומען מיטן איינגעמאַכטס האָט איר האַלדז — ביזן נאַקן — זיך געררויטלט. די הערעלעך אַפן קאַרק — קליינע און זייער דינע — האָבן זיך געקרייזלט. זי האָט געקוקט אַף מעכלען אַזוי, ווי זי וואָלט אים נישט געזען...

מעכל האָט זיך כמעט פאַרליבט איז סאָניטשקען. בכלל זיינען אים די רוסישע יידן בעסער געפעלן ווי די פּוילישע. ער האָט וואָס אַמאָל זיי מער ליב געקראָגן. מ׳האָט אים געבעטן, ער זאָל ווערן משורר באַם דאָרטיקן חזן. אָבער ער האָט נישט געוואָלט: „איך פאָר קיין פּעטערבורג!״ האָט ער געזאָגט. דער בעל־אכסניה האָט אים געשאָפן געלט און ער האָט באַ דער קאָסע זיך געהייסן געבן אַ בילעט קיין פּעטערבורג, נאָר אָפּפאָרנדיק אַ קנאַפּן מעת־לעת, האָט ער פּלוצים באַקומען אַזאַ מורא ווייטער צו פאָרן, אַז ער איז אַף אַ סטאַנציע אַראָפּגעגאַנגען פון צוג.

אין דער דאָזיקער שטאָט האָט זיך מעכל געפילט אינגאַנצן פרעמד און פאַרלוירן נאָר די קאַצאַפּן מיט ברייטע טעמפּע פּנימער און געלע בערד, אין שובעס מיט פאַלדן אַרום, האָבן אים דערמאָנט אין זיידן יקותיאל. ער האָט זיך דערמאָנט אין די מעשות וואָס די יונגען אין חדר האָבן אים דערציילט: אַז דעם זיידנס עלטער זיידע האָבן קאַצאַפּעס דערהרגעט און דער באָבען האָבן זיי גאָרנישט געטאָן, ווייל זי איז נאָך געווען אַ יונגע און אַ שיינע...

מעכל האָט געבענקט נאָך דער מאַמען און אויך נאָכן טאַטן. און ווידער האָט ער נישט געהאַט קיין געלט. ער האָט ווידער פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט. ער האָט געפרווירן, אין רוסלאַנד איז נאָך געווען ווינטער. עס האָט געשנייט. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע האָט

קוים אָנגעהויבן ווערן וואַרעם. דעם ייד מיט דער ווייסער באָרד האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן.

ער איז געבליבן אָן אַ גראָשן און מער קיין זאַכן האָט ער נישט געהאַט צו פאַרקויפן. אפילו די וואַליזקע האָט ער מער נישט געהאַט. וואָס זאָל ער איצט טאָן? ער האָט געזען פאַר זיך פּעטערבורג, געזען זיך ווי אַ גרויסער זינגער... עס איז געקומען די נאַכט און ער האָט נישט געהאַט וואו צו שלאָפן. די שטאָט, אין וועלכער ער האָט זיך איצט געפונען, איז געווען אַ שטילע, אַריסטאָקראַטישע שטאָט. קיין יידן האָט ער אין איר נישט געזען. ס'האָט אים געהונגערט, ער האָט צוזאַמענגעשאַרט אַ קויל שניי און געגעסן. געשלאָפן איז ער אין וואַקזאַל. ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, אַז דער זשאַנדאַר פון דער סטאַנציע זאָל אים נישט זען. ער האָט אָבער שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם הונגער און באַשלאָסן צו גיין אַרבעטן ביי זיין פאַך. נאָר דער קאַמאַשנמאַכער צו וועלכן ער איז אַריינגעקומען — דוקא אַ ייד — האָט אים געזאָגט: דאָ־הי טאָר אַ ייד, אָן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ (וואוין־רעכט), אַפילו קיין דוואַדצאַט טשעטירי טשאַסאַ (24 שעה) נישט זיין!

דער דאָזיקער קאַמאַשנמאַכער האָט מעכלען געגעבן אַן אַדרעס צו אַ רייכן ייד און אים געזאָגט: „אָן וואַם פּאַמאָזשעט׳ (ער וועט אייך העלפן). אַ גוטער מענטש!״

באַם רייכן ייד האָט מען מעכלען געגעבן אַ גוטן מיטיק אָפּצועסן. נאָר באַם טיש האָט קיינער מיט אים ניט גערעדט. דער בעל־הבית — אַ שווייגער מיט אַ גרויסער ליסינע און בלאָנדע ענגלישע וואָנסעס — האָט אים געפרעגט בלויז עטלעכע ווערטער. מעכל האָט געוואָלט אָנהויבן דערציילן זיין גאַנצע מעשה, אַז ער וויל פאָרן קיין פּעטערבורג און אַזוי ווייטער. האָט די פרוי אַ שיינע און שטאָלצע — דעם מאַן געזאָגט אַז דער גענעראַל האָט טעלעפאָנירט און אים באַלד געהייסן קומען.

נאָכן עסן האָט אַ דינסט מעכלען געגעבן אַ פּאַלטאָ, נאָך אינגאַנצן אַ נייעם, אָן אָנצוג, וואָס האָט געשמעקט פון פּערפיום, אַ פּאָר שיך און פינפאונצוואַנציק רובל. מעכל האָט געזאָגט „ספּאַסיבאָ״ (אַ דאַנק) און איז אַוועקגעגאַנגען. אינדרויסן האָט זיך אים געגלוסט שטאַרק לאַכן. ער האָט גענומען זינגען אַ לידל און איז אַוועק צו דער באַן. דער שווייגער מיט די

ענגלישע וואָנסעס און מיט די ליסינע האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל פאָרן קיין כּאַרקאָוו. מעכל האָט געפאָלגט.

נאָר אין וואַגאָן איז געווען ענג. ער איז געבליבן אין קאָרידאָר. ס'איז געווען צו הייס. ער האָט געעפנט ס'פענצטערל. זיין האַנט האָט זיך געשפּילט אין קעשענע מיטן געלט, וואָס איז אים געבליבן נאָכן קויפן דעם בילעט. אָבער ער האָט דאָס פאַרגעסן. און אַז עס איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן זיך צו שפּילן מיט די זילבערנע מטבעות, האָט ער זיי אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטערל. ערשט אױף דער סטאַנציע אין כּאַרקאָוו האָט ער זיך געכאַפּט וועגן דעם.

יא

אין כּאַרקאָוו האָט מעכל באַשלאָסן זיין ציל צו דערגרייכן אױף אַן אַנדער אופן. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן בײַ זיין פאַך. אַ פּריילעכער און אַ לוסטיקער איז ער געזעסן בײַ דער מאַשין און געניית. אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט האָט ער אין שפּיגל דערזען, אַז ער האָט שוין וואָנסעס און אַ באָרד. ער איז אַריין צו אַ פריזירער און זיך געהייסן ראַזירן. אין פאַבריק וואו ער האָט געאַרבעט, האָט ער געקראָגן חברים. זיי האָבן אים געגעבן פאַרשידענע עצות, וואָס ער זאָל טאָן צו קענען אָנקומען אין אַ קאָנסערוואַטאָריום, האָבן אים דערציילט פון אַ שאַליאַפּין, אַז יענער איז אויך געווען אַן אָרעמער, זיך אַרומגעשלעפּט מיט גנבים און איז געוואָרן אַזאַ באַרימטער זינגער.

מעכל האָט געטראַסקעט אױף דער מאַשין, ווי אין זיין שטעטל, און געזונגען. די כּאָליעוועס זיינען אים געפלויגן פון אונטער די הענט, וואָס העכער ער האָט געזונגען, אַלץ שטאַרקער האָט געטראַסקעט די מאַשין. זיין טשופּרינע איז געוואָרן אַלע מאָל עזות'דיקער. די וואַרעמע, טונקל-ברוינע האָר, האָבן זיך געקרייזלט, דער שטערן איז געוואָרן עקשנות'דיקער און די ווייסע ציין בליצנדיקער. די גרויסע אויגן האָבן געקוקט ממזר'יש, דאָס פּנים איז געווען קלוג און חוצפּה'דיק. די חברים האָבן אים מיטגענומען אין זייער קולטור פאַריין. דאָרט איז געווען אַ כאָר. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און

מעכל איז אין אים געוואָרן כמעט אַ דיריגענט. נאָר מיט די מיידלעך האָט ער מער געשטיפּט ווי זיי געלערנט זינגען.

„אַ פייערדיקער בחור!״ האָבן אַלע אָף אים געזאָגט.

אין כאַרקאָוו האָט זיך מעכל געפּילט אַ סך היימישער ווי אין פּוילן. ער האָט געשריבן אַהיים און געקראָגן בריוו. ווידער האָט ער זיך גענומען צום לייענען, ווי באַם גרויסן און באַרימטן חזן אין וואַרשע, געקויפט נאָטן און איז אויפגעווען גאַנצע נעכט.

נאָר אַז די זון האָט גענומען שיינען, דער הימל איז געוואָרן בלוי, די פייגל האָבן גענומען טשוויטשערן — דעמאָלט האָט מעכל מער נישט געקענט איינזיצן באַ דער מאַשין און נייען. ער האָט געזונגען אַלע מאָל שטאַרקער, צעבראָכן איין נאָדל נאָך דער אַנדערער, צעריסן דעם רימען, קאַליע געמאַכט די „קאַטשקע״, — האָט ער זיך איינגעפּאַקט דאָס פּעקל און איז ווייטער געפאָרן. ער האָט זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט די חברים. נישט מיט די מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן פירן ליבעס. עס איז אים געקומען פאַר אַ האַלבע וואָך. ער האָט דאָס געלט נישט אָפּגענומען. אין מיטן אַרומנייען אַ כאַליעווע איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטאָן די מאַרינאַרקע, גענומען דאָס היטל און איז אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך האָבן אַ סך פון זיינע געוועזענע חברים אָף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ בלאָפער, אַ באָסיאַק.

געפאָרן איז מעכל איצט קיין מינסק, פון דאָרט קיין בערדיטשעוו, פון בערדיטשעוו קיין זשיטאָמיר. ער איז אַרומגעפאָרן, ביז ער האָט מער ניט געהאַט קיין געלט און ווידער אָנגעהויבן הונגערן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן, ביז ס׳איז אים ווידער פאַרמיאוסט געוואָרן. ער איז ווידער געוואָרן משורר באַ אַ חזן, ווי אין וואַרשע, געגעבן אַפילו קאָנצערטן. דערנאָך גאָר געוואָרן אַ משרת אין אַ אַ רעסטאָראַן און ווידער אָנגעהויבן אַרומגיין אין הויפן זינגען. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער און געטאָן אַלץ.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז איצט איז ער געהאָלפן. אין וויטעבסק האָט ער באַ אַ לערער פון מוזיק גענומען שטונדן. יענער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער

ווער האָט אים געבן אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט אין פעטערבורג. אין אַ האָטעל האָט איינער אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים העלפן. אָבער פון אַלעם איז גאָר־נישט געוואָרן. און פאָרן קיין פעטערבורג האָט מעכל מורא געהאָט. נישט דערפאַר אַז מען קען אים אַרעסטירן און צוריקשיקן אַהיים: נאָר פאַר דער שטאָט גופא, אַ מין אימה פאַר פעטערבורג, האָט ער זיך געלאָזט קיין אַדעס. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז דאָרט איז דאָ אַ קאָנסערוואַטאָריום.

יב

די ביליק־אויסגעלאָסענע און בולוואַר־רוישנדע שטאָט באַם שוואַרצן ים איז מעכלען שטאַרק געפעלן. נאָר די סיגנאַלן פון די שיפן, דאָס לאַנג אויסגעצויגענע, אימהדיקע ריטשן, האָבן אים אַביסל צעטומלט. ער איז געגאַנגען דורך שמאָלע, שוואַרצע, געדרייטע גאַסן און דורך ליכטיקע, רחבותדיקע. אַ געקאָך, אַ גערויש. עס זיינען אים געפעלן די פריילעכע הפקרדיקע יונגען, די זידלווערטער אין יידיש. ער האָט זיך זיי באַלד אויסגעלערנט. דער פאָרט און דער ים האָבן אים באַוועלטיקט. ער האָט געקוקט און געקוקט אין דער אומענדלעכער ווייטקייט, אַף די כוואַליעס, ווי זיי האָבן מיט אַ הורא זיך געוואָרפן איינע אַף די אַנדערע און אָנגעמאַכט אַ ווייסן שוים. ער האָט געקוקט אַף די גרויסע שיפן, ווי זיי האָבן שווימענדיק פאַמעלעך זיך גערוקט איבער דער טיפער סודותדיקער שטילקייט, געקוקט אַף די קליינע מאָטאָר שיפלעך, וואָס זיינען שטיפעריש געפלויגן אַהין און אַהער, אַף די מחנות ווייסע זעגלען, וואָס האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע, אַף די מעוועס, ווי זיי קרײַזן אין לופט און קוויטשען, און אַף די מענטשן, ווי זיי טומלען און ליאַרמען.

אַז ער איז הונגעריק געוואָרן, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין אַ טראַקטיר, ער האָט געהאָט געלט און זיך געלאָזט וואָילגיין. באַ אַ לאַנגן טיש זיינען געזעסן קאַצאַפּעס מיט זייערע פרויען און קינדער און געטרונקען טיי. איינער פון זיי, אַ כוואַט, מיט אַ רויטער באָרד ווי אַן אָנגעגליטע רויטע קנויל דראָט, האָט אַרויסגעקראַצט עפּעס פון זיין קעשענע, עס געהאַלטן אין דער צוגעמאַכטער האַנט, וועלכע ער האָט אויפגעהויבן הויך און געפרעגט:

„אַנוקאַ, איר ליבע, ערלעכע, רוסישע פּראַוואָסלאַוונע נשמות! טרעפט, וואָס איך האָב אין האַנט. איר וועט נישט טרעפן; אַ קוסקע צוקער!"

די קליינע און אויך די גרויסע האָבן אויפגעשיינט. די קינדער האָבן אָנגעהויבן שרײַען: „מירו!... מירו!"... די שטרענגע טאַטעס האָבן געמוסרט: „נישט שרייען, קינדער! שטופּט אייך נישט! וואַרט! אַלע זאָלן שטיל און געדולדיק וואַרטן, אַז איר וועט וואַרטן — וועט איר אַלץ קריגן. און אַז איר וועט נישט קריגן — שאַדט אויך נישט, יעדער זאָל דעם גוטן מענטשן, וואַסילי סטעפּאַנאָוויטשן דאַנקען, זיך פֿאַרבויגן פֿאַר אים, פֿאַר זיין גוט האַרץ, וואָס ער האָט אייך געוואָלט מהנה זיין מיט אַ קוסקע צוקער!"

פון דעם שטיקל צוקער האָבן אַלע באַקומען. יעדער האָט אָפּגעביסן אַ קליין שטיקעלע, אָדער בלויז אַ לעק געטאָן. די קינדער האָבן געוואַרט מיט טרויעריקע און גיריקע אייגעלעך, ביז זיי זיינען געקומען אין דער ריי. יעדעס קינד האָט געעפנט דאָס מיילעכל מ׳זאָל עס אַריינלייגן דאָס גאַנצע שטיקל צוקער, וואָס איז אַלע מאָל קלענער געוואָרן. נאָר מער ווי אַ קליין פּיצעלע, אָפּצוגריזשען מיט די פֿאָדערשטע ציינדלעך, האָט קיין שום קינד נישט געקראָגן. יעדעס האָט דערביי אָנגעקוקט די מוטער מיט קלוגע און בעטנדיקע אייגעלעך. די מענער מיט די קיילעכדיקע בערד און די פרויען מיט זייערע קינדער האָבן אונטערטעניק געדאַנקט דעם גוטן מענטשן מיטן גוטן האַרץ, וואַסילי סטעפּאַנאָוויטש, פֿאַרן דערפרייען זיי מיט אַ שטיקל צוקער, מיט אַ שטיקל זיסן צוקער. דערפון איז געוואָרן אַ גאַנצער יום־טוב, די טיי וואָס זיי האָבן געטרונקען האָט באַקומען אַ חשיבות. אַלע האָבן זיך געווישט דעם שוויס באַם טרינקען די טיי.

באַם בופעט האָבן מאַטראָזן געטרונקען בראָנפן, ביר, און צוגעביסן. באַ איין טישל זיינען געזעסן חברה אין קאָלירטע העמדלעך, כוואַטסקע יונגען, און געלעבט אַ גוטן טאָג מיט זייערע מיידלעך. די מיידלעך האָבן געלאַכט אין געקוויטשעט באַ יעדן קניפּ וואָס זיי האָבן געקראָגן. ס׳האָט זיך צעשפּילט אַ האַרמאָשקע, באַלד אַ צווייטע. שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט, פיס האָבן זיך גענומען פּלעכטן אין אַ קאַמאַרינסקי. באַם טאַנצן האָבן די יונגען אַרויסגעלאָזט ווילדע קוויטשן. דערנאָך האָט איינער אָנגעהויבן מיט אַ באַס: „צען האָבער געליבט און ניין האָבעך פֿאַרגעסן".

איין בחור, אַ מאָלדעוואַן, האָט דערציילט, אַז זיין מיידל האָט אים

אַוועקגעוואָרפן, ער איז געוואָרן טרויעריק און גערעדט וועגן ליבע און אייפערזוכט. אַז ער האָט געענדיקט מיט אַ זיפץ, האָט אים איינער מיט אַ צעקוועטשטער נאָז געפרעגט אויב ער גלויבט אין גאָט. דער דאָזיקער פאַרשוין האָט גענומען דערציילן וועגן הייליקע גזלנים און וועגן שדים. אַלע האָבן דאַן גענומען רעדן וועגן נסים, האָבן פילאָזאָפירט וועגן נשמה, וועגן השארת־הנפש, וועגן עולם־הבא.

אין טראַקטיר האָט אין ליד געקלאָגט ברייטע, רוסישע סטעפּע. ס'האָט געבּרויזט וואָלגע, דניעפּער, שוואַרצער ים. אורוואַלד, שרעקלעכע נויט אין ליימענע כאַטעס, אומבּאַהאָלפנקייט, אַזיע, סיביר, קאַווקאַז — האָט אַנטפּלעקט זיך אין מעלאַנכאָליש געזאַנג, אין פאַרבּענקטקייט, אין שטורעם פון רויער קראַפט, אין דערשטיקטן, ווייטיקדיקן יאָמער און אין יונגער, אומגעצוימטער ליידנשאַפט.

מעכלען איז אַלץ אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז ער האָט אַלץ געפּרוּווט נאָכמאַכן. ער האָט זיך געהייסן אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן און עס מיט איינמאָל איבּערגעקערט אין מויל אַריין. ער האָט זיך אָבּער אָנגעהויבּן שטיקן און קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט זיך געקויפט פּאַפּיראָסן, פאַרויכערט און געוואָלט פאַרציען. נאָר דער רויך האָט אים געבּרענט אין די אויגן און גענומען דישן, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט.

און פּלוצים אַ רוי קול: „זשיד!"

אַ קאַלטע שטילקייט האָט אַ יאָג געטאָן אין דער אָנגערויכערטקייט. די געדיכטע לופט פון ביר און בראָנפן האָט זיך גענומען הוידען. פון אונטער קליינע, טעמפּע שטערנס, האָבן געבּליצט שוואַרצע אויגן. רויק און איינגעהאַלטן האָט איינער געפרעגט: „זשיד?—לאַדנאָ..." אַ מעסער האָט אַ בּליאַסק געטאָן... טישלעך האָבן זיך גענומען רוקן... גלעזער קלינגען... בּענקלעך זיך בּרעכן... שווערע טריט און טעמפּע קלעפּ... פּלייצעס האָבן זיך געקנאָטן איינע אין די אַנדערע... פיס האָבן זיך בּלייענדיק געשאַרט הין און צוריק... שיקסעס האָבן היסטעריש געקוויטשעט... עטלעכע מיושבדיקע יידן און קאַצאַפּעס, מיט שוואַרצע און רויטע בּערד, האָבן געזאָגט מוסר: אָבּער עס האָט גאָר ניט געהאָלפן. ערשט ווען בּלוט האָט זיך ריכטיק געגאָסן פון נעז און פון מיילער — האָט דאָס קײַלן זיך אויפגעהערט. דאַן האָט איינער דעם אַנדערן איבּערגעבּעטן, אַרומגענומען און זיך

געקושט. ווידער האָט איין גלעזל זיך אָנגעקלאַפּט אָן אַנדערן... יידישע ווײלע יונגען, מיט גראָבע, שוואַרצע וואָנסעס און לאַקירטע געפּאַסטע שטיוולעך, האָבן געטרונקען מיט מאַטראָזן און פּאַרט־אַרבעטער. יעדער איינער פון זיי האָט אַף אַן אַנדער אויפן אַראָפּגעשלונגען דעם שנאַפּס: איינער האָט מיט דעם בראָנפן אַזוי ווי זיך געשווענקט ס׳מויל, אים לאַנג געהאַלטן אונטער דער צונג און אים איבערגעגאָסן פון איין זייט באַק צו דער אַנדערער, איידער ער האָט אַראָפּגעשלונגען. אַ צווייטער האָט דעם קאָפּ געטון אַ וואַרף אַרונטער, כּדי דער בראָנפן זאָל זיך אַליין אַראָפּגליטשן דורכן גאָרגל. אַ דריטער האָט צוזאַמענגעצויגן די ליפּן, געמאַכט אַ שנאָבל און פּאַמעלעך, צוביסלעך געטרונקען דעם שנאַפּס. פּונקט אַזוי האָט יעדער אַנדערש אַוועקגעשטעלט ס׳ליידיקע גלעזל. איינער האָט דאָס איבערגעבליבענע ביסעלע בראָנפן אין גלעזל אַ גאָס געטאָן אַף דער פּאָדלאָגע און ס׳גלעזל אַזאַ שטעל אַנידער געטאָן אַפּן בופעט, אַז ס׳איז שיר צעשפּרונגען געוואָרן אַף פּיצלעך. אַ צווייטער האָט דעם לעצטן טראָפּן זיך אַרויפגעגאָסן אַף דער דלאָניע פון דער האַנט, אים גוט איינגעריבן און דאָס גלעזל גאַנץ פּאַמעלעך אַוועקגעשטעלט. אַ דריטער האָט דעם לעצטן טראָפּן בראָנפן אויסגעלעקט מיט דער צונג, און ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן: זאָל ער דאָס גלעזל אַוועקשטעלן אָדער נישט?...

ווידער האָבן די שיקסעס געלאַכט, געכיכיעט און געקוויטשעט ווען די מאַטראָזן און די אַנדערע יונגען האָבן זיי געקניפּט און אַרומגענומען. דער מאָלדעוואַן האָט ווידער דערציילט וועגן זיין מיידל, מ׳האָט זיך ווידער מתוכח געווען וועגן גאָט, וועגן לעבן נאָכן טויט, וועגן הייליקע, וועגן די פּערציק מאָל פּערציק צערקוועס אין מאָסקווע, וועגן פּוגאַטשאָוון און דעם באַטיושקע צאַר. ווידער האָט זיך צעשפּילט אַ האַרמאָשקע, באַלד אַ צווייטע און אַ באַס־שטימע האָט זיך צעזונגען: „דיעווקי וו׳לעס, יאַ זאַ נימי"...

נאָר מעכל איז אַוועקגעגאַנגען אין גאַנצן אַ פאַרשטומטער, די געשרייען: „זשידי" — כאָטש ער האָט זיי שוין ניט צום ערשטן מאָל געהערט — זיינען אים איצט אין האַרצן שטעקן געבליבן ווי קאַלט שטאָל. ער האָט ניט געקענט אויפהערן צו טראַכטן וועגן זיידן פון דער מיל, וועגן טאַטן און וועגן דער מאַמען. ביז איצט האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געהאַט געקלערט וועגן דעם, אַז ער איז אַ ייד. מיטאַמאָל האָט ער דאָס דערהערט אין זיך...

געדונגען אַ דירה האָט זיך מעכל באַ אַ יידישן פריזירער, אַ פריילעכער קבצן. ער האָט מעכלען געזאָט: „דאָ אין אַדעס לעבט מען ווי גאָט אין פראַנקרייך...״ אַז מעכל האָט אים דערציילט וועגן זיין פּלאַן, האָט דער פריזירער אים אַרומגעכאַפּט: „זייט איר דאָך אַ קאָלעגע!... איך האָב אויך אַמאָל געוואָלט ווערן אַן אַקטיאָר!... באַ מיר שערן און גאָלן זיך אַלע גרעסטע פּראָפעסאָרן. די דירעקטאָרן פון אַלע טעאַטערס, די אַרטיסטן — די גרעסטע לייט פון אַדעס!... איר האָט ריכטיק אַריינגעטראָפן!... ער האָט זיין לאָקאַטאָר אַלע מאָל אַריינגערופן אין „סאַלאָן״ און אים פאָרגעשטעלט פאַר זיינס אַ קליענט: „טשעסט אימעיו פּרעדסטאַוויט...״

מעכל איז אַרומגעלאָפן צו די „פּראָפעסאָרן״, צו די „גרויסע לייט״, צו וועלכער דער פריזערער האָט אים געשיקט, אַז זיי זאָלן אים העלפן, ביז ער איז געבליבן אָן שיך, און דעם צווייטן חודש שוין ניט געהאַט צו באַצאָלן דירה־געלט. דער בעל־הבית האָט אים געטרייסט: „ניטשעוואָ!״ ער האָט אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל באַ אים לערנען „פּאַריקמאַכערײַ,״ אָדער ער זאָל מאַכן „מאַראָזשענע״ און פאַרקויפן אַף די בולוואַרן, אַפן טאַלטשאָק — וועט ער פאַרדינען אַ סך געלט. ער האָט אים געזאָגט: „איך האָב דאָס אויך געטאָן, ווען איך בין געווען אַ „כאָלאָסטיאַק״ און געוואָלט ווערן אַן אַקטיאָר, „יעי באָגו!״

מעכל האָט אין אַדעס אַלץ געטאָן, וואָס ער האָט נאָר געקענט און גאָר ניט דערגרייכט. האָט ער דאָן — אַז ער האָט שוין אַנדעריש נישט געקענט — געפאָלגט דעם פריזיר: ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן אין אַדעס און שרייען אַף די בולוואַרן: „סאַכאַרנאַיע מאַראָזשענאָ!״ ער האָט באמת פאַרדינט אַ סך געלט. אָבער ער האָט עס, ווי אין וואַרשע, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אין די הויפן זינגען, פאַרהוליעט מיט „גוטע ברידער״, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט. איינער, אַ יאַקאָוו, אַ פריילעכער, מיט בלויע אייגן ווי באַ אַ ליאַלקע, און דער אַנדערער אַ פּוילער, אָן אַ שטערן און מיט ווייסע חזיר־האָר אַפן דרייקאַנטיקן קאָפּ, האָבן אים דערציילט וואו זיי זיינען שוין אַלץ געווען, און אַז איצט לאָזן זיי זיך מיט אַ שיף ווייט, ווייט... ניט לאַנג געטראַכט — האָט מעכל אַ זאָג געטאָן צו די צוויי פאַרשוינען: „עסט פון די פידלעס אַרויס...״ ער האָט זיי צוגעהאָלפן און אין אַ פערטל שעה איז פון די ליאַדעס גאָרניט געבליבן. דאָס הילצערנע וואַנעלע מיטן אייז און מיט די

פידלעס האָט ער געלאָזט שטיין אין מיטן גאַס און איז מיט די צוויי חברה־לייט אַוועק צום פּאָרט. זיי האָבן זיך אַרויפגעקראָגן אַף אַ שיף, זיך באַהאַלטן — יעדער ערגעץ אַנדערש — און געוואַרט, ביז די שיף האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען.

יג

אין דער פינצטערער באַהעלטעניש, וואו ער האָט זיך אַפילו ניט געקענט אַ דריי טאָן, האָט מעכל ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער היים, וועגן דער מאַמען און דעם טאַטן און וועגן גאַנצן שטעטל. איצט ווייסט ער אַפילו ניט, וואוהין ער פאָרט ער האָט זיך געקלאַמערט אין יעדן בילד, וואָס איז אַרויסגעשוואומען פאַר אים. דאָס קלאַפּן אונטער זיינע פיס און דאָס וואַקלען זיך פון דער שיף איז געוואָרן אַלע מאָל ריטמישער. ביז יאַקאָוו האָט אים גערופן און ער איז אַ באַפרייטער אַרויפגעגאַנגען אַפן דעק. די ליכטיקייט האָט אים געשטאָכן אין די אויגן. ער האָט זיך געבלינעט מיטן זילבער, געל און בלוי, אין וועלכן ער האָט זיך געטרונקען. די קילע לופט האָט אים מחיה געווען. ער האָט געקוקט פאַרחידושט, ניט געקענט באַגרייפן וואָס ער זעט.

דער דריטער — אין אַדעס האָט ער מעכלען געזאָגט, אַז מען רופט אים לוקאַ און אַפן פאַמיליען נאָמען הייסט ער טשוריבראוו אָדער טשוב — איז אויך צוגעקומען פון זיין באַהעלטעניש. ער האָט געזאָגט, אַז עס וועט באַלד זיין עסן: „אַלץ איז אין אָרדנונג, שוין געגעסן מיטן קוכער...!״

נאָכן עסן איז מעכל צוריק אַרויפגעקומען אַפן דעק. די זון איז אונטער־געגאַנגען. פון גאַנץ ווייט האָט זיך געזען אַ שטיקל ישוב. דאָרט איז געווען אַ געמיש פון גרינלעכע, וויאָלעטע און זילבער־גרויע פאַרבן. נאָר באַלד איז דאָס שטיק ישוב פאַרשוואונדן. בלויז אַ צאַרטער, פּערלמוטערנער, טאַנצנדיקער פלעק איז געבליבן. עס האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן די ווייסע וואָלקנדלעך פון הימל. די בלויקייט איז געוואָרן נאָך טיפער, ווייטיקלעכער, ווי דער צער פון בענקשאַפט. דער ים האָט זיך געפאַלבט און אויסגעלייכט. די כוואַליעס האָבן געשטיפט: אָט זיינען זיי געוואָרן העכער, גענומען גיין

כוואַלקעס איינע מיט דער אַנדערער, און פּלוצים זיך צוריק אַ לאָז אַראָפּ געטאָן אין דער טיפעניש מיט אַ הילכיק געלעכטער... באַלד זיינען זיי ווידער קאַפּויר, געשוואומען, זיך אָנגענומען איינע די אַנדערע, אַרומגערינגלט די שיף און גענומען קלעטערן אַף איר... טאַנצנדיק אַ כישוף־ראָד, מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען צו די פּאַסאַזשירן, האָבן זיי זיך פּלוצלינג צוריק אָפּגעלאָזט, און באַץ! ווידער פאַרשוואונדן. שפּעטער איז דער ים אין גאַנצן רואיק געוואָרן, ווי ער וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער הימל האָט מתפּלל געווען. די זון האָט זיך אַלע־מאָל מער אַראָפּגעלאָזט פון בלויען, טראָן, מאַיעסטעטיש אַראָפּגענידערט פון היכל. לייכט האָט זי באַרירט די שוואַרצע, סאַמעטענע ווייכקייט... דער ים האָט פאַר איר געעפנט די אָרעמס... אירע פלאַמיקע האָר זיינען געשוואומען אַפן וואַסער... עס האָט זיך געמישט און געמינעט: גרין, פייערדיק גאָלד, שוואַרצער פלאַקער... דאַן האָט אָנגעהויבן ווערן אַלע מאָל טונקעלער און קילער. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און די שטערן האָבן געפינקלט.

מעכלס פּנים איז דערשטוינט. זיינע גרויסע אויגן קוקן... זיי זעען ניט אַז ס'איז נאַכט... דאָס האַרץ אין אים איז פאַרגאַפט. די קעסלען — דאָס האַרץ פון דער שיף — קלאַפּן ריטמיש. די פּאַסאַזשירן זיינען נאָך דעם גאַנצן טאָג רוישן, עסן, פּלאַפּלען און אַרומהאַווען, איינגעשלאָפן. אַף איין עק שיף בליצן אַלע מאָל אויף צוויי קליינינקע פייערלעך: צוויי מאַטראָזן רויכערן און פירן שטיל אַ שמועס. די נאַכט סודעט זיך מיטן ים. די שטערן זינגען שירה.

מעכל איז געפאַנגען אין דער מיסטעריע פון נאַכט און ים, ער הערט זייער סימפאָניע. אין אים זינגט. אָבער אין כאָר פון אייביקן שעמט ער זיך מיט זיין קול און איז פאַרשטומט. ער איז טרויעריק. וואוהין פאָרט ער? נאַכט, ים, הימל און שטערן, האָבן מיט זייערע ניגונים אויפגעוועקט אַ האַרצרייסנדע בענקשאַפט אין אים. ער בענקט נאָך זיין היים, פון וועלכער ער דערווייטערט זיך אַלע מאָל מער. ער שטעלט זיך פאָר, ווי די מאַמע פלעגט זיצן באַ אים אַפן ראַנד פון בעט, ווען ער איז געשלאָפן. פון זיינע אויגן רינען טרערן און ער פרעגט זיך: „פאַר וואָס וויין איך? — וואוהין פירט מיך נאַכט אין ים?" — — —

ווידער איז אים באַפאַלן די אימה, וועלכע ער האָט ניט געקענט

פאַרשטיין. עס איז ניט געווען קיין מורא, אַז ער וועט נאָך מער לײַדן, ווי ביז איצט. דאָס האָט אים ניט געאַרט און ער האָט געוואוסט, אַז אין פּעטערבורג וועט ער זיין און דאָרט ווערן אַ גרויסער זינגער. ער האָט געזען פאַר זיך, ווי ער שטייט דאָרט אַף דער בינע אין אַ גרויסן טעאַטער און זינגט. און דערפאַר — דאָס האָט ער פּלוצים דערפילט — האָט ער זיך געשראָקן.

שטאַרק, אַלע מאָל שטאַרקער איז געוואָרן זיין בענקשאַפט נאָך דער היים. ער האָט געוואָלט, אַז די שיף זאָל גיין צוריק. דאָס איז מער ניט געווען קיין בענקשאַפט, נאָר אַ שרעקלעכער ווייטיק. ער האָט געזען פאַר זיך זיין שטעטל, די יידן פון דאָרטן, דעם טאַטנס שווייגעדיק פּנים, דעם זיידנס שוואַרצע באָרד און ווייסן שטערן, די שטילע קלוגשאַפט אין זיינע אויגן. די ווערטער: „זשיד,״ „זשידי״, וועלכע ער האָט געהערט אין טראַקטיר באַם פּאָרט, האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו בויערן אין זיין האַרץ.

„נו, וואָס הערט זיך פריינט!״ האָט יאַקאָוו, צוקומענדיק, מעכלען איבערגעריסן זיינע געדאַנקען און טרוימען. „שלאָפסט ניט? איך קען אויך ניט שלאָפן״.

מעכל האָט ניט געענטפערט.

ס׳איז צוגעקומען אויך טשוב. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט, צוזאַמענגעדרייט אין אַ בייגל, און גלייך אָנגהויבן כראָפּען.

יאַקאָוו האָט דווקא געוואָלט מיט מעכלען פאַרפירן אַ שמועס און גענומען פילאָזאָפירן: „תמיד טראַכט איך: עס איז שווער צו וויסן וואָס איז ריכטיק און וואָס ניט. און דאָס איז זייער שלעכט. דו ווייסט נישט וואָס אַזוינס איז גאָט. און דעריבער ווייסטו אויך נישט וואָס דו אַליין ביסט. אָט דאָס איז עס: דער מענטש ווייסט ניט וואָס ער איז! דאַריבער קאָן ער קיינמאָל נישט וויסן וואָס ער וויל. איך האָב שוין געלייענט אַ סך ביכער. אָבער די, וועלכע שרייבן די ביכער, ווייסן אויך גאָרנישט. זיי ווייסן נישט וואָס נשמה איז. דאָס האַרץ איז אומרואיק און מ׳פאַרשטייט עס נישט. דער קאָפּ ? — ער ווייסט נאָך ווייניקער, ער איז בלויז אַ גרויסער באַרימער״. מער האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. מעכל האָט אים נישט געענטפערט. פּלוצים האָט יאַקאָוו דערזען אָפן שפּיץ פון דער שיף זיך רירן אַ טונקעלן, אומגעלומפּערטן פּאַק און ער האָט גענומען קוקן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָרט איז... אַז ער האָט באַמערקט ווי דער אומגעלומפּערטער פּאַק

שפּאַלט זיך אין צווייען, איין העלפט פון אַנדערן טיילט זיך אָפּ און דערוווייטערט זיך, זײַנען זיינע אויגן געוואָרן ווי בײַ אַ קאַץ. דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען, ווי עס וואָלט אים ערגעץ אַ בּרי געטאָן, און איז פאַרשווּאונדן. די שיף האָט זיך געגליטשט אין פינצטערניש.

טשוּב איז מעכלען געוועזן נענטער ווי יאַקאָוו. ער האָט געקוקט אַף דעם שלאָפנדיקן ווי ער קוליעט זיך, און געהאַט אַף אים רחמנות. אָבּער ער אַליין איז אויך שוין געווען מיד און שלעפעריק. דאָס קילע ווינטל און דער ים האָבּן אים איינגעוויגט.

די נאַכט האָט אָנגעהויבּן בּלייכער ווערן. דער ים האָט זיך געוועקט. די כוואַליעס זיינען אַרויסגעקומען פון זייערע טיפענישן און אָנגעמאַכט אַ געפילדער. די פינצטערניש איז צעריסן געוואָרן און איז שטיקערווייז געפאַלן אין ים. ווי מיט אַ גרויסן פּינזל געמאָלן, האָבּן זיך בּאַוויזן גרויע פאַסן, דאָ אַ פאַס, דאָרט אַ פאַס. דערנאָך האָבּן די פאַסן זיך צוזאַמענגעהאָפטן אין איין גרויסער גרויקייט.

אָפּן ים — דאָרט וואו ער האָט זיך בּאַרירט מיטן הימל — האָט זיך בּאַוויזן אַ ראָזע פינטעלע. בּאַלד איז דאָס פינטעלע געוואָרן אַ בּורשטינענער פלעק. דער הימל איז געוואָרן בּלאַס־בּלוי. ווידער האָבּן פאַרבּן זיך געמישט. יונג פלאַמיק גאָלד האָט זיך צעשפּריצט און אָנגעצינדן אַ שטיק שוואַרצן ים. דאָרט האָט געגומען לויכטן. אַ כישוף פון פאַרבּן, אַ סימפאָניע פון קאָלירן. די זון — אַן אויסגעקושטע און אַן אויסגעשלאָפענע — האָט זיך אומגעקערט פון ימס אָרעמס. אַ געבּאָדענע, אַ גליקלעכע, אַ שמייכלדיקע ווי אַ קינד און צנועהדיק פאַרשעמט, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אַף איר שפּאַציר אין דער בּלויקייט.

מעכל איז געווען פאַרגאַפט נאָך מער ווי נעכטן, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען. נאָר יאַקאָוו איז צוגעקומען און אים גערופן עסן. דערנאָך זיינען אַלע דריי צוריקגעקומען אַפּן דעק אַרויף און געטראָפן דעם קאַפּיטאַן מיט נאָך צוויי בּאַאַמטע קאָנטראָלירן בּאַ די פאַסאַזשירן די פאַפּירן. זיך צוריק ציען און פאַרשווינדן האָבּן זיי נישט געקאָנט און זיינען אַריינגעפאַלן אין קאַפּיטאַנס הענט. ער האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן פון שיף, ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ האַפן.

יד

דער זומער האָט די פעלדער געבענטשט מיט שפע. די לופט איז אָנגעפילט מיט טייערע ריחות, די זון גליט, די פייגל טשוויטשערן. די דריי אַראָפּגעוואָרפענע פון דער שיף וואַנדערן איבער רוסישע סטעפּעס.

מעכל איז לוסטיק. ער האָט נאָך געהאַט געלט בײַ זיך און געקויפט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט: פאַר זיך אַ בייטעלע און אַ שפיצרוזגע. פאַר יאַקאָוון אַ פּאָר שעלקעס און אַ ווענדקע צו כאַפּן פיש, טשובן האָט ער געקויפט אַ גאַרמאָשקע. אַלע דריי רויכערן די בעסטע פּאַפּיראָסן. אַז יאַקאָוו פאַרליבט זיך אין אַ מיידל, גיט אים מעכל געלט אַף צו קויפן מתנות פאַר איר, צו שפּילן אין קאָרטן. ער קאָן אויך שוין שפּילן אין קאָרטן, יאַקאָוו האָט אים אויסגעלערנט, און ער פאַרשפּילט אַ סך געלט. פון יאַקאָוון האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ סך זאַכן.

די אומענדלעך ווייטע קאָרן און ווייצן פעלדער וויגן זיך ווי כוואַליעס מאַט גאָלד. עס מינען זיך די פאַרבן פון ליליאַ קוינטשיזנע, גריקע, בלויער ליאָן, ווייס בליעכץ פון קאַרטאָפליעס, געלע קוקורוזע און גרינס פון בוימער. אַ מילד ווינטל ברענגט צעטראָגן פאַר די דריי וואַנדערער אַלערליי ריחות: פון האָניק, פון זשיוויעצע, פון עפּל, פון ווײַנטרויבן פון ערד און טייך.

יאַקאָוו און מעכל האָבן דערזען כאַטעס. וואָס נענטער זיי זיינען געקומען, אַלץ מער בהמות, שעפסן, חזירים און עופות האָבן זיי דערזען זיך פּאַשען. זיי זיינען אין אַ דאָרף. אָט איז אַ ברונעם; ס'הענגט אַ לאַנגער דראַנג מיט אַן עמער. זיי זיינען געגאַנגען זוכן אַרבעט און גלייך געקראָגן, ווייל עס איז געווען שניט־צייט.

מעכל האָט ליב געקראָגן די פּויערים, זייער אָרעמקייט און די פּראָסטקייט. בײַ דעם פּויער, וואו ער האָט געאַרבעט, זיינען געווען דריי דורות. אַלע האָבן שווער געהאָרעוועט: די צוויי אַלטע לייט, צעבויגענע און צעקרומטע (דעם בעל־הבית עלטערן), ער מיטן ווייב און די קינדער, ביזן קלענסטן. אין דער כאַטע אָן אַ פּאַדלאָגע און כמעט אָן מעבל, האָבן אַלע געגעסן פון איין ערדענער שיסל און גערעדט פּראָסטע ווערטער, אַז ס'איז

ווען ער געווען שלעכט אַפן האַרצן, האָט ער געזידלט און געשאָלטן, און אויך געשלאָגן. דער איידעם און די צוויי אויסגעגעבענע זין — אַז די תאווה האָט זיך אין זיי אָנגעצינדן — האָבן זיי געלאַכט לעקישעוואַטע צו זייערע ווייבער און געפּלוידערט נאַרישע רייד, געקוקט ווי בוהייעס מיט שרפהדיקע אויגן.

נאָר אַמשטאַרקסטן איז מעכלען געפעלן אין פעלד. ער האָט געקוקט ווי די פון זון און פראָסט אָפּגעברענטע מענער, מיט שטאַרקע מוסקולן און בערד, פאָכן ריטמיש מיט די גלאַנציקע קאָסעס. די יונגע פרויען — טייל מיט פולע בוזעמס, טייל מיט שעלמישע אויגן און טייל מיט טרויעריקע, אַלע רירעוודיקע, אין ברייטע סיצינע קליידער און מיט פאַרביקע קרעטענע פאַרטשיילעס אַף די קעפּ — נעמען פלינק צוזאַמען די געשניטענע תבואה שאַרן מיט גראַבליעס, בינדן גאַרבן און דערלאַנגען זיי מיט ווידלעס אַף דראָבינאַסטע, הויכע פורן. די שטאַרקע מיידלעך נעמען באַם צוזאַמענבינדן פעסט אַרום די סנאָפּעס מיט זייערע אָרעמס און פרעסן זיי צו זייערע פולע בוזעמס. די זאַנגען קיצלען זיי אין פּנים. לאַכן זיי שטיפעריש און ווייזן זייערע ווייסע ציין.

מעכל בּרויעט אַרום מיט די שיקסעס. אַלע מאָל פּרוואוט אַן אַנדערע אים אויס אויב ער איז אַ שטאַרקער. און זאָגט אים: „לאָמיר זען צי דו וועסט מיר אַהינטערדרייען די האַנט!" ער וואַרפט זי אַנידער אַף די סנאָפּעס ווייך, זי לאַכט און קוויטשעט. ס׳קומען צו אירע חברטעס, וואַרפט ער זיי אויך אַנידער. אַלע אין איין קופּע, איינע אַף דער אַנדערער, וואַרפט אַרויף אַף זיי גאַרבן וויפל ער קאָן, ביז מ׳זעט זיי מער נישט אַרויס.

נאָר יאַקאָוו האָט צו די דאָרפס מיידלעך נישט קיין גליק, זיי מאַכן פון אים חוזק, ווען ער הויבט אָן מיט זיי צו ראָמאַנסירן אַפן גרויסשטעטישן שטייגער: „דו ביסט אַן איידלער... אַ פריץ... אַ געלערנטער אין די ביכער..."

כמעט יעדע נאַכט זיינען די דריי זיך צוזאַמענגעקומען אין פעלד. געמאַכט אַ פייער און זיך אָנועקגעזעצט דאַבּיי. יאַקאָוו האָט תמיד דערציילט אויסטערלישע מעשיות, טשוב האָט געשפּילט אַף דער גאַרמאָשקע ניגונים. מעכלען איז אויסגעקומען, ווי דער דאָזיקער שייגעץ וואָלט געוויינט זייער יאָמערלעך, געריטשעט ווי אַ שטומע חיה וועלכע קיינער פאַרשטייט נישט.

איז אים געוואָרן טרויעריק אַפן האַרצן און ער האָט גענומען זינגען טרויעריקע לידער. איז טשוב צוגעפאַלן צו דער ערד מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַרומנעמען און גערעוועט: „אַפילו קיין ווייטן קרוב האָב איך נישט! מאַרפאַ איז אַ פּאַסקודניצע! זי האָט באַ מיר צוגענומען דאָס גאַנצע געלט און מיר אָנגעשפּיגן אין מויל אַריין! באַ״ באַם ערשטן מאָל — כ׳האָב באַ דער באַן געוואָלט גנבענען אַ וואַליזקע — בין איך אַריינגעפאַלן! אין קרימינאַל האָבן אייגענע ברידער אַראָפּגעצויגן פון מיר די הויזן און אַפן נאַקעטן הינטן מיך געשמיסן! אַז כ׳האָב אַ קאָפּ אַ צעקרומטן און כניוקע ווי אַ חזיר!״

אַז עס איז געוואָרן שפּעט זענען די דריי איינגעשלאָפן אין היי.

מעכל פילט זיין פרעמדקייט אין דער ווייטער סטעפּע, כאָטש דער הימל איז אויסגעשטערנט, איז ער איינזאַם, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט. ער בענקט נאָך זיין שטעטל, נאָך דער מאַמען און נאָכן טאַטן. איין מאָל איז אים אויסגעקומען, ווי ס׳וואָלט געווען יום כיפּור בּאַנאַכט: אין שול ברענען גרויסע ליכט, יידן — אין ווייסע קיטלען און אין טליתים — בעטן, וויינען און שרייען... ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט נאָך כל נדרי בלייבן מיטן טאַטן די גאַנצע נאַכטן אין שול און שלאָפן אין היי...

טו

נאָך עטלעכע וואָכן איז באַ די פּויערים מער נישט געווען קיין אַרבעט. די טעג זענען געוואָרן אַלע מאָל קלענער און קילער. דער הימל איז געוואָרן פאַרוואָלקנטער. ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען, פּאַסקודיען. בלאָטעס, ווינטן האָבן געבלאָזן, געריסן און געוואָיעט אין דער פּוסטקייט.

ווידער האָבן די דריי זיך געשלעפּט איבער רוסישע סטעפּעס, אין צעווייקטן ליים דורך זומפּן.

מעכל האָט געקוקט מיט טריבע אויגן. זיין בענקשאַפט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, אַפן האַרצן נאָך שווערער, אין דער נשמה נאָך פינצטערער. און מיט אַמאָל איז ער געבליבן אַליין. טשוב איז אַריינגעפאַלן באַ אַ גנבה און יאַקאָוו איז פאַרשוואונדן. ס׳איז געווען באַ אַ באַן, האָט מעכל זיך

אַריינגעזעצט אין אַ צוג און איז געפאָרן קיין פעטערבורג. נאָר גלייך ווי ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון וואַגאָן, איז צו אים צוגעקומען אַ זשאַנדאַר און אים געפרעגט אַף אַ פּאַס.

„כ׳האָב נישט״.

דער זשאַנדאַר האָט אים מיטגענומען און גענומען אויספרעגן:

„ווי הייסטו?״

„מ... איוואַן... גריעב״...

„פונוואַנען ביסטו?״

„פון... קיעוו.״

„וועגן דאָס ביסטו געקומען קיין פעטערבורג ?״

„איך וויל ווערן אַ זינגער.״

„אַזוי... אַ זינגער... צו וועלכער פּאַרטיי געהערסטו?״

אַף דער דאָזיקער פראַגע האָט מעכל נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. מ׳האָט אים געשיקט אין אָכראַנע. דאָרט האָט מען אים געשלאָגן, אַריינגעזעצט אין אַ פינצטערער קאַמער איינער אַליין און אים געגעבן בלויז ברויט מיט וואַסער. אָבער נאָך צוויי וואָכן האָט מען אים צוריקגעשיקט צום זעלבן זשאַנדאַר, אַז קיין בונטאָווטשיק איז ער נישט.

„ביסטו נאָר אַ גנב״, האָט דער זשאַנדאַר אים געזאָגט, „וועט מען דיך קודם כל אָפּשיקן אַהיים, קיין קיעוו״.

ווי ער הייסט און פונוואַנען ער איז, האָט מעכל אויך אין קיעוו נישט געוואָלט זאָגן. מ׳האָט אים אַרומגעשיקט פון איין קרימינאַל אין צווייטן, פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. ס׳האָבן אים געשלאָגן די גנבים אין יעדן קרימינאַל, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין גנב, און די פּאָליציי, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן באַ דאָס זייניקע, אַז ער הייסט איוואַן גריעב, אַ פּראָוואָסלאַוונער, פון קיעוו. קיין פעטערבורג איז ער געפאָרן, כדי צו ווערן אַ זינגער אין דער אָפּערע.

די פּאָליציי האָט מעכלען סוף כל סוף באַפרייט: זי האָט איינגעזען אַז דער יונג איז נישט ביי נאָרמאַלע געדאַנקען.

טז

אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרלוירענער, האָט מעכל אַרומגעבלאָנקעט, געבעטן נדבות ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן יאוש און אָנגעהויבן פון זיך חוזק מאַכן: „איך מעכל, פון ערגעץ אַ לאָך אין פוילן, — וויל ווערן אַן אָפּעראַ זינגער!...

אַן אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער, הונגעריק און געפרוירן, אָן חשק נאָך ווייטער צו בעטלען — האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ראָג גאַס אין אַ רעגן, און געקלערט וואו ער וועט די נאַכט שלאָפן. וועגן דער היים זיינער האָט ער שוין מער נישט געטראַכט. ער האָט שוין מער נישט געבענקט נאָכן טאַטן, און אַפילו ניט נאָך דער מאַמען, ער האָט פאַרגעסן אין די יידן פון זיין שטעטל, כמעט מער גישט געוואוסט קיין חילוק צווישן יידן און נישט יידן. נאָר דאָס איינע האָט ער געוואוסט: אַז אַלע מענטשן גייען פאַרביי אים, ער שטייט אַזוי אַף דער גאַס, און איז הונגעריק.

אַזוי איז ער געשטאַנען און שוין אַפילו מער גאָרנישט געטראַכט. איז צוגעקומען צו אים אַ קאַטערינאַזש מיט אַ קאַטערינקע אַף די פלייצעס און אים געפרעגט: „דיר איז שלעכט, גאָלובטשיק? — קום מיט", איז ער מיטגעגאַנגען אין אַ שענק אַריין. דאָרט האָט דער קאַטערינאַזש אים געהייסן געבן צו עסן. אַז די גלידער האָבן זיך אים אַביסל דערוואַרעמט און האָבן שוין מער נישט אַזוי געחלשט, האָט ער זיך צעוויינט. האָט דער קאַטערינאַזש אים געזאָגט: „צו וואָס? וועסט מיט מיר מיטגיין, טראָגן די קאַטערינקע, און ווען איך וועל שפּילן, וועסטו רופן „דאָברי ליודי (גוטע מענטשן)..."

איז מעכל מיטגעגאַנגען מיטן אַלטן קאַטערינאַזש אין די הויפן און מיטן היטל אין האַנט געבעטן: „דאָברי ליודי..."

ער האָט געזונגען ווען דער אַלטער האָט געשפּילט: טרויעריקע טענער האָבן זיך געריסן פון זיין האַרץ אַרויס. נאָר עס האָבן אָנגעהויבן ווערן פרעסט, אַלע מאָל גרעסערע. דער אַלטער האָט מער נישט געקאָנט אַרומגיין אין די הויפן שפּילן, ער האָט מער נישט פאַרדינט קיין געלט. האָט ער געזאָגט צו מעכלען: „מיר וועלן גיין אין אַ דאָרף אַריין, צוועלף וויאָרסט פון דאַנען. דאָרט וועלן מיר איבערווינטערן באַ אַ גוטן מענטשן, באַ דימיטרי איוואַנאָוויטשן."

דעמאָלט, איז אַ שטאַרקער פראָסט געווען. דער ווינט האָט געריסן און געשניטן אין פּנים ווי מיט גלאָז. אַפן טראַקט האָט זיך זעלטן ווער געוויזן. ס׳איז פאַרבייגעפאָרן אַ פויער. אין סקריפּנדיק שליטן איז געווען איינגעשפּאַנט אַן אַלט, מאָגער פערדל. עס האָט אַלע מאָל אויפגעהויבן די אַראָפּהענגענדיקע אויערן, אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן פּאַרע פון די נאָזלעכער, ס׳האָט עם געשטאָכן ווי מיט נאָדלען אין דער אַלטער, אָפּגעריבענער פעל, וואָס איז פון פראָסט און שניי געווען ווי פאַרשימלט. נאָר אָט האָט זיך דורכגעטראָגן אַ טרויקע און צעשיט אַ קלינגענדיקע פריילעכקייט. דער ווינט האָט דאַרויף געענטפערט מיט אַ געהויל, אויפגעהויבן אַ שיכט פון הויך אָנגעפּאַלענעם שניי, צעשיט און געדרייט אין לופט דעם אייזיקן שטויב, אים געשמיצט קעגן אָנגעכמורעטן הימל, צוריקגעריסן און אים אַ וואַלגער געטאָן אַף זיין פריערדיק אָרט.

יז

דמיטרי איוואַנאָוויטשעס כאַטע איז געשטאַנען אַן איינזאַמע. זי איז געווען אַרומגעלייגט מיט שטיינער, מיט אַלטע שטיקער ציגל, בלעך און אַנדער אָפּפאַל. פון דערווייטנס האָט זי אויסגעזען ווי אַ הויכע, פאַרשנייטע קופּע מיסט. דאָס קליינע פענסטערל איז געווען פאַרפרוירן. די טיר איז געווען צוזאַמענגעקלאַפּט פון דינע ברעטלעך און איז ניט גוט צוגעגאַנגען. דער בעל־הבית, אַ הויכער, דאַרער כאָכאַל, אין לאַפּטשעס פון פעל און אַרומגעבונדן מיט רימענטלעך — האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב מיט אַ לאַנגער ליולקע אין שווייגנדיקן מויל. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן צווישן די שיטערע, שטעכיקע האָר אַף זיין לאַנג, אויסגעצויגן, אַשיק פּנים. אין ליימענעם אויוון האָט געברענט האָלץ. עס איז געווען הייס, כאָטש אין די ווענט זיינען געווען שפּאַרעס און דער סופיט האָט זיך געבויכט און געשפּאָלטן. אָבער עס איז געווען פינצטער. די לופט געדיכט און שטיקנדיק.

אין דער כאַטע האָבן זיך שוין געפונען פיר אַזעלכע פאַרשווינען ווי דער קאַטערינאַזש מיט זיין קאַטערינקע־טרעגער. דאָס זיינען געווען: אַן אַלטער

בעטלער מיט אַ יונג פּנים און לאַנגע גרויע האָר. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ מאָלער און זיך געהייסן רופן מייסטער. צו אים האָט געהערט אַ יונג מיידל. זי האָט אים באַדינט און אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז פאַר איר געווען הייליק. איר פּנים איז געווען נאָך קינדעריש, אָבער שוין פאַרוועלקט און געל. די אַנדערע צוויי זענען געווען: אַן אַלטע זונה און אַ שווייגער. אַז מ׳האָט אים געפרעגט ווי ער הייסט, האָט ער געענטפערט: „נומער דריי און פערציק".

דער קאַטערינאַזש האָט פאַרגעשטעלט מעכלען: „אַ גרויסער זינגער!". דער מייסטער און די זונה האָבן אים געהייסן זינגען. אָבער מעכל האָט נישט געוואָלט. אפילו דעם קאַטערינאַזש האָט ער נישט געוואָלט צוליב טאָן. באַנאַכט אָבער איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן און געזונגען, נאָר אַזוי טרויעריק... אין דער כאַטע האָבן אַלע געשוויגן: „ער זינגט!..." און פלוצים האָט מעכל אינגאַנצן אויפגעהערט צו זינגען, אפילו באַנאַכט אין דרויסן. ער האָט אויפגעהערט צו עסן, צו רעדן. די אַלטע זונה האָט אים פיינט געקראָגן: „ער איז אַ שלעכטער!" זי האָט אים געשלאָגן. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, טרויעריקע אויגן.

„ער איז קראַנק!" האָט אַגאַשאַ — דאָס יונגע מיידל — געזאָגט צו איר „מייסטער" און אים געפרעגט וואָס זי זאָל טאָן. זי איז צו אַלע אין דער כאַטע געווען פול מיט רחמנות, און צו מעכלען איז זי געוואָרן ווי אַ שוועסטער ווי אַ מאַמע.

דער „מייסטער" האָט געענטפערט זיין „טאָכטער", ווי ער האָט זי גערופן: „דער זינגער — ער איז אַ גרויסער זינגער! — געפינט זיך צווישן צוויי שטערנס, איינער אַ מזלדיקער און דער צווייטער אַ בלוטיקער!"

דער ווינט האָט די גאַנצע נאַכט אַזוי געריסן, אַז אַלע האָבן געמיינט די כאַטע פאַלט איין. אַז ס׳איז געוואָרן טאָג זיינען אַלע אויפגעשטאַנען און זיך געלויזט. נאָר מעכל איז געבליבן ליגן. אַגאַשאַ איז געווען די ערשטע לעבן אים. זי האָט אַף אים געקוקט און געוויינט. ער איז געווען בלאַס און האָט געציטערט. פאַרנאַכט איז אים נאָך ערגער געוואָרן. ער האָט געגליט.

אַגאַשאַ האָט צוגערופן דעם מייסטער צו דער קופּע שמאַטעס, אַף וועלכער מעכל איז געלעגן, און אים ווידער געפרעגט: „וואָס זאָל מען טאָן?"

„גאַרנישטו!״ האָט דער „מייסטער״ געענטפערט. „דער זינגער איז קראַנק, זייער קראַנק! איך זע דאָס לויט די שטערן. אָבער ער וועט געזונט ווערן, ווייל מנצח זיין וועט דער גוטער שטערן, און נישט דער בלוטיקער!״ ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מעכלען און אַריינגעשריגן אין אים: „און דו, גרויסער זינגער! דו זאָלסט געזונט ווערן! הערסטו?!״

מעכל האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער אַלטער האָט געשריגן. ער האָט געגלאָצט מיט די אויגן. באַנאַכט האָט ער נאָך שטאַרקער געגליט, געקריצט מיט די ציין און אַלע מאָל אַ ריטש געטאָן ווי אַן אָקס. עס האָט זיך קיינער נישט געלייגט שלאָפן, אַלע זענען געשטאַנען אַרום דער קופּע שמאַטעס און געקוקט ווי דער קראַנקער שרפהט.

אַגאַשאַ האָט נישט אויפגעהערט אַריינצורעדן אין מעכלען, ווי זי וואָלט כסדר תפילה געטאָן: „דו וועסט געזונט ווערן... דו וועסט געזונט ווערן... מיין מייסטער האָט געזאָגט, אַז דו וועסט געזונט ווערן...״

אין דרויסן האָט געבריענט דער פראָסט. דער ווינט האָט געריסן און אַריינגעבלאָזן דורך די שפּאַרעס. אַלע, חוץ דער „מייסטער״, האָבן מיט זייערע שמאַטעס פאַרשטעלט די לעכער. דער בעל־הבית פון דער כאַטע האָט מעכלען געפרעגט אויב ער וועט טרינקען בראַנפן אָדער עסן קאַלבאַס. ער וועט שוין שאַפן... אַז מעכל האָט אים ניט געענטפערט, האָט ער אין אויוון אַריינגעשטעלט אַ גרויסן טאָפּ וואַסער און געזאָגט: „כ׳וועל דעם קראַנקען מאַכן הייסע קאָמפּרעסן און איינרייבן מיט שניי. מיין אַלטע האָט תמיד אַזוי געטאָן אַז ס׳איז מיר עפּעס געווען. בלוקאַ, די אַלטע זונה, האָט צעריסן אירס אַ ברודיק העמד און געגעבן דעם כאַכאַל אָף צו מאַכן קאָמפּרעסן. אַגאַשאַ האָט געגעבן איר וואָלן שאַלעכל. אַלע דריי האָבן זיך געפּאָרעט. נאָר איינרייבן מיט שניי האָט דער „מייסטער״ ניט געלאָזט. דער קאַטערינאַזש איז געווען פאַרזאָרגט. אַז ס׳איז טאָג געוואָרן, האָט ער אַרויס־גענומען פון קעשענע אַ האַלבן רובל און געזאָגט: „געפונען בא מיר! ווער וויל גיין קויפן עפּעס גוטס פאַרן קראַנקן?״

קלוקאַ איז אין דעם שרעקליכן פראָסט, אינעם שניי און רייסנדיקן ווינט, געגאַנגען, מיטן האַלבן רובל, די צוועלף וויאָרסט אין שטאָט אַריין. נאָר צוריקגעקומען איז זי ערשט אָף דעם פערטן טאָג. שפּעט באַנאַכט האָט זי אויפגעפּראַלט די טיר און אַריינגעקומען זינגענדיק: „ווען איך האָב מיך

פאַרליבט אין מיין טייערן... געוועזן אַ פּאַלקאָווניק... ס'האָט דער טאַטע מיך אַרויסגעטריבן פון דער היים... עי, געוועזן בין איך אַ בליאַד... כ'האָב געהאַט אַ מיידעלע אַ שיינס... אַזאַ פּיצינקעס...כ'האָב עס אַריינגעגעבן אין פּריוט... פינף רובל אַ חודש נישט געהאַט צו באַצאָלן... געקומען אַ רייכע מאַדאַם און געגעבן צוויי הונדערט רובל... צוויי הונדערט רובל... זי האָט צוגענומען מיין קאַטיושקאַ... טאָר נישט זען מיין טעכטערל... ס'האָט געזייגט מיין ברוסט... אָט די ברוסט... מיטן קליינעם שנוביקל — געזויגן... בין איך געגאַנגען אין גאַס און געטראָפן אַ פעלד־פעבל... געגעבן אַ פּאָלטיניק... אַ גענעראַל פאַר אַ גאַנצער נאַכט געגעבן צען רובל... ערלעך פאַרדינט... געקויפט דריי פלאַשן שאַמפּאַניער!... און קאָנפעקטן... פּאַפּיראָסן...פאַר דיר, בעל־הבית, וואָדקאַ... זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן... האָסט נישט קיין ווייב — קום צו מיר... זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַף מעכלען און אים געריסן די הויט. „נאָך נישט טויט?... שטאַרב!... אין שטאָט איז פריילעך... העי, שאַמפּאַניער!... און דו אַלטער שלעפער!... שפּיל אַף דער קאַטערינקע!... איך וויל טאַנצן!... און דו זינג זינג!... וואָלגע, וואָלגאַ...

אַגאַשאַ האָט געריסן די שיכורע קלוקאַ פון מעכלען: „טייערינקע... ער איז קראַנק"...

די שיכורע זונה האָט גענומען פּאַטשן אַגאַשאַן: „דו ביזט אַ בליאַד גלייך מיט מיר! נאָך אַן ערגערע! מיט וועמען שלעפּסטו זיך אַרום? מיט יענעם אַלטן, וואָס מאָלט מענטשעלעך און וואָלט צען מענטשן געלאָזט שטאַרבן פאַר איין שטיקל פּאַפּיר אַ אָנגעפּאַטשקעטס! פרעג אים אויב ער וואָלט אַן אָרעמאַן געשענקט אַזאַ געקלעקעכץ! טויזנט רובל זאָל מען אים געבן פאַר אַזאַ שטיקל פּאַפּיר! ער איז אַ ליגנער! זאָגט אַז ער ווייסט אַלץ, רעדט פון שטערן און ווייסט גאָרנישט! „מייסטער" רופסטו אים! זאָלסט אים ליבערשט אָוועקוואַרפן! ער טויג דאָך שוין צו גאָרנישט מער!" זי האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז שאַמפּאַניער און עס געשטופּט מעכלען אין מויל אַריין: „טרינקען!"

מעכל האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געשלאָגן יעדן וואָס איז צו אים צוגעקומען און געשריגן: כ'וויל נישט ווערן קיין זינגער!"

„טרינקען! די שיכור'טע האָט נישט אויפגעהערט צו שטופּן דעם קראַנקן און מויל אַריין: „טרינקען" ער האָט געוואָרפן דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, זיך

פאַרכלינעט און זיך אָפגעגאָסן מיט שאַמפּאַניער. אָבער זי האָט אים ניט אָפּגעלאָזט: „אין דיין טאַטן אַריין! ס'גאַנצע גלאָז מוזטו אויסטרינקען!" זי האָט זיך אַרויפגעשטעלט אַף אים מיט אַ קני, מיט איין האַנט האָט זי אים געהאַלטן בּאַ די האָר און מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי אים ווייטער געשטופּט דאָס גלאָז אין מויל אַריין: „אין דיין מאַמען אַריין!" ער האָט צעבּיסן דאָס גלאָז, זיך צעשניטן די בּרוסט, אַז דאָס בּלוט האָט גערונען פון אים.

אינדערפרי איז דער קאַטערינאַזש אַוועק מיטן שווייגנדיקן אין וואַלד אַריין און געבּראַכט האָלץ. זיי האָבן געהייצט וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט.

מעכלען האָט זיך פאַרנאַכט געדאַכט, אַז ער שטייט אַף אַ בּינע און געזונגען: „ממקומך מלכנו תופיע..."

דאַן האָט ער געשפּילט אין „כינקע פינקע:" „מיינע הערשאַפטן... ווילט איר מיין מיינונג..."

ער האָט גערעדט פון היץ: „בּראַוואָ!... בּראַוואָ, הער שטערן!"... פּלוצים האָט ער גאָר צעשריען: „טראָמפּייטן — שאַל!... אָנצוהויבן די מלחמה איז'ס אַ סיגנאַל!"... דערנאָך איז ער שטיל געוואָרן און געבּליבן ליגן ווי פאַרחלשט. אַלע האָבן זיך דערשראָקן פאַר זיין אויסזען. דער „מייסטער" האָט געזאָגט, אַז עס איז דער קריזיס. אַגאַשאַ האָט געהאַלטן די הייסע, האַנט פון קראַנקן בּאַ אירע ליפּן און זי געקושט: „דו וועסט געזונט ווערן... מיין מייסטער האָט געזאָגט, אַז דו וועסט געזונט ווערן..." זי האָט מעכלען געגעבן אין מויל אַריין אַלע מאָל עפּעס אַנדערש: טיי, מילך, שאַמפּאַניער. דער צעבּראָכענער נאָפט לאָמפּ האָט געקאָפּטשעט. מעכל האָט געקרעכצט: „מאַמע... מאַמע... ווייַן נישט..." פּלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געוואָלט אַרויסשפּרינגען און געשריגן: „פּעטערבּורג!... פּעטערבּורג!..."

אַגאַשאַ האָט אַ פאַרצווייפלטע אַרומגעהאַלטן מעכלען און תפילה געטאָן „האָספּאָדי פּאָמילוי..."

אין דער כאַטע איז אַ ווײַלע געווען שטיל. אָבער די זונה איז אויפגעשפּרונגען און גענומען אַרומבּרויען. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם קאַטערינאַזש און אים געטרייסלט, „שפּיל", דער אַלטער האָט געמוזט פאָלגן.

זי האָט צוגעזונגען, אַרומגעכאַפּט דעם בעל־הבית, דעם „שווייגער“, געשאָלטן און געזידעלט דעם „מייסטער“ און אַגאַשאַן.

דער ווינט האָט געריסן די כאַטע און געוואָיעט.

ס'איז שוין געווען זייער שפּעט. אַלע האָבן זיך אויסגעצויגן אַף דער ערד און זיינען איינגעשלאָפן. חוץ אַגאַשאַ: זי איז געבליבן זיצן לעבן מעכלען. צו מאָרגנס איז ער געווען בלאַס און פאַרענדערט. אַלע האָבן געמיינט אַז ער איז טויט. אָבער אים האָט פון דעם טאָג אָן אָנגעהויבן בעסער ווערן.

אַז די פרעסט האָבן אויפגעהערט איז מעכל ווידער אַרומגעגאַנגען מיטן אַלטן קאַטערינאַזש אין שטאָט איבער די הויפן. דער אַלטער האָט געשפּילט אַף דער קאַטערינקע און ער האָט געזונגען. איינמאָל האָט מען אים גערופן פון אַ פענצטער: „מאַלטישקע! קום אַרויף צו מיר!“ דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ שפּיציק בלאָנד בערדל. מיט אַ שאַרפער נאָז און מיט גאָלדענע ברילן אַף איר. ער האָט מיט מעכלען לאַנג גערעדט, אים אויסגעפרעגט, און דאַן אים געזאָגט: „ווילסט פאָרן קיין פעטערבורג אין קאָנסערוואַטאָריום אַריין? — דאָרט וועסטו ווערן אַ גרויסער זינגער, מיין ברודער וועט דיר העלפן.“

מעכלס פּנים האָט זיך פאַרענדערט. זיינע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן.

דריטער טייל

יח

דער פּראָפעסאָר צו וועמען מעכל האָט געהאַט אַ בריוו, האָט אים געזאָגט, אַז פאַרן לערנען וועט ער נישט דאַרפן צאָלן: עס וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג. ער האָט אים געגעבן אַ בריוו צו אַ יידישן קאָמיטעט.

דאָס מיידל, וועמען מעכל האָט איבערגעגעבן דעם פּראָפעסאָרס בריוו, האָט אים באַזאָרגט מיט אַן אָרט, וואו ער זאָל קאָנען עסן און שלאָפן אָן געלט.

דאָס איז געווען באַ דער רייכער אלמנה ליזאַוועטאָ מאַקסימאָוואָ, ווי עס האָבן זי גערופן אירע נאָענטע. פאַר אַנדערע האָט זי געהייסן מאַדאַם שמולעוויטש. זי האָט מעכלען אָפּגעגעבן אַ שיין צימער צום וואוינען. ער האָט געגעסן באַ איין טיש צוזאַמען מיט איר און אירע צוויי קינדער, אַ זון און אַ טעכטערל.

מעכלס לעבן האָט זיך אין פּעטערבורג איגאַנצן געענדערט. ער איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער. דערוויל איז ער נאָך געווען שוואַך און האָט אויסגעזען שלעכט. זיין גאַנץ פריערדיק לעבן איז אים איצט אויס־געקומען ווי אַ קנויל שרעקלעכע חלומות, זייער שטאַרק איינגעקריצט אין אים.

די בוימער אין פּעטערבורג האָט אָנגעהויבן גרין ווערן.

מעכל האָט זיך געפילט פרעמד אין זיין ניי לעבן. באַם טיש האָט ער געוואָלט זיין לייטיש און געגעסן ווייניק און פאַמעלעך, כאָטש ער איז נאָך געווען שטאַרק אויסגעהונגערט. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסלערנען ריכטיק האַלטן מעסער און גאָפּל: ער האָט אַלץ געמאַכט פאַרקערט. באַ אַ שמועס אין דעם רייכן הויז זיינען זיינע אויגן געוואָרן ווי צוויי ליידיקע גלעזער וואָס וואַרטן מ'זאָל זיי אָנפילן...

אין דעם רייכן הויז האָט מען געפּראַוועט אַלע מאָל אַן אַנדער שמחה: געבורטסטעג, אַלערליי יום־טובים און מ׳האָט גלאַט אַזוי פאַרבעטן געסט און זיך געוויילט. ס׳איז געווען פריילעך, מ׳האָט געלאַכט און גערעדט אַלץ. מאַדאַם שמולעוויטשעס שוואָגער, גאָספּאָדין ראַבינאָוויטש, האָט געוואוסט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער פּאָליטיק. נאָר די פרויען — און צומייסטנס די מאַדאַם פיינמאַן — האָבן אים שטענדיק געבעטן, אַז ער זאָל גלייכער דערציילן וועגן די נייע דערפינדונגען אין דער טעכניק.

„זאָגט, פּאַזשאַלוסטאַ, דאָראָגאָי איסאַק דאַווידאָוויטש! איר זענט דאָך אַן אינזשעניר! ווען וועט מען שוין קענען מאַכן אַ רייזע מיט אַן עראָפּלאַן איבער אייראָפּע?״

דאַריאַ זאַכאַראָווּאַ האָט דערציילט וועגן אַ נייעם פראַנצויזישן ראָמאַן און וועגן טאָלסטאָיס לעצט ווערק: „זייער אינטערעסאַנט! ס׳איז וועגן אַ ליבע צווישן אַ יונגער מאַרקיזן און אַ פאַרברעכער. דער סוף איז שרעקלעך טראַגיש.״

איניטשקאַ, דער בעל־הבית׳טעס טעכטערל, האָט געהאַלטן זייטיק דאָס קעפּל מיט די לאַנגע, בלאָנדע צעפּ און זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מאַרקיזן פאַרליבט זיך אין אַ פאַרברעכער, און האָט געפרעגט: „ווי אַלט איז געווען די מאַרקיזן?״

— נאָך זייער יונג — האָט דאַריאַ זאַכאַראָווּאַ געענטפערט.

— האָט זי געוואוסט, אַז ער איז אַ פאַרברעכער?

— זי האָט יאָ געוואוסט און ניט געוואוסט.

— און וואָס האָט ער איר געטאָן?

אַלע האָבן בײַ דאַריאַ זאַכאַראָוואַס ענטפער אויסגערופן: „ווי שרעקלעך!״

אין איניטשקאַס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

מאַדאַם שמולעוויטש האָט געבעטן מ׳זאָל ריידן וועגן עפּעס אַנדערש. זי האָט דער טעכטערל געגעבן אַ קוש אין קליינעם רויטן מיילכל און איר געזאָגט: „אין די ביכער איז אַלץ אויסגעטראַכט!״

קאַטינקאַ האָט דערציילט וועגן אַ קאָנצערט, צו וועלכן זי איז געווען, און אַז מאָרגן גייט זי אין „מאַריאַנסקי״ צו „מאַדאַם באָטערפליי״. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעכצן. אָבער זי איז שוין געווען דריי

יאָר נאָך דער חתונה (צוויי יאָר האָט זי שוין נישט געלעבט מיט איר מאַן). זי איז געווען אַ קליינע אַ צאַרטע. אַ בלאָנדע. זי האָט די גאַנצע צייט גערעדט פון ספּיריטואַליזם. וועגן קלויסטערס וועגן הייליקע און וועגן דאָסטאָיעווסקי. געווען איז זי אַ שעמעוודיקע.

אַלגאַ קאַרסאָווינאַ האָט דערציילט וועגן אַ ניי קלייד און וועגן דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין צאַרסקאָיע סעלאָ: „די גרעפין אַלעקסאַנדראַ איז אַוועק קיין אויסלאַנד מיט אַ פּאָלקאָווניק.״

איניטשקאַ האָט ווידער פאַרלייגט דאָס קעפּל אָן אַ זייט און זיך ווידער צוגעהערט צו יעדן וואָרט.

מאַדאַם שמולעוויטש האָט געפרעגט הער קאַפּלאַן אויב ער ווייסט וועגן דער נייעס וואָס עס איז פאָרגעקומען באַ די ציוניסטן אין אויסלאַנד.

הער קאַפּלאַן האָט וועגן דעם דערציילט: „אין די ענגליש פּאָליטישע קרייזן באַשעפּטיקט מען זיך איצט זייער שטאַרק דערמיט. מאַקס נאָרדוי איז אַ געניאַלער מענטש! ער האָט געשריבן: „איך טראָג דאָס יידישקייט ווי אַ צירונג אין מיין האַרצן!״

עטלעכע פרויען האָבן פאַרטוישט נאָרדויס באָרד מיט הערצלס און אויסגערופן: „ער האָט אַ הערלעכע באָרד!״

מאַדאַם שמולעוויטשעס זון האָט געפרעגט: „ווייסט איר שוין דעם נייעם וויץ פון נחום סאָקאָלאָוו? ער האָט דערציילט דעם וויץ און אַלע האָבן געלאַכט.

ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוואַס בלוילעך־גרויע אויגן האָבן געלויכטן. זי האָט די געסט געוויזן דעם טעכטערלס אַ ניי בילד, וואָס זי האָט געמאָלן, און געפרעגט זייער מיינונג: „איז דאָס ניט אַן אמתע קונסט־ווערק ?״ אַז עס איז געוואָרן זייער שפּעט האָט זי דאָס טעכטערל געשיקט שלאָפן און זיך געווענדט צו די געסט: „מיינע ליבע און טייערע! איך מוז ווידער האָבן געלט פאַרן קאָמיטעט. כאָטש טויזנט רובל! די נויט איז זייער גרויס!״

מאַדאַם פיינמאַן האָט געפרעגט דעם הער קאַפּלאַן וואָס זיין פרוי שרייבט פון איטאַליע.

„זי שרייבט ווי הערלעך דאָרט איז. נאָר באָביק איז קראַנק געוואָרן.״

דער בעל־הבית'טעס זון האָט אויסגערופן: „באָביק איז קראַנק?!״ ער האָט זיך גענומען אויספרעגן וועגן דעם הינטל.

מאַדאַם גינדינאַ האָט גערעדט וועגן דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק און וועגן די נייע פּראָבלעמען אין דער ליטעראַטור און אין דער ליבע. מ׳האָט דיסקוטירט.

מעכל האָט מיט אַלע זיינע חושים זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן. יעדעס וואָרט איז אים אויסגעקומען ניי, קלוג, נאָר תמיד — ווען ער איז געווען בא זיך אין צימער — האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס זעלבע שוין געהאַט געהערט פון די זעלבע מענטשן. מ׳האָט אים עטלעכע מאָל שוין געבעטן אַז ער זאָל זינגען. מ׳האָט אים געוואָלט אַריינציען אין אַ שמועס, געבעטן ער זאָל עפּעס דערציילן פון זיין לעבן, מ׳האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זיין שטימע, אין וועלכן גימנאַזיום ער האָט געלערנט, אָבער ער האָט תמיד געשוויגן. נאָר איינמאָל האָט מען אים ניט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט געמוזט זינגען. ער האָט געזונגען רוסישע לידער, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט אַרומוואַלגערנדיק זיך איבער רוסלאַנד. פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען די אָרימע, דערשלאָגענע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אין זיין לעבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. די פּויערים, די סטעפּעס, די גאַנצע נויט און פּיַין מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגעזאַפּט. ער האָט געהערט רוישן די וואָלגאַ, זיך דערמאָנט אינעם זון־אינטערגאַנג אַפן שוואַרצן ים און פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך, פאַר וועמען ער זינגט.

די געסט האָבן נאָך אַלץ איינגעהאַלטן דעם אָטעם, כאָטש ער האָט געהאַט געענדיקט. ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוואַ האָט אַזש געהאַט טרערן אין די אויגן. דאָך האָבן כמעט אַלע געוואָרט אַף דער מיינונג פון מאַדאַם גינדינאַ. אָבער זי איז געבליבן גאַנץ קאַלט. זי האָט מעכלען געבעטן, אַז ער זאָל זינגען עטלעכע אַריעס פון איטאַליענישע מייסטער.

מעכל האָט זיך געפילט ווי אַ געפאַנגענער בער. נאָר די בעל־הביתטע האָט אים געראַטעוועט: זי איז צו אים צוגעגאַנגען און מוטערלעך געפרעגט אויב ער וויל נישט גיין שלאָפן: „איר זעט אויס זייער מיד. מיר וועלן אייך אַנטשולדיקן.״

די געסט האָבן אַלע צוגעשטימט, זיך געזעגנט מיט אים און אים געדאַנקט פאַרן גרויסן פאַרגעניגן וואָס זיי האָבן געהאַט פון זיין זינגען.

אַז מעכל איז אַרויסגעגאַנגען האָט מאַדאַם גינדינאַ אַרויסגעזאָגט איר מבינות וועגן זיין זינגען: „עס פעלט אים טיפקייט.״ די בעל־הבית׳טע האָט

זיך אָנגעגומען פאַרן זינגער און געטענהט: „אויב דער פּראָפעסאָר גראָוו האָט געשריבן וועגן אים אַזאַ בריוו צום קאָמיטעט, מוז ער זיין גאָר אַ גרויסער זינגער!״ נאָר וועגן דעם האָט מאַדאַם גינדינאַ געשמייכלט.

דער בעל־הבית׳טעס זון, דער יונגער באַרין, ווי מ׳האָט אים גערופן, האָט טריאומפירט: „דער פּוילישער בחור וואָלט גלייכער באַדאַרפט ווערן אַ בעל־מלאָכה, אַ שניידער אָדער אַ שוסטער! אָבער מיין מאַמע — זי וואָלט אַפילו דאָס הויז אים אויך אַוועקגעגעבן!״

יט

מעכל האָט זיין יידישקייט שוין כמעט איגאַנצן פאַרגעסן. נאָר הערנדיק ריידן אין דעם רײַכן הויז פון מאַדאַם שמולעוויטש וועגן „סינאַגאָגע,״ „סובאָטאַ״, פּאַסכאַ״, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט בערד און פּיאות, אין שול, דאַוונען, און... אַז ער איז אַ ייד. אָבער דאָס יידישקייט באַ מאַדאַם שמולעוויטש אין הויז איז אים אויס־געקומען פרעמד. ער האָט געקוקט אַף די קליינע מזוזה׳לעך אין די גלעזערנע רעדלעך באַ די טירן, באַהאַלטן אונטער זילבערנע שיידלעך, אַז מער ווי דריי פּיצינקי אותיותלעך זאָל מען נישט אַרויסזען. דאָס ליכט בענטשן פרייטיק צונאַכט פון מאַדאַם שמולעוויטש אין אים אויסגעקומען אויסטערליש. אין אַ ראָזע קלייד, שטאַרק אויסדעקאָלטירט, מיט אַ סך צירונג, די האָר צוגעפאַרבט און שטייף פאַרקעמט — האָט זי מיט האַרטן רוסישן אַקצענט געמאַכט די ברכה „להדליק נר של שבת״ איבער די צוויי דיקע ליכט און די קליינע גאָלדענע לייכטערלעך, און געזאָגט דעם טעכטערל „גוט שבת״! איניטשקאַ, געפּיעשטשעט און געלאַנגווייליקט אין בלוי זיידענעם קליידל אָן אַרבל און מיט גאָלדענע האָר ווי אַ פּרינצעסן, האָט זיך פאַר יוצא וועגן צעקושט מיט דער מוטער. דערנאָך איז דער זון געקומען פון קאַנטאָר, אויך געזאָגט „גוט שבת!״ געטאָן דער מוטער אַ קוש אין האַנט און זיך געזעצט צום טיש. דאָס גאָלד און זילבער האָט קאַלט געלויכטן. די אויסגעשלייערטע דינסט האָט אַריינגעבראַכט די פיש.

פאַר מעכל׳ס אויגן איז געשטאַנען זיין מאַמע, ווי זי האָט פרייטיק צו

נאַכט געבענטשט ליכט. איר איידל פּנים האָט געלויכטן פון בלאַסקייט. אין די צניעות׳דיקע אויגן האָט די בענקשאַפט געפינקלט מיט מאַמע, פרומע פייערלעך, מיט ציטערדיקער כלה־ליבשאַפט, אין חופּה־טאָג. אירע ווייסע, פאַר׳חלומ׳טע הענט, מיט דינע בלויע אָדערלעך, האָבן דריי מאָל אַרומגעקרייזט די ברענענדיקע ליכט אין די מעשענע, אָפּגעפּוצטע לייכטער, ווי זי וואָלט די פייערלעך געוואָלט אַרומנעמען און זיי צודריקן צו איר האַרץ, דאַן האָט זי מיט די הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און איר גוף האָט געצוקט אין אַ שטילער תּפילה. דער טאַטע איז געקומען פון דאַוונען. מיט שטילער פרייד און ליבשאַפט אין זיינע געטרייע אויגן געזאָגט מיט איידעלן קול שלום־עליכם געמאַכט קידוש, זיך געוואַשן, און באַם עסן געזונגען זמירות. די אָרימקייט איז פאַרשוואונדען: זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין הייליקער חדווה. דאָס האָט מעכלען ווידער דערמאָנט אָן די פּשוטע מענטשן, פון וועלכע ער איז אַרויסגעקומען, און ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו דער נייער סביבה און צום נייעם לעבן.

ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוואַ האָט געזען, אַז דער זינגער ליידט, ער זעט אויס דערשלאָגן. זי האָט אים געקעכלט. איינמאָל האָט זי אים געפרעגט, וואָס אים איז: „בענקט ער אַזוי שטאַרק אַהיים?״ ער האָט איר נישט געענטפערט. אָבער דער בלאָנדזשענדיקער בליק אין זיינע אויגן האָט אויפגעשיינט. זי האָט אים מאַמעדיק אַ גלעט געטאָן איבער אָן אַקסל. אַ כוואַליע וואַרימקייט האָט אַ שטראָם געטאָן אין אים. זיינע הענט האָבן געוואָלט אַרומנעמען די גוטע מאַדאַם שמולעוויטש. אָבער זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַפן קליינעם, ליליאַ־זיידענעם קאַנאַפּקעלע און מעכלען דערציילט וועגן איר לעבן: „עס איז נישט אַזוי גרינג מיין לעבן ווי מען מיינט. מיין זון האָט אַ סך חסרונות איבערגענומען פון זיין גאָטזעליקן פאָטער; אָבער ער איז נישט אַזוי שלעכט ווי עס קאָן זיך דאַכטן.״

מעכל האָט דערפילט, ווי זי וויל אים זאָגן, אַז ער קען בא איר לענגער נישט בלייבן, ווייל דער זון וויל עס נישט, נאָר עס איז איר שווער, דאָס צו זאָגן.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אָבער די גוטע ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוואַ האָט זיך אין דער זעלבער רגע איבערגעלייגט, אַז זי וועט ניט אין גאַנצן

פאָלגן דעם זון, און זי האָט מיט מעכלען ווידער אָנגעהויבּן ריידן וועגן איר לעבּן:

„מיינע גאָטזעליקע עלטערן זיינען נישט געווען קיין רייכע, דער טאַטע איז געווען אַ פּרומער, געפירט אַ קליין מאַנופאַקטור געשעפט אין יעקאַטערינאָסלאַוו. די מאַמע איז געווען אַ גרויסע חכמת. מען האָט מיך דערצויגן ווי אין יענער צייט. צו אַכצן יאָר האָט מען מיך חתונה געמאַכט. מיין לעבּן מיטן מאַן...״

זי האָט אויפגעהערט, זיך געכאַפּט, אַז דער יונגערמאַן איז דאָך נישט אַזאַ היימישער, און זיך ליבּערשט גענומען ריידן מיט אים וועגן די מענטשן, וועלכע קומען צו איר אַריין.

„די מאַדאַם גינדינאַ איז אַ זייער אינטעליגענטער מענטש מיט גרויס וויסן און זייער אַ קריטישע. זי רעדט פראַנצויזיש און ענגליש ווי רוסיש. מיטן מאַן האָט זי עלף יאָר נישט געלעבּט, ווייל זיי פּאַסן זיך ווייניק צוזאַמען. אָבּער איצט וואוינען זיי אין זעקס צימערן מיט אַ קיך אין אַ זייער רייכער גאַס. דאָראַ זאַכאַראָוואַ איז אַ בּיסל אַ לייכטזיניקע, אָבּער זייער אַ ווארילע פרוי און לעבּט מיט איר מאַן גאַנץ גוט, כאָטש... נו, איך האָט נישט ליבּ יענעם צו בּאַריידן — מיר זענען אַלע נאָר מענטשן. נאָר קאַטינקאַ—די בּלאָנדע, אַף וועלכער איר האָט געזאָגט אַז זי זעט אויס ווי אַ פאַרבּלאָנדזשעטער שטראַל פון דער לבנה אין וואַלד — איז זייער אומגליקלעך. זי איז אַ קריסטן און געהערט אַפילו נישט גאַנץ אין מיין הויז. אָבּער איך האָבּ זי ליבּ, זי איז אַ רעטעניש...

עטלעכע טעג נאָכן דאָזיקן שמועס האָט די דינסט מעכלען געזאָגט, אַ די מאַדאַם האָט איר געהייסן אים איבּערגעבּן, ער זאָל דערווייל — בּלויז אַף עטלעכע וואָכן — זיך אַראָפּציען אונטן, ווייל דער יונגער בּאַרין מוז איצט האָבּן דאָס צימער.

מעכל האָט געקראָגן אַ קליין שטיבּל אין קעלער. געגאַנגען איז ער שוין דורך דער הינטער־טיר, נישט דורך דער פּאַראַדנער. מ׳האָט אים מער ניט גערופן צום טיש עסן. מ׳האָט אים דאָס עסן אַראָפּגעשיקט אונטן. ער האָט עס נישט געקענט אַראָפּבּרענגען: דער האַלדז איז אים געוואָרן ווי צוגעשלאָסן. די מאַדאַם שמולעוויטש האָט ער איצט זעלטן געזען. אַז ס׳האָבּן זיך אָנגעהויבּן די היצן איז מעכל אין דעם גרויסן הויז געבּליבּן אַליין מיט די

דינסטן. ער האָט געקלערט פון אַרויסציען זיך, באַשלאָסן ליבערשט צו הונגערן ווי אַמאָל. אָבער ער איז דאָך געבליבן וואוינען און אויפגעגעסן וואָס מ׳האָט אים אַראָפּגעבראַכט. ער האָט זיך געזידלט: „כ׳בין אַ שנאָרער!" ער האָט באַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען ער וועט פאַרדינען געלט, וועט ער דער מאַדאַם שמולעוויטש באַצאָלן פאַר אַלץ, וואָס ער האָט אין דעם הויז געגעסן. גלייך האָט ער אַרויסגענומען אַ ביכעלע פון קעשענע און געמען אַלץ פאַרשרייבן: וויפל וואָכן ער האָט געוואוינט אויבן, וויפל אונטן.

נאָר אָט איז מאַדאַם שמולעוויטש צוריק געקומען פון קרים. זי איז אַראָפּגעקומען צו מעכלען אין קעלער. דערזעענדיק ווי שלעכט ער זעט אויס, האָט זי אים ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין און געוואָרן אַביסל נערוועז. אָבער זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, אים געפרעגט ווי עס גייט אים, און געלויבט דאָס צימערל:

„עס איז זייער ליכטיק דאָ, לופטיק — זייער שיין!"

זי האָט אים אויסגעפרעגט, אויב די דינסט האָט אים יעדן טאָג אַראָפּ־געבראַכט עסן, און אים אָנגענומען אונטערן אָרעם:

„קומט וועלן מיר זיך אָוועקזעצן אין גאָרטן."

זי האָט אים געפירט, ווי ער וואָלט געווען קראַנק.

„ווי שיין די עפּל און די פלוימען וואַקסן!"

זי האָט אָפּגעריסן אַ גאַרשטש מאַלינעס און זיי געהאַלטן פאַר מעכלען: „עסט! זייט איר געגאַנגען אַ סך שפּאַצירן אין גאָרטן? איר קענט דאָך דאָ מאַכן אייערע אַרבעטן און לייענען. ווי גייט אייך מיטן לערנען? הערט איר ווי שיין דער פויגל אויף יענעם בוים זינגט?"

מעכל האָט געפילט, אַז מאַדאַם שמולעוויטש האַלט ניט מער אַזוי שטאַרק פון זיין טאַלאַנט און איר ניט געענטפערט אויף דער פראַגע, ווי ער האַלט אין לערנען.

די דינסט האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער וועראַנדע לויטער גוטע זאַכן, און די גוטע ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוונאַ האָט מעכלען ניט אָפּגעלאָזט: „עסט!" זי האָט געוואָלט אַריינשטופּן אין אים אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און אים דערביי דערציילט, אַז זי מוז פאָרן קיין איטאַליע וועגן די נערוון. דער דאָקטער האָט געהייסן. באַם אָוועקפאָרן האָט זי דער דינסט אָנגעזאָגט, אַז זי

זאָל דעם סטודענט יעדן טאָג געבן פּעטע־יויך, פליייש, אַ סך פּוטער און מילך. מעכלען האָט זי פאַרזיכערט:

„עס וועט שוין גוט זיין!...״

כ

מיט אַלע לימודים אין קאָנסערוואַטאָריום האָבן מעכלען אינטערעסירט. צום ווייניקסטנס אָבער די איטאַליענישע שפּראַך, די געשיכטע פון מוזיק און די גימנאַסטיק, מימיק און טאַנץ אין דער דראַמאַטישער סטודיע. געלייענט האָט ער איצט אַ סך. חברים האָט ער געהאַט בלויז עטלעכע. דעם גרעסטן טייל סטודענטן האָט ער ניט געקענט ליידן. ער האָט דאַריבער געהאַט אַ סך אויסצושטיין. טייל פּראָפעסאָרן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט שינאה.

„וואָס זייט איר אַזוי שטאָלץ, גאָספּאַדין שטערן? האָבן אים די אָפענע שונאים געפרעגט. „קיין אָרפּייוס זייט איר ניט!״

עטלעכע פריינט האָבן זיך געחידושט:

„דו ביזט אַ מאָדנער, שטערן! און ווייסטו? דו זעסט אויס ווי בעטהאָווען...״

מעכל האָט ניט ליב געהאַט צו ריידן וועגן מוזיק, וועגן קונסט, אָדער וועגן אַנדערע גײַסטיקע פּראָבלעמען. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט באַווייזן וואָס ער האָט געזאָגט, איז תמיד געוואָרן אויפגעקאָכט, גענומען ריידן אַזעלכעס, אַז איינס צום אַנדערן איז ניט געקומען און געזידלט יעדן איינעם פון די קאָלעגן. אין קליינעם צימערל בײַ זיין בעסטן פריינט מישאַ סאָקאָלאָווסקי האָט מען אים איינמאָל געפרעגט:

„וואָס איז דער קינסטלער, לויט אייער מיינונג, גאָספּאַדין שטערן?״

ער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן:

„דער קינסטלער — וואָס זאָל ער זיין? אַ קינסטלער.״

עס זיינען דאָרט געווען אַ גאַנצע חברה: קאָנסטאַנטין גוסיעוו, סאָשאַ, קאָליאַ און נאָך אַנדערע. אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. חוץ די מיידלעך: מאַריאַ וויטראָוואַ, נאַסטאַסיאַ זאַלאַטאַיאַ און וויעראַנקאַ, זיי האָבן

געשוויגן, געקוקט אַף מעכלען און געווען איינשטימיק מיט אים. עס האָט זיך צעפלאַמט אַ גאַנצע דיסקוסיע. איינער דעם אַנדערן האָט באַקעמפט, ביז סאַשאַ האָט גענומען שרייען:

„פלעוואָט! שטערן איז גערעכט!" ער האָט אָנגעגאָסן די לײדיקע גלעזלעך: „אַף דער קונסט!... אַף די קינסטלער!...

מ'האָט געזונגען!

מעכל האָט מיטגעטרונקען, נאָר ווייניק, ער איז געווען טרויעריק און יעדע וואָך געוואָרן פינצטערער, מישאַ סאָקאָלאָווסקי און נאָך אַ חבר האָבן אים געפרעגט, וואָס מיט אים איז, זיי האָבן אים געוואָלט באָרגן געלט. אָבער ער האָט ניט געוואָלט נעמען. דערווייל האָט ער נאָך געוואוינט אין קעלער באַ דער רייכער אלמנה מאַדאַם שמולעוויטש. זי האָט איצט געזען, אַז דער צימערל זאָל אויסזען פריינטלעך. געהייסן די דינסטן אַריינשטעלן אַ שענער טישל, לייגן דאַרויף אַ שיין טישטוך, אויפהענגען אַ שפיגל און אַף דער פאָדלאָגע לייגן אַ טעפּיך. אַליין, מיט אייגענע הענט, האָט זי אין די ווענט אַריינגעקלאַפּט טשוועקעס און אויפגעהאַנגען בילדלעך. דאָך איז מעכלען ניט געגאַנגען אין האַלדז אַריין דאָס עסן, וואָס די דינסט האָט אים אַראָפּ־געבראַכט, כאָטש ער האָט עס אייגנטלעך פאַרדינט, ווייל ער האָט די דינסטן געהאָלפן טאָן אַ סך שווערע אַרבעטן. זיין גרעסטער וואונטש איז איצט געווען צו וואוינען באַ אַזעלכע מענטשן, ווי באַם שטאָליאַרזש אין וואַרשע, מעג זיין אַפילו נאָך אין אַן ערגער לאָך ווי דאָרט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער, שווערע פרעסט. די דינסט האָט מעכלען אַראָפּגעבראַכט וואַרעמע זאַכן: אַ גוטן אָנצוג, שיך, קאַלאָשן און אַ פּאַלטאָ.

„פון יונגן באַרין," האָט זי געזאָגט, „ער האָט אַליין געגעבן און געהייסן אַראָפּטראָגן!"

מעכל האָט זיך אָפּגעשאָקלט: „ניע כאָטשו!"

ער איז גלייכער געגאַנגען אין קאָמיטעט אַריין און זיך געווענדט צום זעלבן מיידל, וועלכער ער האָט באַם ערשטן מאָל דאָרט זיין איבערגעגעבן דעם פּראָפעסאָר גאַראָווס בריוו. זי האָט אים גלייך דערקענט און איז ווידער געווען צו אים אַזוי גוט, ווי דעמאָלט. זי איז אָבער אין קאָמיטעט געווען אַ

קליינע באַאַמטין און קיין סך האָט זי אים ניט געקענט העלפן. אַ פּאַלטאָ האָט ער געקראָגן. וועגן אַ דירה האָט זי אים אין פאַרלעגנהייט געזאָגט:

„איר וואוינט דאָך באַ מאַדאַם שמולעוויטש...״

זי האָט דערביי אַראָפּגעלאָזט דעם ווייכן בליק אין די טרויעריקע, שוואַרצע אויגן. ער האָט געקוקט אַף די זיידענע הערעלעך, וועלכע האָבן געציטערט אַף איר אויבערשטער ליפּ, אַף די שוואַרצע, כמעט בלויליכע האָר, גלאַנצנדיקע, שטייף פאַרקעמט אין אַ שרונט. ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. איר דערשלאָגן קינדיש פּנימל האָט זיך פאַרויטלט. אַז זי האָט אַלץ געשוויגן — זי האָט אים מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן — האָט ער זי געפרעגט:

„אפשר ווייסט איר אַליין פון אַ ביליקער דירה, איך וועל באַצאָלן מיין אייגן געלט.״

דאָס מיידל איז געוואָרן נייגעריק:

„וואו וועט איר נעמען?״

אַז ער האָט איר דאַרויף ניט געענטפערט, האָט זי אים ווייטער געפרעגט:

„פאַרוואָס ווילט איר מער ניט וואוינען דאָרט, וואו איר וואוינט?״

אַז ער האָט איר ווידער ניט געענטפערט, האָט זי אים געזאָגט:

„גוט, איך קען אייך ווייזן, וואו איר קענט קריגן אַ ביליקע דירה.״

ער האָט געוואַרט אַף איר. אַפן וועג האָט זי זיך אים פאָרגעשטעלט ווי זי הייסט: „אָבער מען רופט מיך אַסיאַ״. זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז ניט קיין פּעטערבורגערין, אירע עלטערן וואוינען אין אַ קליין שטעטל, דער פאָטער אַרבעט און זי וואוינט אין אַ קליין צימערל פאַר דריי רובל אַ חודש.

גלייך איז זי אים אויסגעקומען נאָענט און ער האָט זי געפרעגט:

„קען מען צו אייך קומען?״

זי איז אַביסל צעטומלט געוואָרן, אָבער לויט איר טבע האָט זי ניט געקענט אָפּזאָגן, און קעמפנדיק מיט זיך אַרויסגעשטאַמלט: „פּאַזשאַלוסטאַ!

קיין דירה האָט מעכל ניט געדונגען, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין געלט אַפילו פאַרן קלענסטן און אָרימסטן צימערל צו באַצאָלן. ער איז ווייטער געבליבן וואוינען באַ מאַדאַם שמולעוויטש. אָבער עסן דאָרט האָט ער מער ניט געוואָלט. ער איז געוואָרן אַ צייטונגס־פאַרקויפער. אַזויערנאָך

האָט ער זיך ווידער באַקענט מיט פּשוטע אָרימע מענטשן און זיך דערפילט ווי אַ פיש ווען מען וואַרפט אים צוריק אַריין אין וואַסער. צו אַסיאַ איז ער באַלד אָפּן צווייטן טאָג געגאַנגען. זי האָט אים מכבד געווען מיט טיי. ער האָט געוואָלט אָנהויבן וועגן עפּעס צו ריידן מיט איר. אָבער ער האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס און געזעסן מאָדנע שווייגנדיק. ביז זי האָט אים געפרעגט:

„וואָס האָט איר דעמאָלט אַזוי געקוקט אָף מיר?"

„דעמאָלט..." נאָך אַ לענגערע צייט ווידער אַזוי קוקן אָף איר, אַז זי האָט זיך אַזש צעלאַכט, האָט ער איר געזאָגט: „איך האָב דעמאָלט געטראַכט וועגן מיין מאַמען, ווי אַזוי זי האָט אויסגעזען מיידלווייז."

„נו, און ווי אַזוי האָט זי אויסגעזען?"...

ער האָט ווידער באַטראַכט אַסיאַן און אַרויסגעפּלאַצט:

„ווי איר!"

נאָר גאָר גלייך האָבן זיך זיינע ליפּן צעצויגן ווי באַ אַ חסר־דעה:

„כע־כע־כע... וואָס האָב איך דאָ געזאָגט? — ווען מיין מאַמע איז געווען אַ מיידל, בין איך דאָך גאָרניט אָף דער וועלט געווען!"...

עס איז געוואָרן נאַכט, אַסיאַ האָט איר גאַסט געבעטן, אַז ער זאָל מיט איר עסן אָוונטברויט:

„אַלץ וואָס איר וועט קריגן, איז כשר. איך עס ניט קיין טרפות".

זי האָט פון שראַנק אַרויסגענומען אַ קלייד און זיך אַנטשולדיקט פאַר מעכלען:

„איך קום באַלד צוריק אַריין."

נאָך פינף מינוט איז זי פאַרן גאַסט דערשינען אין אַ גראַנאַט קליידל, און אויסגעזען ווי אַ מיידעלע פון שולע. אירע האָר זיינען געווען נאָך שטייפער פאַרקעמט, נאָך גלאַנציקער און דער שרונט, פונקט אין מיטן, ווי אַ דינינקער ווייסער פאָדעם. באַם עסן האָט זי זיך אין עפּעס דערמאָנט און זיך שטאַרק צעלאַכט:

„ווען איר זיינט דאָס ערשטע מאָל געקומען אין קאָמיטעט אַריין און געזאָגט: מעניאַ פריסלאַל פּראָפעסאָר," האָב איך געמיינט, אַז עס עס דונערט אין דרויסן... איך האָב אייך ניט געגלויבט, אַז איר זענט אַ איד דערנאָך האָט זיך מיך געדוכט, אַז פאַר מיר שטייט איינער פון יענע בחורים אין דער

יידישער געשיכטע, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיט די רוימער: אַזאַ שטאַרקער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט ווען איך האָב געלערנט אין שולע.״

מעכל האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. אַזוי הויך און שטאַרק האָט ער שוין לאַנג ניט געהאַט געלאַכט. ער האָט געלאַכט ווי אַ קינד.

אַפן וועג אַהיים האָט ער זיך פלוצים דערמאָנט אין רחלען און ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר.

כא

די ברייטע און שיינע גאַסן, די ניעוואַ, די בולוואַרן, די מאָנומענטן, פּאַרקן און די זילבערנע נעכט, האָבן מעכלען באַגייסטערט. ער איז געגאַנגען אומעטום, וואו ס׳האָט אים ניט געקאָסט קיין געלט: אין מוזעאומס, אין טעאַטערס, צו קאָנצערטן. ער האָט זיך אין וואַרשע — ווען ליובאַ האָט אים אויסגעמאָלט דאָס לעבן אין פּעטערסבורג — אַזאַ רחבות, אַזאַ כישופדיקייט ניט פאָרגעשטעלט. ר׳האָט דערפילט דאָס גליק פון לעבן, ווי עס פּולסירט, אַנטפּלעקט זיך אָן אויפהער, אַלע מאָל אין אַן אַנדער געשטאַלט, אין אַנדערע פאַרבן, מישט זיך און ברויזט. אַז ער האָט גערעדט מיט וועמען, האָט ער איצט אַרויסגעוויזן זיין לעבנספרייד:

„בלויז צו פילן ווי מען אָטעמט, לוינט צו לעבן! צו זען דעם הימל, די הייזער, די בוימער!״ — — —

ער האָט פיינט געקראָגן פּעסימיסטן. אַהיים געקומען איז ער איצט שפּעט אין דער נאַכט. באַלד אין דער פרי איז ער אַוועקגעגאַנגען. די מענטשן פון דעם רייכן הויז האָט ער מער ניט געוואָלט זען. זיין בעסט אָרט, וואו ער איז איצט געקומען, איז געווען די וועשעריי באַם קראַנקן לוקיטש.

אַהין געבּרענגט האָט אים איינער, וועלכער האָט, ווי ער, פאַרקויפט צייטונגען אין גאַס. אין דער אָרימער שטוב האָט מען גערעדט וועגן צרות, זאָרג — פּראָסטע, היימישע רייד. עס זייענען אַריינגעקומען אָרימע אַרבעטער מיט זייערע פרויען. פּעסטע יונגען און מיידלעך, וועלכע האָבן שווער געאַרבעט אין פאַבריקן. דאָס זיינען געווען חברים פון לוקיטשעס זין און

טעכטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין פאַבריקן. מ׳האָט געשמועסט וועגן דער ביטערער צייט און וועגן צאָרן פון פאָלק.

מעכל האָט דערקענט איינעם: „ריכטיק." — „הייסט איר ניט פּאַוועל?" — „יאָ", אָבער פּאַוועלס זענען דאָ אַ סך." — „פּאַוועל אוגלאָוו."

זיי האָבן זיך דערפרייט, זיך דערמאָנט אין פאַרשידענע געגענטן, ווען זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט, ניט געהאַט וואו צו שלאָפן און וואָס צו עסן.

די מיידלעך זיינען געוואָרן נײַגעריק.

פּאַוועל האָט מעכלען דערמאָנט:

„דו פלעגסט זינגען אַמבעסטן ווען דו ביסט געווען הונגעריק..."

דער קראַנקער לוקיטש האָט זיך אָנגערופן:

„אונדזער מיכאיל איז אַ זינגער, אַ גרויסער זינגער!... ער לערנט אין קאָנסערוואַטאָריום!... זינגען וועט ער — ניט פאַר אונדז אָרימע — נאָר פאַר רײַכע, פאַרן קיסר!... באַלד וועט ער צו אונדז אַפילו ניט קומען מער!..."

מ׳האָט געלאַכט. נאָר די אַלטע, דעם קראַנקנס ווייב און נאָך עטלעכע, זעענדיק ווי מעכלס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט, האָבן אים פאַרטיידיקט:

„ער איז אַן אונדזעריקער... זינגט, מיכאיל, עס זאָל ווערן אַביסל פריילעכער... קאַרטאָפלעס זיינען דאָ און אַ שטיקל סאָלע אויך, אַ קליין שטיקל, אָבער עס וועט זיין גענוג פאַר אַלעמען"

מעכלס קורצע צופרידנקייט איז געווען צעשטערט. דאָס וואָס מ׳האָט אים געזאָגט אין דער וועשעריי, האָט אים אויך שוין פריער געפּייניקט. איצט אָבער האָט דער געדאַנק, אַז ער וועט זינגען פאַר אַזאַ פאַרשוין ווי מאַדאַם שמולעוויטשס זונדל, פאַר מאַדאַם גינדינאַ און די אַנדערע, נישט אויפגעהערט אים צו קוועלן. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט מישאַ סאָקאָלאָווסקי און נאָך אַן אַנדערן חבר. נאָר מישאַ האָט אים אויסגעלאַכט:

„דער קינסטלער איז ווי אַ פויגל, ער זינגט און אינטערעסירט זיך ניט, ווער עס הערט!"

„אָבער די פייגל", האָט איראָניש געענטפערט דער צווייטער, „זינגען ניט אין מאַריאַנסקי, און קיינער דאַרף ניט קויפן קיין בילעטן זיי צו הערן!..."

מער האָט ער מורא געהאַט וועגן דעם צו ריידן, ווייל די וועגט זענען, דעמאָלט אין פעטערבורג, געווען שפּיאָנען, ווי מ׳האָט געזאָגט.

אַ פאַרשטומטער, האָט מעכל, ווי זיין שטייגער איז געווען אין אַזאַ מאָמענט, געקוקט ערגעץ ווײַט, ווי ער וואָלט דאָרט וועמען געזען, אָדער געזוכט. נאָר דאָס ערגסטע איז דאָך פאַר אים געווען, וואָס ער איז אַלע מאָל הייזעריק געוואָרן פונעם פאַרקויפן צייטונגען אין די גאַסן און שרייען: „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי! נאָוואָיע ווראָעמיאַ!״ דער פּראָפעסאָר גאַראָוו האָט אים געשראָקן: „איר וועט באַגראָבן די שטימע!״ און אַסיאַ האָט אים אַלע מאָל געזאָגט:

„דו מוזט לערנען אַ מלאכה! פון דער קונסט קען מען ניט לעבן! אַפילו ווען דו וועסט שוין האָבן געענדיקט, וועסטו פון זינגען ניט קענען לעבן! דו ביסט אַ ייד, דאָס מוזטו וויסן! אָבער ווייסטו וואָס? איך וועל זען, אַז מ׳זאָל דיר באַ אונדז אין קאָמיטעט, אָדער ערגעץ אין אַ קאָנטאָר, געבן אַ פּאָסטן!״

זי האָט מיטן דאָזיקן איינפאַל זיך שטאַרק געפרייט.

שטאַרק פאַרשעמט, האָט ער איר געזאָגט:

„כ׳קען ניט קיין רוסישע גראַמאַטיק און ניט רעכענען.״

אַז ער איז אַ קאָמאַשנמאַכער האָט ער איר ניט געוואָלט דערציילן, ווייל ער האָט באַשלאָסן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, מער באַ זיין פאַך ניט צו אַרבעטן.

זי האָט אים געזאָגט מוסר: שעם זיך!... זעענדיק, ווי טרויעריק ער איז געוואָרן, האָט זי אים אַרומגענומען און געטרייסט:

„איך וועל דיך לערנען. דו זעסט דאָך, אַז עס גייט ניט מער אַזוי. דו זעסט אויס שלעכט, ביזט אַמאָל שטאַרק קראַנק געווען, האָסטו מיר דערציילט.״

ער איז אויפגעקאָכט געוואָרן און ניט געלאָזט ווייטער ריידן:

„איך בין געזונט ווי אַ פערד! איך וועל זיין אַ זינגער, און...״

אַסיאַ האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט פון זיין שרײַען און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע. זי איז געוואָרן מיאוס. ווי אַ קליין, אָפּגעשמיסן קינד איז זי אַנטלאָפן אין אַ ווינקל, זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ טאַבורעטקע און אַראָפּגעלאָזט דאָס אָנגעדראָלענע פּנימל. דערפון איז מעכל געוואָרן נאָך צערייצטער. אָבער ער איז צו איר צוגעלאָפן און זי איבערגעבעטן. ער האָט

געקושט אירע הענט. זי האָט גלייך, ווי אַ לאַסקאַווע הינדעלע, געלייגט איר קעפּל אַף זיין ברוסט, זיך געטוליעט צו אים און געציטערט איר דראָבנעם ציטערל... ווידער איז זי געוואָרן די ליבע און חנעוודיקע וועלכע מעכל האָט געליבט. זי איז נאָך געווען ווי אַ צאַרט קינד, וואָס קאַרטשעט זיך צוזאַמען ווען דער טאַטע אָדער דער לערער שרייט, אָדער ווי אַ פרילינגס בלימל, וועלכעס דער קלענסטער פראָסט קען טויטן. דערפילט עס אָבער ווידער די וואַרימע שטראַלן פון דער זון — צעעפנט עס ווידער די בלעטלעך און חנט זיך און שמייכלט... אַז איבערגעבעטענע, האָט זי געגלעט מעכלס וואַרימע האָר, אים געקושט די הענט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי מיינט פאַר אים דאָס בעסטע:

„איך זע, ווי דו ליידסט, ווען דו מוזט אָנקומען נאָך הילף. מאַדאַם שמולעוויטש איז אַ טייערער מענטש, זי וויל דיר העלפן און דו ווילסט ניט. דו האַסט די רייכע. ביזט אומגערעכט".

ער איז ווידער אויפגעקאָכט געוואָרן: „אומגערעכט?"

אַסיאַ האָט זיך ווידער צוזאַמענגעקאַרטשעט. זי איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע. די אויגן זענען איר געוואָרן נאַריש, די נאָז ווייַס און קאַנטיק, דאָס שטערנדל נאָך קלענער און עס איז איר געקומען ווייס שפּייעכץ אין די ווינקלען פון מויל. זי האָט ניט געקענט ריידן קיין איין וואָרט. דאָס קליינע, צוזאַמענגעקנייטשטע פּנימל האָט זיך אָנגעגאָסן מיט געלקייט. די אונטערשטע ליפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און זי האָט ווי אַ קאַקוסקע אַ שוועב געטאָן איבערן קליינעם צימערל הין און צוריק און צערדיק־פרום גענומען זאָגן מעכלען מוסר.

ער האָט מורא געקראָגן פאַר איר, אי עס האָט אים עפּעס הנאה געטאָן און געגלוסט צו לאַכן. אָבער ער איז אַרויסגעלאָפן און צוגעהאַקט די טיר.

כב

אַסיאַ האָט געליטן. שוין אַ גאַנצע וואָך, אַז מעכל איז צו איר ניט געקומען. זי איז געווען איינזאַם. קיין חברטעס און פריינדינעס האָט זי כמעט ניט געהאַט. זי האָט געוואוסט, אַז מען האַלט זי פאַר אַ שלעכטער און פאַר אַ נאַר און אַז זי איז אַ מיאוסע. אָבער ווען מעכל איז צו איר געקומען, האָט זי אין שפיגל אַלע מאָל געזען אַז זי איז אַ שיינע. בײַ דער אַרבעט האָט זי איצט אַלץ געמאַכט פאַרקערט. דאָס זיין אין קאַנטאָר איז איר אַצונד אויסגעקומען, ווי זיצן אין תפיסה. זי האָט געוואוסט, אַז די מענער נוצן בלויז אויס די פרוי און לאָזן זי דערנאָך שטיין, אָבער בײַם געבן אַ יונגמאַן די האַנט איז זי תמיד געווען זייער גליקלעך און געוואָרט אַז ער זאָל זיך פאַרליבן אין איר. קינסטלער האָבן זי תמיד צוגעצויגן. אָבער אַ קינסטלער מוז דאָך זיין באַרימט, און אַ סך געלט מוז ער פאַרדינען.

ווען מעכלען האָט זי ניט אַקוראַט געוואוסט, אויב ער איז טאַקע אַ קינסטלער. לויט זיין אויסזען, האָט זיך איר געדאַכט, אַז יאָ. אָבער אין קאָמיטעט זאָגט מען אַף אים, אַז ער האָט אפשר אַ גוטע שטימע, אָבער עס וועט פון אים גאָרניט ווערן. דער פּראָפעסאָר גאַראָוו איז ניט קיין גרויסער מבין. „אַז דער בחור זאָל אַמאָל פאַרדינען געלט מיט זיין זינגען" האָט דער „גלאַוונער פרעדסיעדאַטעל" אין קאָמיטעט געזאָגט, „איז גאָר ניטאָ וואָס צו האָפן אַפילו!. וואָלט ער זיך ניט אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער מוז ווערן אַן אָפּעראַ זינגער, וואָלט ער געקענט ווערן אַ משורר בײַ אַ חזן."

דאָס האָט אַסיאַ איינגעזען. און קודם־כל מוז דאָך אַ מענטש קענען פאַרדינען אַף ברויט, בפרט אַ מאַן. און ער איז אַזאַ עקשן! זי האָט זיך פאַרנומען בײַ אים דאָך צו פועלן אַז ער זאָל לערנען אַ מלאכה, אָדער זי וועט אים שאַפן אַ שטעלע אין אַ קאַנטאָר. זאָל ער ענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע. אפשר וועט ער אַמאָל קענען געבן ערגעץ אַ קאָנצערט. און אפשר וועט ער טאַקע ווערן וואָס ער וויל. זי האָט זיך געמאַכט שטאַרקע פאַרוואורפן, פאַרוואָס זי קען אים דאָס אַלץ ניט זאָגן אין גוטן, אַזוי, אַז ער זאָל ניט בייז ווערן. די מענער זיינען דאָך ווי קינדער, מען מוז זיי אַלץ איינרעדן. זי האָט באַנאַכט ניט געקענט שלאָפן. ווידער האָט זי אָנגעהויבן

ליידן אַף קאַפּ־ווייטיק. דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז זי איז בלוט־אָרעם, נערוועז און איר געגעבן פּילן.

און מעכל איז ניט געקומען, שוין צוויי וואָכן.

און איינמאָל, אַהיים גייענדיק פון קאַנטאָר, האָט אַסיאַ זיך געדרייט אין פאַרשידענע גאַסן, גערעכנט, אַז זי וועט אים אפשר טרעפן. עטלעכע מאָל האָט זי שוין געוואָלט צו אים אַהינגיין. אָבער זי האָט דאָך ניט געקענט. אַז ער קומט ניט צו איר... זי איז דאָך אפילו ניט זיין כלה... אַ סך מאָל האָט זי זיך שוין געפילט זינדיק: ער האָט זי געקושט, און זי אים... פּרייטיק־צו־נאַכטס, ווען די בעל־הבית׳טע, באַ וועלכער זי האָט געוואוינט, האָט געבענטשט ליכט און דער בעל־הבית האָט געמאַכט קידוש, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט ווי גליקלעך זי וואָלט געווען, ווען מעכל וואָלט איצט געווען איר מאַן און זי וואָלט געטרונקען פון זיין וויין... טייל נעכט האָט זי איצט געוויינט ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד: „דאַרף איך דען נאָך זאָגן מיין מעכל?״... און אָט האָט זי פון אים צוריק געקריגן די זיבן רובל מיט דרייסיק קאָפּיקעס, וועלכע זי האָט אים ביסלעכווייז געגעבן. זי האָט אים יעדעס מאָל איינגערעדט, אַז זי באָרגט אים דאָס געלט. זי איז אין גאַנצן פאַרצווייפלט געוואָרן, זי האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און איז צו אים אַהינגעגאַנגען. עס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט, זי האָט אים געטראָפן ליגן אַפן בעטל מיט אַ בוך אין האַנט.

מעכל איז אויפגעשפּרונגען. ער איז געווען איבעראַשט, געקוקט אַף איר גראַנאַטן קליידל. זי האָט אויסגעזען קינדעריש תּחנונימדיק, און זייער שיין, האָט ער גענומען קושן אירע הענט, אירע האָר, האָט זי אַנידערגעזעצט אַף אַ שטול און זיך גענומען פאַרען: געמאַכט טיי און אָוועקגעלייגט אַפן טיש דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געהאַט אין שטוב.

אַסיאַ איז געוואָרן שטיפעריש פון פרייד, זעענדיק, ווי מעכל פאָרעט זיך פאַר איר. האָט זי אים אַלץ אַרויסגענומען פון האַנט און אים געזאָגט:

„איך וועל דאָס אַלץ מאַכן, די דאָזיקע אַרבעט געהערט צו דער פרוי...״

אין צימערל איז געווען אַן אומאָרדענונג, און זי האָט אים אויסגעלאַכט: „דו קענסט דאָך ניט אַליין אַלץ טאָן!״...

זי האָט געראַמט און זיך געפרייט. עס איז איר אויסגעקומען, ווי זי

וואָלט געווען נאָך דער חתונה און ראַמט באַ זיך... דאָס צימערל האָט טאַקע באַקומען אַן אַנדער אויסזען.

אַסיאַ איז איצט אַלעמאָל שוין געקומען צו מעכלען, אויפגעראַמט דאָס צימערל אים געמאַכט עסן און געזען, אַז אַפן טישל זאָלן תמיד שטיין בלומען.

נאָכן איבערבעטן זיך, איז צו מאָרגנס מעכל געקומען צו אַסיאַ און איר געבראַכט רויטע ראָזען. זי איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז זי האָט אים אַזש געקושט די מאַנאַרקע. אין דער טיי האָט זי אים אַרײַנגעטאָן אַזוי פיל צוקער, אַז ער האָט אַזש ניט געקענט טרינקען פון צו פיל זיסקייט. אַסיאַ האָט געשיינט און געלויכטן. דער טרויריקער בליק אין אירע סאַמעטענע אויגן איז פאַרשוואונדן: זיי זיינען פון פרייד געוואָרן אַפילו אויסגעלאַסן. זי האָט מעכלען געקאָרמעט ווי אַ קליין קינד, אים צוגעטראָגן די טשאַסטע צום מויל, ער זאָל אָפּבייסן און אים געגעבן צוצוטרינקען אַ לעפעלע טיי...

נאָר איינמאָל האָט ער זי געטראָפן אַ טרויעריקע. ער האָט זי געפרעגט וואָס איר איז. זי האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט זי אָבער נישט אָפּגעלאָזט: האָט זי, קוקנדיק אַף דער פאָדלאָגע, אים געזאָגט, ווי שטאַרק זי ליידט דערפון, וואָס ער קושט זי, און זי אים.

„מיר זיינען דאָך נאָך אַפילו קיין חתן־כלה!"...

זיינע הענט האָבן זיך פאַרשעמטע אַראָפּגעגליטשט פון אירע אַקסלען. נאָר דאָס, וואָס זי האָט אים געזאָגט, האָט ער דאָך ניט געקענט פאַרשטיין און געזאָגט

— „איז וואָס? — איך האָב דיך ליב און דו מיך!"

זי האָט אים געענפטערט:

— יאָ... נאָר... מיר זיינען דאָך יידן...

און זי האָט אים געפרעגט:

— האַלסטו שבת?

מעכל האָט זיך דערפילט שולדיק פאַר אַסיאַ, ווי אַמאָל דער מאַמען, ווען זי האָט אים געפרעגט, אויב ער האָט געדאַוונט. ער האָט זיך מודה געווען פאַר אַסיאַן, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען פרום.

— אָבער אַז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל, גלויבסטו דאָך?

דאַרויף האָט מעכל שוין גאָרניטן געוואוסט וואָס איר צו ענטפערן. ער

האָט איר דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, האָט ער אַ סך געטראַכט וועגן גאָט אין הימל, וועגן גן־עדן און גיהנום. נאָר דערנאָך האָט ער דאָס אַלץ פאַרגעסן. אָבער אים איז תמיד געווען אַזוי באַנג, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אַליין, אַרומגעבלאָנדזשעט: באַזונדערס, ווען עס האָט גערעגנט:

— עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער זינגען אַזעלכע טרויעריקע ניגונים און מיין האַרץ האָט געוויינט...״

אַסיאַ האָט זיך געטוליעט צו אים...

כג

ס׳ איז געקומען דער מאָמענט, ווען מעכל האָט געגעבן דעם ערשטן קאָנצערט אין גרויסן זאַל פון קאָנסערוואַטאָריום. פאַר אים און פאַר די אַנדערע יונגע קינסטלער, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט אים אַרויסגעטראָטן, איז עס געווען אַ מין עקזאַמען, און אפשר נאָך מער: לויט דער באַגייסטערונג פון פובליקום האָט דער קינסטלער געוואוסט ווי גרויס ס׳זיינען זיינע שאַנסן אויף אַן אַנגאַזשעמענט. און הגם ניט תמיד האָט וועגן דעם באַשטימט דער טאַלאַנט נאָר גאַנץ אַנדערע טעמים. איכות פראָטעקציע — האָט פונדעסטוועגן דער גרויסער טאַלאַנט זיך דורכגעריסן דורך אַלע שוועריקייטן, ווי אַ שטאַרקער שטראָם דורך אַלץ פאַרצוימונגען.

אין פראָגראַם האָט מעכל געהייסן מ. ש. ער האָט געזונגען סאָלאָ. דער עולם האָט געדונערט פון באַגייסטערונג. דער פראָפעסאָר גאַראָוו איז שוין געווען מיד פון אַזוי פיל מאָל אַרויסקומען אויף דער בינע און זיך פאַרבויגן. ער האָט מיטגעבראַכט זיינע תלמידים, און דאָס פּאַטשען בראַוואָ איז געוואָרן אַ סך רוישיקער. אָבער ווען ער האָט געבראַכט צו שלעפּן מעכלען אויף דער בינע אַרויף, האָט דאָס פובליקום געשטורעמט און ניט אויפגעהערט צו שרייען „ביס״. נאָר מעכל האָט בשום־אופן מער ניט געוואָלט זינגען. עס איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן מאַדאַם גינדינאַ, דער מאַדאַם שמולעוויטשס זון מיט דער פיר־קאַנטיקער גאָמבע, מאַדאַם פיינמאַן און דער

הער קאַפּלאַן מיט די גאָלדענע ציין, און די אַלע אַנדערע, וועלכע ער האָט פּשוט געהאַסט.

דער פּראָפעסאָר האָט צעשפּרייט די הענט, געוויזן, אַז קעגן דער עקשנות פון זיין תלמיד איז ער אומבאַהאָלפן.

אָבער דער עולם האָט ניט נאָכגעגעבן. אין קינסטלער־זאַל האָט מען געהערט דאָס שטורמען פון פּובליקום. אַ סך פון די יונגע קינסטלער האָבן געשריגן צו מעכלען:

„לאָזט אייך ניט אַזוי לאַנג בעטן... איר ווילט דאָך נאָך אַמאָל זינגען!... נו, גייט שוין, גייט, מיכאילו!" — האָבן די פריינט אים געבעטן. די אָפענע שונאים האָבן געטומלט:

— ער האָט געמאַכט גוטע רעקלאַמע פאַר זיך!... די כלה זיינע — די שוואַרצינקע — וויל גאָרניט אויפהערן צו פּאַטשן...

די אָפענע אַנטיסעמיטן האָבן געחוזקט.

— געשעפט... געשעפט... הונדערט רובל... טויזנט... ציבעלעס...

אַ ליאַרם. מעכלס פריינט, און אַפילו אַנדערע, האָבן געשריען: „בוליגאַנעס!" די מיידלעך, באַזונדערס וויעראַנקא — זי האָט מעכלען באַגלייט באַ דער פּיאַנאָ און עס איז איר אויסגעקומען, ווי זיין דערפאָלג וואָלט געווען אויך אירער — האָבן מעכלען געשטופּט אַף דער בינע אַרויף. דער פּראָפעסאָר גאָראָוו האָט זיך געבעטן באַ אים, אַז ער זאָל בלויז נאָך איינמאָל זינגען. אָבער ער האָט ניט געוואָלט, געוואָרן צורייצט און גענומען שילטן און זידלען.

אַז דאָס פּובליקום איז דאָך שטיל געוואָרן און אָנגעהויבן אַוועקגיין, זענען אויך פון קינסטלער־צימער אַוועקגעגאַנגען אַ סך. דער פּראָפעסאָר גאָראָוו, אַ קליין, דאַר מענטשל האָט באַם געזעגענען זיך, מעכלען אַזוי געשאָקלט די האַנט, אַז דער געזונטער יונג מיט די ברייטע פּלייצעס, האָט זיך אַזש געטרייסלט. דאַן האָבן אין קינסטלער־זאַל אָנגעהויבן אָנקומען מענטשן, מעכלען צו גראַטולירן. ס'זענען געקומען מאַדאַם שמולעוויטש מיטן טעכטערל און מיטן זון, מאַדאַם פיינמאַן און מאַדאַם זאַכאַראָווא. די גוטע ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוואַ איז געווען גערירט און געטריומפירט פאַר אירע באַקאַנטע. זי איז געווען שטאָלץ דאַרויף, וואָס זי איז תמיד געבליבן באַ

איר מיינונג וועגן מעכלס טאַלאַנט און אים געהאָלפֿן. ניט אַרויסלאָזנדיק זיין האַנט פון אירע, האָט זי מיט אַ זייטלעך־געבויגענעם קאָפּ, אַ ביסל קאָקעטיש און אויך מאַמעדיק, אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ניט אַהיימקומען צו שפּעט:

„איר זייט דאָך געוויס אָנגעשטרענגט און מידו!"

איניטשקאַ האָט געשמייכלט און מעכלען געגעבן די האַנט אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רייכע בת־יחידה, וואָס ווערט שוין געליבט פון צוויי שיינע בחורים און וואָלט געקענט האָבן נאָך מער, ווען זי זאָל נאָר וועלן. מאַדאַם פיינמאַן האָט אים געדריקט די האַנט, און מאַדאַם זאַכאַראָוואַ האָט אים איבערגעגעבן אַ גרוס פון אַליאַ קאַרסאָווינאַ, פון מאַדאַם גינדינאַ און פון קאַטינקאַ:

„זיי זענען געווען זייער באַגייסטערט און אויך געהייסן דריקן די האַנט."

דער יונגער שמולעוויטש האָט מעכלען געזאָגט זיין מבינות:

„די צווייטע אַריע האָט איר גאַנץ גוט געזונגען. די ערשטע ניט אַזוי. אָבער דאָס שאַדט ניט. דער עיקר איז, אַז די פּרוּוען האַלטן מיט אייך, און זיי... די שענסטע אַפילו...?

מעכל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען ערגעץ אַנדערש, ניט אין קינסטלער צימער. זיין בליק האָט די מענטשן אַרום זיך ניט געזען. שפּעטער זיינען מיט אים געבליבן בלויז די נאָענטסטע: וויעראַנקאַ, מישאַ סאָקאָלאָווסקי, לאַזאַר רובינשטיין, מאַריאַ פּיעטראָוואַ און אַסיאַ. זי האָט צו אים אַרויפגעקוקט, ווי צו אַ גאָט.

קאָנסטאַנטין גוסיעוו און סאַשאַ האָבן געשלעפּט דעם עולם:

„קומט!... מיר וויסן פון אַ טראַקטיר, וואו מען קריגט אמת פראַנצוישען קאָניאַק און ריכטיקן שאַמפּאַניער און עס קאָסט ניט טייער! פאַר דיין גרויסן דערפאָלג מיכאיל!... רוסלאַנדס נייער שטערן!..."

כד

דאָר מעכל האָט געפילט, ווי עס וויקלט זיך אַרום אים אַ שטריק און וואַרגט אים: ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ נעץ... ער האָט ווידער גערעדט מיט מישאַ סאָקאָלאָווסקין און לאַזאַר רובינשטיינען:

„איך שרעק מיך פאַר עפּעס. אָבער איך ווייס נישט פאַרוואָס. די זעלבע מורא האָב איך געהאַט איידער איך בין געפאָרן קיין פּעטערבורג, און איצט ווערט זי אַלע מאָל גרעסער."

מישאַ האָט געפאָרשט:

„איז דאָס וועגן עקזאַמען?"

מעכל האָט נישט פאַרשטאַנען:

„וועגן עקזאַמען? — כ'האָב נאָך קיין איין מאָל נישט געטראַכט וועגן דעם." ער האָט זיך צולאַכט: „איך ווייס, אַז כ'וועל דעם עקזאַמען נישט אויס־האַלטן און עס אַרט מיך נישט. אַדרבא, איך וואָלט געוואָלט, אַז כ'זאָל אים נישט אויסהאַלטן. די נאַרישע מעשיות פון פּראָפעסאָר שומיאַטשאָוו וועגן געזעצן פון מאַטעמאַטיק אין דער מוזיק.

„איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט דערפון און הער אַפילו נישט וואָס ער זאָגט, איך קען זינגען. אַז עס וועט האַלטן באַם אויפטרעטן אויף דער בינע, אַפילו אין דער שווערסטער ראָלע, וועל איך קענען."

„אין דעם זענען אַלע זיכער!" האָבן די צוויי חברים אים צוגעגעבן מוט. „מען שמועסט אַפילו, אַז מיט אַן אַנגאַזשמע אין גרויסן טעאַטער אָדער אין מאַריאַנסקי — זייט איר זיכער."

בײַ דעם וואָרט „מאַריאַנסקי" האָט זיך מעכל דערפילט נאָך דערשלאָגענער:

„איך שרעק מיך פאַר יעדן דערפאָלג. איך וואָלט אַנטלאָפן, מיך באַהאַלטן. איר מעגט לאַכן פון מיר, איך וואָלט אַמבעסטן ווידער אַרום־געגאַנגען אין די הויפן זינגען."

דאָס קליינע סטודענטישע צימערל בײַ מישאַ סאָקאָלאָווסקי איז פול געוואָרן מיט אַ שווער שווייגן.

מישאַ האָט רעזיגנירט אָפּגעזיפצט: „מען קען גאָרנישט טאָן. מיר האָבן וועגן דעם שוין עטלעכע מאָל גערעדט. איך בלייב בײַ מיין מיינונג: די

קונסט, בפרט די מוזיק, איז אין תוך רעוואָלוציאָנער: זי וועקט, עס בלייבט דאָס איינע: ווער עס גענישט פון איר.״

לאַזאַר האָט מעכלן געגומען אויפקלערן:

„מחוץ דער קונסט זאָלן מיר, מוזן מיר זיין רעוואָלוציאָנערן. קעמפן צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן, אַז עס זאָלן נישט זײַן קײַן רײַכע און קיין אָרימע! אָבער דער קונסט״...

דערפון איז מעכל דערוויל געבליבן צופרידן. ער האָט ערשט אין דער היים געמוזט נאָכדענקען, אויב עס איז טאַקע אַזוי. אים האָט איצט מער געפּייניקט יענע אומרואיקייט, וועלכע האָט זיך באַ אים אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק נאָך יענעם שמועס מיט אַסיאַ וועגן יידישקייט. ער האָט פון יענעם מאָמענט אָן געשריבן אַ היים מער ווי פריער. כמעט יעדע וואָך האָט ער איצט געקראָגן אַ בריוו פון דער מאַמען. פון טאַטן זיינען אַלע מאָל געווען צוגעשריבן גאַנצע צוויי זייטן. דער זיידע פון דער מיל האָט אים אויך געשריבן און אַפילו דער זיידע יקותיאל.

מעכל האָט געזאָגט צו זיינע צוויי חברים:

„קיינמאָל האָט איך נישט געטראַכט, אַז איך בין אַ ייד. ווען כ׳בין געווען אַ קליין יינגל — דאָס געדענק איך גוט — האָב איך יידן גאָר פיינט געהאַט. איר לאַכט? דאָס איז אמת. און דערנאָך, אַרומוואַלגערנדיק זיך אַזוי לאַנג איבער רוסלאַנד און כמעט נאָר מיט גוים, האָב איך אינגאַנצן שוין געהאַט פאַרגעסן אַז כ׳בין אַ ייד, און ליב געקראָגן דאָס רוסישע פאָלק, צומערסטנס די פויערים און די אָרימע. נאָר איצט״...

ביידע חברים האָבן געקוקט אויף מעכלען און נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך געזעגענט מיט זיי און איז אַ היים געגאַנגען. אין דער היים האָט ער געטראָפן אַ צעטעלע פון מאַדאַם שמולעוויטש, אַז ער זאָל באַלד אַרויפקומען, נאָר פיין אָנגעטאָן, אין זעלבן קאָסטיום, אין וועלכן ער האָט געגעבן דעם קאָנצערט.

„עס איז באַ מיר אַ שטיקל באַל פאַר אַ גוטן צוועק״, איז אין צעטעלע געווען געשריבן, און איך וויל אייך באַקאַנט מאַכן מיט מיין שוועסטער, וועלכע איז געקומען צופאָרן״.

נאָכן גרויסן דערפאָלג איז מאַדאַם שמולעוויטש געוואָרן גאַנץ אַנדערש צו מעכלען. ווען ער האָט איר געגעבן דריי בילעטן און געזאָגט, ער

וועט זינגען סאָלאָ, האָט זי אַליין אים אַראָפּגעבראַכט אַ פראַק־קאָסטיום, געהייסן גלייך אָנמעסטן, אים געהאָלפן דערביי און זיך געפרייט:

„ער פּאַסט אייך אויסגעצייכנט!"

וועגן איר שוועסטער, וועלכע האָט נישט געוואוינט אין פּעטערבורג, האָט מאַדאַם שמולעוויטש מעכלען שוין עטלכע מאָל געהאַט דערציילט, אַז זי איז אַ פּיאַניסטן אַ גרויסע קינסטלערן.

מעכל האָט זיך אָנגעטאָן דעם פראַק־קאָסטיום און איז אַרויפגעגאַנגען צום באַל. די גוטע ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוואַ האָט זיך דערפרייט מיט אים און אים טאַקע גלייך פאָרגעשטעלט פאַר איר שוועסטער:

„הער שטערן, וועגן וועלכן איך האָב דיר אַלע מאָל געשריבן און דו ביזט געווען אַזוי באַגייסטערט פון זיין זינגען, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אויפגעטראָטן!... זי האָט זיך אַנטשולדיקט: „עס קומען געסט". זי איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

פרוי אַראַנאָוויטש — מאַדאַם שמולעוויטשעס שוועסטער — האָט מעכלען געבעטן, ער זאָל ניט פאַריבל נעמען, וואָס זי איז דעמאָלט מיט איר שוועסטער נישט מיטגעקומען אין קינסטלער־צימער אים גראַטולירן צו זיין גרויסן דערפאָלג:

„איך בין געווען זייער באַגייסטערט פון אייער זינגען! אָבער איך בין געווען זייער מיד, און נאָך מיין מיינונג זאָל מען גלייכער דעם קינסטלער לאָזן צורו נאָך אַזאַ אָנשטרענגונג. די ערשטע אַריע האָט איר באַזונדערט גוט געזונגען!"

מעכל איז געוואָרן אַביסל צומישט, ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס: צי דערפאַר, ווייל ער האָט פון אַ קינסטלערן געהערט אַזעלכע שבחים, אָדער צוליב איר שיינקייט.

זי האָט אים געזאָגט, אַז זי קומט אַלע מאָל קיין פּעטערבורג, נאָר זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם כבוד אים צו זען.

„איצט בין איך איינגעלאַדן פונעם קאָמיטעט, וועלכער האָט איינגעאָרדענט דעם דאָזיקן אָוונט דאָ בײַ מיין שוועסטער, אַז איך זאָל שפּילן. נו, וועל איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט אויך נעמען אָנטייל."

ער האָט ניט געהאַט קיין כוח איר אָפּצוזאָגן. ווען ער איז געבליבן אַליין — די קינסטלערן האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר אים, זי האָט נאָך עטוואָס צו

טאָן — האָט ער אַלץ מער דערפילט זיין צערודערטקייט. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן אױף אים געמאַכט אירע גאָלד־פלאַמיקע האָר, פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ און עטלעכע מאָל אַרומגעוויקלט אַרום איר ווייסן שטערן.

עס זיינען אָנגעקומען אַלץ מער געסט. די בעל־הבית׳טע האָט פאַר זיי פאַרגעשטעלט מעכלען. די, וואָס האָבן זיך דערמאָנט אין אים — פון יענער צייט, ווען ער האָט נאָך געוואוינט אויבן — זיינען געווען אַביסל אין פאַר־לעגענהייט בײַם באַגריסן זיך מיט אים, און די אַנדערע, וועלכע האָבן שוין געוואוסט פון זיין גרויסן דערפאָלג, האָבן בײַם געבן אים די האַנט אויס־געדריקט זייער פרייד, וואָס זיי האָבן דעם כבוד באַקאַנט צו ווערן מיט אַזאַ גרויסן קינסטלער. שיינע און יונגע דאַמען האָבן אים געמאַכט קאָמפּלימענטן. נאָר ער איז געווען גלייכגילטיק צו אַלע.

די בעל־הבית׳טע האָט אים איינגערוימט אין אויער:

„איר מוזט זיין אַביסל אַנדערש צו די דאַמען...״

עס זיינען געקומען מאַדאַם פיינמאַן, מאַדאַם גינדינאַ, קאַטינאַ — אַלע, וועלכע פלעגן תמיד קומען אין דעם רייכן הויז אַריין.

די געסט האָבן געלאַכט, זיינען געווען פריילעך, האָבן גערעדט, זיך געמאַכט קאָמפּלימענטן און דערציילט וויצן. נאָר מאַדאַם גינדינאַ איז געווען ערנסט, ווי תמיד. זי האָט פאַרטיידיקט די גרעפין אַלעקסאַנדראַ, וועלכע איז מיט אַ צייט צוריק אַנטלאָפן מיט אַ פּאָלקאָווניק קיין אויסלאַנד און איז פאַר עטלעכע וואָכן צוריק געקומען:

„מיר האָבן דאָ דעם זעלבן פאַל אַנאַ קאַרענינאַ, האָט זי געטענהט. „פאַרן מאַן איז די ליבע אַ קערפּערלעכע זאַך און פאַר דער פרוי אַ זעלישע! דעריבער וועט דער מאַן די פרוי קיינמאָל נישט פאַרשטיין!״

קאַטינקאַ האָט פון מעכלען ניט אַראָפּגענומען קיין אויג.

די הערן — אַלע אין פראַקן, די וועסטן ביזן מיטן בויך אויס־דעקאָלטירט. די קעלנער האָבן זיך ווי בלעך געשניטן אין זייערע פעטע קאַרקן — האָבן אַמוזירט די דאַמען מיט גייסטרייכע געדאַנקען, מיט אַנעקדאָטן, מיט אַפאָריזמען און טיפזיניקע באַמערקונגען.

צוויי גראַמאַפאָנען האָבן געשפּילט וואַלצן און פאַרלעך האָבן געטאַנצט.

איניטשקאַ איז געווען שיין. די קאַוואַלערן האָבן זיך געריסן צו טאַנצן מיט איר.

דער באַנקיר פעסאָכאָוויטש — ער האָט אויסגעזען ווי אַ בולדאָג — האָט מיט די אויגן געפרעסן צוויי שוועסטער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי יאַפּאַנעזערינס.

מעכל האָט זיך געלאַנגווײַליקט, געווען אומגעדולדיק, ביז עס איז דערשינען מאַדאַם שמולעוויטשעס שוועסטער. זי איז איצט געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ בלוי קלייד, אַ לאַנגס, מיט ווייסע מאַנקעטלעך באַ די שמאָלע אָרבל און מיט אַ קליין ווייס קעלנערל באַם גאַנץ וויינינקן דעקאָלט. זי איז געגאַנגען גלייך צו דער פּיאַנע, כמעט ניט ענטפערנדיק אַף די באַגריסונגען פון אַלע זייטן. עטלעכע הערן האָבן זיך געפּלאָנטערט באַם צולויפן צום קלאַוויר, דאָרט ליכטיק צו מאַכן און אויפהויבן דאָס דעקל.

עס איז געוואָרן שטיל. אין זאַל האָבן געקלונגען די ערשטע טאַקטן פון בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע.

מעכל האָט געוואָלט הערן איר שפּילן. אָבער ער האָט בלויז נאָר געזען און ווידער געזען די צעפּ, וואָס זיינען, ווי אָנגעגליטע קייטן, געווען אַרומגעוויקלט עטלעכע מאָל אַרום איר קאָפּ. דעריבער האָט ער ניט געהערט וואָס זי שפּילט, נאָר געהערט אַן אַנדער מוזיק... אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען האָט ער זיך ערשט, ווען די געסט האָבן אַפּלאָדירט דער קינסטלערן. דערנאָך האָט ער געמוזט זינגען.

נאָכן קינסטלערישן טייל האָט זיך דער באַל ערשט אָנגעהויבן און געדויערט ביז פאַרטאָג כמעט.

כה

די זון איז שוין אויפגעגאַנגען און מעכל איז נאָך אַלץ געשטאַנען באַם פענצטער פון זיין צימערל אין קעלער און אַרויסגעקוקט. די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט:

„דאַכט זיך מיר בלויז, אַז זי האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אַף עטלעכע וואָכן, אָדער?...״

ער האָט נאָך געהערט די ווערטער, וועלכע זי האָט אים געזאָגט:

„מיין מאַן וועט זיך זייער פרייען אייך צו האָבן פאַר אַ גאַסט!״

אַלץ, וואָס האָט מעכלען פריער געפּייניקט, איז פאַרשוואונדן. ער האָט מער נישט געפּילט די שטריק, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומוויקלען אַרום זיין האַלדז. געזען האָט ער איצט פאַר זיך אַסיאַס בלוי־שוואַרצע האָר, איר קינדעריש, בייגעוודיק פּנימל און מאַדאַם אַראַנאָוויטשעס רויטע, גאָלד־פלאַמיקע האָר, איר ענערגיש פּנים מיט אַזוי פיל לייד דאַרינען. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן: זאָל ער אַהינגיין צו אַסיאַן און איר דערציילן, אַז מאַדאַם שמולעוויטשעס שוועסטער האָט אים פאַרבעטן צו זיך אויף עטלעכע וואָכן?...

ער האָט זיך געדרייט אין גאָרטן. חוץ דער דינערשאַפט זיינען אין הויז אַלע נאָך געשלאָפן.

סוף כל סוף האָט מעכל באַשלאָסן פאָרן צו אַסיאַן. ער האָט איר דערציילט פונעם באַל, אַז מאַדאַם שמולעוויטשעס שוועסטער האָט אים פאַרבעטן צו זיך אויף עטלעכע וואָכן, אַז זי האָט אים געזאָגט, איר מאַן וועט זיך פרייען אים צו האָבן פאַר אַ גאַסט.

אַסיאַ האָט אַרומגעכאַפּט איר געליבטן:

„אַוודאי וועסטו פאָרן! דו זעסט אויס שלעכט, און דאָרט..."

אויפן צווייטן טאָג האָט מעכל זיין געליבטע בעקענט מיט פרוי אַראַנאָוויטש. דערפון איז אַסיאַ געווען זייער גליקלעך: זי האָט זיך באַקאַנט מיט אַזאַ פרוי — אַ קינסטלערן!... באַזונדערס גערירט איז אַסיאַ געווען פון דער פריינטלעכקייט, וועלכע מאַדאַם אַראַנאָוויטש האָט איר אַרויס־געוויזן און זיך אָפּסנייי, נאָך שטאַרקער, פאַרליבט אין איר מעכלען. דאָס איינציקע, וואָס האָט זי אַביסל טרויעריק געמאַכט, איז געווען פרוי אַראַנאָוויטשעס שיינקייט. זי האָט דאָס געזאָגט מעכלען, הגם זי האָט עס נישט געוואָלט זאָגן. אין דער היים איז זי געווען זייער צערודערט און יעדע נאַכט איצט געהאַט שלעכטע חלומות. דאָך האָט זי נישט אָפּגעלאָזט מעכלען, נאָר ער זאָל פאָרן, כדי ער זאָל זיך אַביסל פאַפּראַווען.

אָבער עס זיינען אַוועק צוויי וואָכן פון צייט מאַלווינאַ — מאַדאַם שמולעוויטשעס שוועסטער — איז צוריק אַהיימגעפאָרן און מעכל האָט פון איר נאָך נישט געקראָגן קיין בריוו. ער איז געוואָרן אַלע מאָל נערוועזער און זיך אַלע מאָל מער געבייזערט אויף אַסיאַן. זי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל איר שרייבן. „אָדער ווייסטו וואָס?" האָט זי אים אַרומגעכאַפּט, „איך וועל איר

שרייבן!" זי האָט אַזוי געטאָן און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מעכל פון מאַלווינאַ באַקומען הונדערט רובל, אַף צו פאָרן, און אַ בריוו, אַז זי און אַ קינד זיינען געווען נישט געזונט. דעריבער האָט זי אים אַזוי לאַנג נישט געשריבן. אָבער איר מאַן — און זי — פרייען זיך שוין אים באַלד צו זען אין זייער הויז.

אונטן איז פון הער אַראַנאָוויטש אַליין געווען צוגעשריבן: „עס וועט זיין אַ כבוד פאַר מיר אייך צו האָבן פאַר אַ גאַסט."

אַסיאַ האָט אַזש געטאַנצט פון פרייד: „דו וועסט זען, ווי דו וועסט זיך פאַפּראַווען!"

מאַדאַם שמולעוויטש האָט מעכלען געזאָגט, אַז איר שוועסטער איז אַן אמתער מלאך: „פאַר אַ מענטש קען זי זיך מקריב זיין." זי האָט אים דערציילט, וואָס עס האָט געזאָגט מאַדאַם אַראַנאָוויטש וועגן אַניטשקאַס שפּילן: ,אַז זי האָט אַ שטאַרקן טאַלאַנט און וועט זיין אַ גרויסע פּיאַניסטן. באַם געזעגענען האָט ליזאַוועטאַ מאַקסימאָוואַ מעכלען געטאָן אַ קוש אין באַק אַריין. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און געוואָלט קושן אַפּן מויל, אָבער זי האָט שנעל אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און ער האָט איר דעם קוש געטראָפן אין אויער אַריין. אַף דער באַן האָט ער זיך אַלע מאָל דערמאָנט וועגן דעם אין זיך געשעמט. נאָר דאָס, וואָס מאַלווינאַ האָט געזאָגט וועגן אַניטשקאַן, האָט אים נישט געקענט אַרויס פון קאָפּ. ער האָט זיך תמיד געמוזט צוהאַלטן די אויערן, ווען ער האָט דאָס מיידל געהערט שפּילן. עס זיינען אים דעריבער געקומען פאַרשידענע געדאַנקען וועגן דער דאַזיקער פרוי אַראַנאָוויטש. ער האָט זיך דערמאָנט אין טייל מאָמענטן, ווען ער איז אין די אַכט טעג, וועלכע זי איז געווען אין פּעטערבורג, מיט איר געגאַנגען שפּאַצירן, אָדער געזעסן מיט איר אין גאַסט-צימער און מיט איר גערעדט. זי האָט אים כסדר אָבסערווירט. נאָר תמיד, ווען ער האָט געקוקט אויף איר, האָט זי גיך אוועק-געדרייט די אויגן פון אים. אָבער פאַרוואָס האָט זיך אים תמיד געדאַכט, אַז זי האָט פאַרגעסן אויסצוטאָן דעם וואואַל?...

פלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אין ליובאַן, דעם חזן סאַלאַמאַנאָוויטשעס פרוי אין וואַרשע. ער איז געווען דערשטוינט, ווייל ער האָט זי שוין געהאַט אין גאַנצן פאַרגעסן.

ווידער האָט ער אַרויסגענומען דעם בריוו פון בוזעם-קעשענע און

ווידער איבערגעלייענט: „איך בעט אייך זייער מיר צו אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג נישט געשריבן. איך בין געווען נישט געזונט און אויך אַ קינד מיינס.״

ער האָט דעם בריוו צוריק באַהאַלטן אין קעשענע. ווידער האָט ער שטום אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון וואַגאָן, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער איז געפאָרן אין דער באַן. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן חשק צו רויכערן, אַ מין בענקשאַפט נאָכן רויך פון אַ פּאַפּיראָס. נאָר דאָס האָט ער שוין נישט געקענט פאַרשטיין: ווי האָט זי געקענט לויבן אַסיאַן? אין דעם מאָמענט האָט ער אַסיאַן ווידער ליב געקראָגן, זי דערזען פאַר זיך אין איר גראַנאַטן קליידל, אַזאַ חנעוודיקע, אַזאַ ליבינקע — ווי אַ קינד. ער האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך איר: זי איז זייער אַ גוטע. דאָס דאַזיקע געפיל צו איר האָט זיך אָבער באַלד געענדערט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט אויסגעזען, ווען זי איז בייז געוואָרן: ווי אַ קאַקוסקע איז זי געלאָפן הין און צוריק, געווען רויט ווי אַ בוריק, די אויגן האָבן זיך איר איבער־געדרייט און שפייעכץ איז איר געקומען אין די ווינקלען פון מויל. און מוסר האָט זי אים געזאָגט, ער זאָל לערנען אַ מלאָכה, צו קענען פאַרדינען געלט. אָבער דער געדאַנק, אַז זי האָט אַליין געשריבן אַ בריוו צו פרוי אַראַנאָוויטש, כדי ער זאָל קענען פאָרן צו איר, האָט אין זיין האַרצן ווידער אויפגעוועקט זיין פריערדיקע ליבע.

דער קאָנדוקטאָר האָט דורכגייענדיק אין וואַגאָן אויסגערופן די סטאַנציע אַף וועלכער מעכל האָט באַדאַרפט אַראָפּגיין.

מעכל איז צערודערט געוואָרן. אַסיאַ איז פאַרשוואונדען. ער האָט דערזען פאַר זיך מאַלווינאַ, אירע רויטע, גאָלדפּלאָמיקע האָר. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל: זי וועט באַשטימט שטיין אַפן פּעראָן. נאָך איידער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער געעפנט די טיר. אָבער זי איז נישט געווען. אַ לאָקיי איז צו אים צוגעקומען און אים געפרעגט אויב ע׳ר איז גאָספּאָדין שטערן, דער אַרטיסט: „די באַרינע האָט מיך געשיקט. די פערד שטייען פאַרן וואָקזאַל.״

כו

צי מאַלווינאַ האָט דורכן פענצטער דערזען די קאַרעטע, אָדער זי האָט אין איר צימער דערהערט — און אפשר גאָר דערפילט מעכלס אָנקומען — און אים דערוואַרט אין קאָרידאָר. זי האָט זיך פאַר אים אַנטשולדיקט, פאַר איר נישט קומען צו דער באַן, ווייל זי איז עטוואָס פאַרקילט. דאַן האָט זי דעם גאַסט געוויזן אַלע צימערן אין איר הויז, דעם שיינעם גאָרטן, און אים אַריינגעפירט אין זיין צימער, וואָס איז פאַר אים געווען צוגעגרייט. שפּעטער האָט די גוווערנאַנטקע צוגעבראַכט צו דער מוטער די צוויי קינדער. מאַלווינאַ האָט זיי פאַרגעשטעלט דעם גאַסט.

די קינדער זיינען געשטאַנען לעבן דער מוטער פוןביידע זייטן. זיי האָבן געהאַט די זעלבע האָר ווי זי.

די שטראַלנדיקע יונגע מוטער האָט אירע קינדער צוגעדריקט צו אירע היפטן. דאָס ווייסע זומער־קלייד האָט זיך גלאַטיק אָפּגעצויגן איבער איר קערפּער און בולטער געמאַכט אירע ווייבלעכע פאָרמען. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אירע צוויי „גאָלדענע זונען" און מיט חנעוודיקער צערטלעכקייט אַרויפגעקוקט צו מעכלען. די שוואַרצאַפּלען פון אירע אויגן זיינען געוואָרן זייער גרויס. דאַן האָט זי יעדן קינד געטאָן אַ קוש און געזאָגט: „איצט, טייערינקע, גייט זיך שפּילן: אין אייער צימער, אָדער אין גאָרטן."

די גוווערנאַנטקע איז צוגעקומען און גענומען די קינדער.

דאָס פריקרע געפיל אין מעכלען, ווען מאַלווינאַ האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט נישט געקענט קומען צו דער באַן, ווייל זי איז פאַרקילט — דאָס זעלבע געפיל, ווען ער האָט אין בריוו געלייענט, אַז זי איז געווען נישט געזונט און דעריבער האָט זי אים נישט געשריבן — דאָס דאָזיקע געפיל איז פאַרשוואונדן. ער האָט אין זיין צימער זיך אַרומגעוואַשן, באַלד האָט דאָס דינסטמיידל אים גערופן צו טיי. אין זיין בלוי שעלכל האָט פון מאַלווינאַס האַנט, זיך געגאָסן ברוין גאָלד. זי האָט אַף זיין טעלער אַרויפגעלייגט קוכן. אַף זיין שטומער פראַגע וואו איר מאַן איז, האָט זי אים דערציילט, אַז ער איז פאַרריזט. נאָך דער טיי האָט זי אים געפרעגט, צו וואָס ער האָט מער חשק: אויסצורוען זיך פון וועג אָדער צו גיין שפּאַצירן?

ער האָט זיך צעלאַכט: „אויסרוען?..." פרישקייט, יונגע גבורה, די

אַמאָליקע פריילעכקייט און צעלאָזנקייט האָט זיך געריסן פון אים. האָט זי אים געהייסן אָנטאָן אַ לייכטן אָנצוג, ווייל עס איז זייער הייס. ער איז געווען אין אַ פאַרלעגענהייט: דעם נייעם אָנצוג, וועלכן ער האָט זיך געקויפט פאַר איר געלט, איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן. דעם וועלכן ער האָט געהאַט אין וואַליזקע, איז געווען שטאַרק אָפּגעטראָגן. און זי איז שוין ניט געווען אין צימער. באַם אַרויסגיין האָט זי אים געזאָגט, אַז זי וועט אַף אים וואַרטן אין גאָרטן. באין ברירה איז ער אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער. אָפן טיש זיינען געשטאַנען רויזן. ער האָט זיך גע׳חידוש׳ט: האָט ער זיי פריער ניט געזען?... אַף אַ שטול איז געלעגן אַ נייער אָנצוג פון קונסט־זייד מיט אַ בריוועלע: „פאַר אייך.״ ער איז געווען איבעראַשט. אָבער ער האָט זיך קוים געהאַט איבערגעטאָן, האָט מאַלווינאַ אָנגעקלאַפּט. (איר שלאָפצימער איז געווען קעגניבער זיינעם. זי האָט זיך איבערגעטאָן און אָפּגעטראָטן נאָך אים) זי האָט אויסגעזען נאָך יינגער, נאָך שענער. זי האָט מיטגעבראַכט אַ פלעשל קעלניש וואַסער, געוויזן מעכלען ווי מען באַנוצט זיך דערמיט, און אים דערביי אָפּגעשפריצט.

מעכל איז זיך פאַרגעקומען ווי אַ גראַף. מ׳האָט אים באַדינט באַ יעדן טריט. פאַרן שלאָפן גיין און באַם אויפשטיין איז געווען גרייט פאַר אים די וואַנע, די שיך זיינען געפוצט, דער אָנצוג גערייניקט, עס זענען אים צוגעקומען אַלעמאָל נייע זאַכן: שטעקשיך, לייווענטענע און פיינע געלע שיך, נאַכט העמדער, קעלנער, שניפסען. עס איז געלעגן אָפן טיש נאַשוואַרג. אַלעמאָל האָט מען אים גערופן עסן. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט מאַלווינאַן און אַלעמאָל דערפילט דאָס גליק פון לעבן. אין דעם דאָזיקן הויז — ווי באַ מאַדאַם שמולעוויטש — זיינען געקומען אַ סך מענטשן, עס איז געווען פריילעך. מאַלווינאַ האָט געשפּילט און ער האָט געזונגען. זי האָט מיט אים גערעדט וועגן מוזיק, וועגן פאַרשידענע גייסטיקע ענינים און אים דערציילט פון איר לעבן, פון דער צייט ווען זי האָט שטודירט. זי האָט דעמאָלט אַ סך געליטן. אין מאָסקווע איז זי געווען באַקאַנט מיט יי גרויסן פילאָזאָף.

וועגן דעם גרויסן פילאָזאָף האָט מאַלווינאַ מיט מעכלען גערעדט עטלעכע מאָל, וועגן יענעמס גרויסע ספּינאָזיסישע געדאַנקען, אַז גאָט איז סובסטאַנץ, וואָס אַזעלכעס איז סובסטאַנץ, קען מען נישט באַווייזן, ווייל זי

ווערט דורך זיך גופא באַגריפֿן. דער מענטש קען זי בלויז אָנען און איז אונטערגעוואָרפֿן אונטער איר ווירקונג. דאָס הייסט, אַז דער מענטש האָט נישט קיין אייגענעם ווילן.

נאָך יעדן געשפּרעך אַזעלכן, האָט מעכל זיך אַלץ געפֿילט צוגעבונדן צו מאַלווינאַן און אַלץ מער דערווייטערט פֿון אַסיאַן. אָבער דער עיקר איז פֿאַר אים געווען מאַלווינאַס שפּילן.

דאָס מוזיק־צימער איז געווען ריין. ס'זענען געהאַנגען בילדער פֿון מוזיקער, פֿון דעם גרויסן פֿילאָזאָף אין מאָסקווע און פֿון אַנדערע פּערזענלעכקייטן. עס זיינען אויך געשטאַנען בלומען.

מאַלווינאַ האָט אַלעמאָל געזאָגט מעכלען ווי גליקלעך זי איז איצט, ווייל דורך אים קען זי ווידער יעדן טאָג שפּילן. „איר זיינט אַ גרויסער זינגער". און זי האָט אַרויפֿגעלעגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. זי איז אָבער פּלוצלינג טרויעריק געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ער האָט אַ קוש געטאָן איר האַנט.

אַ שווייַגן אין צימער. מאַלווינאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט שפּילן, אָבער זי האָט זיך געפּלאָנטערט.

מעכל איז דעם גאַנצן טאָג געווען פֿאַרשטומט און אויך מאַלווינאַ. דעם אַנדערן טאָג האָט זי אים מער נישט גערופֿן אין מוזיק־צימער אַריין. ער האָט באַ זיך אויבן געהערט זי שפּילן באַזונדערס טיף און שטאַרק. אַז ער האָט זיך געטראָפֿן מיט איר אויף די שטיגן, פּונקט ווען זי איז אַרויף איז ער אַראָפּ־געגאַנגען, אָדער פֿאַרקערט, זיינען זיי זיך ביידע פֿאַרבייגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ר'האָט ניט געוואוסט: האָט ער זי באַליידיקט מיטן קוש? ער האָט שטאַרק דערפֿון געליטן. ווידער איז אים אויסגעקומען — ווי טיילמאָל אין פּעטערבורג — אַז זי גייט עפּעס אַזוי, ווי זי וואָלט געשלעפּט, אַ שווערע משא. ער האָט דערזען רעדער אונטער אירע אויגן. ווען ער וואָלט איר געקענט העלפֿן! נאָר דעם געדאַנק האָט ער נישט צוגעלאָזן צו זיך: ס'איז אים אויסגעקומען, אַז ער דערלויבט זיך צופֿיל. שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי רופֿט אים... ער האָט געוואָלט גיין צו דער טיר פֿון איר שלאָפֿצימער, אָבער ער האָט מורא געהאַט: טאָמער דערהערט זי זיינע טריט. גאַנצע נעכט איז ער נישט געשלאָפֿן. איין מאָל, ווען ער איז אין דערפֿרי געגאַנגען אין עסצימער אַריין צום פֿרישטיק, האָט

ער געהערט זי שפּילן די „אַפּאַסיאָנאַטאַ״ פון בעטהאָווען, נאָר זי האָט אין מיטן אויפגעהערט. ער איז אַלץ אַזוי געשטאַנען הינטער דער טיר, ביז זי איז אַרויסגעקומען פון מוזיק־צימער. זי איז געווען צערודערט. דערזעענדיק מעכלען האָט זי אַלץ דערשטיקט אין זיך, זיך געמאַכט פריילעך, און אים געפרעגט ווי ער איז געשלאָפן. אויך בּאַם פרישטיק האָט זי זיך באַמיט צו זיין אין אַ גוטער שטימונג. אָבער איר שטימע איז געווען האַרט און טרוקן. זי האָט פאַר די קינדער, און אויך פאַר מעכלען, אָנגעגאָסן קאַקאָ. זי האָט מעכלען געמונטערט: „עסט, פּאַזשאַלוסטאַ!״ און געענפּטערט די קינדער, נאָר זייער קורץ און לאַנג איבערלייגענדיק אַף זייער אומאויפהערלעך פרעגן. זי האָט געוואָלט זיין צערטלעך צו זיי, אָבער עס איז אַרויסגעקומען מאַשינעל און קאַלט.

ביידע זיינען נאָכן עסן צוזאַמען אַרויפגעגאַנגען די שטיגן. זי האָט מעכלען געזאָגט — נאָר אַזוי ווי נישט אים וואָלט זי געמיינט — אַז ער זאָל אַפּן וועג אין וואַלד אַריין, וואַרטן אַף איר. ער האָט אַזוי געטאָן, זי איז אָנגעקומען פאַרהילט אין אַ זיידענעם שאַל און אויפגעשטעלטן קאָלנער פון זומער מאַנטל. ער האָט זי כמעט נישט דערקענט.

„די זון ברענט אַזוי״, האָט זי אים דערקלערט און געשמייכלט: „די פרוי מוז דאָך זיין שיין... איך קריג זומער שפּרינקעלעך פון דער זון״...

און באַלד נאָך אַ לענגערע צייט רעדן און שווײַגן אַלעמאָל — האָט זי מעכלען דערציילט, אַז זי לעבּט נישט מיט איר מאַן: „ער איז אַ זייער גוטער מענטש און ליבּט מיך. נאָר ער ליבּט אויך אַן אַנדערע.״

איר קול איז ווידער געווען האַרט און טרוקן.

מעכל האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך אין פּעטערבורג האָט זי טיילמאָל געהאַט אַזאַ האַרטע און טרוקענע שטימע.

זי האָט אים ווייטער דערציילט: „מיין מאַן זוימט זיך אָפּטמאָל זייער לאַנג, ווען ער פאָרט אַוועק. איך בין אַף אים נישט בייז. ער איז נישט שולדיק. אויך נישט די געליבּטע.״

דאָס האָט מעכל נישט געקענט פאַרשטיין און געפרעגט „וואָס הייסט? ס'איז קיינער נישט שולדיק?״

אַפּן וועג צוריק אַהיים האָט מאַלווינאַ אים געזאָגט: איך טו פאַר מיין מאַן

אַלץ וואָס איך קען, ווייל ער ליידט און איז אומגליקלעך. שוין צוויי יאָר. צוערשט האָט ער מיך געגאַרט. דערנאָך האָט ער זיך מודה געווען.״

דעם גאַנצן טאָג האָט מעכל זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען: ניט בײַ זיך אין צימער, נישט אין גאָרטן און נישט אין ביבליאָטעק־צימער, וואו ער האָט געלייענט אַ סך. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס מאַדאַם שמולעוויטש האָט אים געזאָגט: „מיין שוועסטער איז אַ מלאך!״ דאָס איז אמת. בײַם מיטיק האָט ער נישט געקענט עסן. די גוווערנאַנטקע און די קינדער האָבן אַף אים געקוקט. בײַ דער טיי איז ער שוין געווען רואיקער. ווייל מאַלווינאַ האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אים שפּילן עפּעס שיינעס. ער איז מיט איר מיטגעגאַנגען אין מוזיק־צימער אַריין. זי האָט געשפּילט טשאַיקאָווסקין. דערנאָך האָט זי אים געוויזן די קריטיקן, וועלכע זיינען וועגן אירע קאָנצערטן געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען, פאָטאָגראַפיעס, און אים געפרעגט וועגן איין בילד: „ווי געפעלט אייך דער דאָזיקער מענטש?״

„גוט!״ ער האָט געענטפערט ניט טראַכטנדיק. „אַ קלוגער און גוטער מענטש!״

„יאָ״, האָט זי אַ זיפץ געטאָן. גלייך האָבן אירע אויגן צאָרנדיק אויפגעבליצט: „איך האָס אים!״ זי האָט אַלץ צוריק איינגעפּאַקט און באַהאַלטן. דאַן האָט זי זיך ווידער געזעצט צו דער פּיאַנאָ און גענומען שפּילן די וואַלענשטיין סאָנאַטע.

כז

ס׳ זיינען אַוועק וואָכן און מעכל האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז מאַלווינאַ ליבט אים. ער איז געווען שיכור פון גליק. אַז זי האָט גערעדט, געלאַכט און דער עיקר ווען זי האָט געשפּילט — זיינען אים פון גליק שיער געקומען טרערן אין די אויגן. אַז זי האָט געפלאָכטן אירע פלאַמיקע צעפּ, צעשיט דאָס גליענדע גאָלד איבער אירע קיילעכדיקע, אַלבאַסטער־אַקסלען — האָט ער פון באַגייסטערונג נישט געוואוסט וואָס

איר צו זאָגן. ער האָט ליב געקראָגן אירע קינדער, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע.

דער הימל איז געווען גרינלעך בלוי, אָן איין וואָלקנדל. די פעלדער און די גאָרטנס האָבן געשימערט אין אַלערליי פאַרבן. אַלץ איז געווען באַגילדט פון דער גליענדיקער זון. די נעכט זיינען געווען העלע. די לבנה האָט זיך געזילבערט אין וואַסער, ווען מעכל האָט זיך געשיפט מיט מאַלווינאַן. די גרינפּאַספּאַרישע שטערן האָבן געוואונקען פון די ווײַטע ווײַטן, און די כוואַליעס האָבן שטיל געפּלעסקעט.

איין טאָג שענער פון דעם אַנדערן.

שפּעטער האָט מעכל זיך אָנגעהויבן פרעגן: „פאַרוואָס היט זי זיך אַזוי מיט איר ליבע צו מיר? ווי קאָן זי אַלץ, וואָס זי טוט, אַזוי אויסרעכענען, מיט אַזאַ פּאַרזיכטיקייט?" און דאָס ערגסטע איז פאַר אים געווען, וואָס זי האָט אים געזאָגט „דו," ווען זי איז געווען מיט אים אַליין, און פאַר מענטשן האָט זי אים געזאָגט „איר." ער האָט זיך אָף די דאָזיקע פראַגן ניט געקענט ענטפערן און דאָס בליאַסקענדיקע גאָלד פון זיין גליק האָט אָנגעהויבן פאַרטונקלט ווערן. פון די פראַגן זיינען געוואָרן טראָפּנס און שוואַרצע פלעקן, וואָס האָבן געברענט אין זיין נשמה און פינצטער געמאַכט דאָס גליק וואָס האָט געלויכטן פאַר אים. ער האָט מאַלווינאַן געפרעגט „איז אונדזער ליבע דען אַ פאַרברעכן, וואָס מיר מוזן זיך היטן מיט איר?"

זי האָט זיך אויפגערעגט: „איך וויל נישט, אַז מיאוסע צינגער זאָלן מיך באַשמוצן!"

ער האָט אומשולדיק און נאַיוו איר געגעבן אַן עצה: „דיין מאַן ליבסטו דאָך נישט; ער האָט אַן אַנדערע. גט דיך מיט אים און מיר וועלן חתונה האָבן. אַזוי קאָן איך נישט: איך קאָן נישט, מאַלווינאַ, דיין מאַן גיבן די האַנט, אים קוקן אין די אויגן אַריין."

זי איז רויט געוואָרן פון כעס און נישט געענטפערט.

מעכל האָט אַ צווייט מאָל מיט איר גערעדט, איר באַוויזן, ווי גליקלעך זיי וואָלטן ביידע געקאָנט זיין: „מיר ביידע האָבן דאָך איין ציל."

זי האָט אים שאַרף געענטפערט: „איך טאָר פון מײַנע קינדער נישט רויבן זייער פאָטער און איך גלויב ניט אין קיין אייביקע ליבע. באַזונדערס, ווען מ'האָט חתונה. איך האָב מיט מיין מאַן אַלץ איבערגעריסן. ער איז בלויז נאָר

דער טאַטע פון מיינע קינדער. זיי וואָלטן אָן אים ניט געקאָנט זיין!״ זי האָט אים אַרומגענומען „ליבסטער! דווקא אַזוי ווי מיר לעבן איצט, וועט זיך אונדזער ליבע קיינמאָל נישט אויסלעשן״...

געענדיקט האָט זיך דאָס געשפּרעך, (ווי דאָס ערשטע) דערמיט וואָס ער האָט זי איבערגעבעטן. נאָר ווען ער איז פון איר אַריינגעקומען צו זיך, אָדער ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון אים, האָט זיך אַלץ אין אים תמיד ווידער אָנגעהויבן אָפּסניע. עס זיינען נאָך צוגעקומען די בריוו פון אַסיאַן, וועלכע ער האָט אַלעמאָל געקראָגן. ער האָט זיך געבראָטן אין צוויי גיהנומס.

דער הער אַראַנאָוויטש איז פאַר דער פירמע, פון וועלכער ער איז געווען דירעקטאָר אָפּטמאָל אָוועקגעפאָרן און זיך געזוימט אין וועג. אַמאָל לענגער און אַמאָל קירצער. צומיינסטן איז ער דאָך געווען אינדערהיים. באַם טיש איז מעכלען אויסגעקומען צו זיצן קעגנאיבער מאַלווינאַ. דער דירעקטאָר איז צו מעכלען געווען זייער העפלעך. אַפילו פריינטלעך. אין געשפּרעך איז ער געווען זאַכלעך. די צוויי קינדער האָבן געקלעפּט אין פאָטער מער ווי אין דער מוטער, ווייל ער האָט מיט זיי געשפּילט און זיך אָפּגעגעבן מיט זיי. וועגן קונסט האָט הער אַראַנאָוויטש זעלטן גערעדט, זיך פאַרענטפערט, אַז ער פאַרשטייט נישט גענוג. אָבער מעכלען איז אַלץ, וואָס דער דירעקטאָר האָט געזאָגט וועגן מוזיק, אויסגעקומען זייער אינטערעסאַנט.

מאַלווינאַס מאַן איז מעכלען געוואָרן אַלעמאָל סימפּאַטישער און ער האָט אים כמעט ליב געקראָגן. ער האָט זיך איבערצייגט אין יענעמס גרייטקייט מענטשן צו העלפן. דעם דירעקטאָרס פּנים איז געווען אַליידנדיקס. שטאַרק גערונצלט, כאָטש ער איז ערשט אַלט געווען אַ יאָר פערציק. די קלוגע גרויע אויגן זענען געווען באַהאַלטן אונטער די גלעזער פון די גאָלדענע ברילן. נאָר עפּעס קעצישעס איז געווען אין זיין קיילעכדיק, קורץ פּנים, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון ברייטן וואָלפס האַלדז. אין זיין גאַנג איז געווען אומזיכערקייט, ווי ער וואָלט שטענדיק געוואָלט גיין צוריק. מעכלען האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז מאַלווינאַס מאַן שעמט זיך פאַר אים, פילט זיך קעגן אים שולדיק און וויל, אַז אויך ער, מעכל, זאָל זיך שעמען און פילן שולדיק קעגן אים. און מעכלען איז איינגעפאַלן, אַז דעמאָלט, ווען מאַלווינאַס מאַן האָט צוגעשריבן צו איר בריוו, אַז עס וועט אים פרייען אים צו האָבן פאַר אַ

גאַסט באַ זיך — האָט ער געוואוסט אַז ער פאַרבעט אין זיין הויז אַריין זיין פרוי'ס געליבטן. ער האָט דאָס געטאָן ווייל ער פילט זיך שולדיק קעגן איר: האָט ער דעם הער אַראַנאָוויטש מער נישט געקענט געבן די האַנט, און זי דאַך אים געגעבן. דער דירעקטאָר האָט זיין גאַסטס האַנט פריינטלעך געדריקט. מעכל האָט געענטפערט מיט דער זעלבער פריינטלעכקייט. זיין בליק — כאָטש ער האָט זיין געליבטעס מאַן נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין — האָט מיט דאַנקבאַרקייט און מיט געפיל פון שולדיקייט אַרויפּ־געקוקט צו אים. מאַלווינאַ האָט דאָס איינמאָל באַמערקט. זי האָט דאַן מעכלען געזאָגט: „דאָס טויג נישט טייערער מיט אַזאַ בליק דערציילסטו מיין מאַן אַלץ, און דאָס טאָר נישט געשען! איך וועל אים ליבערשט אַליין זאָגן". האָט מעכל — ווי זײַן געליבסטע האָט אים געלערנט — איצט שוין אַנדערש געקוקט צו איר מאַן.

כח

אַ סיאַ האָט מעכלען געשריבן. אַז זי האָט געהאַט אַ שלעכטן חלום: מען האָט אים איר געליבטן, אַריינגעבערענגט צו איר אַ צעבלוטיקטן — איבערגעפאָרן פון אַ טראַמוויי. אין דעם זעלבן בריוו האָט זי אים געשריבן, אַז זי שלאָפט נישט קיין נעכט. זי פילט אַז איר געליבטער איז אין אַ סכנה: „מיין האַרץ שרעקט זיך אַזוי וועגן דיר! איך קאָן עס נישט מער אויסהאַלטן!"

מעכל איז געוואָרן אויפגעקאָכט: „פאַרוואָס זשע שרייבט זי מיר, איך זאָל דאָ בלייבן אַזוי לאַנג, ווי איך קאָן! פאַרוואָס האָט זי מיר געהייסן פאָרן! פאַרוואָס האָט זי אליין געשריבן אַ בריוו צו מאַלווינאַן דעמאָלט?!"

מאַלווינאַ האָט מעכלען תמיד געהייסן זיין פריינדין שרייבן אַ האַרציקן גרוס פון איר, ער האָט זי געפאָלגט. נאָר דעם גאַנצן טאָג איז ער דאַן געווען אויפגערעגט: אַף זיך, אַף אַסיאַ, אויך אַף מאַלווינאַ. אָבער דער כעס אַף מאַלווינאַ איז גיך פאַרשוואונדן. ער האָט דערנאָך באַשולדיקט נאָר זיך אַליין: „איך בין געמיין! אָבער איך ליב מאַלווינא און נישט אַסיאַן — זי האָב

איך קיינמאָל נישט געליבט!״ ער האָט זיך ווידער דערמאָנט, ווי זי האָט אויסגעזען ווען זי איז בייז געוואָרן, און ווי זי האָט תמיד געהאַלטן מיט די רייכע. אָבער באַלד האָט ער ווידער נאָר זיך אַליין געזידלט.

מאַלווינאַ האָט תמיד גלײַך דערקענט, און אַפילו דערפילט (ווען זי האָט מעכלען נישט געזען) אַז ער ליידט. זי האָט אים דאַן אַריינגערופן אין מוזיק צימער, וואָס זי האָט אין דער לעצטער צייט אַלעמאָל ווייניקער געטאָן, און אים געפרעגט, וואָס מיט אים איז. צוערשט האָט ער איר נישט געוואָלט זאָגן. אָבער אַז זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער וויל צוריקפאָרן קיין פּעטערבורג: ער מוז ווייטער לערנען. דערבײַ זיינען אים געשטאַנען טרערן אין די אויגן. זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט נישט געזאָגט דעם אמת און געווען צופרידן, גענומעןריידן מיט אים וועגן פאַרשידענע זאַכן. דערזעענדיק זיינע נעגל, האָט זי אויסגערופן „ווי זיי זעען אויס!״ זי האָט זיי אים מאַנעקיורט. ווי אין דער ערשטער צייט פון איר ליבע האָט זי אים פאַרן שלאָפן גיין געוואַשן דעם קאָפּ. דאָס האָט אים ווידער גליקלעך געמאַכט און ער האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ נאָמען ער זאָל איר ווידער געבן, ווי איר דאַנקען. ווידער האָט זי דאַן שעהן לאַנג געשפּילט און ער האָט געזונגען. זי איז אויפסניי געווען באַגייסטערט פון דער קראַפט און שיינקייט אין זיין שטימע.

מאַלווינאַס כישוף האָט אויפסנײַ — און נאָך שטאַרקער — אויפגעפלאַמט מעכלס ליבע צו איר. אין גאָלדענע ווייצנפעלדער אונטער אויסגעשטערנטן הימל האָט זי איר געליבטן אַנטפּלעקט די בלענדנדיקע ווייסקייט פון איר לייב און דעם צויבער פון אירע נאַקעטע גלידער. אָבער אירע קיילעכדיקע אַקסלען, ווייבלעך פולע אָרעמס און מיט ליבע אָנגעגאָסענע ברוסטן, האָבן זיך געכוואַליעט אַזוי אינאײנעם מיט אירע גאָלדענע האָר. פאַר מעכלס אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ווענוס — נישט פון קאַלטן מאַרמאָר. נאָר פון לעבעדיק לייב, אין וועלכן ס׳האָט געזאָטן הייס בלוט און גליענדיקע ליידנשאַפט. שיכור פון זיך אַליין, פון איר ווילדער תאווה אין זילבערנער נאַכט אונטער העל-בלויען הימל, אַ באַזייטער מיט מיליאָסן גרינגאָלדענע שטערן: אַ באַצויבערטע פון דער מיסטעריעזער שטילקייט אַרום, פון דער אייביקער סודות׳דיקייט וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פעלדער מיט תבואה און פון די טונקעלע וועלדער: אַ פאַרגאַפּטע פון

דעם גאַנצן מיסטעריום אין איר און מחוץ איר — האָט זי נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען, ווי זי וואָלט תּפילה געטאָן צון איר אייגענער ליבע.

דער הייסער בליק אין מעכלס פֿאַרחידושטע ברייט צעעפֿנטע אויגן — זיי האָבן דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געזעען גיריק אין זיך איינגעזויגן — האָבן שטום דער געליבטער געזאָגט אַזעלכע ווערטער פֿון ליבע, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געהערט און זי — אַ נאָך נישט געזעטיקטע אין זײַנע אָרעמס, אַ דורשטיקע אַלץ מער און מער אין די פֿלאַמען פֿון ליבע — האָט געהאַלטן אין איין בעטן: „זאָג מיר מער, נאָך מער, מײַן געליבטער...״

און איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט האָט זי אים געזאָגט: „היינט באַנאַכט, נאַר זייער שפּעט, גיי אַרויס אַף דײַן באַלקאָן, וועסטו זען אַ ווייסגליענדיקן שטערן טאַנצן אַף דער ערד... יעדעס יאָר אין דער זעלבער צייט געשעט דאָס אייגענע...״

מעכל איז די גאַנצע נאַכט געשטאַנען אַפֿן באַלקאָן. פּלוצים האָט ער דערזען: אַפֿן באַלקאָן קעגניבער, אין אַ לאַנג ווייס נאַכטהעמד, מיט צעלאָזטע האָר — שוועבט מאַלווינאַ ווי אַ וויכער אין אַ טאַנץ, שוועבט ווי אַ ווייס־לויכטנדיקער שטערן און פֿאַרשווינדט... ער איז געשטאַנען מיט צעגלאָצטע אויגן, ביז די זון איז אויפגעגאַנגען. אַ פֿאַרכישופֿטער איז ער אַוועק אין וואַלד און צוזאַמען מיט די פֿייגל נישט אויפגעהערט צו זינגען. ווען ער איז צוריקגעקומען און נאָך אַלץ נישט געוואוסט, וואו ער געפֿינט זיך — האָט ער גענומען אַ קיישעלע און איז אַרויפֿגעקראָכן אַף אַ בוים רײַסן קאַרשן. און אָט האָט ער דערזען מאַלווינאַן זיצן אין גאָרטן און ביידע קינדער לעבן איר. די זון האָט געלויכטן. מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט די יונגע מאַמע געשמייכלט פֿון גליק און תּענוג, וואָס קליינע הענטלעך גלעטן זי און שפּילן זיך מיט אירע אויסגעצערטלטע גלידער. מעכל איז אַראָפּ פֿון בוים, אָפּגעריסן גאַרשטשעס בלומען און זיי אַ שיט געטאָן אַף מאַלווינאַן.

אין אַ סך טעג איז מאַלווינאַ איצט געווען ווי אַ יונג מיידל. זי האָט געפֿלאַפּלט זיך געפֿרייט, און אַ סך געלאַכט. זי האָט מעכלען דערציילט אַז דעמאָלט, ווען זי איז צוריקגעקומען פֿון פּעטערבורג, איז זי אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. זי האָט נישט געוואוסט: זאָל זי אים ליבן, אָדער נישט? האָט זי אויפגעמישט די ביבל, און עס איז געשטאַנען: „און איך

וועל געבן רעגן אין דער צייט און די ערד זאָל איר געוויקס געבן און די בוימער אין פעלד זאָלן געבן זייערע פּרוכט״.

„איז עס נישט אַזוי?״ האָט זי אַרומגעכאַפּט מעכלען און אים געקושט. „אַ ציגיינערן האָט מיר אויך געזאָגט דאָס אייגענע. זי האָט מיר געזאָגט נאָך עפּעס; נאָר דאָס וועל איך דיר נישט דערציילן״...

דאַן האָבן אָנגעהויבן קומען טעג, אין וועלכע זי האָט זיך געלאַנגווייליקט. דאָס האָט זי נישט געקענט אויסהאַלטן און פאַרבעטן יעדן אָונט אַ סך געסט, עס זאָל זיין פריילעך. זי האָט געטאַנצט אַ סך. אין איין אָונט האָט זי געטאַנצט מיט איינעם, אַ יונגן, עלעגאַנטן הער. צומאָרגנס האָט מעכל זי געפרעגט, ווער דער דאָזיקער הער איז געווען. זי האָט אים קורץ געענטפערט: „אַ באַנקיר!״ זעענדיק מעכל׳ס פאַרשטומטקייט, האָט זי פּלוצים אַ גליקלעכע געגומען אים דערציילן: „דעם נעכטיקן באַל האָב איך געמאַכט פון דיינעט וועגן!... טאַקע וועגן דעם יונגן באַנקיר; ער האָט מיר צוגעזאָגט אַ סטיפּענדיום פאַר דיר: 3000 רובל!... דו וועסט דיר איצט קאָנען דינגען אַ שיינע דירה, ווען דו וועסט צוריקפאָרן קיין פּעטערסבורג און אַנדערש לעבן, ווי ביז איצט... און דו זאָגסט מיר אַפילו נישט קיין דאַנק!... שעם דיך!״...

דעם גאַנצן טאָג האָט מעכל דאַן געטראַכט נאָר פון יענע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן, ווען ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט איבער רוסלאַנד, און פון קראַנקן לוקיטש אין דער וועשעריי. ער האָט זיך גענומען אַרומשלעפן. אַהיימקומענדיק איין מאָל האָט ער דערהערט מאַלווינאַ שפּילן. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און איז אַריינגעגאַנגען צו איר. זי האָט אויפגעהערט צו שפּילן. דריי האָבן געשוויגן: צוויי מענטשן און אַ פּיאַנאָ.

כט

דאַן איז געקומען אַ צייט, ווען מאַלווינאַ איז גאַנצע טעג געלעגן אין גאָרטן מיט צוגעמאַכטע אויגן און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען פאַריתומטע. דאָס שוועסטערל האָט געפרעגט דעם ברודערל: „מאַמאַ איז ווידער קראַנק?"ביידע קינדער האָבן אַף דער מוטער געוואָלט זיין בייז, פאַרוואָס זי ווערט אַלעמאָל קראַנק, און דאָך געהאַט אַף איר רחמנות, ביידע זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, געקוקט דעם פאָטער אין די אויגן, געפאָרשט און זיך געפרייט, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דער מוטער.

מאַלווינאַ האָט זיך איצט קוים געשלעפּט באַם גיין, זי איז געווען זייער גערייצט. עס איז איר ניט געפעלן קיין שום עסן. צוערשט האָט זי זיך באַמיט ניט צו זיין אַזוי נערוועז. אָבער זי האָט ניט געקאָנט, און אויפגעהערט זיך צו באַהאַלטן מיט איר מצב. דער מאַן, די גוווערנאַנטקע און די דינסט, זיינען געגאַנגען פאַר איר אַף די שפּיץ נעגל. זי האָט ווידער ניט געקענט שלאָפן, גענומען בראָם, ווערענאַל און באַלדריאַן טראָפּן. עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך בריוו, ווייל זי האָט ניט געקענט ענטפערן. (זיי זיינען געקומען אַף איר נאָמען, און דער מאַן, אַז ער האָט געפונען אירס אַ בריוו צווישן זיינע, האָט ער איר אים אַריינגעבּרענגט ווי אַ פאָסט־טרעגער). די בריוו האָט זי איצט בלויז נאָר געעפנט. אַ טייל האָט זי איבערגעלייענט צו עטלעכע שורות. אַף די רעשט האָט זי געוואָרפן בלויז נאָר אַ בליק. דאַן האָט זי זיי אַלע אַריינ־געשאַרט אין שופלאָד און פאַרשלאָסן. אַף איינעם אָדער צוויי האָט זי קורץ געענטפערט. פריער האָט זי יעדן טאָג געשריבן עטלעכע שעה בריוו. מעכל האָט זיך אין יענער צייט אַרומגעדרייט אויפגערעגט. אין דעם טאָג, ווען זי האָט מיט אים גערעדט וועגן דעם גרויסן פילאָזאָף אין מאָסקווע, האָט ער געוואוסט, אַז אין דעם טאָג האָט זי פון אים געקראָגן אַ בריוו, אָדער זי האָט אים געשריבן.

דאָס וואָס מעכל האָט איצט אַמשטאַרקסטן געוואָלט וויסן, איז געווען: דאַכט זיך אים נאָר, אַז פאַר צוויי וואָכן — אין העכסטן מאָמענט פון גליק — האָט פון מאַלווינאַס האַרץ זיך געריסן: „די נידעריקע ליידנשאַפט! — זי וועט מיך אומברענגען — איך בין געמיין!" אָדער האָט ער די דאָזיקע

ווערטער טאַקע געהערט? זיי האָבן געשריגן אין זיינע אויערן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די הויט בּרענט אַף אים. אָבער ער האָט געציטערט פון קעלט. ער האָט ניט געקאָנט אויפשטיין פון בעט. דאָך האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, אַרויפגעשלעפּט אַף זיך דאָס אָנטאָן און אַוועק, וואו די אויגן האָבן אים געפירט. נאָר פאַרן וואַלד איז ער שטיין געבליבן און גענומען לויפן צוריק. אָבער דער וואַלד האָט אים נאָכגעשריגן: „די נידעריקע ליידנשאַפט!" ער האָט מיט די גראָבע פינגער געדריקט אין די שלייפן, זיך פאַרשטעלט די אויגן און געבעטן: „מאַלווינאַ"...

ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן אַף דער סאָפע. מ'האָט אים גערופן צום מיטיק. איז ער ניט געגאַנגען. ס'איז געקומען צו אים מאַלווינאַ. זי האָט געקוקט אַף אים, אים אויסגעפרעגט, און ווי אַ דאָקטערקע אים דערקלערט: „דו האָסט אַוודאי געקראָגן אַ שטאָך פון אַ זונענשטראַל! איך וועל דיר געבן עפּעס איינצונעמען."

ווידער האָט ער זיך דערמאָנט אָן ליובאַ, דעם חזן סאַלאָמאָנאָוויטשעס פרוי אין וואַרשע...

און מיט איינמאָל איז אים קלאָר געוואָרן דאָס, וואָס עס האָט אים שוין לאַנג געפּייניקט: אַז מאַלווינאַ לעבט מיר איר מאַן. ער האָט זי עטלעכע מאָל געטראָפן אין גאָרטן אַרומהאַלטן איר מאַן און אים קושן. איינמאָל האָט זי דערזען, אָדער דערפילט זיין אָנקומען, און זיך גיך אָפּגערוקט פון מאַן.

מעכלען איז איבערגעבליבן נאָר דאָס איינע: צוריקפאָרן קיין פּעטערבורג. אָבער נאָך עטלעכע טעג זיך ניט ווייזן, האָט מאַלווינאַ באַ אים פּלוצלונג אָנגעקלאַפּט. זי האָט אים גערופן שפּאַצירן. איינהאַלטנדיק, אין זיך דעם צאָרן, האָט זי אָפן וועג גלייך אָנגעהויבן: איך פיל, אַז דו באַשולדיקסט מיך אין עפּעס. אין וואָס? איך קען באַשולדיקונגען ניט ליידן! דער מענטש קען נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. דאָס האָב איך דיר נאָך דעמאָלט געזאָגט, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן ספּינאָזאַ. איך פיל מיך אין דער לעצטער צייט שלעכט. דו זעסט דאָס ניט! ביזט בייז אַף מיר! אַלץ דערפאַר, ווייל איך קאָן מיך איצט דיר ניט אַזוי אָפּגעבן? איך האָב דאָך קינדער און אַ מאַן! שוין אַ לאַנגע צייט פיל איך, אַז דו שפּיאָנירסט מיר נאָך! דו האָסט מיר איינמאָל געטראָפן אין גאָרטן אַרומהאַלטן מיין מאַן. איז וואָס? איך האָב דאָך דיר באַלד אין אָנהויב געזאָגט, אַז איך מוז פאַר מיין מאַן טאָן

אַלץ וואָס איך קען, ווייל ערליידט זייער אַ סך און איז אומגליקלעך! אין דער לעצטער צייט ליידט ער באַזונדערס שווער. אָדער באַשולדיקסטו מיך, אַז איך לעב מיט אים?״

מעכל האָט געקוקט אַף מאַלווינאַן ווי איינער וועלכער שטייט פאַרן תּלי׳ן און עס דאַכט זיך אים אַז יענער וועט אים דאָך נאָך שענקען דאָס לעבן...

מאַלווינאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אַ צווילינג־בוים, אַראָפּ־געצויגן צו זיך מעכלען און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַף זיין אַקסל. צערטלעך האָט זי אים געפרעגט: „ווי שטעלסטו זיך פאָר: קען אַ פרוי לעבן מיט איר מאַן, ווען זי ווייסט אַז ער האָט אַן אַנדערע? דו ביזט נאָך אַזאַ קינדעלע... דו קענסט נאָך גאָר ניט די פרוי... דו קליין אינגל... און דערביי ביזטו אַזאַ גרויסער און שטאַרקער מאַן!״...

פון גרויס פרייד, טאָקע ווי איינער, וועלכן מ׳האָט אין דער לעצטער רגע געשענקט דאָס לעבן, האָבן מעכלס אויגן אויפגעלויכטן אין טרערן. אַרויפקוקנדיק צו איר אין אירע אָרעמס, האָט ער אויסגעזען ווי דער באַזיגטער יעקב צווישן מלאכס פליגל... ער האָט געקושט אירע הענט. דערנאָך האָט ער איר געזאָגט: „דו האָסט מיר פריער אַזוי וויי געטאָן, מאַלווינאַ! איך בין גרייט דיך קיינמאָל ניט אַנצורירן! איז דען די ליבע נאָר דאָס קערפּערלעכע? דו ביזט דאָך פאַר מיר״...

זי האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן און זיך געהאַלטן די אויערן: „ניין, ניין מיכאַיל! די פרוי איז אַ טייוול, אַ שלאַנג און ניט קיין גאָט!״

עס האָט ניט אויפגעהערט נאָך ווייטער זיך אַרויסצורייסן פון זיין האַרץ: „דו ביסט אַן אַנדערע ווי אַלע פרויען!... אונדזער ליבע וועט זיין אַ הייליקע!... דו ווייסט ווי איך האָב ליב דיינע קינדער!...״

זי האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל און זיך אַרויסגעריסן פון אים.

אַ בין איז געפלויגן איבער ביידנס קעפּ און געזשומעט.

מאַלווינאַ איז אויפגעשטאַנען. מעכל האָט איר געהאָלפן. אַהיים האָבן ביידע זיך געשלעפּט. זי האָט אין גאָרטן זיך געלייגט אַף דער ליג־שטול און ער איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך. אָבער ער האָט ניט געקאָנט לאַנג בלייבן אין זיין צימער און איז אַראָפּגעקומען צו איר. די זון האָט געהאַלטן באַם

פאַרגיין. אין דער קילער לופט האָבן בלויע פינגער צאַרט געגלעט דעם טאָגס ווייטיק...

מעכל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו מאַלווינאַן: „האָב איך דיר ווי געטאָן?"

זי האָט אים געענטפערט מיט פאַרמאַכטע אויגן: „ניין".

„נאָך יעדן שמועס מיט דיר, מאַלווינאַ, האָב איך זייער אַ סך נאָכגעדענקט. איך קאָן ניט פאַרשטיין: וואָס הייסט דער מענטש קען ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים? אויב אַזוי קאָן דאָך איינער דעם אַנדערן טאָן שלעכטס וויפל ער ווילן!"

זי האָט אַלץ ניט געעפנט די אויגן, נאָר געפרעגט: „וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט?"

ער האָט זי אָנגעקוקט איבעראַשט און אַנטוישט. נאָר זעענדיק, אַז אין זיין קעגנוואָרט קוועלט זי, איז ער אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך געפילט פרעמד און געבענקט נאָך מאַלווינאַס אַ וואָרט, נאָך איר שפילן. אָבער זי איז איצט כסדר שוין געלעגן. די קינדער האָבן געוואָלט צו דער מוטער, נאָר די גוווערנאַנטקע האָט זיי ניט צוגעלאָזט. בלויז טיילמאָל זיינען זיי צו איר צוגעקומען און זי געוועקט: „מאַמע"... זי האָט זיי אַרומגענומען און זיך געטוליעט צו זיי.

אַ שטאַרק פאַרען זיך אין הויז — נאָך גאַנץ פרי — האָט מעכלען אויפגעוועקט פון שלאָף. ער האָט דערהערט פערדישע פיס קראַצן און טופען אין הויף. דורכן פענצער האָט ער געזען שטיין אַ קאַרעטע מיט צוויי טונקל־ברוינע פערד איינגעשפּאַנט, די זעלבע פערד און די זעלבע קאַרעטע, וואָס האָט אים אָפּגעוואָרט בײַ דער באַן. ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן, פאַרטיק געמאַכט, און איז אַראָפּגעגאַנגען.

מאַלווינאַ איז שוין געזעסן בײַם טיש. זי האָט מיט באַזונדערער פריינטלעכקייט געענטפערט מעכלען אויף זיין גוט־מאָרגן און בײַם פרישטיק אים דערציילט, אַז זי פאָרט מיטן מאַן אין דער שווייץ: „מיינע נערוון און אויך זיינע, זיינען זייער אָפּגעשוואַכט." אָפּגעגעסן — האָט זי מעכלען מיטגערופן אין איר צימער אַריין. זי האָט אין קליינטשיקן וואַליזקעלע איינגעפּאַקט אַלע בריוו וואָס האָבן זיך בײַ איר אָנגעזאַמלט און זי האָט זיי נאָך אַפילו נישט געהאַט געלייענט, דאָס טאָג־בוך, צוויי נייע ראָמאַנען אַ ביכעלע מיט לידער און שרייב־פּאַפּיר. זי האָט גערעדט מיט מעכלען און אים

געזאָגט: „אַלץ איז נאַריש. דער עיקר איז אַז דער מענטש ווערט פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, טיפער, אַז זיין וועלט ווערט גרעסער. אַ מענטש מוז אַ סך דערלעבן, גוטס אָדער שלעכטס — דאָס איז אַלץ איינס. ער מוז אַלץ דורך מאַכן. דאָס איז דאָס לעבן.״

דאַן האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל בלייבן ביז זי וועט מיטן מאַן צוריקקומען, די קינדער זאָלן נישט בלייבן בלויז מיט דער דינערשאַפט. צום סוף האָט זי אים נאָך געזאָגט: „קיין סך וועל איך דיר נישט שרייבן. אָבער פון דיר דערוואַרט איך יעדן טאָג אַ גרויסן בריוו. איך האָב דיך זייער, זייער ליב! — דו ביזט אַזאַ נאַרעלע!... האָסט דיך ליב אומזיסט צו פייניקן, טראַכסט דיר אויס מעשיות מיט אייפערזוכט, מיט געוויסנביסע... ס׳אַראַ געוויסנביסע, איך בעט דיך, האָסטו באַדאַרפט האָבן קעגן מיין מאַן? דו האָסט אים דען עפּעס אַוועקגענומען?... ער קוקט אַף אַזעלכע זאַכן גאַנץ אַנדערש. ער זאָגט ווי אַ פרייער מענטש: „לעב און לאָז לעבן!״ אייפערזוכט... אַ קולטורעלער מענטש מוז דאָס געפיל באַקעמפן אין זיך; דאָס איז אַ מיאוס געפיל!״

מעכל האָט געקוקט, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מאַלווינאַ רעדט.

ס׳איז געווען שוין אָנהויב האַרבסט. אַ בלאַסע זון האָט טרויעריק אַראָפּ־געקוקט פון הימל: זי האָט זיך געפילט איינזאַם אין דער אומענדלעכער בלויקייט... די פעלדער זענען שוין געווען נאַקעט. דיביימער האָבן אין שטילן שוויגן געקוקט באַטריבטע. דער פרימאָרגן איז געווען אַ שיינער. אַלץ איז דער נאַטור איז געווען קוהלתדיק: רואיק, רעזיגנירט, אַלץ קלאָר זעענדיק, פאַרשטענדיק, און מיט שטילן צער שווייגנדיק...

הער אַראַנאָוויטש האָט זיך פריינטלעך געזעגנט מיט מעכלען און זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע צו זיין פרוי. דער זעלבער לאָקיי, וועלכער האָט מעכלען אָפּגעוואַרט אַפן פעראָן, האָט מיט אַ פלעד אַרומגעהילט די פיס פון זיין בעל־הבית און דער בעל־הבית׳טע. דערנאָך האָט ער זיך אַרויפ־געזעצט אַפן קאַזשאָל און גענומען די לייצן. די פערד האָבן געהויבן די קעפּ, זיך אַלע מאָל אומגעקוקט, מאַכנדיק בויגנס פון די גלאַנציקע העלדזער און געקראַצט מיט די שלאַנקע, דינע פיס די ערד. דאַן האָבן זיי אַ צי געטאָן און זיינען אַוועק גאַלאָפּ. די גוווערנאַנטקע האָט די קינדער געהייסן נאָכווינקען

דעם פּאַפּאַ און דער מאַמאַ. זי אַליין, און אויך די דינסט, האָבן געטאָן דאָס זעלבע.

מעכל האָט געקוקט אין וואָלקן שטויב, וואָס די קאַרעטע האָט איבערגעלאָזט.

ל

אַ פּן וועג צוריק קיין פּעטערבורג האָבן מעכלען געפּייניקט אַנדערע געדאַנקען און אַנדערע געפילן, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געפאָרן צו מאַלווינאַן. אין דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געווען אין דער שווייץ, האָט ער פון איר געקראָגן איין בריוו און צוויי פּאָשטקאַרטלעך: איינס פון ציריך און דאָס צווייטע פון סאַנטגאַלען. ער האָט איר יעדע וואָך געשריבן צוויי גרויסע בריוו. אים איז אין דער גאַנצער צייט געווען ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער קראַנקהייט. דערנאָך, ווען מאַלווינאַ איז צוריקגעקומען, האָט זיך אים געדאַכט אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון קראַנקען בעט, אַז ער איז ווי נאָך אַן אָפּעראַציע; ער האָט געפילט אַ ליידיקייט אין דער ברוסט, ווי ס'האַרץ וואָלט אים פון דאָרט געווען אַרויס־גענומען. מאַלווינאַ האָט אים דערציילט, ווי שיין ס'איז אין דער שווייץ: די בערג זיינען בלוי, אויבן ווייס פון שניי און באַגילדעט פון דער זון.

זיצענדיק אין וואַגאָן האָט ער געזאָגט צו זיך: „זי האָט געבענקט נאָך מיר, ווי איך נאָך איר. זי האָט מיך דאָך ליב! אין דריי חדשים אַרום וועט זי וואוינען אין פּעטערבורג... דו זאָלסט דיר דינגען אַ דירה אויף דער באָלשאַיאַ מאָרסקאַיאַ, אָדער אויף דער סאַדאָוואַיאַ, אָדער אויף דער קאַזאַנסקאַיאַ; נישט אין דער אָרעמער געגנט! דאָס האָט זי מיר אָנגעזאָגט באַם געזעגענען זיך. ניין, באַ איר שוועסטער וועל איך מער ניט וואוינען; אָבער אויף דער סאַדאָוואַיאַ, אויף דער באָלשאַיאַ־מאָרסקאַיאַ אויך ניט.

דאָס זענען געווען די געדאַנקען און די געפילן, וועלכע האָבן אין מעכלס האַרץ און קאָפּ, אויפן גאַנצן וועג ביז פּעטערבורג, נישט אויפגעהערט.

* * *

אסיאַ האָט נאָכן לעצטן בריוו פון מעכלען זיך געגרייט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אים אָפּצוּוואַרטן בײַ דער באַן. זי האָט באַשלאָסן בײַ איר בעל־הבית׳טע צו דינגען אַ צימער פאַר אים, און צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט. באַלד האָט זי טאַקע וועגן דעם גערעדט מיט איר. זי האָט איר געזאָגט, אַז דער מענטש פאַר וועלכן זי דינגט דאָס שטיבל, איז איר באַשערטער „באַלד ווי ער וועט קומען וועלן זיין די תנאים און אין אַ האַלב יאָר אַרום די חתונה.״ דערנאָך האָט זי געטראַכט: ווי אַזוי איז צו מיר געקומען אַזאַ געדאַנק? אָבער דער דאָזיקער געדאַנק: „אַז באַלד וועלן זיין תנאים און אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט זי מיט מעכלען חתונה האָבן״, האָט שוין אַלע מאָל שטאַרקער אָנגעהויבן צו לעבן אין איר און זי האָט אָנגעהויבן מאַכן חשבונות, אויב דאָס וואָס זי פאַרדינט, וועט זיין גענוג פאַר ביידען. יעדן טאָג האָט זי איצט דערוואַרט אַ טעלעגראַמע פון איר מעכלען, אַז מיט דעם און דעם צוג קומט ער. און פּלוצים גאָר — זי הערט זיין קול דורכן טעלעפאָן! — ער זאָגט איר, אַז ער איז אייערנעכטן געקומען, און וואוינט אַף דער קאַזאַנסקאַיאַ.

אַפן וועג צו אַסיאַ, איז מעכלען געווען אַמשטאַרקסטן פייַנלעך, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי וועט אים אַרומכאַפּן קושן און ער וועט ניט וויסן וואָס צו טאָן. ער האָט געהאָפט, אַז זי וועט אים גלייך אָנהויבן זידלען. זי וועט שרייען: „וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט! איך בין אַן אָרעם מיידל! די ביסט אַ געמיינער יונג!״ אָבער ער האָט זי גאָר געטראָפן ליגן אין בעט און עס איז אים געוואָרן אַזוי ענג אין האַלדז, ווי פאַרצויגן מיט אַ שטריק. כמעט מיט טרערן אין קול האָט ער זי געפרעגט: „וואָס איז דיר אַסיאַ?״ זי האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט געוואָלט כאַפּן אירע הענט צו קושן. אָבער זי האָט זיי געהאַלטן אונטער דער קאָלדרע. איר קינדיש פּנימל איז געווען בלאַס, נאָך קלענער ווי ווען עס איז פריער, און גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט איבערן פּנימל. ער האָט זיך געוואָלט פאַר איר פאַרענטפערן, נאָר זי האָט אַ פּלוצימדיקן געשריי געטאָן: „אוי!״ ווי ער וואָלט איר ערגעץ אַ שטאָך געטאָן. ער איז צוגעפאַלן צו איר „אַסיאַ!... איך האָב דיך ליב!״... ער האָט געשריגן אַ פאַרצווייפלטער, און מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ. אָבער ער האָט דערזען, אַז זי ליגט אין אָנטאָן...

זי האָט געכליפּעט ווי אַ קליין קינד, באַהאַלטנדיק דאָס פּנימל אין דער

גאָרשטש, אַ וויינענדיקע האָט זי מְעכלען געפרעגט: „פאַרוואָס האָסטו מיר — כמעט אַף אַלע בריוו נישט געענטפערט, און מיר נישט טעלעגראַפירט ווען דו קומסט?" ער האָט זיך געפּרואווט פאַרענטפערן. אָבער זי האָט אים אַלע מאָל געכאַפּט באַ אַ ליגן און געוואָרן אַזוי אויפגעקאָכט, אַז זי איז אַזש אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. זי האָט געשריגן: „דו האָסט מיך גענאַרט! די גאַנצע צייט האָסטו מיך גענאַרט!" ער האָט זיך ווידער געפּרואווט פאַר איר צו פאַרענטפערן, אָבער זי האָט אים ווידער געכאַפּט באַ אַ ליגן. זי האָט געוויינט און זיך אַלעמאָל אָנגעכאַפּט באַ די שלייפן: „מיין קאָפּ!" מעכל האָט געפּרואווט אסיאַן געבן צו פאַרשטיין: „אין מיר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג, אַסיאַ, אַן איבערקערעניש. איך בין אַ צעריסענער מענטש, אין מיר לעבן צוויי וועלטן."

אַסיאַ האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. נאָר דערזעענדיק ווי צעווייטיקט איר מעכל זעט אויס — און נאָך אַ סך ערגער ווי פריער איידער ער איז אַוועקגעפאָרן — איז זי מיט איין מאָל געוואָרן גאַנץ אַנדערש צו אים. זי האָט אַף אים אַזאַ רחמנות געקראָגן, אַז זי האָט אים אַלץ גלייך מוחל געווען. „נו, איז אַלץ ווידער גוט!" זי האָט אים אָנגענומען באַ ביידע הענט: „גאָט זאָל דיר מוחל זיין פאַר די זינד, וועלכע דו ביזט קעגן מיר באַגאַנגען. איך האָב דאָ אַזוי געליטן, עטלעכע מאָל האָב איך שוין געוואָלט צו דיר פאָרן, ווייל איך האָב שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אָבער איך האָב זיך אַלעמאָל איבערגעלייגט, אַז עס פּאַסט נישט, און זיך צוריקגעהאַלטן ווי מיט אייזערנע צוואַנגען." זי האָט געוואָלט מיט אים ריידן וועגן דער מאַדאַם אַראַנאָוויטש. אָבער זי האָט נישט געקאָנט. רויט ווערנדיק און שטיקנדיק זיך מיט די ווערטער, האָט זי בלויז געזאָגט: „דעם דירעקטאָר אַראַנאָוויטשעס פרוי איז אַ גוטער מענטש. זי האָט מיר געשיקט אַ שיין קלייד." זי האָט עס געוויזן מעכלען און טרייסטנדיק זיך דערביי געזאָגט: „זי האָט דאָך אַ טייערן מאַן און צוויי קינדער!"...

מעכלען איז געווען, ווי אָנגעגליטע שפּיזן וואָלטן אים געשטאָכן אין לייב. עס זיינען אים געפלויגן טויזנטער געדאַנקען און בילדער דורכן קאָפּ.

פון גליק, אַז איר געליבטער איז ווידער באַ איר — אַז ער איז צוריק אירער — האָט אַסיאַס בלאַס קינדעריש פּנימל אָנגעהויבן שיינען. זי האָט זיך געפּאָרעט מכבד צו זיין דעם גאַסט, איר צוקונפטיקן חתן און אַלעמאָל אויס-

גערופֿן: „ווי דו זעסט אויס!" זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט: „דו מוזט אַלץ אויפֿעסן! האָסט דיך שיין פּאָפּראַוועט דאָרט!... אָבער אַ גאָט אין הימל איז דאָך דאָ, אַ גרויסער גאָט!...

מעכל איז איצט יעדן טאָג געקומען צו אַסיאַן. זי איז פֿון די לײַדן און פּײַן, וואָס זי האָט געליטן די גאַנצע צײַט ווען ער איז נישט געווען אין פּעטערבורג, געוואָרן אַ סך דינער. זי איז איצט תמיד געגאַנגען אָנגעטאָן אין גראַנאַטענעם קלייד, וואָס האָט איר אַזוי שטאַרק געפּאַסט. די האָר האָט זי זיך געקעמט אַנדערש ווי פֿריער: דער שרונט פֿאָרנט, ווי אַ ווייס דין פֿעדעמל, איז געבליבן; אָבער זי האָט זיך פֿאַרלייגט די צעפּ איבער די אויערן, ווי צוויי בולקעלעך און דעריבער אויסגעזען נאָך אַ סך קינדישער. ווי אַ קינד האָט זי זיך געפּיעשטשעט ווען זי האָט געלייגט איר קליין קעפּל אַף מעכלס ברייטער ברוסט און זיך געטוליעט צו אים.

נאָר מעכל האָט זיך ווידער געמוזט נעמען פֿלייסיק צום לערנען, ווײַל עס איז שוין נישט געווען לאַנג צום עקזאַמען. אַ סך זאַכן זענען אים אָבער איצט נאָך ווייניקער געגאַנגען אין קאָפּ אַרײַן ווי פֿריער. דאָך איז דער פּראָפֿעסאָר גאָראָוו איצט געווען נאָך צופֿרידענער פֿון זײַן תלמידס זינגען, אַזוי, אַז ער איז אַזש אַלעמאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין התלהבות, די חברים האָבן זיך געפֿרייט מיט זייער פֿרײַנט.

לא

ביסלעכווייז האָט מעכל זיך אָנגעהויבן צו באַפֿרײַען פֿון די לײַדן, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע עטלעכע חדשים. ער האָט באַשײַנפּערלעך דערזען דעם חילוק צווישן אמתער און נישט אמתער ליבע. זײַן האַס אַף די רײַכע, באַזונדערס אַף די, וועלכע האָבן אים געהאָלפֿן, איז נאָך גרעסער געוואָרן. ער האָט איצט אַסיאַן אַלע מאָל ליבער געקראָגן. יעדעס מאָל, ווען ער איז צו איר געקומען, האָט ער געקושט אירע הענט און שטום — בלויז מיט די אויגן — זי געבעטן, זי זאָל אים מוחל זײַן די זינד, וועלכע ער איז קעגן איר באַגאַנגען. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זעלבע ווי פֿריער, איידער ער איז

געפֿאָרן צו מאַלווינאַ. אַסיאַ האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן מיט אים וועגן אַ תּכלית, און אַלע מאָל אים דערמאָנט וועגן די צרות, וועלכע ער האָט איר אָנגעטאָן. זי האָט אים דאָס דאָך נישט געקאָנט מוחל זיין, ווייל ווען ער האָט זי אַרומגענומען, האָט זי געזען פֿאַר זיך דאָס זעלבע, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין פּעטערבורג, יעדע נאַכט געזען פֿאַר זיך: ווי ער ליגט אין מאַלווינאַס אָרעמס.

מעכל האָט זיך ווידער געפּייניקט און אָנגעהויבן בענקען נאָך מאַלווינאַן. ער האָט זיך געזידלט, אַז ער איז אַ געמיינער, נידער־טרעכטיקער מענטש, און איז דאָך אַהינגעגאַנגען צו מאַדאַם שמולעוויטש. זי האָט זיך מיט אים דערפֿרייט. צוערשט האָט זי זיך אָף אים געבייזערט, פֿאַרוואָס ער איז די גאַנצע צייט, וואָס ער איז שוין דאָ צוריק אין פּעטערבורג, נישט געקומען צו איר. דאַן האָט זי אים אויסגעפֿרעגט, ווי עס איז אים געגאַנגען בײַ איר שוועסטער, וואָס עס הערט זיך דאָרט: „וואָס מאַכן די צוויי גאָלדענע קינדער? ווי גוט איר האָט אייך דאָרט פֿאַפּראַוועט!"

די דינסט האָט געבראַכט טיי מיט וואַרעניע.

מאַדאַם שמולעוויטש האָט דעם צוקונפֿטיקן גרויסן זינגער, וועלכן זי האָט געהאַלטן אָפּן שווערן וועג, געהאַט אַ סוד צו דערציילן פֿון דער לאַנגער צייט, וואָס זי האָט אים נישט געזען: פֿון ווענעדיק, פֿון נאָך אַנדערע באַרימטע שטעט, וואו זי איז געווען, פֿון איניטשקאַ און פֿון די אַלע וועלכע זיינען צו איר אַריינגעקומען. אין אַן ערנסטן טאָן האָט זי אים געזאָגט: „קאַטינקאַ איז אין אייך פֿאַרליבט. וואָס קוקט איר אַזוי? איך מיין נישט קיין שפּאַס!" ווען ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַוועקצוגיין, האָט זי אים געזאָגט: „מיין שוועסטער האָט מיך שוין עטלעכע מאָל אָנגעפֿרעגט, וואָס הערט זיך בײַ אייך, ווי עס גייט אייך. איר האָט איר נאָך גאָרנישט געשריבן די גאַנצע צייט וואָס איר זיינט דאָ? קיין לאַנגע פּריינטשאַפֿט, ווי איך זע, איז בײַ אייך נישטאָ... זי גריסט אייך האַרציק. שרייבט איר באַלד!"

מעכל האָט זיך גע׳חידוש׳ט, וואָס מאַדאַם שמולעוויטש האָט גאָרנישט גערעדט מיט אים וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך געדונגען אַ דירה, אָבער ער האָט געפֿאָלגט, ווי זי האָט אים אָנגעזאָגט, און מאַלווינאַן גלייך געשריבן. ער האָט באַלד געקראָגן אַן ענטפֿער. זיין געליבטע האָט אים געמאַכט אַ פֿאָרוואורף, פֿאַרוואָס ער האָט נישט געהאַלטן זיין צוזאָג איר גלייך און אַ סך

צו שרייבן. זי האָט אים געשריבן ווי שטאַרק זי ליבט אים איצט „איך זע, אַז אָן דיר קאָן איך נישט לעבן!״ ער האָט איר באַלד געענטפערט און באַלד ווידער געקראָגן אַ בריוו. פון די בייגעלעך פּאַפּיר האָט געשמעקט דער זעלבער פּאַרפיום, וועלכער האָט תמיד געשמעקט פון איר. ער האָט נישט אויפגעהערט זי צו זען פאַר זיך. אין די גאַסן האָט ער נאָכגעקוקט כמעט יעדער פרוי, וועלכע איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ קלייד, וואָס איז געווען ענלעך צו מאַלווינאַס. אַ סך מאָל איז ער בלויז צוליב דעם אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן. צו אַסיאָן האָט ער איצט אינגאַנצן אויפגעהערט קומען.

און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, האָט מאַלווינאַ — מיט איר מאַן און די צוויי קינדער — זיך איבערגעצויגן קיין פּעטערבורג, ווי זי האָט מעכלען, ווען זי איז צוריקגעקומען פון דער שווייץ, געזאָגט. דערווייל האָט זי זיך אַריינגעצויגן צו דער שוועסטער, ווייל עס האָט נאָך באַדאַרפט געדויערן ביז די דירה, וועלכע זי האָט געדונגען, וועט זיין פריי און צוגעגרייט לויט איר געשמאַק.

מעכל איז ווידער געווען שיכור פון גליק. אָבער איצט האָט עס אַ סך וויניקער געדויערט ווי פריער. ער האָט באַלד דערזען, אַז ער רעדט זיך בלויז איין, אַז ער איז גליקלעך. זיינע בליקן זענען איצט שוין געווען שאַרף און ער האָט יעדעס מאָל געקוקט אויף מאַלווינאַן, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט: „איז דאָס די זעלבע מאַלווינאַ וועלכע האָט דעמאָלט געשפּילט, ווען איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל געזען?״ —

מאַלווינאַ האָט דעם דאָזיקן בליק נישט געקענט ליידן. זי האָט געוואוסט, אַז ער ליבט זי. אָבער זי האָט געזען ווי ער ליידט, און דאָס האָט זי באַליידיקט. זי האָט זיך פאַרגענומען איר גורל אפשר טאַקע צו פאַרבינדן מיט זיינעם. אָבער דערזעענדיק דעם תוהו ובוהו אין אים, אַז ער איז נאָך אַ סך צעריסענער ווי ער איז געווען, איז זי שטיין געבליבן פאַר אַ פראַגע. זי האָט געוואָלט, אַז דער געליבטער — צוליב וועלכן זי זאָל זיך גטן מיט איר מאַן — זאָל קאָנען זי נעמען אויף די פליגל פון זיין גייסט און פליען מיט איר, ער זאָל זיין פעסט, קלאָר און זיכער, ווי יענער גרויסער פילאָזאָף אין מאָסקווע, וועלכן זי האָט געליבט ווען זי האָט געלערנט אין קאָנסער־וואַטאָריום. איר איז פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן, וואָס זי האָט געפירט. זי איז געווען מיד פון איר אייגענער צעריסנקייט, פון איר אייגענער טראַגיק.

זי האָט געלעכצט נאָך אַ מאַן, וועלכער זאָל מיט זיין אינעווייניקסטער פעסטקייט און קלאָרן, געלייטערטן פאַרשטאַנד, זי היילן.

מעכל האָט מאַלווינאַן געוואָלט פאַרשטיין; אָבער ער האָט נישט געקאָנט. זי האָט מיט אים וועגן דעם אַלעם, נאָכוואָס זי האָט געבענקט, נישט גערעדט. ער האָט געפילט אַז זי זוכט אין אים דאָס, וואָס ער האָט נישט. אָבער זי זאָגט אים נישט, וואָס זי וויל און זיינע ליידן, זיין צעריסנקייט, איז דאַדורך אַלע מאָל גרעסער געוואָרן.

לב

פון יענע זאָרגן, וואו זיך צו באַרגן אַ האַלבן רובל, אָדער כאָטש צוואַנציק קאָפּיקעס, האָט מעכל איצט מער נישט געוואוסט. ער האָט געלעבט פון דער סטיפּענדיע וואָס מאַלווינאַ האָט אים פאַרשאַפט. זיין נשמה האָט זיך אָבער געקאָרטשעט אין ברענענדיקע יסורים. ער האָט אויפגעהערט צו גיין אין קאָנסערוואַטאָריום, ווייל ער האָט איצט שוין גאָרנישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. עס האָט זיך אָנגערוקט דער עקזאַמען, ער איז דורכגעפאַלן. דאָך נאָך עטלעכע טעג איז אין אַ פאַרנאַכט געקומען צו אים דער פּראָפעסאָר אַ פאַרסאָפּעטער און אים אַרומגעכאַפּט קושן: „מיכאיל! איר זיינט אַנגאַזשירט אין מאַרינסקי!" ביז האַלבער נאַכט האָט מעכל פאַרבראַכט מיטן פּראָפעסאָר. נאָך צומאָרגנס, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער דערפילט אַז די גוטע בשורה איז אַ ניי אומגליק אין זיין לעבן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און מעכל איז געוואָר געוואָרן וועלכן פּרייז ער מוז נאָך באַצאָלן, צו ווערן אַ זינגער אין מאַרינסקי. דער דירעקטאָר האָט אים מיט עטלעכע האַלבע ווערטער, וועלכע זיינען געווען אַ מין פרעגן אין מיט אַ „הם", דאָס געגעבן צו פאַרשטיין. די ערשטע קשיה איז געווען: „ווי יעווריעי?" מעכל האָט נישט פאַרשטאַנען: „צי כ'בין אַ ייד?" די צוויי ווערטער האָט דער דירעקטאָר אַרויסגעזאָגט זייער איידל און זיי זיינען געווען: אי אַ פראַגע, אי ניט, און דאָך אַ פראַגע. ווי אַ שטייגער: דו ביזט אַ ייד?" — אַוודאי, איך ווייס עס דאָך. אָבער וואָס וועט זיין?. ער האָט פון

מעכלען קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, געקוקט אַף אים מיט באַדויערונג און זיך געחידושט, וואָס דער דאָזיקער מענטש — ער זעט אייגנטלעך אויס ווי אַ פּראָוואָסלאַוונער — איז אַזוי צעטומלט געוואָרן. עס שמדן זיך אַזוי פּיל יידן! — זיי ווערן דערנאָך באַרימטע מענטשן, און עס גייט זיי גוט...

אַפּן וועג אַהיים, פון אַן אָרט וואו ער האָט געמוזט זיין, האָט זיך פאַר מעכלען אַנטפּלעקט אַ בלאַס איידל פּנים מיט גרויסע טרויעריקע אויגן, אַ שיינער זילבערנער קאָפּ, און אַ פּיאַנאָ... ער האָט זיך דערמאָנט: דאָס איז דער דיריגענט פון וואַרשע! ער האָט געהערט ווי יענער שרייט: „שמדט אייך! שמדט אייך!...

מעכל האָט נישט געזען די גאַסן, די בריק, וועלכע ער איז אַריבער־געגאַנגען, די פאַרביילויפּנדיקע דראָזשקעס און אויטאָמאָבילן, די פאַרבייגענדיקע מענטשן. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, פאַרטיפט און געדאַנקען. ער האָט דאָס וואָרט „שמדן״ נישט געקענט פאַרשטיין. דאָס וועט ער דאַרפן טאָן?. ער איז אין מאַרינסקי געווען צו „באָריס גאָדונאָוו״. וואָס וועט ער דאַרפן טאָן, ווען ער וועט, למשל, קריגן צו שפּילן די דאָזיקע ראָלע? — ער וועט זיך מוזן פאָרשטעלן פאַר אַ קיסר. נאָכן שפּילן וועט ער ווידער זיין מעכל שטערן. ווי אַזוי קען ער דען — און פאַרוואָס זאָל ער — ווערן אַן אַנדערער, אַ פּראַוואָסלאַוונער?...

ווען ער איז אַהיימגעקומען, איז די נאַכט צוגעפאַלן. אין זיין צימער איז געווען טונקל. ער האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער סאָפאַ און געקוקט אין דער פינצטערניש. ער האָט דערזען דעם טאַטן אין מיטן צימער... ס׳דאַכט זיך אים, אַז די מאַמע האַלט אים אַרום... ער טוליעט זיך צו איר, קלאַמערט זיך, זי זאָל אים שיצן, זי זאָל אַנטלויפן מיט אים...

ס׳איז אַריינגעקומען די דינסט. זי האָט געמאַכט ליכטיק און מעכלען אַריינגעבעטן אין שפּייז־זאַל צום אָוונט ברויט. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגן אַף דער סאָפאַ, געדרעמלט, ביז ס׳איז געוואָרן גוט שפּעט און איז איינגעשלאָפן. די גאַנצע נאַכט האָט ער געחלומט פון דער מאַמען און פון טאַטן, דער בליק אין דער מאַמעס אויגן איז געווען אַ תחנונימדיקער... אַזוי פּיל זאָרג און פאַרצווייפלונג אין דער לויכטנדער בלאַסקייט פון איר געאיידלט פּנים, אין דער פאַרחלומטקייט פון אירע ווייסע הענט!... מיט אַ ציטעריק קול האָט זי אים געפרעגט: „מעכל, דו

ווילסט דיין מאַמע?"... דאָס וואָרט „פאַרלאָזן" האָט זי נישט אַרויסגעזאָגט. ווי פרייטיק צו נאַכט, בעתן ליכט בענטשן, האָט זי מיט בײדע הענט — בלייכע, מיט בלויע אָדערלעך — זיך פאַרשטעלט דאָס לענגלעכע פנים און שטיל געוויינט, איר גאַנצער גוף האָט געצוקט. ער האָט אַרומגעהאַלטן אירע פיס, געקראָכן אַף די קני, געניורעט זיין קאָפּ אין איר שויס און געשריגן: „מאַמע!... העלף מיר!... העלף מיר!..."

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און שוין מער נישט געקענט איינשלאָפן. צומאָרגנס האָט ער נישט געוואוסט, וועלכעס ער האָט געחלומט און וועלכעס ער האָט געפאַנטאַזירט איידער די דינסט האָט אים גערופן צום אָונט ברויט. געטראַכט האָט ער דעם גאַנצן טאָג וועגן די יידן אין זיין שטעטל און אין וואַרשע. ער האָט געקלערט וועגן טאַטן, וועגן זיידן אין דער מיל און וועגן זיידן יקותיאל. די מאַמע האָט אים אין אַ בריוו געשריבן, אַז דער זיידע יקותיאל איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער: ער האָט אויפּ־געהערט צו טרינקען, גייט נישט מער אָנגעטאָן אין דער קאַצאַפּישער זשופּיצע, און איז געוואָרן פרום. ער דאַוונט איצט יעדן שבת פאַרן עמוד אין דער גרויסער שול.

דעם צווייטן טאָג האָט מעכל, פון דער פרי אָן, געקלערט צו וועמען ער זאָל גיין. עס איז אים איינגעפאַלן מישאַ סאָקאָלאָווסקי. אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אַריינגיין צו אַסיאַן, ער וועט זי איבערבעטן, זיך וואַרפן צו אירע פיס, זי זאָל אים מוחל זיין. אין אירע אויגן האָט ער תמיד געזען אָנגעצונדענע שבת־ליכט, דעם שבת אין דער היים, דער מאַמעס פנים. זי וועט אים איצט העלפן. זי, נאָר זי! אָבער ער האָט דאָך נישט געקענט צו איר אַריינגיין, און אויך צו מישאַ איז ער נישט געגאַנגען, ער איז דעם גאַנצן טאָג געווען אין שטוב. פאַרנאַכט זענען פלוצים צו אים געקומען סאַשאַ און קאָנסטאַנטין גוסיעוו. זיי האָבן אים שטאַרק געדריקט די האַנט און געפרעגט ווי עס גייט אים. ער האָט זיי נישט געענטפערט, נאָר שטאַרק געקוקט אין זייערע אויגן. זייער קומען איז אים איצט געווען חשוד...

סאַשאַ האָט געכאַפּט אַ באַהאַלטענעם בליק אַף גוסיעוון. ער האָט אָבער גלייך דערפילט, אַז מעכל האָט דעם דאָזיקן בליק באַמערקט.

קאָנסטאַנטין גוסיעוו האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע. ער האָט מעכלען

געפרעגט: ביסט די נאַכט נישט געשלאָפן מיכאיל? דו הולטאַיעוועסט אַרום גוטער ברודער... מיט דער שוואַרצער... מיט דער רויטער...״

סאַשעס בלייך, לאַנג און דאַר פּנים, איז ווי תּמיד, ווען ער האָט געהערט רעדן וועגן פרויען, נערוועז געוואָרן. די דינע הויט פון די באַקן האָט גענומען צוקן. ער האָט געשאָלטן און געזידעלט אַלע פרויען און האָט טענות צו מעכלען: „אַלע לויפן דיר נאָך! וויעראַנקאַ, נאַסטאַסיאַ און ליזאַ. זיי ווייסן שוין נישט, ווי דיך צו־רופן, ווען זיי ריידן וועגן דיר: „מישינקע... מיכאַלענקאַ!... נאָר איינע, אַ קאַטיאַנקאַ — דאָס איז עפּעס אַ מעדיום, זאָגט מען — איז אַזוי פאַרליבט אין דיר, אַז זי גייט דיר נאָך ווי אַ שאָטן. דו ווייסט עס אפשר נישט. נו, גיב קאָניאַק מיכאיל״...

מעכל האָט אויסגעהערט אַלץ, וואָס סאַשאַ האָט גערעדט און געוואַרט צו הערן וועגן וואָס די צוויי קאָלעגן זענען געקומען.

קאָנסטאַנטין גוסיעוו האָט זיך געפילט אין אַ שלעכטער לאַגע. ער האָט די שליחות, וועלכע דער פּראָפעסאָר גאַראָוו האָט אים איבערגעגעבן, געוואָלט אויספירן קלוג. „ער איז זייער אַ פילנדיקער!״ האָט אים דער פּראָפעסאָר אָנגעזאָגט. „דו מוזט זיין גאַנץ פאָרזיכטיק!״

„נו, גיב טאַקע קאָניאַק, מיכאיל!״ גוסיעוו איז געוואָרן יום־טובדיק. — פאַר דיין אָנקומען אין מאַרינסקי!״

„פאַר דיין גליק, מיכאיל! פאַר דער קונסט!״ איז סאַשאַ שוין געוואָרן שיכור.

„פאַר מיין גליק... פאַר דער קונסט״... האָט מעכל, ווי אין חלום גערעדט צו זיך. ער האָט די צוויי חברים געבעטן זיצן. ער איז געווען בלאַס, זיך געפילט ווי אַ חיה, וועלכע מ׳האָט אַרויסגענאַרט פון דער הייל און אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

שטיל האָט ער געזאָגט צו די קאָלעגן: „מיר וועלן נישט טרינקען. נישטאָ וועגן וואָס. איך וועל קיין זינגער אין מאַרינסקי נישט ווערן.״

„פאַרוואָס?״ — האָבן ביידע דערשטוינט געפרעגט.

„ווייל שמדן וועל איך זיך נישט!״

„וואָס הייסט שמדן?״ — האָט גוסיעוו איבערגעפרעגט.

מעכל האָט פאַר עקל צעקרימט דאָס פּנים: „שמדן זיך, הייסט: ווערן אַ בליאַד! איך בין אַ ייִד! אַ זשיד!"

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח: וועגן דער קונסט, וועגן פריידענקעריי, וועגן דער אָרדנונג אין רוסלאַנד, וועגן סאָציאַליזם, רעוואָלוציע און קאָסמאָפּאָליטיזם, וועגן אינדיווידואַליזם, רעליגיע און נאַציאָנאַליזם. צו מיינסט האָבן גערעדט סאַשאַ און קאָנסטאַנטין גוסיעוו. מעכל האָט כמעט בלויז נאָר געקוקט מיט זיינע מאָדנע אויגן איצט. דאַן האָבןביידע אים גענומען אונטערן אָרעם: — קום, מיכאיל! מען וועט טרינקען!... עס איז פּאַסקודנע אויף דער נשמה!"...

„—אך", גאָט! — האָט סאַשאַ שיער געוויינט.

לג

מעכלס פּנים איז געוואָרן צעקרימט. ער האָט זיך אויסגעניכטערט, אייגנטלעך איז ער גאָר ניט געווען אַזוי שיכור, ווייל ער האָט זייער ווייניק געטרונקען. די אומרואיקייט אין אים האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. ער האָט נישט געקאָנט זיין אין שטוב. מיט זיינע חברים און פריינט האָט ער זיך מער נישט געוואָלט טרעפן. ער האָט געקלערט אַהינצו־גיין צום פּראָפעסאָר גאַראָוו. אָבער ער האָט מורא געהאַט, ווי אַ קראַנקער, וואָס האָט מורא צוגיין צו אַ דאָקטער, ווייל ער ווייסט, אַז מען וועט אים מוזן מאַכן אַן אָפּעראַציע. דערביי זיינען זיינע געדאַנקען און אַ טייל פון זיינע געפילן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דעם, וואָס מאַדאַם שמולעוויטש און סאַשאַ האָבן אים דערציילט וועגן קאַטיאַנקאַ. פון אַסיאַן איז ער אינערלעך נאָך נישט געווען אינגאַנצן פריי. אָבער מאַלווינאַן האָט ער נאָך אַלץ זייער שטאַרק געליבט, כאָטש בּאַם לעצטן מאָל זיך טרעפן מיט איר האָט ער זיך מיט איר צעקריגט. נאָר זי איז גלייך אַפן צווייטן טאָג צו אים געקומען, געוויינט און געשריגן: „איך קאָן אָן דיר נישט לעבן מיכאיל!!!"

ער איז אַהינגעגאַנגען צו איר. זי האָט נאָך אַלץ געוואוינט בּאַ דער

שוועסטער. אָבער געקומען איז גאַנץ עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וועגן וואָס מעכל איז צו איר איצט אַהינגעגאַנגען. ער האָט געזוכט זעלישע און גייסטיקע הילף אין זיין פאַרצווייפלונג און זי האָט אים, באַלד בײַ זיין אַריינ־קומען, געזאָגט: „עס טויג נישט, מיכאיל, אַז דו זאָלסט דאָ אַהערקומען״...

„קום־זשע דו צו מיר.״

„דאָס טויג אויך נישט.״

„וואו דען זאָלן מיר זיך טרעפן?״

„אין אַ האָטעל״.

זי האָט אים געזאָגט אין וועלכן האָטעל, אים געלערנט, וואָס ער זאָל זאָגן באַם דינגען אַ צימער: אַז זיין שוועסטער איז געקומען פון אַ ווייטן וועג און וויל זיך אויסרוען עטלעכע שעה, ווײַל זי פאָרט באַלד ווייטער.

ער איז שטיין געבליבן, ווי עס וואָלט פּלוצים געשען אַזעלכעס, וואָס איז אוממעגלעך... ער איז אַלעמאָל בלאַסער געוואָרן.

זי האָט אים קאָלט געפרעגט: „וואָס איז דיר?״

ער האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין דער גאַרשטש פון זיינע גרויסע הענט. ווי אַ געבעט האָט פון זיין האַרץ זיך געריסן: „מאַלווינאַ... ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נישט אַ פרוי, נאָר אַ מלאך... איך בין געשטאַנען פאַר דיר אַ בענקנדיקער, אַ לעכצנדער... דו האָסט געגלעט מיין ברענענדיקן שטערן... דיינע פינגער האָבן אויס־געלאָשן דאָס גיהנום, אין וועלכן איך האָב דעמאָלסט געברענט... די קונסט דערהויבט דעם מענטש, האָסטו געזאָגט. איך האָב דעמאָלט געוואָלט קניען פאַר דיר, נאָר דו האָסט מיך נישט געלאָזט. האָסט געלייגט מיין קאָפּ אַף דיין ברוסט און געגלעט מיינע האָר. איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב נישט געלערנט, איך בין אַ גראָבער יונג. דו האָסט מיך געטרייסט, געקושט מיינע אויגן. דו ביסט געווען מיין לערערן און מיר געזאָגט, אַז איך בין דיין לערער... דו האָסט מיר געהאָלפן און געזאָגט, אַז איך העלף דיר... אַ מאַלווינאַ״...

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ, זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, און געריסן די האָר. זי איז געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן און געשריגן: „שווייג! שווייג! דו האָסט געטויט מיין ליבע צו דיר! דורך דיין פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל מיך גטן מיטן מאַן און מיט דיר חתונה

האָבן! דורך דיין אייפערזוכט! אַז מען ליבט זעט מען קיין שום אַנדערע זאַך נישט, און מען פאַרלאַנגט גאָרנישט מער, חוץ ליבע!״

זי האָט ווייטער געדעדט, מעכלען פאַרגעוואָרפן אַלע זיינע חסרונות. ער האָט פאַרביסן די ליפּן. ס׳גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. די אויגן זענען בײַ אים געוואָרן בליצנדיקע, און עס האָט אַ הילך געטאָן אין צימער: „דו ביסט אַ״... ס׳האָט אָנגעהויבן פאַלן גלאָזוואַרג... דורך אַלע טירן האָט מען אָנגעהויבן אַריינלויפן... די צוויי קינדער האָבן צאַפּלענדיקע געשריגן: „מאַמאַ!...״ איניטשקאַ איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מיילכל. די דינסט און די גוווערנאַנטקע האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. בלויז מאַדאַם שמולעוויטש האָט זיך ניט פאַרלוירן. זי האָט אַרויסגעשיקט די גוווערנאַנטקע מיט די צוויי קינדער, די דינסט, דאָס טעכטערל און אַ שטרענגע געפרעגט מעכלען: „וואָס איז געווען?״

ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. און אויך נישט געקאָנט. ס׳איז געקומען אַריינצולויפן דער זון. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מעכלען מיט ביידע הענט, און אים אַרויסגעוואָרפן.

אינדערהיים האָט מעכל זיך אַוועקגעזעצט אױף אַ שטול, צעשפּרייט די פיס, אַוועקגעשטעלט די עלנבויגנס אױף די קניען, און אַריינגעלייגט דעם אַראָפּהענגנדיקן קאָפּ צווישן די פויסטן. אַזוי איז ער געזעסן און געזעסן. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען ער האָט אַריינגערופן די דינסט און איר געהייסן ברענגען אַ פלאַש בראָנפן. ער האָט געטרונקען, געקרויכערט. דאַן האָט ער טעלעפאָנירט נאָך מישאַ. מישאַ איז געקומען. אָבער קיין שמועס האָט זיך נישט אָנגעהויבן. ער האָט ווידער פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, דערלאַנגט דעם פריינט, און אָנגעגאָסן צוויי גלעזער שנאַפּס.

מישאַ האָט געפּרוּווט אָנהויבן מיט מעכלען אַ שמועס וועגן שמד. אָבער מעכל האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט: נישט געוואָלט ריידן וועגן דעם. ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און צוזאַמענגערופן אַ גאַנצע חברה: „מ׳וועט טרינקען!״...

געקומען זיינען אַלע. האָבן מיטגעבראַכט משקה און צובייסעכץ. כמעט אַלע האָבן זיך געפּאָרעט. די מאַנספערשוינען האָבן געטאָן די זעלבע אַרבעט וואָס די פרויען: צורעכט געמאַכט הערינג, געשניטן קעז, אָנגעשמירט זעמל

און ברויט מיט פוטער, און צוגעגרייט דעם טיש. די פרויען האָבן געררויכערט און געטרונקען גלייך מיט די מענער.

וויעראַנקאַ איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שיין. זי איז פון מעכלען נישט אָפּגעטראָטן קיין איין רגע, אים געהאַלדזט און געקושט. אירע באַקן האָבן געגליט און די אויגן געפינקלט. זיצנדיק אויף זיין שויס, האָט זי אַריינגעטענהט אין אים: „וואָס איז דען שמדן זיך? — מ׳שפּריצט אָפּ מיט אַביסל וואַסער?... אַז ער האָט געוואָלט אויפשפּרונגען, האָט זי זיין שטורעם דערשטיקט מיט אירע רויטע ליפּן, מיט אירע אָרעמס.

עס איז צוגעקומען צו אים אויך נאַסטאַסיאַ.

חברה באַם טיש האָט געזונגען. איינער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין וויעראַנקאַס ווערטער, עטלעכע האָבן זיך אַריינגעמישט און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ ויכוח וועגן גאָט, וועגן נשמה, וועגן גייסט און וועגן אמונה. אַלע האָבן געשריגן, געליאַרמט און געענדיקט מיט אויפהויבן פולע גלעזער: „פאַר דיין גליק, מיכאיל, הוראַ!!! ביסלעכווייז האָבן אַלע דערפילט, אַז זייערע צונגען זיינען שוין געליימט, אין די קעפּ פאַרט אַרום די שטוב מיט די גלעזער, מיט די פלעשער — מיט אַלעם וואָס איז דאָ — האָבן זיי גענומען זיך געזעגענען מיט מעכלען. בלויז וויעראַנקאַ האָט זיך גאַרנישט געוואָלט שיידן מיט אים. אָבער זי איז דאָך מיטגעגאַנגען מיט די אַנדערע און מעכל איז געבליבן אבלדיק אַליין. ער איז געווען זייער מיד און דערשעפּט און זיך געלייגט שלאָפן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט פונעם עקלדיקן געפיל, וואָס ער האָט געהאַט פונעם טרינקען און פון די שיכורע רייד.

מיט אַ שניידנדיקער קלאָרקייט האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אין דער סצענע מיט מאַלווינאַ, זיין געוועזענע געליבטע. ער האָט זיך געשעמט און שטאַרק חרטה געהאַט אַף די ווערטער, וועלכע ער האָט איר געזאָגט, חרטה געהאַט אַף די ליידן, וועלכע ער האָט מאַדאַם שמולעוויטש דאַדורך פאַרשאַפט: „זי איז דאָך אַ גוטער מענטש, זי האָט מיר געהאָלפן!״

ער האָט מאַלווינאַן נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון זיין האַרץ. ער האָט זיך דערמאָנט איר שפּילן און געהערט דאַרין ליידן און פּיין פון מענטשן. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען מאַלווינאַס פּנים ווען זי איז געזעסן באַ דער פּיאַנאָ, איר לויכטנדיקע גאָלד־פלאַמיקע האָר, אירע ווייסע, לאַנגע פינגער:

די טאַנצנדיקע נשמות איבער די ווייסע און שוואַרצע קלאַווישן, זיך פֿלעכטנדיקע און שוועבנדיקע אין ליידנשאַפֿט...

נאָך באַנאַכט זיינען חברה ווידער געקומען און ווידער מיטגעבראַכט צו טרינקען. עס איז מיטגעקומען די פּאַרפֿירערישע מאַריאַ פּעטראָוונאַ, די שוואַרצע ציגאַנקע, ווי אַלע האָבן זי גערופֿן, די שעמעוודיקע וואַרינקאַ, די צאַרטע קסעניאַ. (זי האָט געהאַט גרויסע טרערן אין די קינדערשע אויגן, זעענדיק, ווי מעכל ליידט). קאַליאַ האָט מעכלען אַלע מאָל אַרומגענומען און געקושט. די חברים און פֿריינט האָבן אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס לוינט גאָרנישט איבער דער זאַך צו מאַכן אַזאַ גרויסן עסק. מישאַ סאָקאָלאָווסקי און די אַנדערע יידישע חברים האָבן געטענהט צו אים:

„זאָלן די יידן אויפֿבויען אויך טעאַטערס און נישט בלויז שולן און בתי־מדרשים!" וואָס קאָנען מיר טאָן, אַז מיר זיינען געבוירן אַרטיסטן, אָפּערע־זינגערס און נישט קיין חזנים, קיין משוררים!"

ווען אַלע זיינען צוריק אַוועקגעגאַנגען, זיינען אָפֿן טיש געבליבן די ליידיקע פֿלעשער פֿון בראָנפֿן, פֿון ביר און פֿון וויין. אַף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער גלאָז און שערבלעך פֿון צעבראָכענע גלעזער און טעלער. אומעטום זיינען געלעגן שטיקלעך ברויט מיט הערינג, מיט סאַרדין, מיט וואורשט און זויערע אוגערקעס. דער שאַרפֿער ריח פֿון אַלקאָהאָל און ניקאָטין האָט מעכלען געטריבן ווי פֿון אַ פּוסטן שענק, ווען די שיכורים זענען אַוועקגעגאַנגען, די פּיטומס פֿון די פּאַפּיראָסן און דער אַש איז געווען ווי אָנגעזייעט אַף דער פּאָדלאָגע.

לד

מעכל איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט שוין וועגן קיין שום זאַך מער נישט געקאָנט דענקען. זיין עקשנות, זיך נישט צו שמדן, איז שוואַכער געוואָרן. ער האָט זיך אַליין שוין געפֿרעגט: — וואָס פֿייניק איך מיך אַזוי? עס איז אמת, וואָס מישאַ און די אַנדערע האָבן געזאָגט: זאָל מען אויפֿבויען אויך טעאַטערס און נישט בלויז שולן און בתי־מדרשים! אין יעדן שטעטל, אַפֿילו אין קלענסטן, איז דאָ אַ שול און אַ בית־

מדרש! ער האָט זיך דערמאָנט דעם דיריגענטסווערטער: — שמדט אייך! שמדט אייך! יענע שטריק, וועלכע ער האָט דעמאָלט דערפילט אַף זיין האַלדז, האָבן זיך גענומען צוציען. ער האָט דערפילט אַ האַס קעגן זיין פאָלק. אַהיים האָט ער שוין לאַנג נישט געשריבן. וואָס זאָל ער שרייבן? מאַלווינאַ האָט אים געקאָנט געבן כוח זיך קעגנצושטעלן. אָבער זי האָט אים צעבראָכן. אַסיאַ... אויך זי וואָלט אים אפשר געוועזן געקאָנט העלפן. אָבער זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

ווי אַ טרינקענדיקער האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין דער וועשעריי באַם קראַנקן לוקיטש. שוין לאַנג, אַז ער איז דאָרט נישט געוועזן. ער איז זיך פאַר־געקומען ווי אַ פאַרעטער. איז ער אַהינגעגאַנגען און געטראָפן אַלע, וועלכע פלעגן דאָרט אַהינקומען, אויך פאַוועל אוגלאָוו. מען האָט זיך דערפרייט מיט אים. אָבער עטלעכע האָבן זיך איצט געהאַלטן אַביסל פרעמד צו אים, מיט געוויסן חשד. זיי האָבן עס אים נישט אַזוי שטאַרק אַרויסגעוויזן. אָבער ער האָט דאָס געפילט. מ׳האָט גערעדט עטוואָס צוריקגעהאַלטן און אויך — פון מאָל צו מאָל — מיט אַ שטאָך.

עטלעכע האָבן געזען, אַז ער ליידט, און געפּרואווט אפילו אים מקרב צו זיין. דעם קראַנקן לוקיטשעס פרוי און די מיידלעך האָבן געהאַט רחמנות אַף אים. נאָר מעכל האָט געזען, אַז ער איז שוין דאָרט אַ פרעמדער, איז ער געוועזן פאַרשטומט. אַהיימגעגאַנגען איז ער אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער. אַריינקומענדיק צו זיך אין צימער האָט ער געטראָפן זיצן קאַטיאַנקאַ וואַרטן אַף אים. ער איז געוועזן איבעראַשט. הגם ערגעץ־וואו אין דער נשמה האָט ער שוין לאַנג געוואַרט אַף איר...

קאַטיאַנקאַ האָט איצט אויסגעזען ווי אַ נאָנע, זי איז געוועזן אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער פעלערינקע, אין אַ שוואַרץ היטעלע און אין שוואַרצע הענטשקעלעך. אַז זי האָט די פעלערינקע אויסגעטאָן איז זי שטיין געבליבן אין אַ שוואַרץ קלײדל מיט שמאָלע אַרבעלעך, אַף אירע דינע הענטלעך.

אין זיינע גרויסע צרות האָט מעכל גאָר באַקומען חשק צו זיין לוסטיק. ס׳האָט אים געגלוסט צו פרעגן קאַטיאַנקאַ, ווי מ׳פרעגט אַ קליין מיידעלע: — ווי הייסטו?... ווי אַלט ביסטו??... גייסטו שוין אין שולע אַריין?...

קאַטיאַנקאַס ברעמען זיינען נאָך בויגענדיקער געוואָרן און די לאַנגע וויעס זיינען נאָך לענגער געוואָרן. איר בלאַסער, לויכטענדיקער שטערן, איז

נאָך שענער געוואָרן, און די בלויע אויגן נאָך פאַרחלומטער, זי האָט אים געפרעגט, אויב עס איז טאַקע אמת, אַז ער איז אַנגאַזשירט אין מאַרינסקי טעאַטער, זי האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק זיין קוקן אַף איר מיט יענעם חשד, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אַף סאַשאַן און קאָנסטאַנטין גוסיעוו, ווען זיי זענען געקומען צו אים אין שליחות פונעם פּראָפעסאָר גאַראַוו. קאַטיאַנקאַ האָט מעכלען דערמאַנט אינעם הויז באַ מאַדאַם שמולעוויטש: „איך בין שוין דאָרט לאַנג נישט געווען", האָט זי געזאָגט. און פּלוצלינג, ווי אַ שפּרונג פון אַ קאַץ, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: „ווען וועט איר אויפ־טרעטן, גאָספּאַדין שטערן? — אַזוי הייסט איר דאָך, דאַכט זיך מיר." נישט קריגענדיק קיין ענטפער און דערפילענדיק די איינגעביסענע בליקן זיינע אין די שוואַרצע קרעלן אַף איר האַלדז און דעם גאָלדענעם צלמל אַף איר ברוסט, האָט זי פאַרקערעוועט איר שמועס אויף קונסט און מוזיק.

לה

אַ וואָך נאָך אַ וואָך איז אַוועק. מעכל האָט דעם דירעקטאָר פון מאַרינסקי טעאַטער נאָך נישט געהאַט געגעבן קיין ענטפער. דער פּראָפעסאָר גאַראַוו האָט אים געשריבן, טעלעפאָנירט, ביז ער איז ווידער אַליין געקומען. ער האָט גערעדט מיט זיין פריערדיקן תלמיד און אים אַזוי געזאָגט: „אוודאי ביסטו גערעכט, מיכאיל. דער מענטש קאָן נישט פּלוצלינג מיט איינמאָל ווערן אַן אַנדערער. נאָר אמונה — דאָס געהערט שוין צו אַ צווייטן פונקט. דער דאָזיקער פונקט איז באַ אַלע מענטשן גלייך, ווייל אַלע מענטשן גלויבן. רעליגיע איז ווידער שוין עפּעס אַנדערש. דער קולטורעלער מענטש טוישט סיי ווי זיין רעליגיע; ס׳איז אָפּהענגיק אין זיין דענקען. אָט דו אַליין, מיכאיל! קאָנסטו זאָגן, אַז דו האָסט נאָך די זעלבע רעליגיע, וועלכע דו האָסט אַמאָל אין דיין היים געהאַט? דאָס איז דאָך אונמעגליך! און ווי דו האָסט מיר דערציילט, האָט מען דיך אינדערהיים געצוואונגען צו זיין פרום? אַלזאָ! ס׳געפיל איז אינדיווידועל, באַזונדערס באַם קינסטלער."

מעכל האָט זיין לערער ליב געהאַט און געשעצט, ער האָט נישט געהאַט

וואָס אים צו ענטפערן. אַלץ, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אים געזאָגט, איז אים אויסגעקומען ריכטיק. און דאָך איז זיין נשמה נישט געווען צופרידן דערמיט. ער וואָלט אַלץ געטאָן, אָבער פאָלגן ווען מען צווינגט אים — — —

אין דעם מאָמענט איז דעם פּראָפעסאָר געקומען אַ גוטער געדאַנק און קאָפּ אַריין. אַ דערפרייטער האָט ער מעכלען געזאָגט: „דו ברויכסט דיך גאָרנישט שמדן, מיכאיל! גיב מיר דיין פּאַס!” — — —

מעכל האָט געפרעגט: „דעם פּאַס?”

„יאָ, נישט מער ווי דעם פּאַס. די גאַנצע זאַך איז דאָך נאָר אַ פאָרמאַליטעט, אַזוי צו זאָגן...”

אָבער נאָכן פּראָפעסאָרס אַוועקגיין האָט מעכל זיך געכאַפּט: „אַזוי!... איך וועל, הייסט עס, נישט דאַרפן גיין אין צערקווע אַריין!...

מיט דער קאַלטער האַנט האָט ער זיך געקילט דעם ברענענדיקן שטערן. ס׳איז געווען אום צוועלף. קאַטיאַנקאַ האָט געזאָלט קומען אום צען. נאָר געקומען איז זי ערשט אַרום איינס. זי האָט מעכלען געטראָפן זיך פּייניקן און זיך פאַרענטפערט פאַר אים, וואָס זי איז געקומען אַזוי שפּעט. מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ האָט זי אים געזאָגט: „מיכאיל! — דו הערסט נישט אויף דיך צו מאַטערן. און ערשט נעכטן האָסטו אַליין געזאָגט, אַז גאָט איז איינער!”

מעכל האָט געפילט, אַז ער איז אין אַלעם שוין באַזיגט. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ס׳איז מעגלעך. אַז ער זאָל מער נישט זיין מעכל שטערן לוי׳ס און שרהלעס זון, נאָר עפּעס אַ מאַקסים, אַ מיכאַיל, אָן אַ מאַמען און אָן אַ טאַטן, אָן די ייִדעס און אָן די באָבעס... ער האָט פאַרצווייפלט געשריגן: „קאַטיאַנקאַ! שטעל דיך פאָר! — איך וועל מער נישט זיין מעכל, יענער מעכל, שרהלעס...”

קאַטיאַנקאַ האָט מיט אירע קינדערשע דינע אָרעמס אַרומגענומען זיין גרויסן קאָפּ און אים געדריקט צו איר שמאָלער, צאַרטער ברוסט. איר הענטל האָט זיך געשפּילט מיט זיינע וואַרימע טונקל־ברוינע האָר. זי האָט אים צוגעמאַכט די גרויסע אויגן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט אַזוי פיל פּיין.

מעכלען איז גוט געווען אין דער שטילקייט פון קאַטיאַנקאַ. ער האָט זיך געטוליעט צו איר ווי אַ קינד צו דער מוטער. ערשט פאַרנאַכט איז קאַטיאַנקאַ אַוועקגעגאַנגען. ער האָט די דינסט געשיקט נאָך משקה, און געטרונקען איין

גלאָז נאָך דער אַנדערער. אַזוי איז געגאַנגען איין טאָג נאָכן צווייטן, ביז קאַטיאַנקאַ האָט אים איינמאָל געטראָפן ליגן אַף דער פּאָדלאָגע מיט צו־געמאַכטע אויגן און קרעכצן. זי האָט גענומען שרייען, ס׳איז אַריינגעקומען די דינסט, די בעל־הביתטע. מ׳האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר. קוים מ׳האָט אים דערמונטערט. קיין סכנות נפשות איז נישט געווען. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „ווי עס שיינט, איז עס אַן אַלקאָהאָל פאַרגיפטונג. ער וועט ווידער געזונט ווערן.״

קאַטיאַנקאַ איז שוין מער נישט אַוועקגעגאַנגען. זי האָט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט דערפילט וואָס דער דאָקטאָר האָט געהייסן. ווען דער קראַנקער איז איינגעשלאָפן, האָט זי קניענדיק — מיטן קליינעם צלמל אין האַנט — געשעפּטשעט תפילות פאַר אים. דערנאָך האָט זי דאָס צלמל אים אַרויפגעלייגט אַף דער ברוסט.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך מעכל אויפגעכאַפּט. ער האָט געקוקט, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט וואו ער איז. דאָס איינציקע, ברענענדיקע עלעקטרישע לעמפּל, איז געווען פאַרהאַנגען. אין צימער איז געווען אַ מיסטישע טונקלקייט און שטילקייט. אַף די ווענט זיינען אַרומגעקראָכן שאָטנס. קאַטיאַנקאַ האָט מיט צעלאָזטע האָר נאָך אַלץ געקניט פאַר מעכלס בעט און מתפּלל געווען. ס׳האָט מעכלען אָנגעהויבן פאַרקומען, אַז ער איז אין אַ צערקווע... ער איז ווידער איינגעשלאָפן. די גאַנצע נאַכט האָט זיך אים שוין געפּלאָנטערט אין קאָפּ, אַז ער איז אין אַ צערקווע, ער הערט קלינגען גלאָקן, זעט אַ פּאָפּ אין אַ ווייסער ריזע, מיט אַ גרויסן שוואַרצן צלם אין האַנט פאַרן אַלטאַר, און הערט בעטן... דער אָרגל שפּילט... אַזוי פיל מענטשן... זיי קניען...

פערטער טייל

לו

מיכאיל זוויעזדאָוו האָט געוואוינט אין שלאָס באַם פּירשט סרעבלאָוו. דאָרט האָט מען אים אָפּגעגעבן אַ שטודיר־צימער מיט אַ רייכער ביבליאָטעק און אַ פּיאַנאָ, אַ וואוינצימער און אַ גאַסט־צימער. ער האָט זיך נאָך אַלץ געגראָבן: איז ער געווען אין אַ צערקווע, אָדער נישט?... אין זיין פּאַס איז געווען אָנגעשריבן: מיכאיל זוויעזדאָוו, פּראַוואָסלאַווני.

קאַטיאַנקן האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן. ער האָט זיך באמת פאַרליבט און געבענקט נאָך איר. אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט מער אין זיין לעבן נישט האָבן צו טאָן מיט קיין פרויען. צום ערשטן מאָל אויפ־טרעטן האָט ער באַקומען די הויפּט ראָלע אין „באָריס גאָדונאָוו”. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אַריינלעבן אין איר. וואָס פאַר אַ מענטש איז דער דאָזיקער באָריס? — ער האָט דערהרגעט אַ קינד, דעם יורש פון טראָן, כדי צו קאָנען ווערן קיסר. דאָס האָט מעכלען נישט געקאָנט אין קאָפּ אַריין, ביז ער האָט אין דער דאָזיקער ראָלע דערזען זיך אַליין...

די פריינטשאַפט מיט זיינע פריערדיקע חברים און באַקאַנטע האָט ער אינגאַנצן איבערגעריסן. ער האָט איצט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. באַם קומען צו די רעפּעטיציעס און באַם אַוועקגיין האָט ער כמעט קיינעם נישט געגעבן די האַנט און נישט גערעדט צו קיינעם קיין וואָרט. אַלע האָבן געהאַט פאַר אים אַזאַ יראת־הכבוד, אַז זיי האָבן נישט געוואַגט אים אַפילו עפּעס צו פרעגן. דער רעזשיסער האָט זיך כמעט נישט געטרויט אים צו מאַכן אַ באַמערקונג. באַ יעדער רעפּעטיציע איז געווען אַן אומגעהויערע ערנסטקייט. אַהיים האָט מעכל מער נישט געשריבן. אָבער שוין עטלעכע וואָכן, אַז ער האָט נישט אויפגעהערט צו זען פאַר זיך דעם זיידן פון מיל. ר׳ יעקבֿ׳ס הויכע געשטאַלט, זיין הדרת־פּנים מיט דער שוואַרצער באָרד, מיט די גרויסע ערנסטע אויגן — פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט טיפע

שטילע חכמה און אָן אַ שיער גוטסקייט — איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים. נאָר גערעדט האָט ר׳ יעקב צו זיין אייניקל דעם משומד קיין איין וואָרט נישט. ער האָט בלויז געקוקט מיט טיפן צער און פאַרשטומטקייט אַף זיין אַמאָל געליבטן מעכלן. אַזוי האָט אַף אים געקוקט אויך דער טאַטע. דער זיידע יקותיאל האָט אים געשטאָכן מיט זיינע קליינע, גרויע און שאַרפע אויגן. מיכאיל זוויעזדאָוו האָט נישט אויפגעהערט צו הערן דער מאַמעס וויינען, זען ווי אירע אַקסלען צוקן פון קלאָגן. נאָך בלאַסער זיינען אירע הענט געוואָרן. מיט נאָך מער דינינקע, בלויע אָדערלעך, ווי דעמאָלט, ווען זי איז צו אים געקומען קיין וואַרשע.

ס׳איז געקומען דער טאָג ווען ער האָט באַדאַרפט אויפטרעטן. אָבער ווי אַנדערש איז אים אין דעם טאָג געווען לויט ער האָט זיך אַמאָל פאָר־געשטעלט!... ער האָט זיך דערמאָנט אין ערב יום־כיפור אינדערהיים, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל. ער איז דעמאָלט געגאַנגען מיטן טאַטן אין שול אַריין צו כל־נדרי. דעם גאַנצן טאָג האָט ער זיך דעמאָלט געשראָקן פאַר עפּעס... אַז די זון האָט געהאַלטן באַם פאַרגיין, האָט די באָבע אָנגעצונדן גרויסע ליכט און הויך געוויינט. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד, האָט אים געדריקט צו איר האַרץ און געקושט. אַף זיין פּנים האָבן זיך געגאָסן אירע הייסע טרערן. דער טאַטע — אין ווייסן קיטל — האָט אַרויפ־געלייגט אַף זיין קאָפּביידע הענט און אים געבענטשט.

לז

דאָס טעאַטער פּובליקום האָט געוואַרט אַפן ערשטן מאָל אויפטרעטן פונעם נייעם זינגער אין מאַרינסקי, אַפן נייעם שטערן, ווי מ׳האָט געשמועסט וועגן אים אין געווויסע קרייזן. יענע האָבן געוואוסט, אַז דער נייער שטערן איז אַ געוועזענער ייד פון פּוילן און דאָס האָט זייער נייגעריקייט נאָך גרעסער געמאַכט. געשפּאַנטע זיינען זיי געזעסן אין טעאַטער.

דער פאַרהאַנג איז פאַרשוואונדן. רוישנדיקע מוזיק. אַף דער בינע קניט רוסיש פאָלק. פון זייערע ברוסטן אַרויס רייסט זיך: לויב צו דיר, לויב צו דיר

זון שטראַלנדיקע, שײַנענדיקע אָפּן הימל! לויב צו דיר, לויב צו דיר באַטיושקאָ צאַר!"

הונדערטער אויגן פונעם פובליקום זיינען אויפגעריסן, צוהערער האַלטן איין דעם אָטעם...

מיכאַיל זוויעזדאָוו — אין פורפור געהילט, דעם קאָפּ שטאָלץ געהויבן און טיף אין זיך פאַרזונקען — שטייט אַף דער בינע. נאָר אים קומט אויס, אַז ער איז אין אַ שול... זי איז פול געפּאַקט מיט יידן אין ווייסע קיטלען און אין טליתים. זיי קניען פאַר גאָט און רופן: „שמע ישראל" — — —

זוויעזדאָווס שטימע איז טיף און דערהויבן. ער בעט „אָ, הער מיך, אָ, מיין דערבאַרימדיקער פאָטער!"

די גלאָקן קלינגען, דאָס פאָלק הערט נישט אויף צו יובלען: „לויב צו דיר, לויב צו דיר צאַר!" — — —

פון פובליקום אין טעאַטער טוט זיך קיינער נישט קיין ריר. יעדער איז פאַרזונקען אין ווערן ערנסט. דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער און אַלע שווייגן. יעדער פילט די שרעקלעכע ליידן פונעם צאַר באָריס, ווי זיין געוויסן פייניקט אים. אַ שוידער גייט דורך אין טעאַטער.

זוויעזדאָווס שטימע ווערט נאָך טיפער, נאָך טראַגישער. דער צאַר באָריס עפנט זיין האַרץ פאַר זיין זון פיאָדער. פון זיינע טיפענישן רייסט זיך: „דאָך וויי! אומזיסט! נישט רום און מאַכט, אפילו כבוד; דער יובל־געשריי פון המון־עם פריידט מיך גאָר נישט!"

לח

לאַנג דערנאָך זיינען אַ סך פון פובליקום געווען דערשיטערט פון זוויעזדאָווס שטימע און זיין שפּילן. זיי האָבן אין זיין שטימע געהערט נישט בלויז די טראַגיק פון באָריס גאָדונאָוו, נאָר עפּעס נאָך אַן אַנדערע טראַגיק... נאָר די יידן האָבן אין זוויעזדאָווס שטימע דייטלעך געהערט דעם ניגון פון כל־נדרי... זיי האָבן געזען פאַר זיך אַ שול, אַ סך גרויסע ליכט ברענען, און יידן אין קיטלען און אין טליתים... זיינען מתפלל.

צייטונגען האָבן געשריבן: „אין דער שטימע פון נייעם זינגער אין מאַרינסקי פילט מען די געוואַלטיקע קראַפט פון מוטער רוסלאַנד, פון איר שוואַרצער ערד, פון וואָלגאַ און דניעפּער!" „מיכאַיל זוויעזדאָוו האָט אין זיין ראָל געגעבן דאָס געוויסן פון רוסישן פאָלק, די שטאַרקייט פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, איר מיסטישע טיפקייט! „דער נייער שטערן קומט פון רוסישן פאָלק, פון די ברייטע, רוסישע פעלדער, פון די סטעפּעס, פון די אומענדלעכע אור־וועלדער. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די רוסישע מעלאַדישקייט, איר פאַרבענקטקייט, די ווילדע קראַפט, די פאַרבאָרגענע כוחות און די פרומע פשטות פון דער רוסישער צערקווע."

איבערלייענענדיק די דאָזיקע קריטיקן האָבן אַ סך אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון בושה. אָבער אַ סך מער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ: „אמת, אמת."

צו מיכאיל זוויעזדאָוון זענען געקומען קאָרעספּאָנדענטן, רעפּאָרטערס און זשורנאַליסטן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס זיי ווילן פון אים. צו וואָס דאַרפן זיי דאָס אַלץ, וואָס זיי פרעגן אים, וויסן? דאָס וואָס מען האָט וועגן אים געשריבן אין די צייטונגען, האָט ער כמעט נישט געלייענט, ווייל איבערלייענענדיק די ערשטע עטלעכע קריטיקן וועגן זיין אויפטרעטן, איז ער אין כעס געוואָרן און אַ וואָרף געטאָן די צייטונגען אַף דער ערד. דאָס אייגענע, ווען ער האָט דערנאָך איבערגעלייענט אין אַ זשורנאַל וועגן אַן אינטערוויו מיט אים. ער האָט געהויבן די אַקסלען: „דאָס האָב איך דאָך גאָר נישט געזאָגט!" פון דעמאָלט אָן האָט ער רעפּאָרטערס און זשורנאַליסטן נישט מער צוגעלאָזט צו זיך.

אין אַ מענטשן, איז פאַראַן אַ כוח, נישט קיין פיזישער, וועלכער דאָמינירט אין אים אַלע אַנדערע נישט פיזישע כוחות. דאָס איז די תאווה צו וועלן גילטן מער ווי אַנדערע. ס'איז דאָס זעלבע ווי מאַכט גיריקייט, וואָס דריקט זיך אויס אויף פאַרשידענע אופנים. מעגלעך אַז דאָס איז גאָר אַן אַטאַוויזם פון מענטשנס בראשית, וואָס איז אפשר אַ פאָרם פון שרעק. דאָס מערקווירדיקע אָבער דערביי איז, וואָס די דאָזיקע תאווה איז אַם־שטאַרקסטן, נישט בײַ די גייסטיק נידעריקע, נאָר בײַ די גייסטיק העכערע, קלוגערע, אינטעליגענטערע, פעאיקערע, געבילדעטערע. סײַ אין פּראָפּ־אַנעם, אין דער לוסט צו מאַטעריעלן פאַרמעגן, סײַ אין גייסטיקן — אין דער

קונסט, פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט — אומעטום די זעלבע מאַכט גיריקייט. דער טרייבנדער, אויפרייצנדער כוח דאַביי, איז קנאה. צו דערגרייכן דעם ציל פון דער אַמביציע און דאָס דערגרייכטע צו שיצן, באַנוצט מען זיך מיט אַלע מעגלעכסטע מיטלען, ווי אינטריגע און אַפילו פיזישן כוח.

די גרעסטע אויסזיכט אויף נצחון — און מיט רעלאַטיוו לייכטן קאַמף — האָט אין דער קונסט דער שוישפּילער, באַזונדערס דער אָפּערע זינגער. פּשוט דערפֿאַר, ווייל זיין קונסט ווערט אויף אַ חושימדיקן (זינלעכן) אופן געגאָסן און האָט דאַריבער אַ סך קונים. דערביי איז דאָס אַ קאָמערציעל אַרטיקל, וואָס דער באַזיצער קאָן נישט פאַרקויפן דירעקט דעם קאָנסומער, נאָר דורך פאַרמיטלער. די פאַרמיטלער ווערן אַזויערנאָך זיינע רעקלאַמע אַגענטן... נאַטירלעך, נישט שטענדיק איז׳ס באַ די דאַזיקע סוחרים, פאַרמיטלער און רעקלאַמע אַגענטן דירעקט מסחר, בלויז סוחרישקייט: רעקלאַמירן אַ באַזונדערע, אויסערגעוויינלעכע קוואַליטעט סחורה און דאַמיט שלאָגן די קאָנקורענטן. טיילמאָל שפּילן דערביי נאָך גאָר אַנדערע מאָטיוון, ריין פערזענלעכע, ווי למשל: ווילן זיך אָפּרעכענען מיט עמיצן אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער און ברייט פאַרצווייגטער בראַנזשע, צי מיט אַן אייגענעם, גאָר גרויסן זינגער אויפן העכסטן שטאַפּל פון רום, אָדער ער איז שוין געוואָרן אַזוי גאַווהדיק באַ זיך, אַזוי חוצפּהדיק, אַז מען מוז אים אָנלערנען און דאָס קאָן מען אַמבעסטן דורך גרויס מאַכן אַן אַנדערן, אַ רעוואַל...

דאָס האָט געקאָנט זיין (און איז אפשר אויך געווען) דער פאַל אין זוויעזדאָווס אַרויפשטייגן גלייך אויפן העכסטן שטאַפּל פון זיין קינסטלערישער קאַריערע. אָבער ער האָט געהערט צו די דאָזיקע קינסטלער יחידים, וועלכע ס׳אינטערעסירט ניט קיין שום אַנדערע זאַך, חוץ די קונסט זייערע: פאַר אַלץ אַנדערע, אויסערלעכע, האָבן זיי כמעט קיין געפיל נישט. היטן די דערגרייכטע הויכע פּאָזיציע? — זיי טראַכטן אַפילו נישט וועגן דעם.

זוויעזדאָוו איז איצט יעדן טאָג אויפגעשטאַנען פרי און עטלעכע שעה זיך פאַרטיפט אין קלאַסישער מוזיק. דאָס איז פאַר אים געוואָרן ווי פאַר אַ פרומען ייד זאָגן תהלים, אָדער לערנען אַ פּרק משניות, צי אַ דף גמרא. די קונסט בכלל און די מוזיק בפרט האָט אים אַנטפּלעקט די וועלט פון

שיינקייט, פון טיפער איבערלעבונג און דערהויבונג. אין אַ געוויסן זין און אויף אַ געוויסן אופן האָט ער באַקומען אַ נייע אמונה פאַר דער פאַרלוירענער — דער יידישער. די פּראַוואָסלאַוונע איז דאָך געווען בלויז אַ פיקציע, אַ פאָרמאַליטעט. נאָר אייגענטלעך האָט ער פריער (באַוואוסטזיניק) קיין שום אמונה נישט געהאַט. ייד איז ער געווען בלויז ראַסיש. און מעגלעך אַז אויך אין דעם איז ער נישט געווען גאַנץ... אין זיין האַרץ האָט אויפגעהערט די צעריסנקייט, אין זיין נשמה — די צעשפּאַלטנקייט; ס'איז פאַרשוואונדן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אין אים אָנגעהויבן דורך זיין רײַסן זיך צו ווערן אַן אַפּערע זינגער: אַנטוישונג פאַרקראַמפּונג, פאַרביטערונג, פאַרצווייפלונג. די שטריכן פון זיין פּנים האָבן זיך גענומען אויפהעלן, אויסלייטערן, אויסאיידלען. פון זיינע גרויסע, ברוינע אויגן האָט געלויכטן די דערהויבונג אין זיין נשמה, די מנוחה אין זיין האַרץ. זיין פיינגעפורמטער שטערן האָט אויסגעדריקט גײַסטיקע פאַרטיפונג, שטאָלצע ווירדע. אויף זיינע נייע פריינד — און אַפילו אויף זיינע נישט פאַרגינער — האָט זוויעזדאָוו אַצינד געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ הייליקן, אַ נזיר. מסתּם דערפאַר, ווייל סהאָט אים איצט, חוץ די קונסט, כמעט קיין שום זאַך נישט אינטערעסירט. אַפילו די ליבע נישט, כאָטש ער האָט אַזוי פיל צייט (באַ די רעפּעטיציעס און באַם שפּילן) זיך געפונען אין גרויסע נאָענטקייט מיט כאָריסטקעס, טענצערינס, זינגערינס, צווישן וועלכע ס'זענען געווען יונגע און שיינע פרויען. טייל פון זיי האָבן אַפילו אָנגעווענדט זייערע ראַפינירטע ווייבלעכע מיטלען אים צופאַרפירן; אָבער אָן דערפאָלג. זיי האָבן זיך געוואונדערט: זוויעזדאָוו איז פאַר זיי געוואָרן אַ רעטעניש. איינע צווישן זיי, קסעניאַ (פון זיינע פריערדיקע באַקענטע) האָט אירע חברטעס געפּרוווט דערקלערן די סיבה: „ער האָט אַמאָל שטאַרק געליטן דורך אַ פרוי.״ דאַרויף האָט קאַטאַרינאַ מאַרסקאַיאַ, אַ גרויסע שיינהייט מיט אַ הערלעכע שטימע, געענטפערט: „די וואונדן, וואָס אַ פרוי מאַכט אין אַ מאַנס האַרץ, היילן זיך שנעל. מיכאַיל זוויעזדאָוו איז איצט אין די אָרעמס פון דער געטין קונסט, זי האַלט אים פעסט אין איר צויבער, און אַ פרוי פון בלוט און פלייש קאָן דערווייל נאָך נישט האָבן קיין שליטה איבער אים. נאָר אייביק וועט עס נישט געדויערן. יעדער צויבער וועפּט זיך אויס״...

זוויעזדאָוו האָט באַקומען אַ סך בלומען, חוץ אויף דער בינע, אויך

צוגעשיקט אין זיין וווינונג. בריוו אָן אַ שיער, די מייסטע פון פרויען, געשריבן אויף פּאַפּיער פון פאַרשידענע צאַרטע פאַרבן, ווי העל־בלוי, ראָזאַ, קרעם, טיי און טאָמאַטן קאָליר אין אַלערליי שאַטירונגען. ס'האָבן זיך געטראָגן פון זיי באַרוישנדיקע פּאַרפיומדופטן. דער מיין אין כמעט אַלע — ווי קלוג, פּאָעטיש און דיסקרעט געשריבן — איז געווען דערזעלבער . . . זיין דערפאָלג — נישט קיין נפקא מינה אין וועלכער ראָלע ער האָט געזונגען — איז געווען גרויס, האָט געהאַלטן אין איין שטײַגן. די באַגײַסטערונג פונעם פּובליקום און פון דער פּרעסע איז געווען אין לשער, כאָטש ער האָט אין געוויסע ראָלן, וועלכע האָבן אים נישט אינטערעסירט, געשפּילט און געזונגען כמעט מעכאַניש.

אַז ס'איז געקומען דער זומער און עס איז געוואָרן שווער צו זיין אין פּעטערבורג, איז מיכאיל זוויעזדאָוו אַוועקגעפאָרן אין דער קרים אויסרוען זיך. ער האָט דאָרט געדונגען אַ קליין צימערל באַ אַ טאָטער אין אַ דערפל צווישן די יאַליילאַ בערג. אין די שטעט, וואו עס קומען זומער אַסך רייכע, ווי אין יאַלטע, ליוואַדליאַ, באַכטשיסאַרײַפּעאַדאָסיאַ — האָט ער נישט געוואָלט פאָרן. ער האָט פיינט געקראָגן די גרויסע שטעט, ווי ער האָט פיינט געקראָגן רײַכע מענטשן. גליקלעך האָט ער זיך געפילט אין דער פרייער נאַטור און אין דער קונסט. דאָס זיינען איצט געווען די צוויי וועלטן פאַר אים, גרויסע, דערהויבענע, פול מיט האַרמאָניע, טעמפּלען, אין וועלכע ער האָט מתפלל געווען. און נישט צוויי וועלטן זיינען זיי פאַר אים געווען, נאָר איינע, ווײַל ביידע זיינען זיי פול מיט דער זעלבער שיינקייט, מיט דער זעלבער מוזיק.

די באַזונדערס ווייכע בלויקייט אין דעם קליינעם דערפל איז זוויעזדאָוון אויסגעקומען באַקאַנט. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענעם זון־אונטערגאַנג, ווען ער איז מיט יאַקאָוון און טשובען געפאָרן אַף דער שיף, אינעם געמיש פון פאַרבן דעמאָלט, אינעם גרין, וויאָלעט און זילבער־גרוי.

אַ שורה בערג, געשלאָסן איינער אין אַנדערן, ווי רינגען אין אַ קייט, האָט משופּע זיך אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין און אויסגעזען ווי אַ גראַניטענע וואַנט, זיך דערהויבנדיקן צום הימל . . . דאָס דערפל האָט פונדערווייטנס אויסגעזען ווי אַ חיהלע צווישן די ברוסטן פון דער מוטער . . . דער הימל — בלוי, ווי אין אָריענט. דער ים האָט געזונגען זיין אייביקע מעלאָדיע שטיל און

פאַרבענקט, ער האָט געגלעט דעם שוואַרצן־ברוינעם רוקן פון זיין ווייב, ערד, געוואַשן איר פעלזיקע חוט־השדרה און די סקאַלישע ריפּן... די כוואַליעס האָבן ווי קינדער געקלעטערט אַף דער מאַמעס בויך, אַרויף, אַלעמאָל העכער און אַף די בערג — אירע בריסטן... פריילעכע זענען זיי אַלעמאָל צוריק אַראָפּגעפאַלן... אין שטורעם טעג האָט דער ים געוויזן זיין פינצטערע גבורה: ער האָט געוואָיעט פון ברענענדיקן צאָרן און געוואָלט דעם גראַניטענעם רוקן פון זיין ווייב צעשמעטערן... ער האָט געקאָכט, געצישעט, געליאַרעמט... די כוואַליעס זיינען אַליין געוואָרן בערג און זיך געוואָרפן קעגן האַרטן געזעץ פון גרעניץ... צוריקגעשליידערטע — האָבן זיי אויסגעגראָבן טיפע גריבער אין ים, און זיינען דאָרט באַגראָבן געוואָרן... ס׳זענען קאַפּויר געשוואומען שרעקלעכע דעמאָנען פון תהום און געמאַכט אַ רעש, ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען... דערנאָך האָט דער ים זיך ווידער באַרואיקט, און ווידער שטיל געזונגען זיין אייביקע מעלאָדיע...

האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך די מחיהדיקע קריסטאַלענע לופט, די פליסנדיקע בלויקייט און דאָס ציטערנדיקע גאָלד.

די פעלדער און די טאָלן זיינען געווען באַדעקט מיט גרינעם פּליוש, די עפּעלבוימער איינגעהילט אין ווייסע טיולן... אַ פויגל איז דורכגעפּלויגן, און דער שאָרך פון זיינע פליגלען האָט אויפגעוועקט די הייסע לופט... אין תפילה׳דיקער שטילקייט האָט אויך זוויעזדאָוו מתפלל געווען...

לט

קנאַפּע צוויי יאָר האָט מיכאיל זוויעזדאָוו געגאָסן פון זיין לוין פאַר אַלע זיינע ליידן. זיין נשמה האָט אין דער גאַנצער צייט נישט געוואוסט פון צעריסנקייט און זיין גוף פון קראַנקייט. ער איז געווען גליקלעך, ווייל רו און דערהויבנקייט איז געווען אין זיין האַרץ. דאַן אָבער איז אַלץ מיט איינמאָל צעשטערט געוואָרן, ווי אַ טייערע וואַזע, ווען זי פאַלט אַראָפּ אַף דער ערד. דאָס איז געווען אין דעם טאָג, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. ער איז דאַמאָלט געווען אין קאַווקאַז זיך אויסצורוען.

איבערלייענענדיק די נייס אין אַ צייטונג, איז ער בלאַס געוואָרן, ווי די ערשטע קויל וואָלט אים געטראָפן. וואָכן און חדשים איז ער אַרומגעגאַנגען אַ מרה־שחורה׳דיקער דאָס לינקע ווינקל פון זיין מויל האָט זיך גענומען אַרויפציען צום אויג. דאָס איז געווען אַ מין שמייכלען. זײַן פּנים איז געוואָרן שאַרף און שפּאָטנדיק. ער האָט אָנגעהויבן לייענען צייטונגען און זיך אַרומ־געקריגט מיט זיינע באַקאַנטע. דאַן איז ער פאַרשטומט געוואָרן און מיט קיינעם מער נישט גערעדט וועגן דער מלחמה. לייענענדיק איינמאָל אין אַ צייטונג, אַז דאָס רוסישע חייל האָט פאַרניכטערט די גאַנצע דייטשע אַרמיי, גענומען הונדערטער טויזנטער געפאַנגען, די עסטרייכישער זעלנער זיינען צעריבן געוואָרן, פון די טערקן און פון בולגאַריע איז קיין זכר נישט געבליבן, האָט ער ביטער געשמייכלט: „אַפילו קיין ליגנס קאָנסטו, פּאַניע, נישט זאָגן ווי עס באַדאַרף צו זיין.״

ער האָט אָנגעהויבן ווערן ציניש, גענומען חוזק מאַכן פון די ראָלן וועלכע ער האָט באַקומען. די אָפּערע בכלל האָט אים אָנגעהויבן אויסזען נאַריש נישט ערנסט; בלויז פאַרווײלונג פאַרן פובליקום, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פיינט קריגן. ער האָט איצט געשפּילט אָן חשק, אָן אינטערעס און אַלע מאָל געזונגען ערגער. אָבער די צייטונגען האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייבן: „און דער געטלעכער שטימע פון מיכאַיל זוויעזדאָוו״... איבער־לייענענדיק אַזאַ קריטיק האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס קריכן אַף אים לייז... ער האָט אייגנטלעך אין די קריטיקן געזוכט אַ וואָרט, וואָס זאָל זיין ווי אַ שפּיי אין זיין פּנים: אַז זיין שפּילן און זיין שטימע איז איצט ווי אַ שלעפּן זיך און הירזשען פון אַ געפּגרט פערד. אַן אומרואיקער האָט ער גענומען טוישן די דירות. אין יעדער וואוינונג איז אים נאָך עטלעכע וואָכן ענג געוואָרן. ער האָט געדונגען אַ דירה פון פינף, פון אַכט שטובן, אין די שענסטע געגנטן, אין די רייכסטע האָטעלן. נאָר לאַנג איז אים אין ערגעץ נישט געפעלן. ס׳האָט אים ווידער גענומען ציען צו די אָרימע, האָט ער זיך געדונגען אַ קליין צימערל אין דער אָרעמסטער געגנט. ר׳האָט זיך דערמאָנט די וועשעריי באַם קראַנקן לוקיטש. אָבער ער האָט געפילט, אַז ר׳איז באַגאַנגען אַ פאַראַט קעגן די אָרעמע און זיך ווידער צוריק אָוועקגעצויגן אין דער רייכער געגנט. ביז ער האָט איינמאָל באַם שטודירן די ראָלע באַראָן סקאַרפּיאַ אין „טאָסקאַ״ אַ וואָרף געטאָן די נאָטן אַף דער ערד און זיך

געלאָזט לויפן אין דער וועלט אַריין. ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז ער האָט פאַר צוויי וואָכן געמוזט זינגען אַף דער בינע די רוסישע הימנע.

אָפּלויפנדיק עטלעכע שעה פון איין גאַס אין דער אַנדערער. האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן מיושבדיקער: „נו, איז וואָס, אַז כ'האָב געזונגען „באָזשע צאַריאַ?" — און שמדן זיך האָב איך געוואָלט? — און שפּילן איצט אַף דער בינע וויל איך? כ'האָב געליטן, מיך אַרומגעוואַלגערט, ווייל איך האָב געוואָלט ווערן אַן אַפּערע זינגער. כ'האָב דערגרייכט וואָס כ'האָב געוואָלט. און איצט? — — —".

זוויעזדאָוו האָט זיך סאַרקאַסטיש צעלאַכט אין מיטן גאַס, זיך דערמאָנענדיק דעם יידישן טעאַטער אין וואַרשע, אין דער ראָלע, וועלכע ער האָט געקראָגן צו שפּילן אין „כינקע פינקע": מיט אַמאָל איז ער ערנסט געוואָרן: „וואָס איז דער חילוק צווישן „כינקע פינקע," „בר־כוכבא", "שולמית" און „פּיקאָוואַיאַ דאַמע," „טרובאַדור" און די אַנדערע נאַרישקייטן!?" — — —

ער האָט געזונגען פון „מאַריאַס" ראָלע אין „טאָסקאַ": „נאַר דאָס איינע זאָג, אַז דיינער בין איך און דיינער בלייב איך!!!...

ס'זיינען שטיין געבליבן מענטשן צו הערן ווי מיכאַיל זוויעזדאָוו זינגט אַן אַריע פון „טאָסקאַ." עמיץ האָט אים דערקענט און גענומען פּאַטשן: „בראַוואָ, מיכאַיל זוויעזדאָוו!"

ר'האָט זיך אומגעקוקט און איז שנעל פאַרשוואונדן, נאָר וואוהין ער גייט האָט ער נישט געוואוסט. ר'האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל דעם גאַנצן טאָג טאָן. די ראָלע, וועלכע ער האָט געדאַרפט שפּילן, האָט ער שוין געקענט, (ער האָט כמעט אַלע אָפּערעס געקענט אויסנווייניק). ביכער לייענען האָט ער פיינט געקראָגן. די לאַנגווייליקייט האָט אים געפּייניקט. ר'האָט זיך ווידער צעלאַכט, נאָר מיט אַ דראַבנעם געלעכטערל. די ראָלע פון „פּאָליציי־שעף סקאַרפּיאַ אין „טאָסקאַ" האָט אים פּלוצלונג אָנגעהויבן געפעלן, באַזונדערס דאָרט, וואו „טאָסקאַ" בעט באַ אים פאַר איר געליבטן „מאַריאָ." ר'האָט זיך צעזונגען: „פלאַקערט פלאַמען! ליבע און האַס צוזאַמען!" פּלוצלונג האָט ער אָפּגעשטעלט אַן אויטאָמאָביל און זיך געהייסן פירן אַף דער וולאַדימירסקאַיאַ גאַס. שוין לאַנג האָט ער זיך געקליבן אַהינצוגיין, צו קאַטאַרינאַ מאַרסקאַיאַ; ר'האָט עס איר שוין אַזוי פיל מאָל צו-

געזאָגט. באַ די רעפּעטיציעס — און אַפילו אַף דער בינע באַם אויפטרעטן — האָט ער אין דער לעצטער צייט מיט איר געשפּילט „קאַץ אין מויז.“ זיך וויגנדיק אין אויטאָמאָביל האָט ער זיך צוגעזונגען: „איר מאַכט מיך טרויעריק, קינד; רייצנדיק שיינע אַף דער באַק רינט אַ טרער אַ ריינע“.

מ

„איז אייער וויזיט אַ באַשטעלטער באַ דער גנעדיקער?“

„ניין.“

„קאָן דער באַרין נישט ווערן אויפגענומען“.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, און דעם שיינעם דינסטמיידל געגעבן זיין וויזיטע. זי האָט אים געענטפערט: „אייער וויזיט־קאַרטע קאָן איך איצט דער גנעדיקער נישט געבן“. ער האָט באַטראַכט דאָס דינסט־מיידל און איר געזאָגט: „כ׳וועל וואַרטן“.

דערויף האָט דאָס דינסטמיידל אין פאַרלעגנהייט אים ווידער געענטפערט: „אָבער איך קאָן דעם באַרין נישט זאָגן, ווי לאַנג ער וועט מוזן וואַרטן!...“

איבערבלייבנדיק אַליין, האָט מיכאיל זוויעזדאָוו זיך אַרומגעקוקט אין דעם שיינעם אויפנעם צימער. נאָר ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ס׳איז אַריינגעקומען צו אים די אַרטיסטקע קאַטאַרינאַ מאַרסקאַיאַ. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר, איר געקושט די האַנט. אָבער אַף זיין פּנים איז געווען אַ ציניש שמייכעלע. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אין קאָרידאָר פעסטע טריט און שפּאָרן קלינגען...

די אַקטריסע איז געווען איינגעהילט אין אַ ראָזע שאַל, איין אַקסעל נאַקעט, אין גאָלדענע שיכלעך און די שוועבנדיקע בלאָנדע האָר זיך בלאָס מינענדיק ווי באַ אַ קינד, זענען געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ, אַראָפּהענגענדיק פאַרנט איבער די אַקסלען ביז צו די קניען. אין איר צעבליט פּנים איצט און ליכטיק בלויע אויגן פול פון גליק, איז די פריידיקע איבעראַשונג פאַרשוואונדען. זי האָט געקוקט אַפן טייערן גאַסט, וועלכן זי

האָט חדשים און חדשים דערוואַרט, און איז איצט געווען אַנטוישט. דאָך האָט זי אויסגערופן: „מיכאיל!״...

ער האָט געפּאָרשט אין איר פּנים: איז זי גליקלעך, וואָס ער איז געקומען צו איר, אָדער טריומפירט זי מיט איר ניצחון איבער אים? — אָדער איז דאָס שעלמישקייט ווי בײַ אַ קינד, ווען מען פּאַקט עס בײַ אַן עבירה?... פון זיין צונג האָבן זיך געגליטשט די ווערטער: „ווער איז איצט פון אייך אַוועק־געגאַנגען?״... נאָר ער האָט זיך גובר געווען.

ביידע האָבן אין דער ערשטער רגע נישט געוואוסט וואָס צו ריידן. די גרויסע אַרטיסטקע האָט זיך צעלאַכט. דאַן האָט זי איר גאַסט אויסגעפרעגט פאַרשידענעס וועגן טעאַטער און די נייע ראָלן, וועלכע זיי האָבן שטודירט זיין בליק איז ווידער געוואָרן ציניש און מיט חשד. וואָס האָט די גרויסע אַקטריסע באַליידיקט. זי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אין דעם, וועלכער איז פריער אַוועקגעגאַנגען און זיך אמתדיק שוין געפרייט מיט זוויעזדאָווס קומען; דערמאָנט ער זי מיט זיין צינישן בליק אָן דער פיינלעכער לאַגע, אין וועלכער זי האָט פאַר אַ פערטל שעה זיך געפונען...

די שיינע קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ האָט זיך אַזש צוזאַמענגעקאַרטשעט, זיך פאַרדעקט דעם נאַקעטן אַקסל און גענומען רופן ס׳קעצל: „דושקאַ!״ הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט אַ „מיאַ־או״... זי האָט געעפנט די טיר. ס׳איז אַריינגעקומען אַ גרוי קעצל מיט שוואַרצע פּאַסיקלעך און מיט אַ רויטע סטענגע אַפן האַלדז. דאָס פעלעכל האָט געגלאַנצט ווי פּאָלירט. דאָס קעצל האָט אין מיטן צימער צונויפגעשטעלט די פיסלעך אַף איין אָרט און עלאַסטיש קאַפּויר געהויבן דעם רוקן אין אַ הויכן, שיינעם בויגן. דערנאָך האָט עס זיך אויסגעצויגן, געוויזן די גאַנצע שלאַנקייט פון קעצישען קערפּער. דערזעענדיק אַף דער פּאָדלאָגע אַ גאָלדענעם פלעק פון דער זון, האָט עס זיך אַ לאָז געטאָן כאַפּן מיט די פאָדערשטע לאַפּקעלעך דאָס שטיקל טאַנצנדיקע ליכטיקייט. ס׳איז אָבער געבליבן אָפּגענאַרט און איז טרויעריק צוריק געגאַנגען צו דער בעל־הביתטע. ס׳האָט זיך אַוועקגעשטעלט זייטיק לעבן דער אַרטיסטקעס גאָלדן שיכל און געווען ברוגז. ס׳האָט אַרויפ־געקוקט צו דער בעל־הביתטע מיט דער טענה פון תמיד, ווען דער הויכער מיט די שוואַרצע וואָנסעס (ווי אַ קאָטער) און מיט קלינגענדיקע פיס, קומט, זי שפּילט זיך צוערשט דערמיט אין זיין קעגנוואַרט דערנאָך טרייבט זי עס

אַרויס, און ס׳מוז וואַרטן אין קיך ביז דער דאָזיקער מיט די קלינגענדיקע פיס גייט צוריק אַוועק. ס׳האָט געקלאָגט: „מיאַ־או״... זי האָט עס גענומען אַפן שויס, זיך דערמיט אַוועקגעזעצט אַפן דיוואַן, מיט די פיס אונטער זיך, און זיך געלאַסטשעט צום איינציקן פריינט אין דעם מאָמענט: „דושענקאַ...״

מיכאיל זוויעזדאָוו האָט פיינט געהאַט קעץ און דעריבער האָט ער ניט געקוקט, ווי די אַרטיסטקע שפּילט זיך און קושט איר קאַצישע פריינדין. ער האָט באַטראַכט אַף דער וואַנט די קאָפּיע פון ראַפאַעלס באַרימטע מאַדאָנע. ר׳האָט חרטה געהאַט אַף זיין קומען צו קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ און זיך געזידלט פאַר זיין צינישקייט. אָבער ער האָט די גרויסע אַרטיסטקע שטאַרק געאַכטעט. פריער האָט ער זי באַליידיקט מיט זיין ציניש שמייכלען; איצט האָט ער זיך פאַראַכט, ווייל ער איז צו איר געקומען מיט אַ שמוציקער כוונה. זאָל ער אַוועקגיין? אַף דער צווייטער וואַנט האָט ער דערזען אַ קאָפּיע פון רעמבראַנדטס אַ בילד, „די חסידים פון עמוס,״ און ער איז צוגעגאַנגען דערצו. ער האָט לאַנג געקוקט דאַרויף און געפרעגט די אַרטיסטקע: „ווי געפעלט אייך דאָס בילד?״

קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ איז געווען צופרידן וואָס איר קאָלעגע האָט איבערגעריסן דאָס פיינלעכע שווייגן. זי האָט גלייך אַראָפּגעלאָזט דאָס קעצל אַף דער פאַדלאָגע און איז צוגעגאַנגען צו זוויעזדאָוון.

ביידע האָבן גערעדט וועגן מאַלעריי.

די אַרטיסטקע האָט איר קאָלעגע געמאַכט אַ קאָמפּלימענט: „אייערע געדאַנקען וועגן קונסט זיינען אָריגינעל.״ אָבער זי איז נישט געווען מיט דער זעלבער מיינונג ווי ער, אַז רעמבראַנדט האָט קריסטוסן ניט ריכטיק תופס געווען, און אים צוגעפירט צו אַן אַנדער קאָפּיע אַף דער וואַנט: „באַטראַכט, איך בעט אייך, דאָס דאָזיקע בילד: ווי פיל רחמנות און עניוות איז דאָ אין דאָזיקן פּנים! ווי פיל געטלעכקייט!״

מיכאיל זוויעזדאָוו האָט צוזאַמענגעצויגן זיינע דיקע ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט טאָן אַ פייף, און געברומט: „געטלעכקייט!״... זיין ליידנשאַפטלעך מויל איז געוואָרן סאַרקאַסטיש און ער האָט גערעדט מיט שפּאָט: „פאַר אייך איז קריסטוס גאָטס זון, אַ גאָט! די הייליקע בתולה איז מעוברת געוואָרן מיט אים פונעם רוח־הקודש... ווייסט איר ווער ס׳האָט קריסטוסן ריכטיק משיג געווען? — טיציאַן! קענט איר זיין בילד, „דער צינזגראָשן״? דאָ איז יעזוס אַ

ייד, אַ ייד מיט אַ גרויסער אידייע, אַ טיף רעליגיעזע, יידישע אידייע, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט און איז געקרייציקט געוואָרן! און קלוג איז דער דאָזיקער ייד יעזוס, אַ חכם! די געטלעכקייט פון רעמבראַנדטס קריסטוס ליגט אין דער פאַרב, אין דער בראָנזענער טונקלקייט און אין דער מאַט־גאָלדענער העלקייט״.

די אַרטיסטקע קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ וואָלט אפשר געווען איינשטימיק מיט איר קאָלעגעס מיינונג; אָבער זיינע ווערטער וועגן דער הייליקער מאַריאַ האָבן זי באַליידיקט. ער איז איר דאַדורך פרעמד געוואָרן. אָבער ער האָט זי גלייך איבערגעבעטן מיט אַ קלוגן, פיינעם שמייכל און אַ וויץ: „איר ווייסט דאָך ליבע קאַטערינאַ; ווען אַ ייד שמדט זיך — ווערט ער דאַן ערשט אַ ייד... פונקט אַזוי — נאָר פאַרקערט — איז עס ווען אַ קריסט איז זיך מגייר: ער ווערט דאַן אַן אמתער קריסט...״

זי האָט זיך צעלאַכט.

די דינסט האָט אַריינגעבראַנגט טיי.

זוויעזדאָוון איז אין קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ אַמשטאַרקסטן איצט געפעלן — נישט איר גרויסע שיינקייט נאָר איר קינדישקייט, די נאַאיווקייט בײַ איר גאַנצער ווייבלעכער קלוגקייט. באַזונדערס איז אים געפעלן איר קינדעריש שפּילן זיך, קונדסישקייט און אומשולדיקע צוגעלאָזנקייט, איר שטיפן מיט אים. נאָר ס'איז אים פלוצים געקומען אַ משונהדיקער געדאַנק אין קאָפּ אַריין: דועל... ער האַלט אַ לאַנגע שווערד אין האַנט... אַן אָפיציר קעגנ־איבער אים האַלט אויך אַ שווערד, און ביידע צילעווען זיך איינער דעם אַנדערן צו דערשטעכן...

„וועגן וואָס לאַכט איר?״ האָט זי אים געפרעגט איבערראַשט און דערשראָקן ווי אַ קינד, וואָס איז געשטערט אָדער אויסגעלאַכט געוואָרן אין מיטן שפּילן.

„נאַרישקייטן״... האָט ער איר געענטפערט.

דערנאָך זיינען ביידע צוזאַמען געפאָרן צום טעאַטער שפּילן זייערע ראָלן: זי אין „טאָסקאַ״ און ער אין „פּאָליציי־שעף סקאַרפּיאַ״.

מא

אין אַ טונקל באָרדאָ צימער מיט אַלטע אַנטיקן־מעבל אַף דער וואָזנעסענסקאַיאַ גאַס, האָט מיכאיל זוויעזדאָוו געטראַכט וועגן דעם, וואָס קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ האָט אים געזאָגט: „נאָכוואָס די פּרוּי פּאַרשטיין? — זי ליבן!...״ „דאָס איז אמת״, האָט ער באַשלאָסן. „ס'בלייבט נאָר איינס: לעבן, געניסן די שיינקייט פון לעבן״.

ער האָט פאַרויכערט אַ צווייטן פּאַפּיראָס. אַפן טיש זענען געלעגן אויך ציגאַרן, טײַערע, וועלכע ער האָט געקראָגן אַ מתנה. אָבער ציגאַרן האָט ער נישט געררויכערט. ער האָט זיך געפילט מיד און נישט געוואָלט מער קלערן, זיך שטעלן פראַגן, וועלכע ער האָט נישט געקענט פאַרענטפערן. אַז ער האָט איין פראַגע זיך פאַרענטפערט, האָט ער גלייך געהאַט אַנדערע הונדערט זיך צו שטעלן. „איך בין נישט קיין פילאָזאָף!״ ער איז בײַז געוואָרן אויף זיך. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענעם טאָג ווען ער איז געפאָרן צו קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ, ווייל ער האָט ניט געוואוסט וואוהין צו גיין. אַף דער נשמה איז אים דעמאָלט געווען מיאוס. ער איז צו איר געפאָרן מיט אַ שמוציקער כוונה, ווי איינער, וועלכער גייט פון פאַרצווייפלונג אין אַ שענק אַריין. אָבער ער האָט זיך פאַרליבט אין איר. דאָך ווייסט ער נישט: צי איז ער גליקלעך? אין דער ערשטער צייט האָט ער זיך די דאָזיקע פראַגע ניט געשטעלט. שפּעטער אָבער — און אַלע מאָל מער — איז אים קלאָר געוואָרן, אַז געליבט האָט ער נאָר מאַלווינאַן.

ער האָט ווידער פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס. ווידער די נאַרישע פראַגע: „וואָס איז גליק?״ ער האָט אָבער געפילט, אַז די פראַגע איז גאָר נישט אַזאַ נאַרישע. נאָר ער האָט נישט געקענט ענטפערן אַף איר. ס'האָט אים געחידושט: פאַרוואָס ווען ער איז נישט בײַ איר — ליבט ער זי? נאָך מער ליבט ער זי ווען זי שפּילט.

זיין פּנים איז געווען צעריסן, זיין ליידנשאַפטלעך מויל — אַ גרויסע בלוטנדיקע וואונד. ווידער האָבן הונדערטער פראַגן, ווי גלי־ווערמלעך אין אַ נאַכט נאָך אַ הייסן זומער טאָג אַרומגערויעט און אַרומגעבליצט אין זיין מוח. נאָך אַ באַזונדערס שטאַרקן צי פונעם פּאַפּיראָס און כמעט גאָר נישט אַרויסלאָזנדיק קיין רויך — ניט פון מויל און נישט פון נאָז — האָט ער זיך

צעלאַכט: „כ׳וויל אָנכאַפּן אַ שטראַל; און אַז כ׳קאָן נישט — ווער איך בייז אַף דער זון״...

ער איז ווידער ציניש געוואָרן: „דער מאַן קאָן די פרוי ניט פאַרשטיין?...״

ער האָט געוואָלט דעם אמת און זיך מודה געווען: „קאַטערינאַ ליבט מיך ווי איך האָב אַמאָל געליבט מאַלווינאַן. זי ליבט מיך, ווי איך וואָלט געווען איר ערשטער געליבטער, ווי זי וואָלט ערשט אַלט געווען זיבעצן יאָר. אין מיינע אָרעמס פילט זי אַ נשמהדיק גליק, נישט בלויז תאווה — ווי איך. אַזוי איז אויך די גרעפן איגנאַטאָוונאַ און די אַלע אַנדערע, וועלכע איך... וועלכע ליבן מיך און איך לאָז מיך בלויז ליבן, איך באַצאָל זיי דערפאַר ווי אַ מאַן... ער איז פאַרוואָלקנט געוואָרן און אַ זיפץ געטאָן: „דער מאַן קאָן געניסן, ליבן — בלויז איין מאָל. און אפשר איין מאָל אויך נישט. ער איז אַ דאָן זשואַן, אָדער אַ לעקיש. די פרוי קאָן ליבן אַ סך מאָל און יעדעס מאָל גלייך, אָדער אַנדערש; דאָס איז אַלציינס. דער עיקר: איר נשמה לייכט יעדעס מאָל ווידער אויף ווען זי ליבט. דער מאַן אָבער קאָן זיין אייפערזיכטיק ווי אַ קאָטער!״...

ער האָט זיך צעלאַכט, אַז די וועגט האָבן אַזש געציטערט: „ווי פאַרליבט איך בין מיט איין מאָל געוואָרן!... ווי אַ דיכטער!״... ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין, אויסגעטרונקען די העלפט מיט איין צי, און זיך איבערגעלייגט, וואָס צו טאָן. דער נעקראָלאָג, וועלכן ער האָט על פּי צופאַל געטראָפן אין אַ צייטונג וועגן אַסיאַס טויט, האָט אים צערודערט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט און איז געוואָר געוואָרן, אַז זי איז געשטאָרבן פון בלוט־אָרעמקייט און אָפּגעשוואַכטע נערוון. דאָך האָט ער זיך אַלץ ניט געקענט באַרויקן. אַף אַלע פראַגן פון זיין געוויסן האָט ער געענטפערט: „איך וואָלט מיט איר נישט געווען געקענט לעבן. נאָך מער: זי וואָלט לעבן מיר תמיד געווען שרעקלעך אומגליקלעך, ווי אַ שעפּעלע לעבן אַ לייב!...״

דער זייגער האָט אויסגעקלונגען צוועלף. מיכאיל זוויעזדאָוו האָט זיך דערמאָנט אַז צו מיטיק מוז ער זיין בא קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ. אַף דריי האָט ער זיך באַשטעלט מיט מינאַ. זי איז אַ ליכטיק מיידל...

די דינסט האָט אָנגעקלאַפּט. אַף אַ זילבערנער טאַץ האָט זי אַריינגעבראַכט אַ גאַנצן פּאַק בריוו. דער גרויסער זינגער האָט זיי אַ צעשאַר

געטאָן איבערן טיש, ווי קאָרטן באַם שפּילן. געזוכט האָט ער אַ בריוו פון דער היים. די מוטער האָט אים דאָך געשריבן, כאָטש ער האָט איר דאָס ערשטע יאָר נאָך זיין שמד אַ לאַנגע צייט נישט געענטפערט. דערנאָך האָט ער איר יעדעס מאָל געשריבן בלויז עטלעכע ווערטער, אַז ער איז געזונט. נאָר זינט די דייטשן און עסטרייכער האָבן פאַרנומען פוילן, האָט ער פון דער היים מער ניט געהערט. זיין זוכן יעדן טאָג צווישן די בריוו, וועלכע ער האָט נישט אויפגעהערט צו באַקומען פון פרויען, איז געווען אומזיסט. האָט ער אַלע בריוו אַריינגעוואָרפן אין פאַפּיר־קויש. ר׳האָט אויסגעטרונקען די רעשט וויין. כדי אַביסל צו לאַכן, האָט געעפנט איין בריוו און געלייענט: „איר זענט אָרפייוס... איר״...

זיין פּנים האָט זיך צעקרימט. זוויעזדאָוו האָט באַשלאָסן: ס׳בלייבט דאָך נישט מער איבער, ווי נאָר דאָס איינע: צו לעבן! געוויסן, האַרץ, נשמה — רעקוויזיט פאַר ביכער און פאַר דער בינע.

מב

די מלחמה האָט געדויערט שוין דאָס דריטע יאָר. די צייטונגען האָבן נאָך אַלץ געשריבן כמעט דאָס זעלבע ווי אין ערשטן יאָר: „דאָס צוריקציען זיך אַף טייל פראָנטן איז געווען אַ געלונגענע סטראַטעגיק פון אונדזער גאָניאַלן מיליטער־פירער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש!״

פּעטראָגראַד, אַזוי האָט דעמאָלט שוין געהייסן פּעטערבורג. דאָס לעבן פון די רייכע איז געגאַנגען מיטן פריערדיקן גאַנג: די זעלבע בעלער, נאָר מיט נאָך מער ווייַן און אויסגעלאַסנקייט. די טײַערע באַרס, טאַנץ סאַלאָנען און אַנדערע פאַרוויילונגס ערטער זיינען געווען פול געפּאַקט. צו די פריערדיקע רייכע זיינען צוגעקומען מלחמה גבירים, מיליטערישע העלדן: אָפיצירן, גענעראַלן, שיינע פרויען פון געפאַלענע מענער אויף די שלאַכט פעלדער. די וואַקכאַנאַליע האָט געהוליעט. אין די טעאַטערס האָט מען געשפּילט די זעלבע אָפּערעס, ווי פריער, חוץ דייטשישע.

מיכאל זוויעזדאָוו האָט געשפּילט אין יעדער ראָלע, וועלכע דער רעזשיסער האָט אים פאָרגעלייגט, געשיכורט, זיך געוואַלגערט מיט אַלע

איניינעם אין זעלבן מושב ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט: „כ'בין מיט די חזרים אין זעלבן שטאַל, כ'ליג אין זעלבן שמוץ"...

דער באַנקיר פעסאָכאָוויטש, וועלכער פלעגט קומען צו מאַדאַם שמולעוויטש, האָט זיך אָפּגעשמדט מיט זיין גאַנצן בני־בית און שוין געהייסן וואַסילי איוואַנאָוויטש טרויצי. דערפאַר האָט ער געקראָגן אַ גרויסן פּאָדריאַד באַם מיליטער און געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן. האָט ער זיין פריערדיק הויז אָוועקגעשענקט דעם זאָוויעדושטשי כאָזייסטוואָ פון מערב־פראַנט, זיך אויפגעשטעלט אַ שיין, גרויס הויז, געפראַוועט אַ חנוכת־הבית און פאַרבעטן די אָנגעזעענסטע פון פעטראָגראַד. ס'זיינען געקומען הויכע מיליטער־לייט, באַרימטע שיינהייטן פון דער דאַמען וועלט, קינסטלער און אינטעלעקטואַלן. אויך דער גרויסער און באַרימטער זינגער מיכאיל זוויעזדאָוו איז געווען פאַרבעטן. ער האָט באַקומען אַ גרויסע סומע געלט צו זינגען אויפן באַל.

באַ ווייס געדעקטע טישלעך זיצן די געסט פאַרלעכוויז, צו דריי און פיר, און טרינקען וויין. די עלעקטרישע באַלויכטונג איז ווייך און מאַט. די טעפּיכער, די פאַרבן פון די ווענט, דאָס מעבל, די בלומען, די גאַרדינען — אַלץ אין פיינסטן סטיל, זאַנפט און שטימונגספול. די דינער האַלטן זיך צומיינסט אין די ווינקלען און מיט שאַרף אויג און אינסטינקט פון שקלאַף — דערזעט און דערפילט יעדער איינער פון זיי, ווען ער ווערט פאַרלאַנגט. ער גייט דאַן שטיל אָן אַ שאַרך כמעט, גרינג און שנעל.

איינער האַלט אַ טאָסט: „פאַרן געזונט פון אונדזער צאַר אימפּעראַטאָר, הוראַ!"...

„הוראַ!... הוראַ!..."

„פאַרן געזונט פון אונדזער העלדיש מיליטער און דעם העכסטן אָנפירער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, האַראַ!"...

„הוראַ!... האַראַ!..."

„פאַרן געזונט פון אונז אַלעמען געליבטן וואַסילי איוואַנאָוויטש טרויצי, און זיין פרוי מאַריאַ וואַסילעוונאַ, פון אונדז אַלע הויך געאַכטעט, הוראַ!..."

„הוראַ!"... „הוראַ!..."

מיכאיל זוויעזדאָוו האָט געטרונקען אַ סך. אָבער ער איז ניט געווען

שיכור. ס׳שאַרט זיך אַרום אים כמעט די גאַנצע געזעלשאַפט. ס׳זענען געקומען עטלעכע פון זיינע אַמאָליקע פריינט און חברים. זיי פרייען זיך מיט אים. מ׳טרינקט. ס׳זיצן נעבן אים: וויעראַנקאַ, נאַסטאַסיאַ — פריערדיקע און שפּעטערדיקע פריינדינס, האַלב־געליבטע און ליובאָוניצעס, אַזעלכע, וואָס קוקן צו אים אַרויף ווי צו אַ גאָט, און אַזעלכע, וואָס ווערן פאַרצערט פון אייפערזוכט. נאָר אָט האָט ער דערזען דעם באַראָן אַבּרעסקאָווס פרוי כמעט די שענסטע אָפן באַל. און איז צו איר צוגעגאַנגען. ער פאַרענטפערט זיך פאַר איר, וואָס ער איז פריַיטיק נישט געקומען און פרעגט זי, וואָס איר מאַן שרייבט פון שטאָב. דאַן פאַרבעט ער זי אין טאַנץ־זאַל אַריין. דאָרט שוועבן פּאָרלעך אין אַ וואַלץ. האַלב שיכּורע אָפיצירן, מיט פינצטערע פלאַמען אין זייערע פאַרלאָפענע אויגן, ברענען פון אייפערזוכט אויף זייערע דאַמען, וואָס טאַנצן מיט אַנדערע מענער.

נאָכן טאַנצן איז זוויעזדאָוו מיט זיין דאַמע געגאַנגען אויסרוען אין איינעם פון די צימערלעך, וועלכע זיינען דערצו געווען באַשטימט. ווען ער איז צוריק אַרויסגעקומען מיט איר, האָבן אים אָפּגעוואַרט אַ פּאָר אויגן פון אַ מאַנסביל, ברענענדיקע ווי באַ אַ הונגעריקן וואָלף. אָבער ער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און איז צוריק געגאַנגען אין גרויסן זאַל אַריין. דאָרט האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט באַ זיין טישל און ווידער גענומען טרינקען. באַלד האָבן ווידער אַרום אים זיך אַוועקגעזעצט פרויען. ער טרינקט מיט זיי. זיי פילן זיך געהויבן און חנדלען זיך. אָבער זיי פילן, אַז ער זעט זיי אפילו נישט, כאָטש ער טרינקט מיט זיי, כמעט יעדע פון זיי וויל וויסן אין וועלכער פרוי, אָפן באַל, ער איז פאַרליבט. נאָר דאָס קאָנען זיי בשום־אופן נישט אַרויסקריגן.

אין זאַל האָט פּלוצים אָנגעהויבן ווערן אַלעמאָל טונקלער ביז עס איז געוואָרן אין גאַנצן פינצטער. ווי דורך אַ כישוף איז פאַרשוואונדן אַ וואַנט און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בינע, וועלכע האָט פאַרגעשטעלט אַ טראָפּיש לאַנד. דורך פאַרשיידענע וועגן זיינען אָנגעקומען שיינע, נאַקעטע מיידלעך פון ווילדע שבטים. זיי האָבן געטאַנצט זייערע ווילדע טענץ פון נישט געצוימטער תאווה, פון ברענענדיקער ליידנשאַפט, פון פאַרגעסנקייט און בענקשאַפט; טענץ התלהבותדיקע פון ניצחון און פאַרדבקהטע טענץ פון טראַגיק און פון טויט.

די בינע איז פאַרשוואונדן. פּאַמעלעך איז צוריק ליכטיק געוואָרן. די וואַנט איז ווידער אַף איר אָרט און די געסט זיינען לוסטיק און טרינקען.

אַן אָפיציר האַלט אַ טאָסט: „פאַרן פאַטערלאַנד, הוראַ!״.

„הוראַ!״... „הוראַ!״...

„פאַרן בעל־הבית וואַסילי איוואַנאָוויטש טרויצי און זיין פרוי מאַריאַ וואַסיליעוונאַ, פון אונדז אַלע הויך געאַכטעט, הוראַ!...״

„הוראַ!״... „הוראַ!״...

מ׳טרינקט פאַר אַלע שיינע דאַמען. אַלע מאָל פאַרשווינדט אַן אַנדערער, ווען ער דערפילט, אַז ס׳וויל דורכן מויל צוריק אַרויס, וואָס איז דורכן מויל אין אים אַריין... די טייערע ריחות פון די בלומען, פאַרפיום און וויַין, האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שאַרפן רוח פון שווייסיקע לײַבער, פאַרשיכורט בלוט, און וועקט דאָס חיהשע אין מענטש. אָפיצירן דערציילן וועגן העלדישקייט אַפן פראָנט. אַ זשורנאַליסט, באַווייזט, אַז רוסלאַנד וועט זיגן. אַ געלערנטער רעדט וועגן אַ נייער דערפינדונג: „דאָס זיינען אַזעלכע שטראַלן, וואָס קענען דעם שונא הרגענען, וואו ער זאָל נישט זיין!״ דער בעל הבית, וואַסילי איוואַנאָוויטש טרויצי, גיט צו פאַרשטיין, אַז די מלחמה דאַרף זיך פאַרציען וואָס לענגער: „אַזױערנאַך וועט מען דעם שונא אויסהונגערן!״

מ׳גיט אים רעכט. אַ דיכטער איז אַרויפגעשפּרונגען אַף אַ שטול און דעקלאַמירט מיט פייער אַ גרויסע פּאָעמע וועגן דער שלאַכט פאַר בערלין. די געסט זיינען אין התפעלות און עס דונערט: „בראַוואָ!... בראַוואָ!״ פרויען דערציילן באַגייסטערטע, ווי שיין עס איז אין די שפּיטעלער, אין וועלכע זיי זיינען געווען און געטיילט מתנות די פאַרוואונדעטע. פון אַלע זייטן שיט זיך געלד פאַרן „קראַסנאָיע קרעסט.״ יונגע שיינע פרויען קוקן פאַרליבטע אַרויף צו זייערע מענער און בעטן זיי, אַז זיי זאָלן זיי דערלויבן צו ווערן באַרמהערציקע שוועסטער.

מיכאיל זוויעזדאָוו קושט דאָס הענטל פון אַ יונג מיידל: ער איז אין גאַנצן פאַרליבט אין איר. ער איז שוין אַביסל שיכור און פרעגט דאָס יונגע מיידל: „זאָג, מלאכ׳ל מיינס... וואָס וואָלט געווען, ווען דיין חתן — ער איז פרייוויליק געגאַנגען אַפן פראָנט זאָגסטו — יאָ, דיין חתן... וואָס וואָלט געווען, ווען ער קריגט אַ קויל פונקט... און בלייבט לעבן?״... דאָס מיידל איז רויט געוואָרן און איז אַנטלאָפן פון אים. ער האָט גענומען שפּאַנען צו אַ

באַקאַנטן. נאָר אַפּן וועג האָט ער דערזען ווי איינע, מיט געלייגט קעפּל אַף אַ זייט, קוקט אַף אים פאַרליבט און מיט יראת־הכבוד. ער איז צו איר צוגעגאַנגען, איינגעבויגן דעם קאָפּ זייטיק ווי זי, און געזאָגט: „איר זענט מיר באַקענט.״

„איך הייס אינאַ שמולעוויטש״.

„איניטשקאַ!... איר זענט שוין אַ גאַנצע דאַמע?״...

זי האָט געמאַכט אַלערליי זיסע מינעס און זוויעזדאָוו דערמאָנט: „געדענקט איר, ווען איר האָט געוואוינט באַ אונדז?...״

„יאָ, איך געדענק״... ער האָט זי געלאָזט שטיין און איז צוגעגאַנגען צו ניעלי, ווייל זי האָט געוואַרט אַף אים. ס׳האָבן נאָך אַ סך געוואַרט אַף אים, אָבער ער האָט געזוכט סאָניאַן, מיט וועלכע ער איז אייגנטלעך געקומען אַפּן באַל. נאָר ער האָט זי נישט געפונען. די געסט האָבן געוואַרט אַף זיין זינגען. מאַדאַם פיינמאַן, דאַריאַ זאַכאַראָווא, איליאַ קראַסאַווינאַ — אַסך פון די וועלכע פלעגן קומען צו מאַדאַם שמולעוויטש און נאָך אַנדערע פרויען, אויך מענער — האָבן אים אַרומגערינגלט, אַז ער זאָל זינגען.

ער האָט שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן דאָראַן.

אין זאַל איז ווידער טונקל געוואָרן. די וואַנט איז ווידער פאַרשוואונדן. זוויעזדאָוו איז געשטאַנען אויף דער בינע, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ גריכישער טעמפּל. דער האַלב־שיכּורער עולם דונערט פון באַגייסטערונג און רופט: „טשייקאָווסקי!״... פּוטשיני״... נאָר זוויעזדאָוו זינגט רוסישע פאָלקס לידער: „געשטאָרבן איז דער אומגליקלעכער אין מיליטער־שפּיטאָל! לאַנג האָט געליטן דער וואוילער!״

די געסט שמעקט נישט דאָס דאָזיקע ליד. זיי זיינען אָבער מיטגעריסן פונעם זינגען. זוויעזדאָוו זינגט אַ צווייט ליד: „דורך די ווילדע סטעפּעס פון בייקאַל, וואו גאָלד מען גראָבט אין די בערג!״ דער עולם איז אינגאַנצן אומ־צופרידן און רופט — „אַנדערע לידער! פריילעכע!״ אַן אָפיציר און עטלעכע אַנגעפּרעסענע פאַרשוינען ברומען! — „ער איז אַ בונטאָווטשיק!״

זוויעזדאָוו זינגט וואָלגאַ לידער. לידער וועגן פּראָסטיטוטקעס, גנבים און שיכּרות, אויך מלחמה לידער, נאָר אַנדערע ווי מען האָט דערוואַרט פון אים. ער זינגט פון פּיין, פון לייד, פון טויט, פון געוויין, פון פרויען און

מאַמעס נאָך זייערע געפאַלענע מענער און זין, לידער פון פאַרצווייפלונג און מרידה.

פרויען טוליען זיך צו זייערע מענער, ווילן פון מורא זיך אַריינ־באַהאַלטן אין זיי. דאָך דונערט נאָך יעדער ליד: „בראַוואָ, מיכאיל זוויעזדאָוו!... ביס!"... אַז ער האָט געענדיקט און אין זאַל איז ווידער ליכטיק געוואָרן, האָבן גלעזער וויין זיך געהויבן פאַר זוויעזדאָוון ווען מ'האָט אים דערזען צווישן עולם: „פאַרן געזונט פון אונדזער גרויסן זינגער, הוראַ!!!..."

„הוראַ!"... „הוראַ!"...

נאָר זוויעזדאָוו האָט מער נישט געוואָלט טרינקען. ער איז געגאַנגען אין אַ צווייטן זאַל אַריין. דורכגייענדיק דעם בופעט־זאַל האָט ער דערהערט דאָס וואָרט מאַלווינאַ. ער איז שטיין געבליבן. עטלעכע יונגאַטשעס — איינער צווישן זיי מיט אַ מאָנאָקל — האָבן געהאַלטן גלעזלעך קאָניאַק, געלאַכט און גערעדט וועגן זייערע ליבעס. דער מיטן מאָנאָקל און באַקענבערד, ווי קאָטלעטן אין אַ פּאַטעלנע, האָט דערציילט וועגן זיין יידישקע, דעם דירעקטאָר אַראָנאָוויטשס פרוי, און זיך צעהירזשעט: „עך, איז דאָס אַ רויטע בליאַד"!...

ס'האָט אָפּגעהילכט אַ פּאַטש. אַ טומל. דער פאַרשוין מיט די באַקן־בערד — נאָר שוין אָנעם מאָנאָקל — רייסט זיך, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, פון זיינע חברים וועלכע האַלטן אים פעסט אַרום. געשרייען, היסטערישע קוויטשערייען. מ'לויפט פון טאַנץ־זאַל, פון גרויסן זאַל, פון די קליינע צימערלעך. יידישע שוואַרץ חנוודיקע מיידלעך לויפן נאָך זייערע שיכּורע סטעפאַנעס, זייערע הויכע פיאָטערס, בלאָנדע איוואַנעס. יידן גבירים — געאַכטעטע צוליב זייערע גרויסע נדבות אַף סינאַגאָגעס און צערקוועס, אַף הילפס־קאָמיטעטן און קראַסני קרעסט — לויפן נאָך זייערע גוישע ליובאָווניצעס. איין צד — כמעט אַלע מענער — האַלטן מיט דעם וועלכער האָט געכאַפּט דעם פּאַטש. דער צווייטער צד — כמעט אַלע פרויען — האַלטן מיטן באַרימטן זינגער. מוזן די מענער ענדערן זייער מיינונג... צוליב דעם מוז דער פאַרשוין מיט די קאָטלעטן אַף די באַקן אָנעם מאָנאָקל צוריק אַריינלייגן דעם רעוואָלווער אין דער הויזן קעשענע.

אין גרויסן זאַל אין ווידער טונקל און אַף דער בינע, וועלכע שטעלט

איצט פאַר אַ וואַלד, טאַנצן ציגײַנערינס און זינגען, קלאַפּן אין פּײַקלעך און אין צימבלען, קלינגען מיט גלעקלעך, קנאַקן אין דער לופט מיט די פינגער און דרייען זיך ווי אין אַ וויכער.

דער גאַנצער עולם איז ווידער צוריק דאָ, אויך מיכאיל זוויעזדאָוו. נאָר ער האָט פּלוצים דערזען קאַטיאַנקאַן. זי האָט זיך די גאַנצע צייט באַהאַלטן פאַר אים. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט: — „קאַטיאַנקאַ"!... ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַרויסגעגאַנגען. ביידע האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ קאַרעטע און זײַנען אַוועקגעפאָרן.

מג

אַרויסשפּרינגענדיק פון דער קאַרעטע, האָט זוויעזדאָוו אַ כאַפּ געטאָן קאַטיאַנקאַן אין זײַנע אָרעמס און זי אַרײַנגעטראָגן צו זיך אין שלאָפצימער. דאָרט האָט ער איר גראָב געזאָגט: „טו זיך אויס!" זי האָט אים שטום געפאָלגט. אָבער דאָס אויסטאָן האָט בײַ איר געדויערט צו לאַנג: האָט ער אַראָפּגעריסן פון אירע פיס די שיך, די זאָקן, און פון איר לײַב דאָס העמד. דערזעענדיק אויף איר ברוסט דאָס גאָלדענע צײַלעמל — ס'האָט געהאַנגען איבער איר האַלדז אויף אַ גאָלדן קייטעלע — האָט ער עס אַראָפּגעפּליקט פון איר און עס געטאָן אַ וואָרף אויף דער ערד. פון קאַטיאַנקאַס האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלטער געשריי: „מיכאיל"! — ווי אַ געלעמטע האָט זי אים געלאָזט טאָן מיט זיך אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. נאָר ווען ער האָט זי געקושט האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס האָט דעם שיכּור ווילד געמאַכט. מיט ביידע הענט האָט ער גראָב און ברוטאַל אַ דריי געטאָן איר קאָפּ. זי האָט דערשטיקט אין זיך אַ געשריי פון שמערץ און זיך בלויז געבעטן: „טײַערער... דו האָסט צופיל געטרונקען... איך קאָן נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון אַלקאָהאָל בעת דו ליבסט מיך..." דאָס האָט זוויעזדאָוון שוין גאָר אויפגעקאָכט און ער האָט געצישעט דורך די ציין: „עפן די אויגן! איך וויל אַרײַנקוקן אין דײַן נשמה! איך מוז זען, וואָס אין דער פרוי — ווען זי ליגט אין מײַנע אָרעמס — טוט זיך!... לאָך! דו ביסט דאָך גליקלעך, ווי אַלע ווײַבער, ווען זיי ליגן מיט מיר אין בעט!"

קאַטיאַנקאַס בלאַסע ליפּן האָבן ווייטיקלעך זיך צעקרימט: עס האָט זיך באַוויזן אַף זיי אַ ביטערער שמייכל, וואָס האָט דערמאָנט אין גסיסה. זוויעזדאָוו איז געוואָרן אינגאַנצן וואַנזיניק און געשריגן פּראַזענדיק „ליב מיך! דו ביסט קאַלט! ווי אַ טויטע ליגסטו!" זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירע שלאַנקע, איצט פאַרחלשטע אָרעמס. בלויז אַ פאַרשטיקט קרעכצן האָט זיך פון איר געריסן און אַ שטיל בעטן זיך: „איך קאָן נישט מער"...

נאָך דער באַפרידיקונג איז דער שיכור פעסט איינגעשלאָפן און גענומען שנאָרכן.

קאַטיאַנקאַ איז געלעגן אַן אוממעכטיקע. ערשט נאָך אַ ווײַלע האָט זי אָנגעהויבן פּאַמעלעך קומען צו זיך. אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען ווי באַטויבט און זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון וואָס מיט איר איז געשען וואו זי געפינט זיך, פונוואַנען און ווי אַזוי זי איז דאָ אַהערגעקומען. אין איר איז כמעט אַלץ געווען אויסגעלאָשן. אפילו דעם קערפּער אירן האָט זי נישט געפילט. פּלוצים האָט זי דערזען אַז זי ליגט אַ נאַקעטע אין אַ בעט און לעבן איר — איבער דער גאַנצער ברייט פון בעט — ליגט אַ מאַנס־פּאַרשוין, אַ באַוואַקסענער מיט האָר, ווי אַ בער. ס'איז שוין געווען העלער טאָג. אָבער די עלעקטריע האָט געברענט. זי האָט געוואָלט אַראָפּגיין פון בעט אויסלעשן. זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט רירן. ערשט איצט האָט זי דערפילט אַז אַלע גלידער טוען איר וויי, ווי זי וואָלט איבערגעפּאָרן געוואָרן. דער דאָזיקער שמערץ האָט זי ווי אַ בליץ איר קלאָר געמאַכט וואָס מיט איר איז געשען. דאָך איז זי נישט בייז געווען אַף דעם מאַן, וועלכער האָט זי אַזוי ברוטאַל געשענדעט. זי האָט נאָר געוואָלט וויסן, וואָס עס האָט זי צום דאָזיקן מאַן אַזוי געצויגן פון צייט זי האָט אים דערזען.

קאַטיאַנקאַס בלייכע באַקן האָבן גענומען גליען. אין אירע אויגן האָבן אויפגעבליצט פלאַמען. זי האָט צוזאַמענגעביסן אירע פון צאָרן איצט צוקנדיקע ליפּן, וואָס זיינען געווען ביז בלוט צעקושט. מיט פאַרשנדיקן בליק האָט זי גענומען באַטראַכטן זוויעזדאָוון. זי האָט זיך אַלץ מער איבער־געצייגט, ווי צערימן זיין פּנים איז פון שרעקלעכן פּיין. ס'האָט זיך איר גענומען דאַכטן, אַז זיין האַרץ וויינט אין שלאָף. זי האָט געקוקט אַף די שוואַרצע רעדער אונטער זיינע אויגן, אַף די טיפע קאַרבן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון זיין קרעפּטיקער נאָז ביזן לײַדנשאַפטלעכן מויל, זײַן

עקשנותדיקער שטערן האָט אויסגעזען ווי אַ צעאַקערט פעלד. דער נאַקן — ווי אַ שטיק רויע נאַטור — אַ פעלדז. די גרויסע נאָזלעכער האָבן זיך געהאַלטן אין איין צעשפרייטן און צוזאַמענציען.

קאַטיאַנקאַס בליק איז געוואָרן אַלץ צערטלעכער.

דורך די פענצטער האָט דער טאָג שוין שטאַרק אַריינגעשיינט. קאַטיאַנקאַ האָט ווידער געפּרוּווט אויפשטיין. ס'האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן און די פיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן. זי איז שיער געפאַלן. אַפן דיל איז געווען צעוואָרפן איר אָנטאָן. אויסגעמישט מיט זוויעדאָווס. דאָס העמד איז געווען צעריסן. זי האָט די זאַכן קוים געקאָנט אַרויפציען אַף זיך, אַזוי האָבן איר געציטערט די הענט. און אַט האָט זי דערבליקט דאָס גאָלדענע צלמל און דאָס איבערגעריסענע קייטעלע. מיט אַמאָל האָט זי צוריקגעקראָגן אַלע אירע כּוחות און אויפגעהויבן פון דער ערד, וואָס איר איז געווען אַזוי טייער און הייליק. זי האָט דאָס צלמל געדריקט צו איר האַרץ, געקושט מיט איינגעהאַלטענע טרערן דעם „יעסוס קריסטאָס״... דאַן איז זי צוגעגאַנגען צום בעט און געזוכט אַף זוויעזדאָווס ברוסט זיין ציילעמל. אָבער זי האָט עס נישט געפונען און איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע: „ער האַלט נישט פונעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, וועלכן ער האָט אָנגענומען?״ זי האָט זיך אַראָפּגעלזאָט אַף די קני און געבעטן פאַר זיין נשמה: „זיי אים מוחל, הייליקער, געפּייניקטער קריסטאָס! אויך ער איז אַ געפּייניקטער, איך דערקען דאָס אַף אים, איצט, ווען ער שלאָפט״ זי האָט אַרויפגעלייגט איר צלמל אַפן זינגערס נאַקעטער ברוסט. דאָס שטיקל גאָלד האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ שטרוי אַף כוואַליעס פון אַ ים.

ס'איז געווען שוין גרויסער טאָג ווען זוויעזדאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער בליק אין זיינע אויגן איז געווען אַן אויסגעלאָשענער. ער האָט געקוקט פאַרחידושט אַף דער פרוי וועלכע איז געשטאַנען פאַר זיין בעט. זיך אָנשפאַרנדיק אַף די עלנבויגנס, האָט ער זיך אויפגעזעצט. מיט אַמאָל האָט ער זיך אַלץ דערמאָנט. פון שרעקלעכער בושה איז ער אַזש צוריק געפאַלן.

קאַטיאַנקאַס בלאַס פּנים (ווי נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט) האָט איצט געשיינט פון גוטסקייט, געלייטערט אין לעצטער פּייניקונג. ס'האָט זיך איר אַנטפּלעקט דאָס, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געזוכט. מחילה און סליחה איז אויפגעגאַנגען אין איר צו אַלע מענער, וועלכע האָבן זי, ווי זוויעזדאָוו אין

דער דאָזיקער נאַכט, געשענדט. מוטערלעך האָט זי זוויעזדאָוון געפרעגט: „האָסטו זיך אויסגעשלאָפן?"

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר געפרעגט: „שוין שפּעט?"

מיט געטרײַקייט און ליבשאַפט האָט זי אים געענטפערט:

„נישט זייער. דער עיקר, אַז ס'האָט דיר נישט געשאַדט דאָס טרינקען נעכטן."

ער האָט געזשמורעט די אויגן. דאַן האָט ער געזאָגט: „גיי אַרויס! איך וויל מיך אָנטאָן."

זי האָט אים געגעבן דאָס אָנטאָן, אַרײַנגעגאָסן וואַסער אין דער שיסל, און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַן אויסגעניכטערטער האָט זוויעזדאָוו דערזען פאַר זיך זײַן לעבן פון דער לעצטער צייט. ווי אַ קופּע שלאַנגען איז אים דאָס דאָזיקע לעבן פאַר־געקומען. ער האָט זיך געשעמט און נישט געקאָנט קוקן קאַטיאַנקאַן אין די אויגן אַרײַן. דאָס איז געוואָרן פון זײַן ליבע, פון יענער גרויסער ליבע, וועלכע ער האָט אַמאָל געהאַט צו מאַלווינאַן? „אָט דאָס, פון דער דאָזיקער נאַכט, איז ליבע?" — — —

ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מוטער, אינעם צנועהדיקן בליק פון אירע אויגן, ווען דער טאַטע האָט געקוקט אַף איר...

ער האָט געשוויגן, דערנאָך האָט ער געפרעגט קאַטיאַנקאַן: „זאָג מיר, קאַטיאַנקאַ, פאַרוואָס האָב איך פריער אין דער פרוי געזען אַזוי פיל שיינ־קייט, אַז איך האָב געקאָנט ווערן ווי אַ קינד און בעטן צו איר, און איצט זע איך אין איר אַזוי פיל מיאוסקייט? פריער האָב איך אין דער פרוי געזוכט — און נאָך היינט זוך איך אין איר — די מאַמע, די כלה־מאַמע... איך ווייס נישט, אויב דו פאַרשטייסט מיך, אויב איך דריק מיך גוט אויס. אָבער אָבער... יאָ... די ליבע פון דער פרוי מוז זײַן אַזעלכעס, וואָס טאָר נישט פאַרשוועכט ווערן; ס'מוז זײַן די גרעסטע הייליקייט!!"

קאַטיאַנקאַ האָט נישט געענטפערט.

דעם גאַנצן אָוונט — און צומאָרגנס דעם גאַנצן טאָג — האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין די גרויסע שיינע צימערן בײַ דעם בײַרימטן זינגער ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע, שטילע נישט דערקוויקלעטע טויב מיט צעבראָכענע

פֿליגל... אָבער אין איר אויגן האָט געלויכטן אַן אָנגעצונדן פּייערל פֿון אַ נר־תמיד...

דער גרויסער זינגער האָט פֿון דער דאָזיקער מאָדנער פֿרוי קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסקריגן. יעדן טאָג האָט ער זיך איצט אָפּסניי — און אַלעמאָל שטאַרקער — פֿאַרליבט אין איר. דער ציניקער אין אים איז פֿאַר־שוואונדן. קאַטיאַנקאַס איצטיק אויסזען און איר פֿרומער שטילקייט, האָט אויסגעלאָשן דעם גיהנום אין אים און געהיילט זיינע בּרענענדיקע וואונדן. ער האָט רחמנות געקראָגן אַף זיך אַליין און אַף אַלע מענטשן: „אַלע זיינען אומגליקלעך. ס'זיינען דאָ צוויי גיהנומס: איינס פֿאַר די אָרימע און איינס פֿאַר די רייכע.“ אַזוי האָט ער געטראַכט. קאַטיאַנקאַן האָט ער מער נישט אָנגערירט, אַפילו נישט במחשבה, ער האָט זיך שרעקלעך געשעמט פֿאַר איר און שטאַרק געליטן וועגן זיין עקלהאַפטן בּאַגיין זיך מיט איר אין יענער נאַכט.

נאָך פֿיר טעג איז קאַטיאַנקאַ צוגעגאַנגען צו זוויעזדאָוון און אים געזאָגט: „איך וויל דיר איצט זאָגן, וואָס מיך האָט פֿון דער ערשטער רגע אָן געצויגן צו דיר. דאָס וועט זיין אַן ענטפֿער אַף דעם, וואָס דו האָסט מיך געפֿרעגט. יאָ, איך האָב געפֿילט אין דיר, אַז דו זוכסט אין דער פֿרוי די כּלה־מאַמע, ווי דו האָסט זיך אַזוי שיין אויסגעדריקט. צען יאָר האָב איך דאָס אין יעדע מאַן געזוכט. מיט מיין מאַן האָב איך געלעבט אַ קורצע צייט. ער איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש. אָבער... נישט דער וועלכער זאָל אין דער פֿרוי זוכן דאָס, ווי דו האָסט געזאָגט.“ זי האָט געשוויגן, דערדריקט אַ זיפֿץ אין איר האַרץ: „די ליבּע טאָר נישט פֿאַרשוועכט ווערן, זי מוז זיין די גרעסטע הייליקייט. דאָס האָב איך נישט געפֿונען — אויך בּאַ דיר נישט — און איך גיי איצט אַוועק אין אַ קלויסטער אַריין.“ זי האָט זיך פֿאַרנויגט פֿאַר זוויעזדאָוון און איז אַוועקגעגאַנגען.

מד

א טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק, און דער גרויסער זינגער האָט קיין רו נישט געפונען. ער האָט געדויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. קאַטיאַנקאַס ווערטער — און נאָך מער איר שווייגן — האָבן אים צערודערט. דאָס וואָס זי האָט אין יענער נאַכט אָף זיין חיהשקייט אים געענטפערט מיט אַזוי פיל ליבע און מוטערלעכקייט — וואָס ער האָט אין דער פרוי געזוכט — האָט געמאַכט. אַ גאַנצע איבערקערעניש אין אים. ס'זענען איבערגעבליבן באַ אים אין בעט לאַנגע בלאָנדע האָר פון איר קאָפּ און אַ קנעפּל פון איר העמד. ער האָט געהאַלטן אין האַנט די דאַזיקע זאַכן, ווי איבערגעבליבענע שטראַלן פון איר נשמה. דאָס גאָלדענע צלמל — זי האָט עס געלאָזט אויף זיין טיש — האָט אים דערמאָנט אין זיין שמדן זיך. ווידער האָט ער דערזען פאַר זיך די היים זיינע, זיין קינדהייט אינעם קליינעם שטעטל, די מאַמע און דעם טאַטן.

זיין בליק האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון קאַטיאַנקאַס לאַנגע, זיידענע האָר אין זיין האַנט. ער האָט זי אַרומגעזוכט אין די שטובן. זי איז פאַרשוואונדן. דריי מאָל האָט זי, ווי די זון אויפגעשיינט פאַר אים און יעדעס מאָל שנעל פאַרשוואונדן. אין זיין נשמה איז געוואָרן אַלע מאָל פינצטערער. זיין לעבן פון דער לעצטער צייט האָט אים געעקלט, פּלוצים האָט ער זיך ווידער, ווי שוין נישט איינמאָל אין די לעצטע צוויי, דריי יאָר, ציניש צעלאַכט: „פאַרן געזונט פון אונדזער העלדיש מיליטער, הוראַ... פאַר אַלע שיינע דאַמען, פאַר דער ליבע!"...

ער האָט נאָכגעקרימט ווי איין פרוי האָט דערציילט אָפן באַל: „אין די שפּיטאָלן, וואו אונדזערע פאַרוואונדעטע ליגן, איז גאַנץ הימליש. די זעלנער — אונדזערע העלדן — ליגן אין ווייסע בעטן. יעדער סאָלדאַט האָט אַן אייגענעם נאַכט־טאָפּ, און ווען ער דאַרף קריגט ער אים פון דער באַרימהערציקער שוועסטער מיט דער גרעסטער ליבע. ער האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט געפּאַטשט דעם פאַרשוין מיט די באַקנבערד, און אים צעבראָכן דאָס מאַנאָקל: „פאַרוואָס? — ווייל ער האָט געזאָגט אָף מאַלווינאַן, אַז זי איז אַ בליאַד? ———"

זוויעזדאָוו האָט זיך געהאַלטן אין איין פייניקן. ער האָט זיך אַרומ־

געשלעפּט אין דער אָרעמסטער געגנט פון פּעטראָגראַד, אין די בּיליקסטע שאַנד הייזער. ווי אַ מין קוראָרט, אַ מין סאַניטאָריום, אָדער שפּיטאָל פאַר אַ קראַנקן, זענען פאַר אים איצט געוועזן די אָרימע גאַסן מיט די גרויע אָפּ־געשיילטע הייזער. די מענטשן האָבן דאָרט אויסגעזען ערגער ווי אַלעמאָל. געזען האָט מען צומייסטנס פרויען און קינדער. כמעט אַלע מיט געלע, אַשיקע פּנימער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן און פאַרשטומט. די מאַנס־פאַרשוינען כמעט בלויז אַלטע. אָבער יינגלעך בּיז 16־17 יאָר און אינוואַלידן פון קריג. זיי האָבן זיך יאושדיק געשלעפּט אין געלאַטעטע וואַלענקעס, און צעריסענע שטיוול, אין אָפּגעריסענע שמאַטעס, אין צעלעכערטע גרויע שינעלן. אַלע מיט איינגעפאַלענע באַקן און פינצטערן צאָרן אין די הונגעריקע אויגן.

ווי תמיד איז דער ווינטער געווען אַ שווערער. דער פראָסט האָט געסמאַליעט. דער הימל איז געווען באַלייגט מיט שטיקער וואָלקן, גרוי־שוואַרצע, וואָס האָבן געוויזן אַף שטאַרקע שנייען.

זוויעזדאָוו האָט געוואָלט אַריינאָטעמען אין זיך די גאַנצע חושכדיקייט, די גאַנצע טרויעריקייט פון דער דאָזיקער גאַס. ס'האָט אים פאַרקוועטשט באַם האַרצן, ווי אַ מאַמע, וועלכע האָט אַמאָל פאַרלאָזט אירע קינדער און אַנטלאָפן מיט אַן אַנדער מאַן און צוריק קומענדיק זיי געטראָפן קראַנקע. ס'האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ צאָרן. ער האָט נישט געוואוסט אַף וועמען ס'בּרענט אין אים די רציחה: אַף זיך אַליין, אָדער אַף יענע, פאַר וועלכע ער שפּילט אין דער אָפּערע. זיינע הענט האָבן זיך געבּיילט.

ר'איז געשטאַנען און האָט געקוקט. ס'זיינען צוגעקומען צו אים זונות, אים צו פאַרקויפן זייערע געפרוירענע, הונגעריקע לייבער. זיי האָבן זיך געקלאָגט: „אַלץ די מלחמה! די מענער זיינען אָפּן פראָנט! ס'זיינען איבּער־געבּליבּן בּלויז די אַלטע און קאַליקעס! די אָפיצירן — און אפילו די סאָלדאַטן באַ וועלכע מען האָט אַמאָל פאַרדינט — קריגן עס היינט אומזיסט באַ די שיינע דאַמעטשקעס, וואָס האָבן ניט קיין מענער מער: אַלץ די מלחמה!"

יעדע האָט אים געצויגן מיט זיך: „קום טייערער!... באַ מיר וועסטו זיין צופרידן!..."

ער איז מיטגעגאַנגען מיט איינער.

אין אַ קליינעם שטיבל איז אים דאָס מיידל, מיט וועלכער ער איז מיט־געגאַנגען, אויסגעקומען באַקאַנט. זי האָט אים דערמאָנט אין אַגאַשאַ און ער האָט זי גענומען אויספרעגן וועגן אַן אַלטן מיט אַ ווייסער באָרד, וועלכער האָט געמאָלן בילדער.

דאָס מיידל האָט אים אָגעקוקט מיט אירע גרינע אויגן:

„דו ביזט דיך אַוודאי טועה, מיין שאַץ."

זי האָט געהאַט די זעלבע גרינע אויגן, ווי יענע אַנאַשאַ, איר יונג פאַר־וועלקט פנים, קינדעריש נאָך און שוין געריגצלט, האָט זוויעזדאָוון ווידער און ווידער דערמאָנט אַן אַגאַשאַ, און זיין קראַנק ווערן און אַרומוואַלגערן זיך דעמאָלט. אָבער ער האָט דאָך איינגעזען זיין טעות און זיך גענומען אַרומקוקן אין צימערל. ס'איז געווען דערינען אַ מין היימישקייט. דאָס טישל, די צוויי בענקלעך, דאָס סאָפקעלע און די אַנדערע זאַכן זיינען געווען שטאַרק אָפּגעכוימערט, אָבער ס'איז געווען אין דעם אַלעם וואַרימע היים. דאָס אייגענע אין די אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט, אין דעם שטיקל טעפּיך אויף דער פּאָדלאָגע. ער האָט געקוקט אויף דער פּראָסטיטוטקע, וועלכע איז אייגנטלעך געווען אַביסל פאַרלעגן.

דאָס מיידל האָט אין איר שטיבל אויסגעזען גאַנץ אַנדערש, ווי אויף דער גאַס. נישט דרייסט, כמעט צנועהדיק. אָבער זי האָט זיך געמאַכט מוט; דעם פאַרשוין האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט צו פאַרדינען געלט, האָט זי אים אַרומגענומען, זיך געזעצט אויף זיין שויס, אין אים געגלעטשעט:

— נו, מיין ליבער...

זי האָט אָבער געזען, אַז דערמיט נעמט זי ניט דעם גאַסט און אויס־געפּרוּווט אַנדערע מיטלען. אָבער זי האָט אַלץ נישט געהאַט קיין דערפאָלג. ווידער איז זי געבליבן אין פאַרלעגנהייט און שוין אַביסל פאַרשעמט.

זוויעזדאָוו האָט אויף איר רחמנות געקראָגן און זי אַרומגענומען. נאָר אין דעם מאָמענט האָט ער דורך אַ וואַנט דערהערט שטימען און ער האָט דאָס מיידל צוריק אָפּגעלאָזט. זי האָט אים געזאָגט:

„דאָרט וואוינט נאָך איינע."

ער אָבער האָט דערהערט וויינען אַ קינד, אַ פאָטער שרייען און אַ מוטער זיך אַריינמישן. די פּראָסטיטוטקע האָט זיך צוזאַמענגעקאַרטשעט און

געוואָרן מיידלעריש רויט. זי האָט געפּרוּווט זיך באַהערשן און דעם גאַסט דערקלערט:

„אין דער אַנדערער שטוב וואוינט אַ זייער אָרימע פאַמיליע מיט קליינע קינדער. אַמאָל איז זיי געגאַנגען גאַנץ גוט. דער מאַן האָט געאַרבעט. ער איז אַ סטאָליער. די זין האָבן צוגעהאָלפן. אָבער אין דער מלחמה איז איינער געהרגעט געוואָרן, אַ צווייטער איז אין געפאַנגענשאַפט און דער דריטער איז צוריקגעקומען אָן אַ פוס. איצט שלאָגט דער מאַן דאָס ווייב מיט די קינדער, ווייל ער איז אַ שיכּור: ער האָט אָנגעהויבן טרינקען. זי האָט אָבער געזען, אַז דער גאַסט גלייבט איר נישט, חרטה געהאַט אַףביידע מאָל ליגן זאָגן.

זוויעזדאָוו האָט דערזען טרערן אין דעם מיידלס אויגן און איז צערודערט געוואָרן. ער איז אויפגעשטאַנען פון סאָפקעלע, געגאַנגען הין און צוריק איבערן קליינעם שטיבל, פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ צווייטן, און זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דעם מיידל ניט אָנגעבאָטן צו רויכערן. ער האָט זיך פאַר איר אַנטשולדיקט. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי רויכערט נישט. ער האָט געפּרוּווט זי באַרואיקן:

— וועגן וואָס זיינט איר אַזוי אויפגערעגט? שעמט איר זיך? . . .

ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַף אירע פּלייצעס: — איך בין נאָך ערגער פון אייך; איר פאַרקויפט בלויז דעם קערפּער. איך — די נשמה, פאַר אַ סך געלט . . . ווייסט איר, וויפל איך פאַרדין אין איין נאַכט, בלויז אין צוויי שעה? — איר וואָלט אַזויפיל געלט גאָר נישט געקענט איבערציילן . . .״

די פּראָסטיטוטקע האָט אים אָנגעקוקט. די לעצטע ליגנס האָבן זי געפּייניקט און זי האָט געפּרוּווט צוריקדרייען:

„דער סטאָליאַר אין דער אַנדער שטוב איז נישט קיין שיכּור, ער איז . . . וואָס מ׳טאָר נישט זאָגן . . . ברענגט אין שטוב אַריין יענע זאַכן . . . דערפאַר קריגט זיך מיט אים די פרוי . . .״ — נאָר גלייך האָט זי חרטה געהאַט, וואָס זי האָט אַזעלכעס דערציילט אַ פרעמדן, און צוריקגעכאַפּט: „כ׳האָב הייינט אַ סך געטרונקען . . . כ׳בין שיכּור . . . כ׳בין נאָך אַ יונגע וועסט???״

זוויעזדאָוו האָט זי באַרויקט: „איר דאַרפט פאַר מיר קיין מורא ניט האָבן, איך בין נישט קיין שפּיאָן.״ ער האָט אַרומגענומען דאָס מיידל, זי האָט אינגאַנצן געציטערט, ער האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט איר אַף דער סאָפאַ

און איר דערציילט פון זיין לעבן דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן דער מלחמה, וועגן רייכע און אָרעמע. דאָס מיידל האָט געשלונגען זיינע ווערטער. דאַן האָט ער זי געבעטן, אַז זי זאָל אים אַריינפירן צום סטאָליער.

פונעם מיידל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלט געשריי:

„ניין!"

זי האָט איצט שוין געזען, אַז דער גאַסט איז נישט קיין שפּיאָן. אָבער זי האָט אים נישט געוואָלט אַריינפירן צו אירע עלטערן און אים פאַרשטעלט דעם וועג צו דער טיר. אירע שוועסטערלעך און דער קליינער ברודער זענען געווען אין דער היים. דעם פאָטער האָט זי איצט נאָך ליבער געקראָגן, ווייל ער רעדט צו איר און צו דער מאַמען וועגן דער מלחמה און וועגן די רייכע און אָרעמע פונקט ווי דער, וואָס שטייט פאַר איר, האָט גערעדט. דער טאַטע לאָזט זיי נישט גיין אַף דער גאַס פאַרדינען. אָבער זי איז די איינציקע וואָס קאָן געבן פּרנסה.

די נאַכט איז צוגעפאַלן.

מיכאיל זוויעזדאָוו האָט דאָס מיידל געגעבן געלט. זי האָט אויפגעריסן די אויגן און עס נישט גענומען. ער האָט עס איר געשטופּט אין האַנט אַריין:

„נעמט! גיט דאָס דעם סטאָליער! זײַן פּאַרטײַ זאָל ער אַראָפּגעבן דערפון וויפל ער וויל." „באַם געזעגענען זיך האָט ער דעם מיידל אַ שטאַרקן דריק געטאָן די האַנט.

אַף דער גאַס האָבן טונקל געברענט איינצעלנע לאַמטערנס. ס'איז כּמעט געווען פינצטער. מידע אַרבעטער זיינען געגאַנגען פון די פאַבריקן.

מה

די אַרטיסטקע קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ האָט שוין מער נישט געוואוסט, וואָס איבערצוקלערן וועגן איר מישאַ. ס'האָט אויך געברענט אין איר דער צאָרן: אַזוי פיל מאָל האָט זי צו אים טעלעפאָנירט און ער איז אפילו ניט צוגעקומען צום טעלעפאָן! אַלע מאָל האָט מען איר געענטפערט עפּעס אַנדערש: אַז ער איז נישטאָ אין דער היים, אַז ער שלאָפט. זי איז באַ אים געווען עטלעכע מאָל און אים נישט געטראָפן. אַף אירע בריוו האָט ער

איר נישט געענטפערט. דאָס האָט זי אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט זיך אַזש געריסן די האָר פון קאָפּ, צעריסן דאָס קלייד אויף זיך, כמעט דאָס שענסטע וואָס האָט איר אַזוי געפּאַסט. זי האָט אַראָפּגעריסן פון זיך די בראָש וועלכע זוויעזדאָוו האָט איר געקויפט צו איר געבורטסטאָג, און זי געוואָרפן אויף דער ערד, דאַן האָט זי זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן דיוואַן און זיך צעוויינט.

אַז זי האָט זיך באַרואיקט, האָט זי ווידער גענומען נאָכקלערן:

„מיט אים איז אַוודאי עפּעס געשען! שוין אַזוי לאַנג קומט ער ניט אין טעאַטער אַריין!" זי האָט זיך דערמאָנט וואָס פאַר אַן איינדרוק ער האָט אויף איר געמאַכט ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל געזען, און איז געקומען צום באַשלוס: „ער איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער!."

נאָר דאָס האָט זי נישט געקענט פאַרשטיין: פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי מאָדנע, ווען ער איז צו איר דאָס ערשטע מאָל געקומען? נו, יאָ, אַזוי זיינען שוין די מענער, זיי זיינען אייפערזיכטיק נאָך איידער זיי ליבן, און גלויבן נישט וואָס מען זאָגט זיי, אָבער די פרוי האָט דאָס זעלבע רעכט ווי דער מאַן! דאָס איינציקע אויף וואָס זי האָט זיך געמאַכט פאַרוואורף איז געווען, וואָס זי האָט דעם גרוזינער נאָך געליבט, ווען זי האָט איר מישאַ — ווי זי האָט זוויעזדאָוון גערופן — שוין אייגנטלעך אָנגעהויבן ליבן. נאָר דאַרויף האָט זי זיך געענטפערט: „און ער האָט נישט קיין אַנדערע לעבן מיר?!" באַלד דערנאָך ווען ער האָט מיך אָנגעהויבן ליבן, האָט ער מיך פאַראַטן!" דאָס האָט זי ווילד געמאַכט. ס'איז נישט געווען קיין אייפערזוכט. נאָר ווי קאָן אַן אַנדער פרוי זיין גלייך באַ אים מיט איר! זי האָט נישט געקענט תופס זיין, אַז דעם מאַן, וועלכן זי ליבט, זאָלן געפעלן אַנדערע פרויען... „אַזוי זיינען אָבער אַלע מענער" האָט זי ווידער איבערגעחזרט איר פאַרצווייפלונג. „ווי אומווירדיק זיי זיינען אַלע! די פרוי איז דאָך אַנדערש! מיט מיין גאַנצער נשמה ליב איך אים!"

„אָבער מישאַ, איז דאָך אַנדערש!" זי איז צוריק אויפגעשפרונגען פון דיוואַן. „ער איז דאָך נישט גלייך מיט אַלע!"

זי האָט זוויעזדאָוון נישט געקענט פאַרשטיין. תּמיד, ווען ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי קאָן אים שוין, האָט ער זיך איר אַרויסגעגליטשט פון האַנט. אָט איז ער פאַר איר געווען אַ גאָט און זי האָט געקניט פאַר אים. און באַלד האָט זי אין אים דערזען אַ פּשוטן ווײַבערניק, ווי יעדער מאַן איז אַ דאַן

זשואַן, אַ מיאוסער בעל־תּאווה; ס'איז אים נישט קיין חילוק וועלכע פרוי. זי האָט געזען, אַז די פרויען רייסן פשוט שטיקער פון אים. אָבער זי האָט גענומען זיך פאַר אַ ביישפּיל: „מיר לויפן אויך נאָך אַלע מענער...” זי האָט געוואוסט, אַז אַ סך פרויען זענען נאָך ערגער ווי די מענער; אָבער די דאָזיקער ווייבער האָט זי פאַראַכטעט.

זי האָט אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס: „אַ, מישאַ!... איך האָב דיך אַזוי ליב!. דו וואולקאַן, סוד פון דער נאַכט, אימה פון פינצטערניש און פייַער פון דער זון!... מיינער!... איך בין דיר אַלץ מוחל וואָס דו טוסט קעגן מיר, וואָס דו האָסט נאָך אַנדערע פרויען, אַבי דו זאָלסט מיך ליבן!”... זי האָט באַקוקט דעם ריס, וואָס זי האָט געמאַכט אין קלייד, און זיך געטרייסט: „דער שניידער וועט עס פאַריכטן” זי האָט זיך אָנגעטאָן יענץ קלייד, וועלכעס זי האָט זיך געמאַכט דעמאָלט, ווען איר מישאַן זיינען אַזוי געפעלן די פאַרבן אין רעמבראַנדס בילד. דער קאָליר פון קלייד איז מאַט־גאָלד און לויט דער מאָדע, ווי מען האָט געטראָגן אין האָלאַנד, ווען רעמבראַנד האָט געלעבט. אין דעם קלייד איז זי אין ערגעץ נישט געגאַנגען, אפילו אַף דער בינע איז זי נישט אויפגעטראָטן אין דעם, כאָטש זי האָט געוואוסט סאַראַ רושם זי קאָן דערמיט מאַכן אַפן פובליקום. מיט אַמאָל איז זי געוואָרן גליקלעך ווי אַ קינד. „אין דעם קלייד טאָר מיך קיינער נישט זען, נאַר מישאַ!” זי האָט צוריק אויפּגעהויבן די בראָש, צוגעבונדן מיט אַ שטיקל פאָדעם דאָס איבערגעריסענע קייטעלע, און ווידער אָנגעטאָן.

פלוצים איז זי צוגעלאָפן צו דער טיר און זי אויפגעריסן: „מאַרפאַ! ס'האָט געקלונגען!”

„ניין, גנעדיקע!”

ס'איז אַריינגעקומען דאָס קעצל און נישט אויפגעהערט צו מיאוקען.

די אַרטיסטקע האָט זיך פאַרענטפערט פאַרן קעצל: „איך האָב דיך געטריבן די גאַנצע וואָך... זיי מוחל...” דערבייַ האָט עס אין קאָרידאָר באמת געקלונגען און זי איז ווידער צוגעלאָפן צו דער טיר. „שנעל, מאַרפאַ! ס'איז ער!” צוזאַמען מיט דער דינסט האָט זי אין קאָרידאָר געהאָלפן זוויעזדאָוון אויסטאָן דעם פעלץ. זי האָט אים געפירט אין קליינעם סאַלאָן אַריין און נישט אויפגעהערט אים צו קושן, אומאַרמען און האַלדזן. זי האָט אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן. הגם עס איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק

אין צימער. די ווינטערדיקע זון, אַ זילבערנע, האָט קוים ערשט אָנגעהויבן אונטערצוגיין. ס'איז געווען אַ מחייהדיקע וואַרעמקייט אין צימער

קאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ, אָדער קיטי, ווי זוויעזדאָוו האָט זי גערופן, איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט נישט געוואוסט וואָס זי זאָל דער דינסט אַלץ הייסן אַריינברענגען און געהאַלטן אין איין באַפעלן: „ברענג אַריין ווייַן! ליקער! טיי! קאָניאַק! וואַרעניע! קאָנפעקטן!" זי איז געוואָרן ווי אַ קינד און ווידער אַרומגעכאַפּט זוויעזדאָוון: „ווי דו זעסט אויס, מישאַ!... גאָט מיינער!... פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט צו מיר?... מישאַ!... וואָס איז מיט דיר געשען?... אַזוי לאַנג ביזטו נישט געקומען אין טעאַטער אַריין!... פאַר דיר איז אויפגעטראָטן אַלעקסאַנדראָוו און דו ווייסט דאָך ווי ער זינגט!... און נישט אין די צייטונגען און נישט אין די פּראָגראַמען איז וועגן דעם געווען באַמערקט!... דו וועסט פאַרלירן דיין נאָמען???...

זוויעזדאָוו איז געבליבן גלייכגילטיק: „פאַרלירן דעם נאָמען..."

די אַרטיסטקע איז געוואָרן אויסער זיך: „איז דאָס באַ דיר אַ קלייניקייט?! דיין שטימע, מישאַ, איז אין דער לעצטער צייט"...

ער האָט געבּרומט: „מיין שטימע"...

זי האָט געזען, אַז ער איז נישט ראַזירט און זיך דאָס אַזוי גענומען צום האַרצן, ווי זי וואָלט דערזען עפּעס שרעקלעכעס: „גאָט מיינער!... און דער אָנצוג, ווי ער זעט אויס!... מישאַ, דו זעסט אויס אינגאַנצן געענדערט!...

„זי האָט אים ווידער אַרומגענומען, פעסט אַרומגעהאַלטן, ווי מען וואָלט אים געוואָלט אָוועקרײַסן פון איר: „דו בלייבסט איצט שטענדיק באַ מיר! איך וועל דיך מער נישט אָוועקלאָזן פון מיר! דו וועסט וואוינען באַ מיר אין דריי צימערן און איך אין דריי. איך וועל דיר געבן פיר, פינף צימערן, און מיר וועל איך איבערלאָזן בלויז איין צימער! גלייך וועל איך טעלעפאָנירן אין אַ מעבל־מאַגאַזין."

ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

דאָס קעצל האָט געמיאוקעט, ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער אַרטיסטקע. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן דערצו, עס אַ גלעט געטאָן און אַרויסגעשיקט:

„גיי איצט אַרויס!"

זוויעזדאָוו האָט אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, וועלכע ער האָט

דערזען ליגן. ס'איז אים דאָרט געפעלן אַ פאַרפּלאָנטערטער ליבע סקאַנדאַל און פאַרגעלייגט דער אַרטיסטקע: אַ פרוי האָט זיך פאַרליבט אין אַ פאַר־הייראַטן מאַן. די פרוי פון דאָזיקן מאַן, דאָס געוואָר ווערנדיק, האָט דאָס דערציילט דעם מאַן פון יענער פרוי, וועלכער האָט אַמאָל זי געליבט. דערפאַר האָט יענע פרוי אָפּגעגאָסן מיט וויטריאָל איר מאַנס אַמאָליקע ליובאָוויצע. האָט דערפאַר דער ליובאָוויניק געשלאָגן זיין פרוי, און דער מאַן פון דער אָפּגעגאָסענער פרוי האָט דערשאָסן דעם ליובאָוויניק."

זוויעזדאָוו האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און געפרעגט די אַרטיסטקע: „נו?"...

זי האָט פאַרשוויגן זיין „נו" און אים געזאָגט, אַז זי ווייסט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אָפן באַל באַם געשמדטן ייד דעם באַנקיר פעסאָכאָוויטש און, אַז זי ווייסט אויך, וועמען ער האָט פון דאָרטן אַהיימגעפירט.

דאַרויף האָט זוויעזדאָוו זיין געליבטער געגעבן צו לייענען אַ בריוו און זי געפרעגט: „איז עס ניט דער זעלבער, וועלכער רופט מיך אַרויס אָף אַ דועל, וועלכן איך האָב געהערט דעמאָלט — ווען איך בין צו דיר געקומען דאָס ערשטע מאָל — אַוועקגיין? ער הייסט געאָרג ניקאָלאַי קאַליגאַנאָוו. אַ גרוזין, דוכט זיך מיר."

קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ האָט ענערגיש געדרייט מיטן קאָפּ: „איך קען אים נישט! דעמאָלט איז פון מיר קיינער נישט אַוועקגעגאַנגען!"

„אַזוי..." ער האָט געשוויגן. דאַן — באַהערשנדיק זיך מיט אַלע כּוחות, כּדי צו ריידן שטיל און זאַכלעך — האָט ער אָנגעהויבן: „הער אויס קאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ. מיר איז נישט קיין נפקא מינה, אויב דער דאָזיקער קאַליגאַנאָוו איז דיינס אַ געוועזענער געליבטער, אָדער דו ליבסט אים נאָך און נאַרסט אים, ווי מיך; אָדער ער איז אַ געליבטער פון אַנדערע, וועלכע איך האָב אין דער צייט, וואָס איך האָב דיך געליבט, גענוג געהאַט; דאָס איז אַלציינס. מיר וואָלגערן זיך אַלע אין מיסט!"

קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ איז געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט פון דעם, וואָס איר געליבטער האָט איצט געזאָגט, באַזונדערס פון זיין קאַלטער ציניזשקייט, אַז זי האָט מער גאָרנישט געענטפערט.

ער האָט געפּרוּווט זי באַרויקן: „קיטי... דו זאָגסט, אַז איך זע אויס אינגאַנצן געענדערט" — — —

זי האָט אַראָפּגעשלונגען די טרערן און מיט ווייטיק און געטריישאַפט אים געזאָגט: „דו ביזט קראַנק, מיכאיל, מיט דיר איז געשען עפּעס שרעקלעכעס!"

ער האָט זיך נאָך מער צוזאַמענגענומען: „הער אויס, קיטי, קראַנק בין איך נישט. געשען... נו, יאָ... איך וויל מיט דיר איצט רעדן וועגן די צוויי זאַכן, וועלכע דו האָסט פריער דערמאָנט: וועגן דער ליבע און וועגן דער אָפּערע. ליבע... דו האָסט געוואוסט, אַז איך האָב נאָך אַנדערע פרויען. מיט יענע האָב איך וועגן ערנסטע זאַכן נישט גערעדט. נישט דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען צווישן זיי קיין גייסטיקע; אַדרבא, נאָר ווייל זיי האָבן געוואָלט פון מיר נאָך איין זאַך: „ליבע". רעג דיך נישט אויף, קיטי."

„דו ביזט ציניש, איך קאָן אַזעלכעס נישט הערן!"

„נו, איך וועל רעדן אַנדערש. דיך קיטי, האַלט איך פאַר אַן אַנדערע. נישט אומזיסט ביזטו קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ. אַלזאָ! מיר זיינען ביידע קינסטלער. אָפּערע זינגער, גרויסע, באַרימטע אַרטיסטן. אונדזערע ראָלן אַף דער בינע זיינען תמיד געווען ליבע: אומגליקלעכע ליבע, גליקלעכע, געגנאַרטע, אייפערזוכט. דערנאָך — אין דער היים — ווידער דאָס אייגענע. פרעג איך מיך, און אויך דו מוזט זיך פרעגן דאָס זעלבע: קאָן מען דאָס גאַנצע לעבן, באַטאָג און באַנאַכט, שפּילן אין „אַאידאַ", אין „קאַרמען", אין „דאָן זשואַן" — אין די אַלע נאַרישקייטן? — דאָס איז זי די קונסט? דו האָסט מיר פריער געוואָלט זאָגן, אַז איך פאַרליר די שטימע. איז וואָס? צו וואָס דאַרף איך זי? פאַר וועמען זאָל איך זינגען, קיטי? און די ליבע: זאָג מיר, קיטי, איז דאָס וואָס צווישן אונדז איז, ליבע?..."

די גרויסע אַרטיסטקע קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ האָט איר געליבטן מיכאיל זוויעזדאָוון נישט פאַרשטאַנען. ער איז איר — מיט זיינע פראַגן איצט — אויסגעקומען פרעמד.

זוויעזדאָוון איז אויסגעקומען לגמרי איבעריק נאָך ווייטער צו ריידן. ער האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען: „איך ווייס נישט, קאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ, וואָס איך קאָן דיר נאָך זאָגן."

זי איז אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעגלייכט און געבליבן שטיין פאַר איר געליבטן די שטאָלצע, גרויסע אַרטיסטקע, אַ שיין ווייב, באַוואוסט אַף איר קראַפט און גייסטיקע ווירדע. די קונסט איז געווען איר גאַנץ לעבן, און די

ליבע — דאָס זעלבע ווי די קונסט. די צוויי זאַכן זענען פאַר איר געווען איינע. זי איז געווען אַנטוישט איצט אין דעם גרויסן זינגער. אָבער זי האָט אים געוואָלט פאַרשטיין, און אים געפרעגט: „ווי קאָנסטו אַזוי דענקען מיכאיל? די אָפּערע איז דאָך העכסטע אין דער קונסט, די סינטעזזו! ווערדי, מאָצאַרט, טשייקאָווסקי, מוסאָרגסקי און די אַלע אַנדערע — דאָס זיינען דאָך געווען גוואַלדיקע מוזיקער, גרויסע גייסטער! ווי איך זע, ווילסטו די קונסט פאַרשטיין מיטן קאָפּ. דאָס איז אוממעגלעך! די קונסט איז פאַר דער נשמה און נישט פאַרן מוח! און די ליבע — אַז מען האָט אַ נשמה — ליבט מען! דעמאָלט פרעגט מען נישט, מען וויל נישט פאַרשטיין, מען זוכט נישט אין איר!"

דעם זינגערס פּנים איז געוואָרן פול מיט צער און האָט דער קינסטלערן געזאָגט: „דו וועסט מיך נישט פאַרשטיין". דאָך האָט ער זי נאָך ווייטער געפרעגט: „קיטי! דאָס לעבן — אַזוי ווי עס איז אויך דיין לעבן — געפעלט דיר?"

זי האָט אים אָנגעקוקט: „וואָס הייסט, צי עס געפעלט מיר? — אַ מאָל יאָ און אַמאָל נישט. אַמאָל בין איך גליקלעך, אַמאָל בלויז צופרידן. צו מיינסטנס אומגליקלעך. אַזוי איז דאָס לעבן. דער מענטש האָט דאָס לעבן נישט געשאַפן. ער לעבט. איבערמאַכן דאָס לעבן — ווי אַזוי? עס וועט תמיד זיין דאָס זעלבע."

„און דער קינסטלער?"

„דער קינסטלער שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן אין דער קונסט אַזוי ווי עס איז, ער שאַפט די קונסט, די שיינקייט".

„די שיינקייט... און די מיאוסקייט?" — — —

„אַלץ, וואָס איז קינסטלעריש, איז שיין."

זוויעזדאָוו האָט זיך צעלאַכט.

די קינסטלערין איז געבליבן בּאַ אירס אַ שטאַנדפּונקט: „ווען אַלע מענטשן וועלן בּאַגרייפן די קונסט, זי איינזאַפּן אין זיך, אַז זי זאָל לעבן אין זייער בלוט — וועט דאָס לעבן ווערן שיין."

ער האָט איר געשטעלט אַ פּלוצימדיקע פראַגע: „זאָג מיר! דו האָסט מיך ביז איצט געליבט און די ליבסט מיך נאָך אפשר איצט אויך, פרעג איך דיך: „וואָס האָסטו אין מיר געליבט?"

„דיך.“
איך בין דאָך אַ גאַנץ געמיינער הונט!“
זי האָט אים אַרומגעכאַפּט: „דאָס איז נישט אמת. „מיכאיל! טײַערער דאָס איז נישט אמת!“
ער איז געוואָרן טראַגיש און ציניש: „איך האָב דאָך געהאַט נאָך אַ סך אַנדערע פּרויען לעבן דיר און דיך גענאַרט.“
זי האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים: „פּוי!“
ער האָט זיך אָפּגעווישט, געווען כמעט צופרידן: „גוט! און דו האָסט דאָך אויך געהאַט נאָך אַנדערע.“
„דיך האָב איך געליבט מיט מיין גאַנצער נשמה!“
ער האָט נאָך ווייטער געפרעגט, געוואָרן אַלע מאָל צינישער, טראַגישער, ביטערער, און אכזריותדיק גענומען צעשטערן אירע טעמפּלען און אירע געטער פון ליבע און קונסט. זי האָט מער נישט געוואָלט ענטפערן, נישט געקאָנט אפילו הערן וואָס ער האָט געזאָגט און זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, צוגעמאַכט די אויגן און געשריגן: „דאָס אַלץ איז נישט אמת! דו ביזט נישט מער קיין קינסטלער!“

מו

אף זיין טיש זיינען געלעגן זייער אַסך בריוו. ער האָט אַריינגערופן די דינסט און איר געהייסן זיי אַרויסוואַרפן. דערביי זיינען אים געקומען אַפן געדאַנק די הונדערטער און הונדערטער פאָטאָגראַפיעס פון די פרויען, וועלכע ער האָט געהאַט ליבן. ער האָט זיי צוזאַמענגענומען פון אַלע שופלאָדן, צעלייגט אַפן טיש און זיי באַטראַכט: שיינע פנימער, יעדע מיט אַ באַזונדערן חן, מיט אַ באַזונדערן כישוף, באַזונדערס פאַרירעריש. און דאָך זעען כמעט אַלע אויס גלייך. אָבער אין די אויגן איז באַ אַלע דאָ אַזוי פיל בענקשאַפט און שטילער באַהאַלטענער צער, אַזוי פיל קינדערישקייט, זיין האַרץ איז געווען פאַרלעמט: „ווי אומגליקלעך דער מענטש איז!“
ער האָט אַלע פאָטאָגראַפיעס צעריסן און זיי אַריינגעוואָרפן אין פאַפּיר־קויש. זיינע הענט האָבן דערביי געציטערט. ער האָט צוזאַמענגעצוקט, ווי ער

וואָלט דערהרגעט לעבעדיקע מענטשן. די גאַנצע נאַכט האָט ער דאַריבער שוין נישט געקאָנט שלאָפן צו מאָרגנס איז ער געווען זייער נערוועז און איז מיט יעדן טאָג געוואָרן נאָך מער נערוועז. ער איז געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר און באַקומען פּילן. פאַרן גיין שלאָפן, האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט, זאָל ער נעמען איין פּיל. אַז עס וועט נישט העלפן — נאָך איינע. אָבער ביידע האָבן נישט געהאָלפן. איין נאַכט נאָך דער אַנדערער האָט ער זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און איז דערנאָך דעם גאַנצן טאָג אַרומ־געגאַנגען מיט קאָפּווייטיק. האָט ער פאַרן שלאָפן גענומען דריי פּילן, און איז אויפגעשטאַנען ווי שיכור.

אָבער צומיינסטן האָט אים איצט נישט אָפּגעלאָזט די באַגעגעניש, וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען פון קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ. דער הימל איז דעמאָלט געווען פאַרוואָלקנט, אָבער זייער פינצטער איז נישט געווען. עמיצער האָט אים נאָכגעשריגן: „סטאַיטיע!" נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, נישט אומגעקוקט אפילו. פאַרשטאַנען: דאָס איז דער העלד, וועלכער רופט אים אַרויס אויף אַ דועל.

„אויפטרעטן וועל איך ניט מער!" דאָס האָט ער פעסט באַשלאָסן. „ס'איז נישטאָ פאַר וועמען, און די אָפּערע איז קיין קונסט נישט. נאַרישע פאַר־ווײַלונג פאַר פּוסטע־פּאַסטעניקעס. אָבער וואָס וועל איך איצט טאָן?" האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו פרעגן.

גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין הויז. אַז ער האָט זיך דערמאָנט אין וועלכער פרוי פון זיינע ליבעס, איז זי אים אויסגעקומען אַזוי גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט מער קיין מאַנסביל נישט געווען. טייל טעג האָט ער גערויכערט זייער אַ סך און טייל טעג גאָרנישט. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ זינגער. געזעסן איז ער מיט צעשפּרייטע פיס, די עלנבויגענס אויף די קניען, דעם קאָפּ צווישן די פויסטן, און פּלוצים געגאַפּט האָט ער דערפילט אַ שטורעם אין זיך און איז אויפגעשפּרונגען: „איך מוז עפּעס טאָן!" „מער ווי אַלעמאָל האָט ער איצט געטראַכט וועגן זיין אַמאָליקער היים. וועגן דער מאַמע און וועגן טאַטן. אָבער ער האָט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט איצט נישט געוואָלט דענקען און געפילט נאָר דאָס איינע: „עפּעס מוז געשעען!"

פאַרן זינגער זענען די טעג געוואָרן אַלץ גרעסער, האָבן זיך אַלץ מער אויסגעצויגן. די נעכט, נישט קאָנענדיק שלאָפן, זיינען געוואָרן אייביקייטן.

ער האָט געהאַלטן אין איין קלערן וועגן זיין היים אין פּוילן, געזעען פאַר זיך די מאַמען, דעם טאַטען, דעם זיידן יקותיאל, דעם זיידן פון דער מיל, זיינע באָבעס — ס׳גאַנצע שטעטל. זיך דערמאָנענדיק וועגן רחלען, האָט ער געטראַכט: „זי האָט אַוודאי שוין חתונה געהאַט.“ אין זיין פאָרשטעלונג איז זי אים אויסגעקומען ענלעך צו דער מוטער: אַ מאָט לענגלעך פּנים, מאַמעדיק און טרויעריק, ווייכער, פאַרבענקטער בליק אין די צנועהדיקע אויגן מיט אייביקער געטריישאַפט אין זיי. אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען די ניגונים פונעם טאַטענס זמירות באַם שבתדיקן טיש, די לידער וואָס די שניידער־מיידלעך און גאַזעלן האָבן געזונגען, די וויג־לידער וואָס מאַמעס האָבן געזונגען באַם איינשלעפרן זייערע קינדער. „אָבער דאָס אַלץ איז דאָרט אַוודאי מער נישטאָ“, האָט ער אָפּגעזיפצט, „די מלחמה האָט דאָס דאָזיקע שטעטל — און נאָך אַ סך אַנדערע — מסתמא צעשטערט. פּוילן איז שטאַרק חרוב געוואָרן. אַזוי האָבן די צייטונגען געשריבן.“

נאָך שעהן טרויעריק גריבלען אין זיך, האָט עס ווי אַ שטורם אים ווידער געגומען רייסן און טראָגן: „עפּעס מוז געשעען! עפּעס מוז געשעען! טו אַ שפּיי, מעכל — יאָ, מעכל! מעכל!... טו אַ שפּיי אויף אַלץ! נישט דאָס האָסטו געמיינט ווען דיין נשמה האָט זיך געריסן צו ווערן אַ זינגער אויף דער בינע, אַן אָפּערע זינגער! דו האָסט דעמאָלט נאָך נישט פאַרשטאַנען, נישט געוואוסט וואָס ס׳איז אַן אָפּערע זינגער, ביסט געווען אַ קליינ־שטעטלדיק נאַיוו יינגל. סהאָט דיך געצויגן צו דער בינע, געטריבן, געריסן מיט אַ געוואַלטיקער מאַכט, דו האָסט געגנבעט געלט און ביסט אַנטלאָפן קיין וואַרשע. פון דאָרט האָסטו דיך געלאָזט אין אַ ווייטער פרעמדער וועלט. האָסט דיך אַרומגעשלעפּט פון איין שטאָט צו דער צווייטער, האָסט געבעטלט און געהונגערט. מהאָט דיך אַרעסטירט און דו האָסט דיך אַרומ־געוואַלגערט אין תפיסות. מהאָט דיך געשלאָגן און געהרגעט, ביסט שווער קראַנק געוואָרן: אָבער מיט אַן אייזערנער עקשנות, מיט אַ ווילדער איינ־געשפּאַרטקייט האָסטו דערגרייכט צו וואָס דו האָסט געשטרעבט. נו? — — איז דאָס, וואָס דו האָסט דערגרייכט, געווען דיין ציל? ———.איז׳ס דאָסזעלבע, וועגן וואָס דו האָסט געחלומט, וועגן וואָס דיין נשמה האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געפיבערט? — — די ווירקלעכקייט... טו אַ שפּיי אויף איר און! — — —

ער איז אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט גיין. ער איז געגאַנגען האַסטיק דורך גאַסן ביז ער איז אָנגעקומען אינעם מאַרק, וואו ער האָט ליב געהאַט אַרומצושפּאַצירן, באַזונדערס באַנאַכט אין דער לעצטער צייט, אין זייטיקע, טונקעלע, פינצטערע אַלעען. נאָר ער האָט באַלד דערהערט הינטער זיך יענעם, „סטאָיטיע!״ ווי פאַר עטלעכע וואָכן. ער האָט זיך ווידער נישט אָפּגעשטעלט, זיך אפילו נישט אומגעקוקט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דער גרוזין, דער אָפיציר ניקאָליי קאַליגאַנאָוו, וועלכער האָט אים אין אַ בריוו אַרויסגערופן אויף אַ דועל. (ער האָט דעמאָלט אויפן דאָזיקן בריוו אפילו נישט געענטפערט). ווידער האָט ער זיך דערמאָנט אין יענעם מאָמענט ווען ער איז ס׳ערשטע מאָל געקומען צו דער גרויסער זינגערן קאַטערינאַ מאַרסקאַיאַ און וואַרטנדיק אויף איר אין אויפנעמצימער געהערט אין קאָרידאָר שפּאָרן קלינגען באַ אַן אַוועקגייענדיקן מיליטערמאַן.

דאָס קול האָט אים ווידער נאָכגערופן: „סטאָיטיע! נאָר אַז ער האָט זיך ווידער נישט אָפּגעשטעלט, האָט אַ שאָס אים אָפּגעשטעלט. ער איז אַנידערגעפאַלן.

מז

די ווונד איז געווען אַן ערנסטע, שיער אַ פאַטאַלע, ווייל די קויל האָט דעם זינגער געטראָפן אין דער לינקער זייט. צו זיין גרויס גליק אָבער נידעריקער פונעם האַרץ און ס׳האָט אויך נישט צו לאַנג געדויערט אים צוברענגען אין אַ שפּיטאָל אַריין. צוליב דער גרויסער באַרימטקייט זיינער, האָט ער פון די דאָקטוירים באַקומען די געהעריקע אויפ־מערקזאַמקייט און נאָך מער פון די קראַנקשוועסטערס. זעלבסט פאַר־שטענדלעך איז אין דער פרעסע געווען צעשמירט די גאַנצע געשיכטע און סהאָבן זיך צום באַרימטן חולה אַ לאָז געטאָן קאָרעספּאָנדענטן און רעפּאָרטערס, פריינד און פאַרערערס און מער נאָך פאַרערערינס, געוועזענע געליבטע און פאַרליבטע אָן אויסזיכט אויף זיין ליבע. דעם אייפערזיכטיקן שיסער האָט די פּאָליציי נישט געכאַפּט; ס׳איז געווען ערב אויפשטאַנד, אַן אומרואיקע צייט אין וועלכער דער כאַאָס איז געווען גרויס.

ווען זוויעזדאָוו איז אַרויס פונעם שפּיטאָל — אַ פאַלשטענדיק געזונטער — איז שוין געווען פרילינג. די פאַרענדערונג דורך דער רעוואָלוציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך כמעט נישט געקאָנט אָריענטירן אין דעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. אויף דער עצה פונעם דאָקטער איז ער אַוועק אויסרוען זיך אין די יאַיילאַ־בערג באַם שווארצן ים. דאָרט האָט ער זיך נישט בלויז קערפּערלעך געקרעפטיקט, נאָר אויך זעליש: ער איז געוואָרן ווי ניי־געבוירן. סלעבן פון דער לעצטער צייט (אַ 2־3 יאָר) איז אים איצט אויס־געקומען פרעמד, ווי ער וואָלט קיין שום שייכות נישט געהאַט דערמיט. אויך דאָס לאַנד, וווּ ער האָט דאָס דאָזיקע לעבן זיינס געפירט — צוזאַמען מיט דעם גרויסן רום וואָס ער האָט דאָרין געוואָנען — איז אים מיטאַמאָל פרעמד געוואָרן. די זעלבע קראַפט, וואָס האָט אים געריסן און געצויגן אין שטעטל אַריין, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, צוריק צו די עלטערן, פון וועלכע ער איז אַנטלאָפן, צוריק צום טאַטען, צו דער מאַמען, פאַלן צו זייערע פיס און בעטן זיי זאָלן אים מוחל זיין, וואָס ער איז קעגן זיי באַגאַנגען, די ליידן וואָס ער האָט זיי אָנגעטאָן. ער וואָלט איצט אַרויפפאַלן אויפן טאַטען און אים געדריקט צו זיין האַרץ, ער וואָלט אַרויפפאַלן אויף דער מוטערס ברוסט און געוויינט, געוויינט ווי אַמאָל ווען ר׳איז געווען אַ קליין יינגל.

נאָכן אָפּעסן אָוונט ברויט איז ער אַוועק שפּאַצירן. די נאַכט איז געווען אַ שיינע, אַ מילדע, כמעט אַ וואַרימע. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך צווישן הויכע בערג, געפילט די גרויסע, שיער אומהיימלעכע, רו אין דער שטילקייט אַרום און דעם פרידן אין זיין האַרץ. אַזוי נאָענט מיט די שטערן, מיט דער נאַכט און מיטן גאַנצן אַרום, האָט ער זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט. פּלוצים האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט. סהאָבן זיך גענומען יאָגן שווערע וואָלקנס איבערן הימל. דאָס זילבער ליכט פון דער לבנה האָט גענומען קעמפן מיט די אַנלויפנדיקע כמאַרעס, האָט זיך באַמיט זיי דורכצולויכטן, זיך דורך זיי דורכצורייסן, זיך צובאַפרייען פון אונטער זיי... דאָס אייגענע האָבן געטאָן די גרויסע וויאַלעטע און אַלדענע שטערן אַ קאַמף, אַ ווירוואַר צווישן גרוי, שוואַרץ, זילבערהעל און גאָלדנגלאַנץ אויף טונקל־בלויען הימל... אַ קאַמף צווישן הימלישע כוחות... דעם זינגער קומט אויס, אַז פון ים — נישט ווייט אַוועק — טראָגט זיך דער ווינט, ער יאָגט זיך מיט שטורעם און וואַרפט זיך אויף די וואָלקנס, רייסט זיי אין

שטיקער און טרייבט זיי, טרייבט זיי אַלץ ווייטער, ווייטער, הינטער די הרי חושך, ביז מ׳זעט זיי נישט. פּאַרטיליקט. ווידער איז דער הימל קלאָר, די בלויקייט וווּנדערלעך טיף. די שטערן שטראַלן און זינגען... ער הערט ווי זיי זינגען... די לבנה — איר ליכטיקע בלאַסקייט איז איצט עטוואָס רויטלעך, אָדער אָראַנזש — זעגלט שטאָלץ טריאומפירנדיק איבער דער טיפער בלויקייט די שטראַלנדיקע און זינגענדיקע שטערן...

דעם זינגער דוכט, אַז סאיז אים עפּעס אַנטפּלעקט געוואָרן... אָבער דער פּלוצלימדיקער שטורם האָט אים שטאַרק פאַרמאַטערט. ער מוז זיך אויסרוען. ער שטרעקט זיך אויס אויף דער ערד, דעם קאָפּ אונטער־געשפּאַרט מיט די הענט און מיטן בליק צום ים, וועלכען ער זעט נישט, ווייל ער איז פאַרשטעלט פון אַ היגל און איז נאָך עטלעכע וויאָרסט ווייט פון אים; אָבער ער הערט זיין רוישן און פילט זיין קאַלטן אָטעם. זוויעזדאָוו עגבערט זיין בליק אין דער נאַכט, ווי ער וואָלט אין איר געוואָלט זעען עפּעס זייער קלאָר... ער זעט אָבער בלויז אַ קליינעם שטח. די שפּיצן פון די בערג זענען פאַרדעקט מיט וואָלקנס. זיי שלאָפן. און פּלוצים האָט ער זיך אַ זעץ־אויף געטאָן: ער האָט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס. ער הערט זיך איין... זעט ער ווֹעמען גיין?... סדוכט אים אַז ער הערט עפּעס אַ קול...

נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט דער זינגער זיך באַרואיקט. אַן אויס־געריוטער — האָט ער ווייטער שפּאַצירט. דער בליק פון זיינע אויגן איז געווען שאַרף, די שמועה וואַך, אָנגעשפּיצט. יעדן גערויש האָט ער געהערט: דאָס שאַרשקען פון בלעטער אויף בוימער אין נישט ווייטן מרחק, דאָס פּליעסקען פון די כוואַליעס, זייער צישן באַם אָנקלאַפּן זיך אָן בּרעג און צוריקפליסן צעשטויבטע. געטראַכט האָט זוויעזדאָוו פון אַ ניי לעבן וואָס ער וויל אָנהויבן, דאָס האָט אים וואַך געהאַלטן די גאַנצע נאַכט צווישן די בערג באַם ים.

ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. די לבנה איז פאַרשוווּנדן די ערשטע, דערנאָך די שטערן. די בלויקייט פון הימל האָט פאַרלוירן די טיפקייט, די קלאָרקייט. זי איז איבערגעגאַנגען אין אַ גרוי, וואָס איז געוואָרן אַלץ העלער. די בערג זענען געוואָרן אַלץ בולטער, זיי האָבן זיך זוויעזדאָוון אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער גיגאַנטישקייט, מיט זייערע שאַרפע קאַנטורן און ליניעס, אין זייער מאַיעסטעטישער הערלעכקייט. ער האָט געקוקט אַ פאַרחידושטער, אין

התפעלות געוואַלט אַרומנעמען די גאַנצע רחבות מיטן בליק, אוועקשטופּן דעם האָריזאָנט און דערזעען די אומענדלעכקייט... פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט ער זיך דערנענטערט צום ים. דער ים איז גאַנץ רואיק שוין, כמעט שטיל. דעם זינגער דאַכט זיך, אַז טיף אין ים איז באַהאַלטן דעם סוד פון אייביקייט... דער ים איז מתפּלל צום טאָג, צום ליכטיקן הימל, צו דער אויפגייענדיקער זון... ער אומאַרמט די ערד...

דער זינגער איז ווי היפּנאָזירט. סקומט אים אויס ווי די וועלט וואָלט אין דאָזיקן פאַרטאָג ערשט געשאַפן, אָדער ניי געבוירן געוואָרן... גאָר אַנדערע בערג זענען עס... אַן אַנדער ים... דאָס רוישן פון די כוואַליעס איז ווי אָרגל מוזיק, אָבער אַזאַ, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט... אַ נייער הימל, אַ בלאַס בלויער... די זון — אַ שמייכלנדיקע — שמייכלט צו אים מיט אַזוי פיל גוטסקייט און ליבשאַפט... אַזאַ יונגעטשקע זון... אַזאַ שיינע... אַזאַ חנעוודיקע... אַ צאַרטע... זיינע ליפּן פאָרמען זיך ווי אַ קוש צו טאָן, אָדער עפּעס צו זאָגן... דאָס ווייסע זאַמד, אויף וועלכען ער שטייט, צערטלט זיינע שיך... ער בויגט זיך אַראָפּ דאַצו און גלעט עס צערטלעך און דאַנקבאַר אין זיין גליקזעליקייט איצט...

אין דער בלאַס בלוילעכער, און פון דער אויפגייענדיקער זון גאָלד־שימערינדיקער לופט, האָבן זיך באַוויזן זילבער־פּלאַטערנדיקע מעוועס. זיי קרייזן אין אַ גרויסן בויגן און צעשטערן מיט זייערע העסלעכע קוויטשערייען די סודותדיקע שטילקייט. זיי פליען אַלץ נידעריקער און קוקן מיט רויבערישע בליקן אין די קיילעכדיקע אויגן. מיט צילענדיקן שאַרפן שנאָבל לאָזט זיך אַלעמאָל אַן אַנדערע, ווי אַן אָפּגעשאָסענע פייל פון אַ בויגן, אַראָפּ אין ים און פליט צוריק מיט אַ לעבעדיק, זיך וואַרפנדיק פישל פאַרקלעמט אינעם שנאָבל. און פלוצלים ברעכט אויס אַ בהלה, אַ פאַר־צווייפלט קוויטשעריי פון אַלע.

דער זינגער דערזעט אַז גאַנץ הויך, ווייט אַוועק נאָך, טראָגט זיך אַן אָדלער אין דער הימלישער בלויקייט. די גרויסע פליגל — טוען זיך קיין ריר נישט. ער שוועבט מאַיעסטעטיש, גראַנדיעז.

דער זינגער איז צוריק געגאַנגען צו זיין האָטעל. זייטיק פון וועג איז אַ קליין וועלדל. ער גייט צו, קומט, זעט ווי פון דער ווייכער ערד שפּראָצט דאָס פרישע גראָז, פייכט, געבאָדן אין טוי און געוואַרעמט, געלאַשטשעט און

געקושט פון דער זון. דאָס יונגעטשקע גרין איז העל און שימערט. ווייסע שנייגלעקעלעך, קליינע קעפעלעך, ערשט נישט לאַנג געבוירענע, הענגען חנעוודיקע אויף גרינע. קורצע און דינענקע פעדעמלעך פון די שטענגעלעך... זוויעזדאָוו קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דאָזיקן צויבער. ער טראַכט: „נאָך יעדן ווינטער ווערט לעבן ניי געבוירן. אַזוי מוז זיין אויך דער מענטש: ער מוז נאָך זיין ווינטער קענען ניי געבוירן ווערן!

... ער מוז זיין ווי דער דאָזיקער פרימאָרגן!... ריין און צעהעלט ווי די שניי־גלעקלעך מוז ער זיין... צאַרט ווי דאָס פרישע יונגע גראָז!... שפּילעוודיק ווי די טאַנצנדיקע און שפּרינגענדיקע כוואַליעס ווען דער ים איז רואיק, טיף ווי ער און אויך שטורמדיק ווען ס׳איז נויטיק: קעגן שלעכטץ און גרויער פינצטערניש!... און לויטער ווי דער הימל מוז דער מענטש זיין!... לויכטנדיק ווי די זון!... שטאָלץ ווי דער אָדלער און עניוותדיק ווי ס׳וויַסע זאַמד!“...

פינפטער טייל

מח

דער זינגער האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד. אָבער ער איז נישט געפאָרן קיין פוילן צו די עלטערן, נאָר גאָר קיין דייטשלאַנד. זיין האַרץ האָט זיך געריסן צו דער מאַמען, צום טאַטן. ס'האָט אים אָבער געפעלט כּוח זיך צו קאָנען ווייזן פאַר זיי אַ געשמדטער. ווי וועט ער זיי קאָנען זאָגן אַזעלכעס? — לייקענען אַז ער איז אַן אָפּטריניקער? — דאָס וואָלט ער נישט געקאָנט, ער קאָן מער נישט זאָגן קיין ליגנס. ער האָט עס אויך פריער נישט געקאָנט, ער האָט תּמיד שפּעטער געליטן ווען ער האָט גענאַרט. נאַרן אַצינד דעם טאַטען און די מאַמען? — ניין, דאָס קאָן ער נישט מער! חוץ דעם איז אים אויסגעקומען אַז ער האָט די עלטערן אַמאָל (אין אַ געוויסן מאָמענט) געשריבן וועגן זיין שמד. ער קאָן צוריק ווערן אַ ייד; אָבער נישט אין זיין שטעטל וועט ער דאָס טאָן, אויך נישט אין וואַרשע, צי אין אַן אַנדערער שטאָט אין פוילן. אין דייטשלאַנד, אין בערלין וועט ער עס טאָן.

אויפן וועג קיין דייטשלאַנד, נאָך אויף רוסישן באָדן, איז דער צוג שטיין געבליבן אויף אַ קליינער סטאַנציע און נישט געקאָנט פאָרן ווייטער. זוויעזדאָוו האָט געפרעגט דעם קאָנדוקטער ווי לאַנג ס'וועט געדויערן און באַקומען אַן ענטפער, אַז מינדעסטנס צען שעה: ער קאָן גיין אָנקוקן ס'שטעטל וואָס איז נישט ווייט, עסן דאָרט אַ גוטן מיטאָג (אַז ער וועט קריגן) און זיך ווילן לויטן אייגענעם געשמאַק. דער זינגער האָט געפאָלגט די עצה. ער איז אַוועק אינעם שטעטל און געטראָפן דאָרט אַ געזעמל יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט באָרד און פאות, פרויען אין שייטלעך — ווי ר'וואָלט געווען אין פוילן. כמעט אַלע שטאַרק דערשלאָגענע. באַ אַן אַלטער פרוי איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די יידן זענען טאַקע פון פוילן. פליטים, היימלאָזע, שוין יאָרן. די יידענע האָט געזען פאַר זיך אַ רייכן הער, וואָס רעדט צו איר אין איר היימיש לשון און דערקענט זיין גרויס רחמנות, האָט זי אים אָנגענומען

באַ אַן אַרבל און געזאָגט: „קומט, פאַניע. כ'וועל אייך ווייזן וואו מיר וווינען." זי האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ שול אַריין. באַ די ווענט זיינען אויפן דיל געלעגן זעק מיט שטרוי, אויף וועלכע די אומגליקלעכע זענען באַנאַכט געשלאָפן. ס'האָבן זיך געוואַלגערט פּעקלעך מיט זאַכן, טשייניקעס, טעפּלעך, בלעכענע שיסעלעך און בלעכענע טעלערס. די יידן אין דער שול פאַרדאַגהטע, פאַרחושכטע פון יאָרן זיך אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד, פון זיין נע־ונד, האָבן זיך אויף דעם פרעמדן אויסגעפּוצטן הער אפילו נישט אומגעקוקט. אויך נישט די קינדער, וואָס זענען געוועגלעך נייגעריק. אויף עטלעכע שעניקעס זענען געלעגן קראַנקע.

די אַלטע האָט דערקלערט דעם גאַסט, וועלכען זי האָט מיטגעבראַנגט: „נישט די העלפט פון אונדז געבליבן. איר זעט דאָרט יענץ מיידל באַם ארון־קודש מיט די גלאַצנדיקע אויגן? — משוגע. זעלנער האָבן זי מְאַנֵס געווען. ס'האָט אונדז געטראָפן אַ וויסטער בראָך. געטריבן, וואָכנלאַנג זיך געשלעפּט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. אַסך יידן דערהרגעט. קאָזאַקן אויפן וועג געזאָגט, אַז מיר זענען שפּיאָנען. קליינע קינדער — געשטאָרבן. נישטאָ קאַ שפּיטאָל פאַר די קראַנקע. ליגן דאָ, אויף זעק מיט שטרוי. יאָ, יאָ... אַזוי איזס... טויזנטער יידן אָן אַהיים... געטריבן... פאַרשלעפּט קיין רוסלאַנד... ווער ווייסט וואָס דאָרט טוטצעך... מזאָגט: גאַנץ פּוילן חרוב געוואָרן... יידישע שטעטלעך, יידישע היימען — חרוב ונחרב"...

דער זינגער האָט דער אַלטער געגעבן געלט פאַר די אומגליקלעכע און איז אַוועקגעגאַנגען. באַנאַכט איז דער צוג געפאָרן ווייטער. די רייזע ביז איבער דער רוסישער גרעניץ האָט לאַנג געדויערט און איז געווען אַ פאַרמאַטערנדיקע. אָנגעקומען קיין בערלין אויף באַנהאָף פרידריכשטראַסע, האָט דער זינגער גענומען אַ צימער אין אַ האָטעל באַ דער „שפּרע", וואָס איז געווען נישט ווייט — פינף מינוט צו גיין. אַביסל אָן אויסגערוטער — האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט באַ אַ פענצטער און געקוקט אויפן וואַסער וואָס איז געפלאָסן אונטן אין דער „שפּרע". ער האָט זיך געפּייניקט אין חרטה, פאַרוואָס ער איז דאָך נישט געפאָרן קיין פּוילן. פאַר זיינע אויגן זענען געשטאַנען די היימלאָזע יידן אין יענעם שטעטל, די שול, אין וועלכער די אַלטע האָט אים געפירט. ער האָט געטראַכט וועגן די עלטערן און זיך פאַרגעשטעלט זייער גורל: דערזעלבער פון יענע אומגליקלעכע יידן און

פרויעז. נאָך אַ לענגערער ווײַלע נאָכטראַכטן און זיך פּײַניקן, האָט ער צו זיך געזאָגט: „כ׳האָב אָבער דאָך נישט געקאָנט פאָרן גלײַך אַהײם! כ׳וואָלט מײַן טאַטען און דער מאַמען נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַרײַן!״

נאָר וואָס זײַן ערשטער שריט וועט זײַן אין בערלין האָט ער דערווײַל נאָך נישט געוואוסט. באַנאַכט האָט ער זיך פרי געלייגט שלאָפן. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אײַנשלאָפן, כאָטש ער איז געווען שטאַרק מיד. שעהן־לאַנג האָט ער זיך געקוועלט אינעם ברייטן און ווייכן לוקסוס בעט, זיך געדרייט פון איין זײַט אויף דער צווייטער. די אויגן זענען אים צוגעלאָפן; אָבער דער מוח איז געבליבן וואַך. ער האָט אײַנגעדרימלט און זיך ווידער אויפגעכאַפּט. בייזע חלומות האָבן אים געפּײַניקט. סוף כל סוף איז ער אַרײַנ־געפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. ווען ער איז אויפגעקומען האָט די סוף זומער זון שוין געשײַנט. אירע שטראַלן האָבן אים געלאַשטשעט, געטרייסט און געוועקט האָפענונג אין זײַן צעווייטיקט האַרץ.

נאָכן פרישטיק האָט ער גענומען באַטראַכטן אַ פּלאַן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי אָנצוהויבן דעם ערשטן שריט. ער האָט זייער שטאַרק נישט געהאַט קיין חשק ווייטער צו זײַן אַן אָפּערע זינגער. דאָס באַדייט סזעלבע לעבן פון פריער. דערפון איז ער דאָך אַנטלאָפן, אָבער וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך דעם קינסטלער, דעם זינגער. ער האָט געבענקט נאָך דער בינע, ווי אַ פויגל וויל פליען, ווי אַ פיש — שווימען...

מט

אַ שײנער הערבסט טאָג. דעם זינגער קומט אויס אַז דער רעש אין דער גרויסער שטאָט בערלין איז געוואָרן אײַנגעהאַלטענער, אַז די גרויסע קאָמעניצע און די לאַנגע גאַסן קוקן פאַרטראַכט, דער הימל איז געוואָרן תּחנונימדיק און די שטראַלן פון דער זון זײַנען סטרונעס... אין דער לופט ציטערן שטילע, פאַרבענקטע טענער פון אַ האַרפע...

דער זינגער דענקט דעם גאַנצן טאָג פון אַ ווײַסער כריזאַנטעמע. זײַנע ליפּן זײַנען בלייך. דער בליק און זײַנע אויגן איז ווייך און קוקן מידת־הרחמימדיק מיט דער גרויסער קלאָרקייט פון אַ חכם. ער זיצט אַף דער

טעראַסע, וועלכע איז געבויט איבער דער „שפּרע״, און טראַכט: „דער פרילינג איז מחיה־מתים, וואָס דער ווינטער דערשטיקט; דער הערבסט היילט, וואָס דער זומער פאַרוואונדעט.״ זיין בליק רוט אַף דער ווייכקייט פון וואַסער. ווילדע קאַטשקעס וויגן זיך אַף די עלעגישע כוואַליעס. מענטשן בלייבן שטיין אַף דער בריק און וואַרפן אַראָפּ שטיקלעך ברויט פאַר די גרויסע וואַסער פייגל. פון צייט צו צייט גליטשט זיך דורך אַ שיפל.

זוויעזדאָוו איז אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך פאַרנויגט פאַר די געסט בּאַ די אַנדערע טישלעך און ווידער זיך געלאָזט וואַנדערן איבער בערלין. אין די „זיגעס אַלעע״ פון „טיערגאַרטן״ צווישן צוויי לאַנגע רייען שטיינערנע קיסרים און פירשטן, אַלע מיט אַזעלכע אידיאָטישע, נאַריש־גזלנישע פּנימער — גרויסע העלדן — איז ער שטיין געבליבן ווי אַ צנועהדיק מיידל, ווען זי דערזעט פּלוצים אַן אומאַנשטענדיקייט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז געגאַנגען צוריק. „דאָס איז די דייטשישע רעוואָלוציע״, האָט ער געטראַכט.

ער איז צוריק געגאַנגען, זיך אַרומגעשלעפּט איבערן יידישן טייל. אָנקומענדיק אין דער אָראַניענבורגער שטראַסע איז זיין בליק צוגעצויגן געוואָרן פון אַ מגן־דוד און פיר־עקיגע אותיות. ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ צום קופּאָל, עטלעכע מינוטן איז ער אַזוי געשטאַנען פאַר דער סינאַגאָגע. דאַן איז ער געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך אָפּגעדרייט לינקס, און איז געקומען אין אַן אָרימער געגנט. אין די דאָזיקע גאַסן, זייער שמאָלע און טונקעלע, האָט געררוישט און געקאָכט. סהאָט געראָיעט פון פּראָסטיטוטקעס, בעטלער, שיכּורים און פאַרשידענע אַנדערע אומגליקלעכע נפשות. דער הימל איז דאָרט געווען אַ ברודיקער, אַ פאַרויכערטער און אַ פאַר־שטויבטער. אין איין גאַס, איבער דער גאַנצער לענג און ברייט, האָבן געזשומעט יידן, ווי גרויסע כראַבּאַנדזשעס, אָדער ווי זלידנע פליגן, ווען זיי באַפאַלן אַ פּגר אַף אַ קופּע מיסט.

דער זינגער איז שטיין געבליבן, ווי פריער אין דער „זיגעס אַלע״. ער האָט געקוקט אַף די יידן. ווי אַנדערש איז פאַר אים געווען די באַגעגעניש מיט די דאָזיקע יידן, קעגן יענע אין רוסלאַנד. ער האָט זיך צוגעהערט, געוואָלט פאַרשטיין וואָס די דאָזיקע יידן אַף דער גאַס רעדן. אָבער דאָס איז געווען אַ מין זשומען, און נישט רעדן. ער האָט געקוקט אַף די צוקנאָדערטע, געלאַטעטע, לאַנגע קאַפּאָטעס, אַף די גרויסע און גראָבע בערד: שוואַרצע,

געלע און גרויע, אָפּגעבלאַקעוועטע בערד, בּרודיקע. די פּנימער: צעשראָקענע, בּלאַסע, גערונצלטע, נעבּעכדיקע און חוצפּהדיקע, אויך איידעלע. פון אונטער די גאַליציאַנער קאַפּעלאַטשן, פּוילישע, סאַמעטענע היטלען און דייטשישע, האַרטע קאַפּעלושן, האָבּן אַפּיר־געקוקט אַלערליי שטערנס: הויכע און דענקענדיקע פון לומדים, קליינע און טעמפּע פון פּאַר־בּרעכער, האַרטע עקשנים און אָקסיש בּרייטע, פון אַזעלכע, וועלכע טוען אַלץ וואָס אַנדערע טוען. אונטער די שטערנס זיינען געווען שוואַרצע חלומדיקע אויגן, טיפע און פאַרטראַכטע, פייערדיקע און קלוגע, שווינדלערישע און ליגנערישע, כיטרע, תּאווהדיקע, גנבישע און ערלעכע, אומוויסנדיקע קינדערישע, תּמעוואַטע און בעטלערישע.

דערזעענדיק אַ פרעמדן מענטשן, האָבּן אים די יידן אַרומגערינגלט:

„הער לעבּן!... האָבּן זי וואָס אויסצואוועקסלען?... דאָלערס... פונטן...

זיי האָבּן אים געשלעפּט:

„בּאַ מיר קריגן זיי דעם העכסטן פּרייז!... איך צאָל אינען מיט פינף מער!...״

דער זינגער איז בּייז געוואָרן. זיין גאַנצע שטימונג פון דער פרי איז געווען צעשטערט, זיין ווייסע כריזאַנטעמע איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד און וואַלגערט זיך אין שמוץ, ער האָט זיין כעס אויסגעלאָזט צו די בּערזע ספּעקוליאַנטן און געשריגן:

„פּאַשליי!״ (פאַרשווינד).

די יידן האָבּן זיך איבּערגעקוקט:

אַ יוון?... עמער אים שוין טאָקע...

אָפּגעזונדערט פאַר זיך, האָט צום זינגער זיך געשטופּט איינער, אין אַ בּרוין געקעסטלטן אַנצוג, מיט אַ צעבּראָכענעם, האַרטן, בּרוינעם קאַפּעליוש און אין בּרייטע, רויטע שיך. דער פאַרשוין האָט געבּעטעלט אַף עטלעכע לשונות:

„מיסטער... הער לעבּן, פּאַניע...״ דערהערנדיק דאָס וואָרט „פּאַשלי״, האָט ער גענומען בּעטלען אַף רוסיש: „בּאַרין... העלפט אַרויס אַ וועלט בּאַרימטן אַקטיאָר אין אַ פאַרלעגנהייט...״

דער זינגער האָט זיך געשניטן אַ וועג מיט בּיידע הענט, ווי אַ שיפער

מיט די וויעסלעס, נאָר דער שנאָרער מיט אַ גרויסער פליישיקער נאָז, פון וועלכער עס האָבן אַרויס געהאַנגען בערשטלעך האָר, מיט אַ צעאַקערט פנים, ווי אַ צעשפּאָלטענע ליימענע שיסל, איז אים נאָכגעגאַנגען און נישט צוגעמאַכט דעם ברייטן פּיסק, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט שטיקלעך שוואַרצע פּעניאַקעס:

„באַרין... שענקט אַ הונדערט דאָלער... איך מוז האָבן..."

ער האָט אַראָפּגענומען דעם האַרטן צעבראָכענעם קאַפּעליוש, באַוויזן זיין פליכעוואַטן קאָפּ, און אין רוסיש, מיט אַ שלעכטן אַקצענט, אויסגעמישט מיט ענגלישע און יידישע ווערטער, האָט ער דעם זינגער דערציילט:

„איך בין אַ גרויסער אַרטיסט. אַ טראַגיקער און קאָמיקער. איך האָב שוין געשפּילט אַף אַלע בינעס פון דער וועלט. אין אַלע ראָלן, אין פריילעכע און טרויעריקע. כ'בין שוין אויסגעווען אין אַלע לענדער. אַלע צייטונגען האָבן וועגן מיך געשריבן."

דער זינגער האָט זיך אומגעדרייט און אַ שמייכל געטאָן. ער האָט גענוי באַטראַכט דאָס רויע, צעפּרעסענע פלייש אַרום דעם פאַרשוינס ברוינע, אויסגעלאָשענע אויגן, די אויסגעקראָכענע ברעמען, פון וועלכע עס זיינען איבערגעבליבן צו עטלעכע אויפגעשטעלטע האָר, די שרעקלעך ברייטע גאָמבע און די לאַנגע אָפּשטייענדיקע אויערן, באַוואָקסענע מיט האָר.

דער זינגער האָט דעם פאַרשוין מיטגערופן מיט זיך. זיין פאַר־בלאָנדזשען אין דער יידישער געגנט האָט געקראָגן אַ מין באַדייטונג, עפּעס ווי אַ סימבאָל.

דער פאַרשוין, דערפילנדיק אַז דער „אדון" איז ווייכער געוואָרן, האָט אָנגעהויבן ווערן האָפערדיקער. ער האָט זיך צוריק אַרויפגעזעצט דעם צעבראָכענעם קאַפּעליוש אַפן פליך און שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט מער נישט פאַרלאַנגט ווי אַ הונדערט דאָלער. „דאָס איז אַ רייכער אדון און אַן אמתער פרייער"... ער האָט ווידער אָנגעהויבן בעטלען מיט זיין פאַר־זשאַווערט קול:

„באַרין... מיסטער..."

איך גיב נישט קיין נדבות! האָט דער זינגער, ווידער אויפגערעגט (ווייל

ער האָט פיינט געהאַט בעטלער), זיך אַ בייזער געטאָן אָפן פּאַרשוין. „קומט מיט מיר אין האָטעל אַריין! ווי הייסט איר?"

„איך הייס... אין ענגליש: מיסטער סאַק. אין פראַנצויזיש: מסיע סאַקיע. אין רוסיש: גאָספּאָדין זאַק. איך בין..." ער האָט געוואָלט זאָגן אַ ייד, נאָר זיך צוריק געכאַפּט.

„ס'טויג נישט. דער אדון איז אפשר טאַקע אַ כוליגאַן, אַן אַנטיסעמיט. ווי ער האָט עס דאָרט צו די יידן אַ געשריי געטאָן: „פּאַשלי" אָבער נאָך וואָס רופט ער מיך צו זיך און האָטעל אַריין?" ר'האָט איינגעזען אַז ס'איז אַ מאָדנער אדון. קיין נדבה גיט ער נישט. אַן אמתער יוון. מעג ער טאָקע זיין די כפּרה פאַרן מינדסטן ייד, אַפילו אַף דער שוואַרצער בערזע, ווייל אַפילו אַ גזלן, אַז ער איז אַ ייד, וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן".

אָבער דער יוון איז דעם פּאַרשוין אַלע מאָל מער געפעלן. ער האָט אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אַף אים פון אונטערן האַרטן קאַפּעליוש אַפיר און זיך אַלע מאָל מער איבערצייגט: „אַן אינטערעסאַנטער און זעט אויס ווי אַ קינסטלער, אַ מאָלער, און אפשר טאַקע גאָר אַן אַקטיאָר, אַ קאָלעגע... אַז נישט וואָלט ער מיך נישט גערופן... ער האָט אַוודאי דערקענט ווער איך בין... נאָר אַ באָלשעוויק איז ער געוויס. שאַדט אויך נישט; ער זעט אויס ווי אַ גרויסער מאַכער, אַ קאָמיסאַר! וועל איך אים בעטן, אַז ער זאָל מיך אַוועקשיקן קיין רוסלאַנד און דאָרט — אַז כ'וועל קומען פון אַזאַ אדון — וועט מיר גאָרנישט פעלן... איך בין דאָך אויך אַ פּראָלעטאַריער ווי זיי רופן דאָס..."

נ

אין האָטעל האָט דער זינגער געבעטן זיצן דעם גאַסט, וועלכן ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, און אים געגומען אויספרעגן:

„אַלזאָ, ווי זאָל איך אייך רופן?, מיסטער זאַק?..."

„איר קאָנט מיך רופן ווי איר ווילט: מיסטער, טאָוואַרישטש."

„איר האָט אַמאָל געמוזט זיין אַ פעסטער יונג", — האָט דער זינגער, פּלוצים אַן אויפגעלייגטער, אָפּגעמאָסטן דעם פּאַרשוין. — „אַף אייערע

פלייצעס קאָן מען אַרומפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל, ווי אַף אַ שאָסיי... אייער ברוסט־קאַסטן איז אַוודאי צוויי אַרשין ברייט... אָבער אין גאַנצן זעט איר אויס ווי אַליידיקער, צעבראָכענער קאַסטן״.

מיסטער זאַק האָט געכיכעט. ער האָט זיך געלאָזט באַקוקן ווי אַן אַלט פערד באַם קויפן. נאָך די אַלע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אָפּן וועג געטראַכט וועגן דעם אדון, איז אים איצט איינגעפאַלן נאָך אַ נייער געדאַנק אַז דער דאָזיקער יוון איז אַוודאי אַ צירק דירעקטאָר און וויל אים נעמען פאַר אַן „אַטלעט״... זאָל זיין אַן אַטלעט אין אַ צירק האָט ער באַשלאָסן, אַבי פאַרדינען געלט...

אין זעלבן מאָמענט האָט דער זינגער געפרעגט זיין גאַסט: „איר האָט אַמאָל געמוזט זיין אַן אַטלעט?״

דער „וועלט באַרימטער אַקטיאָר״ האָט זיך באַליידיקט.

„אַ קונצנמאַכער אין אַ צירק? נאָ, סער. כ׳בין אַן אַקטיאָר, ווי כ׳האָב אייך געזאָגט. איך בין אַ טראַגיקער און אַ קאָמיקער!״

דער זינגער האָט דעם אַקטיאָר געגעבן צו פאַרשטיין:

„איך מיין, אַז איר האָט אַמאָל געמוזט זיין אַ געזונטער מאַנספאַרשוין, און די פרויען...״

מיסטער זאַקס פליך האָט זיך צעבליט. זיינע מידע אויגן, ווי באַ אַן אַלטן בוהיי, זענען, ווי אין אַמאָליקע צייטן, געוואָרן תאוההדיק, און דאָס ליידיקע פעטס אַרום אויסגעטריקנט ווי קאָרע פון אַ בוים, האָט זיך אָנגעפילט מיט בלוט. די הויט איבער די ברייטע, פערדישע באַקנביינער, האָבן זיך אָנגע־הויבן רויטלען און דאָס אָן ציין ברייטע מויל האָט זיך צעצויגן: ער האָט געלאַכט. נאָר שטאַרק איינקוקנדיק זיך אין דעם מענטש, וועלכער האָט אים מיטגערופן, האָט ער זיך געכאַפּט: „ער זעט אויס, ווי איך האָב אַמאָל אויס־געזען!״... ער האָט דעם באַרימטן זינגער געזאָגט:

„מיינע האָר זיינען אַמאָל געווען ווי אייערע: געקרייזלט, געדיכט און וואַרעם, נאָר רויט. יעדעס הערעלע איז געווען באַזונדערס געדרייט. נאָר דערנאָך האָבן זיי באַ די שלייפן אָנגעהויבן גרוי ווערן, געשטאָרבן, און אָנגעהויבן אַרויספאַלן...״

„און די ציין?״

„האָבן געהאַט דעמזעלבן סוף.״

„איר זייט אַמאָל קראַנק געווען אַף יענע זאַכן?..."

„שוין זייער לאַנג, כ'בין דערנאָך אין גאַנצן צוריק געזונט געוואָרן."

„דערציילט עפּעס פון אייער לעבן."

„פון מיין לעבן?..."

מיט אַמאָל האָט מיסטער זאַק באַקומען אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען. פון זיינע אויגן האָט אָנגעהויבן ווי אַראָפּפאַלן פּאַרטריקנטע הייטלעך איינס נאָכן אַנדערן, אָדער ווי פאַרהאַנגען וואָלטן זיך אויפגעהויבן; ס'איז פאַרשוואונדן די אויפגעוואַכטע תאווה, וועלכע איז שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן אין אים און זיך נאָך אָנגעצונדן מיט אַן אומנאַטירלעך פייערל, ווען מ'האָט אים דערמאָנט אין זיין אַמאָליקער מאַנצבילשקייט, זיין פּנים האָט זיך איבערגעצויגן מיט אַ שווערן טרויער, דאַן האָט עס אָנגעהויבן פלאַמען פון בושה. דערנאָך האָט אויפגעשיינט אַ האָפענונג דאַרין, אַ גלויבן אין אַ מין קינדישע פרייד. אָבער באַלד האָט זיך דאָס אַלץ צוריק אויסגעלאָשן און ווידער זיינען זיינע אויגן ליידיק און מיד געוואָרן, זיין פּנים אַלט און ווי אויסגעטריקנט ליים, און ער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן:

„וואָס זאָל איך אייך דערציילן?"

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם קעשענע אַ פאָטאָגראַפיע און זי געלייגט אַפן טיש: „דאַמאָלסט בין איך אַלט געווען דרייסיק יאָר!"

דער זינגער האָט געקוקט אַף דער פאָטאָגראַפיע און געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל,

האָט איר נאָך אַ בילד פון אייך?"

מיסטער זאַק האָט פון בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען נאָך אַ פאָטאָגראַפיע:

„אַף דער בין איך אַלט געווען צוואַנציק יאָר."

מאָדנע געדאַנקען זיינען דעם באַרימטן זינגער געקומען אין קאָפּ אַריין. דאָס צווייטע בילד האָט אים נאָך שטאַרקער פאַרחידושט ווי דאָס ערשטע. ס'איז אים איינגעפאַלן: „מיין שאָטן!"...

ער האָט דעם אַמעריקאַנעם געפרעגט:

„ווי אַלט זיינט איר היינט?"

„צו פופציק נאָך ווייט."

דער זינגער האָט אַ שוידער געטאָן. פאַרן טויט האָט ער נישט מורא

געהאַט. וואָס איז דאָס לעבן פון אַ מענטש? מיט אַ קליין שטיקעלע בליי מאַכט מען אַ סוף פון דער גרויסער רעטעניש. אָבער אויסזען אין אַ צען יאָר אַרום ווי דער דאָזיקער מיסטער זאַק! — — —

ר׳האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דעם אַקטיאָרס אַקסל:

„דערציילט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי זייט איר געוואָרן אַן אַקטיאָר, אייער אַקטיאָרן־לעבן, און פאַרוואָס איר געפינט זיך היינט אין דער דאָזיקער לאַגע.״

מיסטער זאַק האָט אָנגעהויבן אויפטייען, ווי אַ שטיק פאַרוואַלגערט אייז אין אַ גרוב, צו וועלכן די שטראַלן פון דער זון זענען פּלוצים צוגעקומען. ער האָט פאַרגעסן זיין ציל, צו קריגן אַ נדבה, צוליב וועלכער ער איז מיט דעם מענטש מיטגעגאַנגען. זיין פּנים האָט אויפגעשיינט ווי פריער, ער האָט געקוקט אויף דעם „רוס״, וועלכן ער האָט אָפן וועג חושד געווען אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט, און גאָר דערזען אין אים אַ ייד!... אָבער ער האָט זיך גלייך „איבערגעצייגט״, אַז ער איז זיך טועה און ווידער אַ שווערן זיפץ געטאָן:

כ׳זאָל אייך דערציילן, ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר, מיין אַקטיאָרן־לעבן און פאַרוואָס איך געפין זיך איצט אין אַזאַ לאַגע? יעס, סער. ווי אַזוי כ׳בין געוואָרן אַן אַקטיאָר, קען איך אייך דערציילן, דאָס איז נישט שווער. איך בין געווען אַ שניידער. כ׳בין אַ ייד. דאָס זעט איר דאָך. פּורים האָב איך מיך ליב געהאַט צו פאַרשטעלן, ווי עס איז בא אונדז דער מנהג. אין „מכירת יוסף״ האָב איך געשפּילט פאַר „יהודה״ און אין „אחשורוש־שפּיל״ פאַר „המן״. נו איז איינמאָל צו אונדז אין שטעטל אַראָפּגעקומען אַ חברה אַקטיאָרן. זיי האָבן געשפּילט „די צוויי קוני לעמלס״. אַ קול צו זינגען האָב איך געהאַט, אַ גוט קול. וואָס זאָל איך לאַנג בריַיען כ׳בין מיטגעפאָרן מיט דער דאָזיקער חברה. כ׳האָב זיך אַרומגעשלעפּט. ס׳איז געווען אַכצן בערך... דערנאָך האָב איך אַליין צוזאַמענגענומען אַ חברה יונגען מיט מיידן און בין אַליין געוואָרן אַ דירעקטאָר און אַ רעזשיסאָר. אין וועלכע פּיעסעס האָב איך שוין אַלץ נישט געשפּילט? אין „בערעלע עסט קאָמפּאָט״, אין „שולמית״, אין „בר־כוכבא״, אין „כינקע פינקע״, און אין די גאָר גרויסע פּיעסעס פון די וועלט־באַרימטע שרייבער: אין „גאָט, מענטש און טייוול״, אין „קעניג ליר״, אין דער „שחיטה״, אפילו אין „אַטעלאָ״ און אין „פאַטער״! יעס סער כ׳זאָל אייך דערציילן פון מיין אַקטיאָרן לעבן און פאַרוואָס אים

געפין מיך אין אזא לאגע? דאָס וואָלט געמוזט געדויערן גאַנצע וואָכן, חדשים, יאָרן...״

„מאָדנע... מאָדנע...״ — האָט דער זינגער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן. — „און אייערע ליבעס? דערציילט מיר עפּעס, איך בעט אייך, וועגן אייערע ליבעס.״

מיסטער זאַק, מיט אַ באַהאַלטן שווייגן און גדלות, האָט פּאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצן פּאַק פּאָטאָגראַפיעס פון אַ גאַר טיפער קעשענע און געלייגט פאַרן זינגער אַ גאַנצע קאָלעקציע מיידלעך און פרויען. מיט שטאָלץ פון מאַנסבילשן ניצחון האָט ער געזאָגט:

„דאָס זיינען נאָך נישט אַלע...״

דער זינגער האָט געכאַפּט אַ בליק אָף די פּאָטאָגראַפיעס. אָבער גלייך האָט ער זיך אָפּגעקערט, ווי פון עפּעס עקלדיקס, און דעם פאַרשוין געפרעגט:

„און געליבט, איך מיין אמתדיק געליבט, האָט איר אַמאָל?״

מיסטער זאַק איז בלאַס געוואָרן, דערנאָך רויט. ער האָט לעפּישעוואַטע צונויפגענומען די בילדער און זיי צוריק באַהאַלטן. אָף דער לעצטער פראַגע האָט ער נישט געענטפערט. אין די ווינקלען פון זיינע קאַליקעוואַטע אויגן האָבן זיך באַוויזן עטוואָס אַזעלכעס ווי טרערן: צוויי קליינע טראָפּן פון זיין פאַרקוילט האַרץ. די דאָזיקע צוויי טראָפּן האָבן שטאַרק געבלישטשעט.

דער זינגער איז פּלוצים עפּעס צערודערט געוואָרן און גענומען רעדן איילנדיק: „בלייבט באַ מיר אַז איר ווילט. דאָס איז נישט קיין אַגאַנזשמענט, ווייל איך בין נישט קיין דירעקטאָר פון קיין טעאַטער, אָדער צירק. איך בין אַ זינגער. קיין סעקרעטאַר וועט איר באַ מיר אויך נישט זיין, און אויך נישט קיין משרת. איר אינטערעסירט מיך, איר קומט מיר אויס ווי מיין שאָטן״...

ר׳האָט זיך צעלאַכט ווי נישט מיט זיין קול, געוואָרן אַלעמאָל מער צעמישט און נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דער משונה־דיקער סיטואַציע. „קומט אַראָפּ אין רעסטאָראַן עסן?״ האָט ער דעם גאַסט גערופן און איז האַסטיק אויפגעשטאַנען פון שטול.

נא

„וואָס איז דאָך דעם מענטשנס לעבן?" האָט דער זינגער ווידער און ווידער זיך געפרעגט. אַלע מאָל שטאַרקער האָט ער געפילט, אַז זיין קומען קיין דייטשלאַנד און דאָס טרעפן זיך מיט מיסטער זאַק, באַדייט אַ גרויס געשעעניש אין זיין לעבן.

זיי שפּאַצירן ביידע אין אַ וואַלד הינטער דער גרויסער שטאָט בערלין. די בלויע לופט איז געמישט מיט ברוינלעך גאָלד. די ביימער הערן זיך איין צו דער טרויעריקער מעלאָדיע פון האַרבסטיקער פאַרבענקטקייט. די בלעטער האָבן שוין אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן, זיי דרייען זיך ווי גאָלדענע שמעטערלינגען אין דער לופט, ביז זיי קומען אָף דער ערד.

ביידע גייען פּאַמעלעך און פאַרטראַכט איבערן ווייכן, שוין מידן און אָפּגעבליאַקעוועטן גראָז.

„זאָגט מיר, איך בעט אייך", פרעגט דער באַרימטער זינגער דעם אַמעריקאַנער. „איר זאָגט, אַז איר זיינט אַ סאָציאַליסט. כּאַראַשאָ. אָבער פאַרוואָס, צוליב וואָס זיינט איר דאָס?"

מיסטער זאַק האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע און געענטפערט פשוט: „נו... כדי ס'זאָל אַלע מענטשן זיין גוט, אַלע מענטשן זאָלן ווערן ברידער, ס'זאָל זיין יושר און גערעכטיקייט!"

דעם זינגער איז פינצטער געוואָרן.

מיסטער זאַק האָט גענומען דערציילן ווי ער האָט אַמאָל געליטן: „פופצן שעה אַ טאָג האָב איך געאַרבעט ווען איך בין געווען אַ שניידער! פאַר פיר רובל אַ וואָך!"

דער זינגער איז פאַרזונקען אין מחשבות.

דער אַקטיאָר, וועלכער איז אויסגעוועזן די גאַנצע וועלט און געשפּילט אין אַלע ראָלן, האָט זיך געמאַטערט צו פאַרשטיין זיין „קאָלעגע". אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז באַ אים, האָט ער אים שטאַרק ליב געקראָגן, אָבער דער גרויסער זינגער איז אים אַלע מאָל געוואָרן מער רעטעניש. באַזונדערס האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער: „איר קומט מיר אויס ווי מיין שאָטן..."

„נו, און וועגן אייער פרוי: איר האָט דאָך מיר געוואָלט דערציילן וועגן איר" האָט דער זינגער דערמאָנט דעם אַמעריקאַנער.

מיסטער זאַק האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. יאָרנלאַנג האָט ער מיט אַלע כוחות זיך געצוואונגען צו פאַרגעסן זיין ערשטע פרוי. די וואונד אין זיין האַרץ איז שוין געווען אַביסל פאַרהיילט, דאָס פייער איז געווען פאַרדושעט אונטערן אַש פון זיין לעבן, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פאַרן זינגער, אַז ער האָט געהאַט אַ פרוי — מוז ער אים שוין דערציילן אינגאַנצן. זיין פּנים האָט געצוקט: „מיין ערשטע פרוי האָט געהייסן רחלע."

„יעס רחלע."

„פונוואַנען זיינט איר אייגענטלעך?"

דער זינגער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַן אַנדערע רחלע, און ווידער אָנגעהויבן: „נו, דערציילט ווייטער."

דער אַקטיאָר האָט ווייטער דערציילט: „באַלד נאָך דער חתונה איז זי אַוועק פון מיר מיט אַן אַנדער מאַן. פון דעמאָלט אָן איז פאַר מיר מער נישטאָ קיין לעבן. ס'האָט זיך דערנאָך אין מיר איינגעליבט אַן אַנדערע. זי איז געווען נאָך שענער ווי רחלע און נאָך קליגער. אָבער אין מיין האַרץ האָט געלעבט רחלע. זי האָט געהאַט אַ מיידעלע. ס'איז געווען פון מיר, דאָס ווייס איך גאַנץ זיכער. כ'זע מיין טאָכטער תמיד פאַר מיר, כ'הער ווי זי רופט מיך „פאַ"... יעס סער... ווען ניט זי וואָלט איך די אַלע שווערע צרות מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, אָבער מיין געוועזענע פרוי האָט דעם מאַן, מיט וועלכן זי איז אַוועק פון מיר, איינגערעדט, אַז ס'קינד איז פון אים"...

„און אפשר איז עס טאַקע נישט פון אייך?" האָט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס און גרויסן ערנסט געפרעגט דער זינגער, „איר קאָנט דאָך נישט וויסן... האָט איר דאָס קינד געזען?"

„ניין, אָבער איך ווייס, אַז דאָס קינד איז מיינס!" האָט מיסטער זאַק פאַר־צווייפלט זיך געוועדט. „איך פיל, אַז עס איז מיין קינד, מיין קינד! איך וואָלט דעם מאַן פון מיין געוועזענער פרוי געקאָנט שרייבן, אַז עלי איז מיין טאָכטער. אָבער מיין קינד וואָלט דאַפון געליטן און אויך רחלע, איז שוין גלייכער אַזוי"...

ביידע גייען שווייגנדיקע. יעדער גראָבט זיך אינעם אַש פון זיין אויס־געברענט לעבן.

צום זינגערס קוואַלן איז צוגעקומען אַ נייער קוואַל: „ווייסט ער דען, אויב ער האָט נישט ערגעץ קיין קינד?״ — — —

אין וואַלד האָט אָנגעהויבן ווערן טונקעלער. אַרויסקומענדיק אַף אַ פריי פעלד האָבן ביידע דערזען, אַז עס איז נאָך גענוג ליכטיק. אָבער די זון האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרגיין.

נאָר מיסטער זאַק האָט זיך פאַרנומען, מיט דעם רוס — ער איז דאָך אַ רוס, שוין לויט זיין נאָמען — צו ריידן וועגן די יידן אַף דער שוואַרצער בערזע, וועלכע ער האָט דעמאָלט געזען. ער מוז אים באַווייזן, אַז יענע יידן — כאָטש דאָס וואָס זיי טוען איז טאַקע מיאוס — דאָך זיינען זיי נישט אינ־גאַנצן שולדיק. און ער האָט אָנגעהויבן אַזוי: „יענע יידן, וועלכע איר האָט געזען אַף דער שוואַרצער בערזע..״ ער האָט גערעדט, כאָטש ער האָט געזען, אַז דער זינגער איז מיט זיינע געדאַנקען ערגעץ אַנדערש. נאָר דער זינגער האָט דעם עיקר, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט געזאָגט, דאָך געהערט.

דער אַקטיאָר האָט אָנגעכאַפּט דעם זינגער באַ אַ האַנט און אים געצויגן: „איך וועל אייך פירן אין אַ יידישן רעסטאָראַן, טאַקע דאָרט וואו ס׳איז די שוואַרצע בערזע און ס׳קומען אַריין אַ סך יידן. איר וועט זען אַז זיי זיינען ניט ערגער ווי די דייטשע און אַנדערע ספּעקולאַנטן.״

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטערן וואַלד און פון דאָרט נאָך געלויכטן איבער די בוימער, באַגילדענדיק זייערע שפּיצן. דער הימל איז געווען טיף בלוי. עטלעכע פאַרשפּעטיקטע פייגל האָבן געאיילט אין זייערע נעסטן.

נב

אַ ציייטונג איז געוואויר געוואָרן, אַז אין בערלין געפינט זיך דער גרויסער רוסישער זינגער מיכאיל זויעזדאָוו. דער זינגער האָט זיך געחידושט און זיך דערמאָנט, וואָס איינער האָט אים אַמאָל געזאָגט: „אַז אַ גרויסער נאָמען איז ווי אַ קופּע גאָלד; פאַר שוואַכע אַ משא אונטער וועלכער זיי פאַלן, און פאַר שטאַרקע אַ שטיצע אין נויט.״ ס׳זיינען פּלוצים

געקומען צון אים: אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ ליבעראַלער צייטונג, אַ באַרימטע זינגערין, און אַ רעזשיסער פון אַן אָפּערע טעאַטער.

מיט פלינקן בליק און מיט גרויס געניטקייט אין זיין פאַך, מיט פיינעם מאַניר און שיינער ליטעראַרישע שפּראַך, אונטערטעניק און באַוואוסט אָפּן גרויסן ווערט פון זיינע אַרטיקלען און אינטערוויוס. האָט דער קאָרעספּאָנדענט פּאַרזיכטיק אויסגעפרעגט דעם באַרימטן זינגער ווי ער פילט זיך אין דייטשלאַנד, זיין מיינונג וועגן היינטיקן רוסלאַנד און וואָס ער, קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויסער צייטונג, וואָלט געקאָנט פאַר אים טאָן: ער איז גרייט מיט אַלעם צו דינען. דעם פלינקן און עלעגאַנטן יונגענמאַנס זכרון איז געווען געשאַרפט און געעפנט צו געדענקען יעדעס וואָרט וואָס דער באַרימטער זינגער וועט אים זאָגן. אָבער דער אינטערוויואירטער איז געזעסן שטום. ער האָט בלויז מיט אַ מילדן בליק און מיט אַן אומ־באַדייטנדיק וואָרט געענטפערט דעם אינטערוויוער. דער קאָרעספּאָנדענט האָט דאַן געפּרואווט אַף אַן אַנדער אופן: דורך אַ זייטיקן געשפּרעך און גלאַט אַזוי טיפע געדאַנקען, דורך עפּיזאָדן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן און געשעענישן אין דער גייסטיקער וועלט.

מיט אַלע כוחות האָט דער זינגער זיך באַהערשט נישט צו געניצן און איינהאַלטן זיין נערוועזקייט.

אַ מערכה די זינגערין: זי האָט דעם קאָרעספּאָנדענט אַרויסגע־ראַטעוועט פון שווערן מצב. מיט באַזונדערער פריינטלעכקייט האָט זי דעם רוס געפרעגט, אויב ער האָט שוין אַ סך געזען אין דייטשלאַנד, די ענדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען נאָך דער רעוואָלוציע, און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: „דאָס אינטערעסירט דאָך אייך אַוודאי זייער שטאַרק?"

דער זינגער האָט עטוואָס אויפגעלעבט. ער האָט דערקענט, אַז די אַרטיסטקע טריאומפירט, וואָס דייטשלאַנד, איז נישט רוסלאַנד און איר געענטפערט אָפּן זעלבן אופן, מיט באַהאַלטענער איראָניע: „איך בין געווען אין דער „זיגעס אַלייע"...

דער זינגערינס באַקן האָבן באַקומען אַ מאַלינע רויטקייט און די לעפלעך פון אירע אויערן זיינען ליליאַ געוואָרן. אָבער דער קאָרעספּאָנדענט און דער רעזשיסער האָבן שטאַרק געלאַכט, זיך געפרייט וואָס דער שווערער, מעלאַנכאַלישער רוס האָט באַקומען לשון. זאָל זיין אַף אַזאַ אופן,

אַבי ער זאָל רעדן. די פריילעכע שטימונג זייערע, וועלכע זיי האָבן די גאַנצע צייט זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן, איז געוואָרן לעבעדיקער. די זינגערין האָט זיך געלאָזט מיטרייסן און אויך געלאַכט, טראַכטענדיק דערביי: „אייז צעגייט דורך וואַרעמקייט און פריילעכקייט נעמט איין פעסטונגען״...

מיט שטאַרקן חוש אויסצונוצן די סיטואַציע און גלייך צו שפּילן אַף דער ריכטיקער סטרונע, האָט דער קאָרעספּאָנדענט, אומבאַמערקט, זיך פאַר־קירעוועט אַפן סאַטיריש־הומאָריסטישן וועג און גענומען שיטן מיט לוסטיקע מעשיות און וויצן.

דער זינגער איז ווידער פאַרשטומט געוואָרן. אָבער דער רעזשיסער האָט דעם גוטן אָנהייב פון דער זינגערין גיך געראַטעוועט דורך פאַר־קירעווען אַף אַן אַנדער שמועס. ער האָט געהאַט טאַקט און פיינעם הומאָר. די אַרטיסטין האָט דער נייער שטימונג צוגעגעבן אַ געוויסע וואַרעמקייט און לייכטקייט דורך איר בייגעוודיקן שכל, איר גראַציעזקייט, פאַרפירערישע מינעס און ליכטיקע אויגן, בלאָנדע, פלאַטערנדיקע האָר און אָפנקייט פון פנים. באַזונדערס אָבער דורך איר ווייכער אַלט־שטימע.

דער זינגער האָט זיין קאָלעגין געמאַכט אַ קאָמפּלימענט: „איך האָב וועגן אייך געהערט אין רוסלאַנד.״

„אַזש אין רוסלאַנד!...״ די זינגערין האָט געשמייכלט מיט עטוואָס איראָניע, דאָך שטאָלץ און צופרידן, וואָס דער דאָזיקער באַרימטער זינגער, מיט די זעלטזאַמע הענט, פון וועלכע זי האָט קיין אויג ניט געקענט אַראָפּ־נעמען, זאָגט איר דאָס.

„יאָ״, האָט ער איבערגעחזרט מיט עטוואָס איראָניע אין זיין טאָן. ער האָט געטראַכט: גוט, „קוק אַף מיינע הענט, אַז זיי געפעלן דיר אַזוי!...״ אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, האָט ער איר נאָכאַמאָל פאַרזיכערט: „אייער נאָמען יאָהאַנאַ זוזאַ״ איז אין רוסלאַנד גוט באַקאַנט!״

וועגן באַדינגונגען האָט דער רעזשיסער מיט דעם זינגער דערווייל ניט גערעדט. באַם געזעגענען זיך האָט ער אים נאָכאַמאָל אָנגעבאָטן זיין גאַסט־פריינטלעכקייט: „מיין האוז שטייט אינען צום פאַרפיגונג!״

נג

דער איבערגעבליבענער שטאַרקער ריח פון פודער און פּערפיום, און דער ריח פון ציגאַרן, האָט דעם זינגער ניט אויפגעהערט צו דער־מאָנען, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַן אַנגאַזשמאַ אויפצוטרעטן אין אַן אָפּערע. אין צימער האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן. ס׳איז אַריינגעקומען דער אַמעריקאַנער. דער זינגער האָט צוערשט זיך ניט אומגעקוקט אַף אים. דאַן, באַם פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, האָט ער אים אויך געגעבן איינעם און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַף זיין אַקסל: „אַזוי איז עס, מיין פריינט...״ מער האָט ער נישט געזאָגט. ער איז געשטאַנען מיט געזונקענעם קאָפּ, געפילט אַז דער זעלבער כוח, וועלכער האָט אים אַמאָל געשלעפּט און געריסן פון זיין שטעטל און פון זיינע עלטערן, געפלויגן מיט אים איבער בערג און צום סוף אים אַריינגעוואָרפן אין דעם שרעקלעכן אָפּגרונט, אין וועלכן ער געפינט זיך — דער זעלבער כוח רייסט אים ווידער.

די רויטקייט פון דער אונטערגייענדיקער זון צעגיסט זיך אין טונקעלן צימער. דער זינגער איז צערודערט, זיין צעריסנקייט ווערט גרעסער. ער נעמט אַראָפּ די האַנט פון מיסטער זאַקס אַקסל, און איז שטום. דערנאָך ברומט ער. „כ׳וועל ווידער אויפטרעטן אין דער אָפּערע״.

דער אַקטיאָר האָט אָנגעכאַפּט זיין קאָלעגעס האַנט און זי געשאָקלט: „איר האָט גוט געטאָן, איר וועט זען ווי אַלץ וועט איצט באַ אייך ווערן אַנדערש! איך האָב שוין געטראַכט: ס׳מוז דאָך זיין עפּעס אַ גאָט, איך מיין אַזעלכער, אין וועלכן ס׳האָבן געגלויבט מיינע עלטערן און אַלע פרומע יידן — און אויך ניט יידן. איך אַליין גלויב נישט אין אים, קאָן מער נישט אין אים גלויבן. איך בין אַ וועלט מענטש, אַ קינסטלער און אַ פריידענקער. פאַר מיר איז אַלץ נאַטור. אָבער... אָט זעט איר דאָך! דאָס וואָס איר האָט מיך און איך האָב אייך געטראָפן — איז דאָס גלאַט אַזוי אַ צופאַל? און מיט ר׳ מרדכען? — כ׳האָב אייך אַריינגעפירט צו אים אויסטוישן געלט, ווען כ׳בין מיט אייך געוועזן אין דער יידישער רעסטאָראַציע; און איצט?... כ׳האָב נאָך אַמאָל מיט אים גערעדט ס׳דאַכט זיך אים דאָך, אַז איר זיינט זיינס אַ קרוב... און איך האָב כסדר מיר איינגערעדט, אַז איר זיינט אַ רוס!״...

דער זינגער האָט געטראַכט וועגן דעם אַנגאַזשמאַ, וואָס ער האָט אָנ־

געגומען, און מיט שטילער רעזיגנירטקייט דערקלערט זיין פריינט: „די מעשה איז אַזוי: כ׳ליג אין אָפּגרונט... איך בראָט מיך אין אַ גיהנום... כ׳קאָן עס שוין מער ניט אויסהאַלטן.״

מיסטער זאַק האָט גענומען זאָגן מוסר זיין קאָלעגע: „איר זענט צו ערנסט און חקרנט אייך צופיל! איר זענט אַ גרויסער אַרטיסט! אייער אָרט איז אַף דער בינע! איר מוזט שפּילן, אויפטרעטן! איר זיינט אַ כהן־גדול!״

אַף דעם זינגערס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, דאָן האָבן זיך זיינע ברעמען צוזאַמענגעזשמורעט.

דער אַקטיאָר, ווי ער וואָלט געשפּילט אין אַ טראַגישער ראָלע, האָט מיט פּאַטאָס דעקלאַמירט: „יעס, סער! דער מענטש זאָל טאָן, האַנדלען, ניט גריבלען זיך! דער אַקטיאָר דאַרף וויסן נאָר איינס: שפּילן אַף דער בינע! אַז ער איז אַ זינגער — זינגט ער! אַ שניידער — נייט! פילאָזאָפירן — דאָס איז פאַר די פילאָזאָפן!״

דער זינגער האָט זיך צעלאַכט, ער האָט געלאַכט אַלעמאָל האַרציקער, ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל.

דער אַקטיאָר האָט זיך געהאַלטן באַ ס׳זייניקע: „יעס, סער! איר קאָנט מיר גלויבן! איך וויים בעסער פון אייך! אַז מ׳טראַכט — קען מען גאָרניט טאָן! פילאָזאָפירן איז: קוקן אין הימל אַריין, ווי אַ בהמה אין טייך!... חקרנען זיך — דאָס איז ביזנעס!״

אין צימער איז שוין געווען כמעט פינצטער. אַף די ווענט זענען אַרומ־געקראָכן שאָטנס. אויפן זינגער איז פּלוצים אָנגעפאַלן אַ פּחד. ער האָט גע־קוקט אַף דעם משונה גרויסן און ברייטן שאָטן פון דעם אַקטיאָר אויף דער וואַנט, און זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט.

מיסטער זאַק האָט זיך צוגעשאַרט נאָענט צו זיין פריינט און געהירזשעט: „כע־כע־כע... איך האָב אייך דעמאָלט געזאָגט, אַז איך בין אַ טראַגיקער און אַ קאָמיקער. יעס, סער! איך בין אַ טראַגיקער און אַ קאָמיקער! די גאַנצע וועלט בין איך שוין אויסגעווען! אין קען דאָס לעבן פון אַלע זייטן! אין אַלע ראָלן האָב איך שוין געשפּילט! פאַרגעשטעלט דאָס גאַנצע לעבן! יעס סער! דאָס לעבן איז טראַגיש און קאָמיש! יעדער מענטש איז אַ טראַגיקער און אַ קאָמיקער! אָבער איצט וויל איך אָנהויבן אַפסנייי!״

דער זינגער איז געשטאַנען באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט. די לבנה

איז געווען אַ גרויסע און האָט זיך געשפּיגלט אין שפּרע. זי האָט פון וואַסער־אַרויס, אַרויפגעקוקט צום זינגער. ער האָט געזונגען שטיל און פאַרבענקט:

„וויכאַזשו אַדין יאַ נאַ דאַראַגו.
סקוואָז טומאַן קריעמניסטי פּוט בלעסטיט.
נאַטש טיכאַ, פּוסטיניאַ וניעמליעט באָגו,
אי זוויעזדאַ ס׳זוויעזדאָיו גאַוואַריט.״

נד

די זעלבע יידן וועלכע דער זינגער האָט געטראָפן אַף דער גאַס ווען ער האָט אַהין פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער איצט ווידער דאָרט געטראָפן, גייענדיק מיט מיסטער זאַק צו ר׳ מרדכען. די זעלבע לאַנגע קאַפּאָטעס, צעקנאָדערטע בערד, גאַליציאַנער קאַפּעלאַטשן, גנבישע, בעטלערישע און דערשראָקענע בליקן אין די אויגן. דאָסזעלבע זשומען, ווי כראַבאַנדזשעס, אָדער ווי זלידנע פליגן אַף אַ פּגר אין אַ קופּע מיסט. דאָס זעלבע גיין אַהין און צוריק איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער גאַס, ווי פאַרברעכער אין אַ הויף פון אַ קרימינאַל. ס׳איז געווען אַ טאָג פאַר ערב יום־כיפור און דער האַנדל אַף דער דאָזיקער גאַס מיט געבעקס, אויבס, פיש און עופות, איז געווען זייער גרויס. דער ליאַרם פון די הענדלער האָט זיך אויסגעמישט מיטן הו־האַ פון די בערזע־ספּעקולאַנטן.

דער אָפּערע־זינגער איז שטיין געבליבן. ס׳איז אים אויסגעקומען ווי ער וואָלט געמוזט גיין דורך אַ גרויסער שטינקענדיקער בלאָטע.

מיסטער זאַק האָט געקוואָלן: „אַז מ׳קומט אין דער יידישער געגנט, דערפילט מען גלייך, אַז מאָרגן באַנאַכט וועט מען גיין צו כל־נדרי!... פילט איר ווי די לופט איז דאָ אַן אַנדערע? — אַ טרויעריקייט איז אין איר, עפּעס אַ פּחד!... זעט! אפילו דער הימל זעט דאָ אויס אַנדערש!...״

די ווערטער „כל־נדרי״ האָבן אין דעם זינגערס האַרץ אויפגעוועקט אַ מאָדנע געפיל. פאַרנעפּלט האָבן אָנגעהויבן אַרויסשווימען פאַר אים אַלטע בילדער פון יום־כיפור אין זיין שטעטל: אַ שול, יידן אין ווייסע קיטלען און אין טליתים... זיי בעטן אַ גאַנצן טאָג, ס׳ברענען גרויסע וואַקסענע ליכט, די

מאַמע איז אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד, גייט אין די זאָקן, דער טאַטע לייגט אַרויף אַף זיין קאָפּ די הענט און בענטשט אים...

אין ליאַרם פון די הענדלערס און הו־האַ פון די בערזע־ספּעקולאַנטן, האָט זיך אַריינגעריסן דאָס קרייען פון די הענער: קו־קו־רי־קו... או...

שרה פייגע, ר' מרדכי'ס פרוי, האָט דעם אַמעריקאַנער מיסטער זאַק אָקעגנגעטראָגן אַ פריילעכן „ברוך־הבא", אין וועלכן ס'איז געווען אויס־געמישט אַביסעלע באַהאַלטענע חניפה דעם מעקלער, וועלכער האָט אַמאָל געבראַכט מענטשן מיט געלט אויסצוטוישן און איצט קומט ער בלויז נאָר מיט דעם איינעם. אַביסעלע פרומע מכניס־אורחימדיקייט אין די עשרת־ימי־תשובה און אַ ביסעלע גוטסקייט פון אַ פּשוטער יידענע. שטאַרק פאַר־פאָרעט, מיט פאַרפלאָמטע און נאָך פולע באַקן פון אַמאָליקע גוטע צייטן, האָט זי דעם אַמעריקאַנער געפרעגט ווי ס'גייט אים, און אים געבעטן צו טרעטן אַביסל ווייטער. זי וואָלט אים אויך געבעטן זיצן, אָבער זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער מיט דעם, מיט וועלכן ער איז געקומען — זי ווייסט נישט אויב ער איז טאַקע אַ ייד אָדער אַ גוי — ווידער בלייבן אַזוי לאַנג ווי דאָס לעצטע מאָל. דאָך האָט זי דעם פרעמדן אויך געבעטן, אַז ער זאָל טרעטן אַביסל ווייטער. וואָס איצט צו רעדן מיט דעם אַמעריקאַנער האָט זי נישט געוואוסט. איז זי צוריק געגאַנגען אין קיך אַריין, זען אויב עס איז שוין אויסגעבערענט אין אויוון, און וועט באַשמירן די חלות מיט איי.

ביידע געסט זיינען געבליבן אַליין. זיי זיינען געשטאַנען אין פאַר־לעגנהייט: אפשר זאָלן זיי גלייכער אַוועקגיין? דער אַמעריקאַנער האָט זיך געפילט היימיש. אָבער דער זינגער האָט זיך איצט געפילט נאָך פרעמדער ווי באַ די פריערדיקער מאָל דאָ זיין. דער אַקטיאָר האָט געפּרוווט אים פריילעך מאַכן: „מ'וואָלט באַדאַרפט עפענען די שאַנק: דאָרט ליגן די דאָלערס און די פונטן"... ער איז געווען באַליידיקט, וואָס מ'האָט אים — מיט אַזאַ באַרימטן אַרטיסט — געלאָזט אַליין.

אין דעם איז אַריינגעקומען ביילע מיט צוויי גלעזער טיי. זי האָט זיי אַנידערגעשטעלט אַפן טיש און געבעטן די געסט זיצן. זי האָט זיך פאַר זיי פאַרענטפערט, וואָס זי איז אין אַזאַ הולך: „מאָרגן איז ערב יום־טוב, ס'איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן?" זיך אַנטשולדיקנדיק, ווייל זי מוז דער מאַמען העלפן, האָט

זי געוואַלט גלייך צוריק אַרויסגיין און געזאָגט: „דער טאַטע וועט באַלד אַריינקומען".

נאָר דער אַקטיאָר האָט זי פֿאַרהאַלטן: „און כפרות האָט איר שוין געשלאָגן?"

אירע פולע פֿאַרשאַרצטע ליפּן און די קיילעכדיקע, דיקלעכע, עטוואָס פירגעהויבענע נאָז, האָט דערמאָנט אין אַ פֿויעריש קינד, וואָס קוקט מיט ניי־געריקע און פרעגענדיקע אויגן. זי האָט געקוקט ערנסט און פֿאַרטראַכט. דאַן איז איר איינגעפֿאַלן אַז דער אַמעריקאַנער האָט זי געפֿרעגט וועגן כפרות שלאָגן, און זי האָט אים געענטפֿערט מיטן גרעסטן ערנסט: „ערשט מאָרגן וועל איך שלאָגן כפרות".

דער אַקטיאָר האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו לאַכן: „און סאָרא כפרה האָט איר, אַ ווייסע אָדער אַ שוואַרצע?"

„אַ ברוינע. די פֿליגל זיינען ווי גאָלדענע?"

„אַליין, אָדער מיט דער מאַמען וועט איר שלאָגן?"

„מיט חנען". נאָר גלייך האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דער אַקטיאָר האָט זי אַריינגענאַרט און זיך פֿאַרשעמט: „גייט!... איר האָט מיך אַריינ־גענאַרט!... כ׳האָב געמיינט, אַז איך מיט מיין שוועסטער וועלן צוזאַמען שלאָגן כפרות מיט איין הון". זי איז געשטאַנען אין פֿאַרלעגנהייט, ניט אַזוי פיל דערפֿון, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן — אַז זי האָט אַליין אויך געמוזט מיטלאַכן — נאָר וואָס דער גרויסער זינגער איז אַזוי טרויעריק און ערנסט. פֿון אונטער איר מאַדאָנאַ־ענלעכן שטערן און די צוויי הויכע בערגלעך, אַף וועלכע עס זיינען געוועזן זייער געדיכטע ברעמען, האָבן געבלישטשעט ברוינע אויגן, ניט קיין גרויסע, אָבער אָנגע־פּאַקטע מיט געזונטקייט און לעבן. זי האָט געקוקט מיט רחמנות אַף דעם גרויסן זינגער וועגן וועלכן דער אַמעריקאַנער האָט אַזוי פיל דערציילט דעם טאַטן. זי האָט געזען, אַז ער איז אומגליקלעך. ווען זי וואָלט אים געקאָנט העלפֿן! — אָבער זי האָט זיך נישט געטרויט אים עפּעס צו פרעגן. זי האָט געוואַרט אַפן טאַטן ער זאָל מיט דעם מענטש רעדן, אַביסל שמועסן, ווי באַם לעצטן מאָל ווען ער איז דאָ געוועזן. אָבער דער פֿאָטער איז אַלץ נישט געקומען. האָט זי צום צווייטן מאָל זיך פֿאַרנומען אַוועקצוגיין און געזאָגט: „כ׳וועל גיין זוכן דעם טאַטן."

„וואו איז דען אייער פאַ?״ — האָט דער אַמעריקאַנער געפּרעגט, כּדי זי נאָך צו פאַרהאַלטן און צו קוקן אַף אירע ברייטע און געזונטע באַקן.

„דער טאַטע איז אינדרויסן, אַף דער גאַס. ער גייט הין און צוריק, ווייל מ׳טאָר נישט שטיין בּלייבּן״. זי האָט געעפנט די טיר אין קיך אַריין. אין דער זעלבּער רגע האָט מען דורכן פענצטער דערזען לויפן יידן און שרייען.

שרה פייגע איז אָנגעלאָפן אַף ביילען מיט אַ רויער חלה אין האַנט, אַ „פויגל״, און גערופן: „מרדכי!. וואו איז דער טאַטע, ביילע?...מ׳ראַבּעוועט שוין ווידער!... מ׳שלאָגט שוין ווידער יידן!״

די טיר פון דרויסן האָט זיך אויפגעפּראַלט און ס׳האָבּן זיך אַריינגעשטופּט צושראָקענע יידן. צווישן זיי איז אויך געווען ר׳ מרדכי. עטלעכע זענען געווען באַזונדערס בּלאַס און אויסגעזען נישט טויט און נישט לעבּעדיק. אַנדערע ווידער — אַז די טיר איז שוין געווען פאַרשלאָסן — האָבּן (געוואוינטע צו אַזעלכע צרות) געחוזקט פון אייגענעם פּחד, כּדי אים אַזוי צו פאַרטרייבּן.

שרה פייגע האָט נישט אויפגעהערט צו געוואַלדעווען: „צומאַכן די לאָדן!״

ר׳ מרדכי האָט קאַלט געזאָגט: „מ׳דאַרף נישט״. ער האָט דערזען די רויע חלה אין ווייבּס האַנט און זי אַרויסגעשיקט: „גיי, שרה פייגע, באַק די חלות״.

זי האָט ערשט דערזען, אַז זי האַלט אין האַנט אַ רויען „פויגל״ און איז אַרויסגעלאָפן: „אַ ווייטיק איז מיר!״

די בּהלה און די גוואַלדן אינדרויסן זיינען שוואַכער געוואָרן. מ׳האָט נאָך געהערט איינציקע, זיך דערוויטערנדיקע אויסשרייען: „שלאָגט דעם יידן!״

ביילע האָט געקוקט צום פאָטער: זי האָט געוואַרט אַף אַ וואָרט פון אים. אַלע שוואַרצע וואָלקנס, וועלכע האָבּן זיך פאַרשפּרייט און פינצטער געמאַכט איר ערב יום־טובדיקן הימל, וועלן פאַרשווינדן פון זיינס אַ וואָרט.

דער זינגער האָט צוזאַמענגעבּיסן די ציין. ער איז אויפגעשפּרונגען דערהערנדיק דעם טומל אינדרויסן, די ווילדע געשרייען פון אַ מחנה פאַגראָמשטשיקעס און דאָס אויסהאַקן שויבּן, די פאַרצווייפלטע געשרייען פון געשלאָגענע און אַנטלויפנדיקע. זיינע הענט האָבּן זיך אַ שטרעק געטאָן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַ בּיקס. זיינע אויגן האָבּן זיך געווענדט

צו ביילען. זעענדיק ווי רואיק זי שטייט, מיט איר גאַנצער נשמה באַהעפט צום פּאָטער — האָט זיך דער צאַרן אין אים אויסגעלאָשן; ער איז געוואָרן רואיק, ווי זי. אָבער ס׳האָט אים געעקלט צו קוקן אַף די צושראָקענע און זיך חכמהנענדיקע יידן אין שטוב.

דער אַמעריקאַנער האָט געשאָלטן און געזידלט אַף ענגליש, זיך געקאָכט און געשריגן, אַז מ׳זאָל אַרויסגיין זיך אַקעגנשטעלן. ער האָט זיך געריסן צו פייטן: „קאָם אָן!״

ר׳ מרדכיס אַקסלען האָבן אויסגעזען ווי געשטייפט. זיין הויכע געשטאַלט תמיד גלייך און שטאָלץ, איז איצט געווען ווי פאַרגליווערט. זיין לאַנגע באָרד — שיער ביזן גאַרטל און באַם סוף געשפּאָלטן אין צוויי שפּיצן, מיט סימנים פון גרוי־ווערן — האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. דער בליק און זיינע גרינלעך־גרויע אויגן איז איצט געווען מאָדנע קלאָר, קאַלט און שאַרף, אָבער ער האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דאָס חכמהנען זיך פון די יידן, און זיי געפרעגט: „ווי קאָן מען באַטשקען אַזוי פיל נאַרישקייטן?״

ס׳איז געוואָרן אַ שניידענדיקע שטילקייט. אַלע האָבן דערפילט זייער דערנידעריקייט און זייער טרויעריקן גורל.

אין ווייטיק האָט ר׳ מרדכי געזאָגט: „מ׳האָט אָנגערייצט די הונגעריקע הינט.״

די צוזאַמענגעקאָרטשעטע יידן זיינען מיט אַמאָל געוואָרן גאָר אַנדערע, כמעט אַלע האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אַף ר׳ מרדכין מיט טענות, פאַר־געסנדיק לגמרי אַז זיי זיינען באַ אים אין שטוב, און געפרעגט: „זאָלן מיר שטאַרבן פון הונגער?״ אַלע אינאיינעם האָבן געשריגן: „איר ווייסט דאָך, ר׳ מרדכי, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַנדלט מיט וואַליוטע!״ „איך בין געווען אַ בעל מלאכה!״ „און איך״, האָט אַ דריטער, רויט ווי פייער, אַלעמען איבערגעשריגן, „האָב געהאַט אַ געוועלב! די אַלע יידן דאָ האָבן פריער ערלעך פאַרדינט זייער שטיקל ברויט! און איר אַליין, ר׳ מרדכי? איר זענט עפּעס אַ קלוגער ייד, אַ למדן! ווי פאַרשטייט איר? קען מען, מיט ווייב און קינדער, שטאַרבן פון הונגער?! מ׳האָט געטריבן, געיאָגט, מלחמה, פּאָגראָמען. מ׳טוט וואָס מ׳קאָן, זיך צו ראַטעווען ס׳לעבן. מ׳גיט אונדז צו פאַרדינען אַף אַן אַנדערן אופן און מיר ווילן נישט?״

מ׳האָט ר׳ מרדכין נישט געלאָזט ריידן. ווען דער צעפלאַקערטער ייד

האָט אויפגעהערט צו גוואַלדעווען, האָבן די אַנדערע געקרעכצט: „אַז אַך און וויי איז צו אונדזער גאַנצער שפּעקולאַציע! ווער פון אונדז האָט זיין אייגענס כאָטש הונדערט דאָלער? מ׳פאַרדינט מיליאַרדן!... ווייזט מיר איינעם פון אונדז, ר׳ מרדכי, וועלכער פאַרלירט סוף כל סוף נישט דעם קאָפּ אַף דער בערזע! באַם געלט בלייבן אַנדערע, די וועלכע זענען ערגעץ אַנדערש״...

„און שיקן דאָ אַהער דאָס פּעבעלע!״... האָט דער פריערדיקער שרייער אונטערגעכאַפּט.

ר׳ מרדכי האָט זיך נישט געלאָזט אַרויסברענגען פון זיין „רואיקייט״. אָבער ער האָט מיט ווייטיק איינגעזען און געזאָגט: „פּרנסה איז קריעת ים סוף; אַלץ מעג מען טאָן, אַפילו שווינדלען, גזלען״...

די יידן האָבן ווידער גענומען שרייען: „מיר גזלען נישט! מיר באַשווינדלען קיינעם נישט! ס׳קומט ווער אויסטוישן עטלעכע דאָלער טוישן מיר אויס! די אינפלאַציע האָבן נישט מיר געמאַכט!״

ר׳ מרדכי איז אַרויס פון געדולד: „כ׳האָב נישט געמיינט ממש גזלען, הגם... יאָ, ווען אַלע זאָלן זיין גזלנים וואָלטן מיר אויך געמוזט זיין, און מיר וואָלטן דאָס געווען! דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס די וואָלקענס, וועלכע מאַכן דעם רעגן, זענען אויבן און מיר זיינען אונטן אין דער בלאָטע״...

די יידן האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, ווי מייז פון אַ לאָך, צו זען אויב זיי קאָנען שוין צוריק אַרויסגיין. אַף דער גאַס איז שוין געווען שטיל. מ׳האָט געזען עטלעכע פּאָליציאַנטן שפּאַצירן הין און צוריק, מיט פּאַמע־לעכע, מאָנאָטאָנע טריט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. עטלעכע פון די יידן האָבן זיך געשאַרט צו דער טיר און גערופן די אַנדערע: „מ׳קאָן שוין צוריק אַרויסגיין!״ דאָך זענען זיי נאָך געבליבן און גענומען רעדן פון געשעפט.

אַ רויטער, מיט אויגן ווי נאָך אַ שטאַרקן טרונק בראָנפן, האָט זיך צו־געשאַרט צו ר׳ מרדכי׳ן: „דער סאַנדאָמירער איז אַ גרויסער צדיק! ער האָט געזען, אַז ר׳ מרדכי׳ן גייט דאָס איצט נישט אָן, האָט ער אים געפרעגט: „צו זכור ברית וועט איר אַוודאי גיין אין אייער שטיבל אַריין?״. אַז ר׳ מרדכי האָט אים ווידער נישט געענטפערט, איז ער אַרויס מיט קלאָרע דיבורים: „כ׳האָב פּאָר אייערטוועגן עטלעכע הייזער: צאַצקעס! איר האָט נעכטן צו־

געקויפט נאָך איינס, האָב איך געהערט. איר ווייסט, וואָס איר טוט... בלייבן באַ עפּעס וועלן נאָר די וועלכע קויפן ממשותדיקס..."

שרה פייגע האָט פון קיך גערופן: „גיכער ביילע! די צוויי הענער האָבן זיך אויפגעבונדן און דורסן איינס ס'אַנדערע!"

ביילע איז אַרויסגעגאַנגען.

ביסלעכווייז האָבן זיך די יידן אַרויסגעשאַרט. דער רויטער, זעענדיק אַז איצט איז נישט די צייט צו ריידן מיט ר' מרדכין וועגן מסחר, איז אויך אַרויסגעגאַנגען.

מיט אַ פרייעלעכן ליאַרעם און געפּילדער האָבן זיך אַריינגעשיט אַ גאַנצע כאַפּטע קינדער, אָנהויבנדיק פון אַ זעכצן־יעריקן בחור מיט נאַקעטע קניען — דער בעסטער סקויט אין „הכח" — ביזן יונגסטן מיידל, וועלכע מ'האָט אין שטוב גערופן האָדל און פאַרצויגן הודעשי. נאָר די שוועסטער און ברודער, וועלכע זיינען געגאַנגען אין ציוניסטישן פאַריין, האָבן זי גערופן הדסה, און דעם נאָמען שטאָלץ אַרויסגעזאָגט אין ספרדית, בלויז איין שוועסטער האָט זי גערופן הילדע. חנה, דער גרעסטער מזיק צווישן זיי, האָט געליאַרעמט: „וואו איז די מאַמע? עסן!"

זיי זיינען פאַרשוואונדן אין קיך.

דער זינגער האָט שוין לאַנג געוואָלט אַוועקגיין. אָבער באַם געזעגענען זיך האָט אים ר' מרדכי ערשט איצט ווי דערזען און גענומען אויספרעגן:

„האָט איר שוין עפּעס געהערט פון דער היים?"

„פון דער היים..."

ר' מרדכי האָט דעם זינגער גענומען חוקר ודורש זיין, כדי סוף כל סוף צו וויסן, ווער דער דאָזיקער מענטש איז. אָבער די געדאַנקען זענען אים איצט דאָך נישט געווען דערצו. אָט האָט זיין מוח געאַרבעט וועגן פאַרשיידענע שפּעקולאַציעס: זאָל ער די פונטן פאַרקויפן היינט, אָדער זאָל ער זיי האַלטן נאָך עטלעכע טעג?... זאָל ער צוקויפן דאָלאַרס, אָדער זאָל ער שטיין בלייבן? און שוין האָט אין זיין מח געעקבערט דער אָנהויב פון אַ פּרק אין סנהדרין: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר". און ר"ע מברטנורה זאָגט דאַרויף: „ואפילו אלו שנתחייבו מיתה בב"ד מפני רשעותן."

ביילע איז ווידער אַריינגעקומען און נאָך איר די מוטער.

שרה פייגע האָט געפרעגט איר מאַן „נו, וואָס איז געווען אין דרויסן?״

ר׳ מרדכי האָט צוערשט אָנגעקוקט זיין פרוי, ווי ער וואָלט זי ניט געקענט און דאַן איר געענטפערט:

„וואָס איז געווען? דאָס אייגענע ווי פאַר צוויי וואָכן: דאָס פעבעל האָט געהאַקט שויבן אין יידישע געשעפטן און געראַבעוועט!״ ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט געהאַלטן אין מיטן ריידן מיט דעם מאָדנעם מענטש, וועלכער איז אַ זינגער, און אים געפרעגט: „האָט איר, הייסט עס, נאָך נישט אַהיימגעשריבן?״

דער זינגער האָט אַ קוק געטאָן אַףביילען און נישט געענטפערט.

דער אַקטיאָר האָט געוואָלט אַרויסראַטעווען זיין קאָלעגע: „איר האָט דאָך״...

ביילע האָט דעם אַמעריקאַנער איבערגעשלאָגן: „איר ווייסט תּמיד אַלץ!״...

ר׳ מרדכי האָט שוין נישט אָפּגעלאָזט: „איר האָט געזאָגט, אַז אייער טאַטע הייסט לוי און ר׳ יעקב איז אייער׳ס אַ זיידע. ר׳ יעקבן האָב איך גוט געקענט. דאָס שטעטל איז, דאַכט זיך מיר, אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, און מסתמא אויך די מיל. אָבער איר קאָנט דאָך שרייבן! אָדער שרייבט אין אַן אַנדער שטאָט, וועלכע איז דערנעבן. איר וועט שוין קריגן אַן ענטפער. ווייסט איר וואָס? — גייט צום פּוילישן קאָנסול! גאָרנישט טאָן, דאָס פאַר־שטיי איך נישט! ווי לאַנג האָט איר שוין נישט אַהיימגעשריבן און נישט געקראָגן קיין בריוו פון דאָרט?״

ביילע האָט געוואַרט אַפן זינגערס ענטפער. נאָר שרה־פייגע האָט געוואוסט, אַז אַלץ וואָס ער וועט זאָגן, וועט זיין ליגן. האָט זי גערופן די טאָכטער: „קום, ביילע! ס׳איז נאָך דאָ אַזוי פיל צו טאָן!״

ביילע האָט נישט געוואָלט גיין.

אַלע האָבן געזען ווי שרעקלעך נערוועז דער זינגער איז. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי שטאַרק זיין שולדקייט קעגן די עלטערן ווי איצט, און ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געבענקט נאָך זיי. ער האָט ניט געקאָנט זיצן און ניט שטיין, זיך געפילט ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ שטייג. טרערן זיינען אים געקומען אין די אויגן אַריין. ער האָט געענטפערט ר׳ מרדכין, עטוואָס הייזעריק: זינט די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן.״

ר׳ מרדכי האָט אים געשפּיזט מיט די אויגן: „פונדעסטוועגן האָט מען דאָך פון רוסלאַנד געשריבן בריוו, אַפילו אין די ערגסטע צייטן! דורכן רויטן קרייץ! און איר — — ווי ס׳האָט מיר דערציילט אייער קאָליעגע פאָ פאַכו — זענט איר אין פּעטערבורג געווען די צווייטע האַנט פון קיסר!... און נאָך דער מלחמה? — איז געווען, זאָגט איר, די רעוואָלוציע. גוט. די רעוואָלוציע. און דערנאָך? פאַרוואָס זענט איר געפאָרן קיין דייטשלאַנד און נישט אַהיים, זען, אויב אייערע עלטערן לעבן?״ שרה־פייגע איז אַרויס־געגאַנגען מיט אַ שווערן זיפץ.

פון דרויסן האָט מען געהערט דעם טומל פון די הענדלער, וואָס האָט זיך צוריק אָנגעהויבן.

ביילעס האַרץ איז געווען פול מיט רחמנות אַף דעם אומגליקלעכן מענטש. דעם זעלבן רחמנות האָט זי געזוכט אין פאָטערס אויגן. אָבער ר׳ מרדכיס בליקן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט. זי איז אַרויסגעגאַנגען.

דער אַמעריקאַנער האָט דערמאָנט זיין פריינט: „איר האָט דאָך געוואָלט אויסטוישן געלט?...

דער זינגער האָט פאַרשטאַנען דעם וואונק.

באַם געבן דעם זינגער די האַנט, האָט ר׳ מרדכי אים געזאָגט: „מאָרגן מיטיק און מוצאי יום־כפור עסט איר באַ מיר!״

נה

שוין לאַנג, אַז דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן. אָבער דאָס וועטער איז אַ האַרבסטיקס. דער פוילער רעגן שלעפּט די וואָלקנס וועלכע זעען אויס ווי ברודיקע וואַנטוכער, אַראָפּ צו דער ערד. די גאַסן, די הייזער — — און אַפילו דער הימל — — זען אויס ווי צעווייקטע קלאַטשע. דער טאָג האָט זיך אויסגעמישט מיט דער נאַכט אין אַ גרויער פינצטערניש.

דער זינגער גייט גאַס־אויס, גאַס־איין. ער קוקט די מענטשן אין די אויגן אַריין: איז זיי אויך אַזוי מיאוס אַף דער נשמה ווי אים? די דייטשן זענען אים נאָך אַלץ פרעמד, ווי דער ווינטער אין דעם דאָזיקן לאַנד. ער האָט רוסלאַנד ליב. דאָרט איז דער ווינטער — ווינטער. דער זומער — זומער. און אַזוי איז

דאָרט דאָס לעבן. אָבער ער ווייסט שוין און זעט, אַז דווקא די דאָזיקע גרויקייט אין דעם לאַנד באַהאַלט אין זיך דעם כישוף, וועלכער הייסט מערב־אייראָפּעאישער קולטור... ס׳זענען ניטאָ קין פעסטע גרעניצן, קיין שרייענדיקע פאַרבן: בלויז ניואַנסן...

דער בלאַטיקער הימל, די עסנדיקע קעלט, די גרויע שווערע וואָלקנס און דאָס כסדרדיקע קאַפּען פון זיי — דאָס לעבט אינעם זינגער אַליין. ער איז געוואָרן אַפּאַטיש. ער וואוינט נישט מער אין האָטעל, נאָר אין אַ ווילאַ, נישט ווייט פונעם רעזשיסער, וועלכער האָט אים צוריק געברענגט צו דער בינע. די נייע געגנט געפעלט אים, באַזונדערס דער גרויסער באָטאַנישער גאָרטן. יעדן טאָג שפּאַצירט ער אין אים אַרום. די אַלערליי טראָפּישע פלאַנצן: פּאַלמען, באַמבוסן, קאַקטוסן — זיי ריידן צו זיין נשמה...

זיין ערשטע ראָלע אַף דער דייטשער בינע איז געווען אין „פּאַרסיפאַל״. ער האָט אין דער דאָזיקער אָפּערע נישט געוואָלט זינגען (ר׳האָט וואַגנערן נישט ליב געהאַט). אָבער ער האָט זיך איבערגערעכנט: „וואָס איז מיר אַ נפקא מינה?״ דעם חשק, וועלכן ער האָט באַקומען ווידער אויפצוטרעטן אַף דער בינע, האָט ער באַלד צוריק אָנגעוואוירן. ער האָט ווייניק גערעדט מיט זיינע קאָלעגן, הגם אַלע האָבן אים אַרויסגעוויזן וואַרעמע פריינטלעכקייט און שטאַרקע אַכטונג. זיין דערפאָלג האָט געקאָנט הייסן: אי זייער אַ גרויסער, אי גאָר קיין דערפאָלג נישט. די אַרטיסטן זענען געבליבן אַנטוישט אין דעם באַרימטן רוסישן זינגער און זענען געווען צופרידן... אָבער זיי האָבן אים געוויזן ווי באַגייסטערט זיי זיינען... ער האָט געשמייכלט: „איך פאַרשטיי אייך אַלע אַזוי גוט... אָבער מיר איז אַזוי אַלציינס״...

דאָך האָט מען פאַרן גרויסן גאַסט געמאַכט אַ באַנקעט אין דער ווילאַ באַם רעזשיסער. ס׳זיינען געקומען די אָנגעזעענסטע פון דער אינטע־לעקטועלער און קינסטלערישער וועלט. אויך די זינגערן יאָהאַנאַ זוזאַ און דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ליבעראַלער צייטונג. (דער קאָרעספּאָנדענט האָט וועגן דעם רוסישן זינגער געשריבן אַ זייער קלוגן אַרטיקל). מ׳האָט געהאַלטן טאָסטן, גערעדט וועגן דער גרויסער קינסטלערישער באַדייטונג פונעם זינגער און אָנגעוויזן אַף דער באַגייסטערונג אין דער פּרעסע.

מיכאיל זוויעזדאָוו האָט אויסגעהערט די טאָסטן, זיך פאַרנייגט אַלעמאָל, און מיט האַרטן רוסישן אַקצענט געזאָגט: „איך דאַנקע זייער״. מ׳האָט אים

געשטעלט אַלערליי פּראַגעס, אים אַביסל לעבעדיקער צו מאַכן און אַריינ־צוציען אין דער יום־טובדיקייט. אָבער ער האָט געענטפערט בצימצום. דער איינציקער מענטש, וועלכער איז אים אַף דעם באַנקעט געווען נאָענט און אפילו ליב, איז געווען די אַרטיסטן טערעזאַ טיפּענזע. די געסט האָבן זי באַזונדערס געשעצט. זי האָט איר קאַליעגע געפרעגט: „וואָס איז מיט אייך היינט? — איר קאָנט אייך דאָ גאָר קיין אָרט נישט געפינען"... זי האָט אים אָפן געזאָגט: „איר האָט שלעכט געשפּילט אין פּאַרסיפאַל".

„זייער שלעכט"! — האָט ער איר געענטפערט.

די זינגערן יאָהאַנאַ זוזאַ, און נאָך אַנדערע, זיינען געווען אייפערזיכטיק אַף דער אַרטיסטן טערעזאַ טיפּענזע און געקרענקט אַף דעם רוסישן זינגער. פונדעסטוועגן זיינען זיי אַלע מאָל צו אים צוגעקומען, אים אַרומגערינגלט, און געפּרואווט מיט אַלערליי מיטלען צו פאַרפירן דעם „הייליקן צדיק".

די צווייטע אָפּערע, אין וועלכע דער זינגער האָט געשפּילט, איז געווען „פידעליאָ". פון דער ערשטער רעפּעטיציע אָן האָט ער איבערגעלעבט דאָס זעלבע, ווי אין פּעטערבורג, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אויפגעטראָטן אין „באָריס גאָדונאָוו". ער איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער. מ'האָט אים גאָרנישט דערקענט. ער האָט געשפּילט אין דער ראָלע פון „ראָקאָ". אין יעדן טאָן זיינעם, אין יעדער באַוועגונג, איז געווען די טיפקייט פון בעטהאָווענס מוזיק, פון זיין שרײַען נאָך גערעכטיקייט, ליבע און דערלייזונג. איינמאָל האָט ער פּלוצלונג אין מיטן פון אַ רעפּעטיציע גענומען האַלטן אַ רעדע. ער האָט גערעדט אין רוסיש, אין שלעכטן דייטש, גערעדט וועגן פאַר־ברידערונג, וועגן ליבע. כמעט אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט, אַפילו אין רוסיש. ער האָט ווידער געשוועבט אין אַ וועלט פון טרוימען און מיט אַמאָל באַגריפן וואָס ער וויל און וואָס ער האָט אין אַלע זיינע יאָרן געוואָלט. און אויך וואָס ער האָט געזוכט אין דער ליבע האָט ער איצט געוואוסט: ער האָט געזוכט אַ לעאָנאָרע אין „פידעליאָ"... פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אַנטפּלעקט וויזיאָנען... אין זיין שטימע ווען ער איז אויפ־געטראָטן, איז געווען דער רוף צום מענטש, ער זאָל זיך דערלייזן און דער־הויבן, און דער געשריי פון מענטשנס אומבאַהאָלפנקייט. זיין דערפאָלג איז געווען גרויס.

נו

ס׳האָט געשנייט, אָבער דער שניי איז צוגאַנגען נאָך איידער ער איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד. אַ ברודיקע קעלט האָט אָפּן שפּאַציר געפּרעסן דעם זינגער. אין זיין נשמה האָט גענאָגט אַ ווייטיק און אין זיין האַרץ האָט גענודזשעט אַן עקל. אַ גרינע שפּין האָט אין זיין ברענענדיקע געהירן אויסגעוועבט דעם פייערדיקן פּרעגצייכן:

„דאָס איז עס״? — — —

ער איז אַהיים געקומען אַ געפרוירענער, אַן אויסגעווייקטער. אין זיין קאַבינעט איז געווען וואַרעם. די באַלויכטונג אַ צאַרטע. אַלץ אין דער דאָזיקער ווילאַ איז אין מאָדערנעם סטיל, לייכט, באַקוועם, עקאָנאָמיש, און צוליב דער גרויסער פּשטות זייער עסטעטיש. ס׳שטייען ווייניק זאַכן: אַ קליינער שרייב טיש, צוויי קליינע איינפאַכע שטולן. אַ קיילעכדיק טישל אַ נידעריקס, אַ סאָפע, וועלכע דרייט זיך איבער אַף דער אַנדערע זייט און איז אַ בעט, און אַ פּיאַנאָ פון נייעם טיפּ. די ביבליאָטעק איז אין דער וואַנט מיט רוק־שויבן. די פאַרב פון די ווענט און פונעם מעבל איז אַ וואַרימע און באַרואיקנדע. דאָס האָט דעם זינגער געבראַכט פרידן און ישוב הדעת אין זיין געמיט.

אויסגעוואַרמט, אויסגערוט און איבערגעטאָן אין לייכטע מלבושים, איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און גענומען עטלעכע שטילע אַקאָרדן. נאָר ער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, אין הויז שלאָפט מען שוין און אויפגעהערט. ער האָט ניט געקענט גוט שפּילן. אָבער ער איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און זיינע פינגער האָבן געפלאָנדזשעט איבער די קלאַווישן, ער האָט זיך דערביי תמיד געכאַפּט, אַז דאָס, וואָס ער שפּילט, אין זיין אייגענע, „קאָמפּאָזיציע״ און געשמייכלט פאַרשעמט.

כמעט אין זעלבן מאָמענט האָט זיך שטיל געעפנט די טיר און אַף שפּיץ פינגער איז אַריינגעקומען מיסטער זאַק. מיט דרך־ארץ און קוים צו הערן, האָט ער געפרעגט:

„איר שלאָפט נאָך נישט?...״

דער זינגער האָט זיך אַנטשולדיקט:

„האָב איך אייך געשטערט?" אַז דער אַמעריקאַנער איז צוריק אַרויס־געגאַנגען, האָט דער זינגער זיך געוואָלט אויסטאָן און לייגן שלאָפן, ווייל ער איז שוין געווען מיד. אָבער ס'האָט אים געקלונגען אין אַן אויער און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'האָט אים אימיצער געזאָגט: אויב ס'קלינגט אין אַן אויער, דענקט ווער פונקט וועגן דעם מענטש. ער איז צוריק וואַכעדיק געוואָרן און געשמייכלט: „ווער דענקט איצט וועגן מיר?..." ער האָט געטראַכט וועגן דער זינגערן יאָהאַנאַ זוזאַ: „זי האָט אַ גאַנץ פיינע שטימע, ניט קיין שלעכטע אַרטיסטן, אַ שיינע..." אָבער זי איז באַלד פאַרשוואונדן פון זיינע געדאַנקען און ער האָט געטראַכט וועגן טערעזאַ טיפּענזע. ערשט אין דער ראָלע פון „לעאָנאָרע" אין „פידעליאָ" האָט ער געזען וואָס פאַר אַ גרויסע קינסטלערן זי איז, וואָס פאַר אַ פיינער און טיפער מענטש. זי האָט אים באַזונדעס אָנגעהויבן צו אינטערעסירן, נאָכדעם ווי זי האָט אים דער־ציילט עטוואָס פון איר לעבן. ס'איז אים געפעלן איר קאַלטער פאַרשטאַנד, די שאַרפקייט. ער האָט זיך געפרייט אַף דער רייזע וואָס ער וועט מיט איר מאַכן אין „האַרץ". זי האָט אים דערציילט וועגן די בערג דאָרט און אים געזאָגט, אַז זי האָט מיט אים וועגן עפּעס צו רעדען, דאָס האָט אים געמאַכט נייגעריק און ער האָט שוין געוואַרט אַפן פרילינג.

אָבער ס'האָט אים ווידער געקלונגען אין אויער.

„דאָס איז אַוודאי די ליטוואַטשקע", האָט ער געחוזקט.

באַם געדאַנק וועגן איר איז ער מיט אַמאָל טרויעריק געוואָרן. דאָס איז געווען אַ מיידל פון פוילן, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט. (ער האָט זי גערופן „ליטוואַטשקע", ווייל זי האָט גערעדט „ליטוויש"). זי האָט אים אַ סך דערציילט וועגן פוילן נאָך דער מלחמה און וועגן פאַרשידענע עפּיזאָדן פון איר לעבן, ווען זי איז געווען אין רוסלאַנד און געקעמפט אין די קאָמוניסטישע רייען. ער האָט זיך געמאַכט פאָרוואורפן פאַרוואָס ער איז שוין לאַנג נישט געווען באַ איר. אָבער ס'איז שוין געווען זייער שפּעט, און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

נז

מר. זאַק האָט אַ לאַנגע צייט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו ריידן מיטן גרויסן זינגער, בײַ וועלכן ער איז נאָך אַלץ געווען, אַז ער זאָל אים העלפן אָנקומען אויף דער דייטשישער בינע. באַלד האָט ער זיך מיישב געווען און באַשלאָסן, אַז ער וועט דאָך גלייכער צוריק־פֿאָרן קיין אַמעריקע, הגם ער האָט נאָך נישט געהאַט פֿאַרגעסן ווי שלעכט ס'איז אים דאָרט געגאַנגען. כמעט די העלפט פון זיין לעבן האָט ער פֿאַרבראַכט אין דער דאָזיקער גאָלדענער מדינה און דאָרט גאָרניט דערגרייכט. אין די טעאַטערס, אין וועלכע ער האָט געשפּילט, האָט ער קיינמאָל נישט באַקומען קיין רעכטע ראָלע. נאָך דער מלחמה איז ער צוריק געפֿאָרן קיין פּוילן. אָבער אין „יוראָפּ״ האָט ער לגמרי גאָרניט געקענט אויפטאָן. ער האָט זיך אַרום־געוואָלגערט אין וואַרשע, אין לאָדז. אין די יידישע טעאַטערס איז געווען נאָך ערגער ווי אַמאָל, איידער ער איז אַוועקגעפֿאָרן פון פּוילן. צו וועלכער טרופּע ער האָט זיך געווענדעט, האָט מען אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, און אים געפרעגט: „וואָס, פון אַמעריקע זייט איר געקומען אַהער?...״ האָט ער זיך געזעצט אויף דער באַן, און השיבנו נאַזאַד... אָבער אין בערלין איז ער געבליבן הענגען: סטאָפּ!... נישטאָ קיין געלט ווייטער צו פֿאָרן.

ס'איז געווען נאָך זייער פרי. נאָר דער אַמעריקאַנער איז שוין געשטאַנען פֿאַרן שפּיגל און מיט אַ גרויסן קאַם און בערשטל — אַלץ פון העלפאַנט־ביין — האָט ער זיך געפּוצט און געגלעט דאָס ביסל איבערגעבליבענע האָר, ווי ער האָט זיך אַמאָל געקעמט די גאָלדענע טשופּרינע. ער האָט באַקוקט די געפּרעסטע העמדער, די לאַקירטע שיך, די אָנצוגן און די אַנדערע טייערע זאַכן, וועלכע ער האָט זיך איינגעקויפט אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז געווען בײַ דעם באַרימטן זינגער, און געטראַכט בײַ זיך: „אָל ראַיט. פינף אַזייגער גייט אָפּ די שיף... אַ שיפסקאַרטע, ערשטע קלאַס, איז דאָ אין קעשענע״... אָבער ס'האָט נישט אויפגעהערט צו עגבערן אין זיין מוח: „כ'בין זיין שאָטן!...״ ר'האָט זיך געזאָגט: „אַוודאי בין איך ניט מער ווי זיין שאָטן! וואָס דען בין איך איצט? ווען כ'וואָלט געווען געשמדט, ווי ער; ווען כ'וואָלט געווען אַוועקגעגאַנגען צו די גוים, צו דער רוסישער, צו דער

פוילישער, אָדער דער טייוול ווייסט צו וועלכער בינע — וואָלט איך געווען ווי ער און נישט זיין שאָטן!״...

דער טראַגיקער און קאָמיקער האָט גענומען פון זיך חוזק מאַכן וועגן דעם, וואָס ער האָט מיט דעם באַרימטן זינגער געוואָלט ריידן: אַז ער זאָל אים העלפן אָנקומען אַף דער דייטשישער בינע. ער האָט אַ זיפץ געטאָן: „יאָ כ׳בין אַ טראַגיקער און אַ קאָמיקער...״

* * *

אין אַ ברייטן געלן אַמעריקאַנעם מאַנטל, מיט אויסגעפּאַשעטע, אַקטיאָריש, געגאָלטע פּיסקעס און גאָלדענע ציין אין ברייטן מויל, מיט אַ גרויסער לעדערנער וואַליזקע אין האַנט, איז מיסטער זאַק אַריינגעגאַנגען צו זיין „קאָלעגע״ זיך געזעגענען. ער האָט אים געדריקט די האַנט: אַדיע מיסטער! איך פאָר צוריק קיין אַמעריקע. איך וועל אייך שיקן אַלע צייטונגען, וואָס וועלן וועגן מיר שרייבן. יעס... נאָך עפּעס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן: כ׳בין נעכטן געווען באַ ר׳ מרדכי׳ן. ער האָט זיך געפרעגט אַף אייך, זיך געחידושט, פאַרוואָס איר זייט שוין אַזוי לאַנג נישט געווען באַ אים. אויך ביילע האָט זיך וועגן אייך נאָכגעפרעגט״.

דער זינגער איז געווען איבעראַשט. ער האָט געקוקט אַף דעם אַמעריקאַנער און נישט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט.

דער אַקטיאָר האָט צעשפּרייט זיינע אָרעמס אַריינצונעמען אין זיי זיין פריינט: „לאָמיר זיך צוקושן, מיסטער!... מיר זיינען דאָך קאָלעגן!...

אינגאַנצן געריירט, האָט דער זינגער, נישט ווייסנדיק וואָס ער זאָל טאָן, אַרויסגעכאַפּט דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט באַ זיך געהאַט און עס אַוועקגעגעבן דעם אַמעריקאַנער. שפּעטער האָט ער געטראַכט וועגן ביילען און באַשלאָסן נאָכן אָנבייסן אַהינצו גיין, צו ר׳ מרדכין.

טויזנטער געדאַנקען, אַלע אויסגעמישט אין איינעם, זיינען אַרומגעלאָפן אין זיין מוח. מיסטער זאַק... דער דאָזיקער מענטש שלעפּט זיך אַרום זיין גאַנץ לעבן. אַ טראַגישער מענטש. אַ קאָמישער. מיין שאָטן... דער זינגער האָט פאַרגעסן אין אָנבייסן ער האָט אָנגעטאָן דעם פּאַלטאָ, גענומען דעם קאַפּעלוש און זיך געלאָזט גיין, אַ לאַנגער אויסגעצויגענער שאָטן אַף דער ערד איז מיט אים מיטגעגאַנגען און אים נאָכגעטאָן אַלץ וואָס

ער האָט געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן גיין גיכער. ר׳האָט דערזען ווי זיין שאָטן אַף דער ערד, מיטן קאַפּעלוש אין האַנט, איילט אים נאָך... ר׳איז געגאַנגען צו ר׳ מרדכין. אָבער פאַר זיינע אויגן איז אַף אַ משונהדיקן אופן איצט נאָך געשטאַנען די ליטוואַטשקע און ער איז געפאָרן צו איר. נאָר זי איז נאָך געלעגן אין בעט. אַזוי האָט אים געזאָגט די גראָבע דייטשקע מיט אַ שמאַטקע אין האַנט באַם עפענען די טיר: „פריילין עווא שלאָפט נאָך!״ דאָך האָט זי אָנגעקלאַפּט אין טיר פון איר לאָקאַטאָרקע, און פון דאָרט האָט זיך דער־הערט: „ביטע!״

פאַרשעמט, וואָס זי האָט אַזאַ קוויטש געטאָן, האָט זיך עווא פאַר־ענטפערט פאַרן זינגער. זי איז געווען פאַרחידושט אַף זיך, וואָס זי האָט זיך פלוצלונג אַזוי פאַרשעמט פאַר אַ מאַנספּאַרשוין. האָט זי צוריק אַראָפּ־געררוקט אַביסל די קאָלדערע. אָבער איר איז געווען קשה, וואָס דער זינגער איז פלוצים היינט — נאָך אַזוי לאַנג — געקומען צו איר, און אַזוי פרי. זי האָט געזען אין זיין פּנים, אַז עפּעס איז מיט אים און געקוקט אַף אים מיט אירע מאָדנע אויגן. זי האָט אים שוין געוואָלט זאָגן, אַז ער זעט היינט אויס אין גאַנצן אַנדערש, און טרעפן וואָס מיט אים איז. אָבער דאָס איז איר אויס־געקומען נאַריש, אויסגעדראָשענע חכמה, און בעסער געשוויגן.

דער זינגער האָט דערפילט, אַז ער האָט שוין צו לאַנג — און עפּעס צו שטאַרק — זיך איינגעקוקט אין אירע דינע, בלאַסע אָרעמס אַפן קישן, וואָס זענען לויט זייער דינקייט געווען קינדעריש, לויט דער לענג מיידלעריש, און לויט דער הויט — פון אַן אַלטער פרוי. אירע אַקסלען זיינען געווען אויסגעדאַרט, שפּיציק און אַראָפּפאַלנדיק. ס׳איז אים געוואָרן מאָדנע. אָבער פאַרוואָס באַטראַכט ער אירע אָרעמס און די אַקסלען אַף אַזאַ אַרט. ווי ער וואָלט ניט געווען קיין מאַן, נאָר ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען אין עפּעס!... ער האָט זיך געטראָפן מיט אירס אַ בליק. אין אירע אויגן איז געווען אַזעלכעס, וואָס ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, און וואָס האָט אים אַזוי געצויגן... ער האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן איר אַף אַ שטול אין געשוויגן. מיט אַמאָל האָט אויפגעבליצט פאַר אים די שול מיט די אַרויס־געטריבענע יידן. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם מיידל, וועלכע איז דאַמאָלט געשטאַנען אין ווינקל באַם אָרון־קודש. די אַלטע פרוי האָט אים געזאָגט: „איר זעט דאָס מיידל? — זי איז אַ געשענדעטע, זעלנער האָבן זי מאַנס געווען!״

אָפן טיש איז געלעגן אַן אָפן בוך. ער האָט עס גענומען און אַרײַנגעקוקט דערינען. דאַבײַ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זי וויל זיך אפשר אָנטאָן, און זי געפרעגט: „זאָל איך אַרויסגיין?״

זי האָט געלאַכט פון זײַן צניעות און געזאָגט: „בלײַבט!״ און ווײַטער געלאַכט נאָר די קאַלטקייט פון איר לענגלעך פּאַרגליווערט און בלאַס פּנים, די אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־ביינער, ווי זי וואָלט תּמיד געהאַלטן צוזאַמען־געביסן די ציין, און די ביטערקייט פון איר פאַרשטומט, לײַדנשאַפטלעך מויל — דאָס אַלץ האָט דאָס לאַכן פאַרוואַנדלט אין דערשיטערונג. מיט דער גרעסטער גלײַכגילטיקייט איז זי אַרויסגעגאַנגען פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן.

דער זינגער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם. ס׳איז אים אָבער אויס־געקומען נאַריש צו שעמען זיך: דאָך האָט ער זיך געדרייט הין און צוריק איבערן צימער, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַר־רוקן די פאָרהאַנגען. נאָך אומאַנגענעמער איז אים געווען, ווען זײַנס אַ בליק האָט צופעליק דערזען אירע בריסטן אונטערן דינינקן העמד. ער האָט נישט ווילנדיק אַ אַ זיפץ געטאָן.

ווואָ האָט אַ קוק געטאָן אָפן גאַסט און שטום אים געפרעגט, וואָס דער זיפץ באַדײַט. זי האָט זיך אָנגעטאָן און געזונגען:

עס קומט צו פליען די גאָלדענע פּאַווע פון אַ פרעמדן לאַנד,
פון אַ פרעמדן לאַנד;
האָט זי פאַרלוירן די גאָלדענע פעדער
מיט אַ גרויסן שאַנד!

דער זינגער איז געוואָרן שרעקלעך נערוועז.

אין שטוב איז געווען אַן אומאָרדענונג. פון ניט צוגעבעטן בעט האָט זיך געטראָגן דער ריח פון גוף, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך געוואַרעמט אונטערן איבערבעט.

ווואָ האָט געענדיקט דאָס ליד:
ווי ס׳איז ביטער, מײַן ליבע מוטער,
אַ פויגעלע אָן אַ נעסט,
אַ פויגעלע אָן אַ נעסט;
אַזוי איז ביטער, מײַן ליבע מוטער!

זי האָט געפרעגט דעם גאַסט:

„איר האָט דאָך אַוודאי נאָך ניט געגעסן קיין אָנבייסן?"

דער זינגער האָט זי געוואָלט פרעגן, אויב זי איז אין זיבעצענטן יאָר געווען אין רוסלאַנד אין אַ שול צווישן אַרויסגעטריבענע יידן; אָבער ער האָט זיך באַהערשט און גענומען רעדן מיט איר וועגן די פּאָגראָמען אין אוקריינע און אין פּוילן.

אָף אַ רגע זיינען אירע אויגן גרעסער געוואָרן. דאַן האָט זי געקוקט אַ גלייכגילטיקע.

ער האָט זיך געצוואונגען צו לאַכן: — איר ווייסט, איך רוף אייך „די ליטוועטשקע" ווען איך טראַכט וועגן אייך...

ער האָט דערפילט, אַז ער איז אַראָפּ פון וועג און דערזען, אַז עוואַ איז געוואָרן פּריילעכער, ווי פאַר עטלעכע וואָכן, ווען ער האָט מיט איר אַביסל געשטיפט. ער האָט פאַרקירעוועט צוריק, איז ווידער געוואָרן ערנסט, און זי געפרעגט:

פון פּוילן זייט איר אַוועק קיין רוסלאַנד, ווען די דייטשן האָבן שוין געהאַט איינגענומען וואַרשע?"

איר בליק האָט עקשנותדיק געביסן די שפּיצן פון אירע קליינע שיכלעך. זי האָט געוואָלט צוגיין צום פענצטער עס עפענען, אַז די שטוב זאָל זיך אַביסל אויסלופטערן, אָבער זי איז געבליבן זיצן.

אין דרויסן איז געווען שיין. דער לויטערער הימל האָט מבשר געווען דעם פרילינג. עוואַ האָט געצופּט דאָס טישטוך: „דער פּאָגראָם,...די מלחמה... דער בירגער קריג..." איר בלאַס, בלוטלאָז פּנים, האָט באַקומען רויטע פלעקן. איר דאַרער הויכער האַלדז איז געוואָרן ווי נאָך דאַרער און לענגער. זי האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ציין, אַז די שטאַרק אַרויס־סטאַרטשנדיקע באַקנביינער האָבן אַזש געצוקט. דער גאַרגל האָט זיך אַ הויב געטאָן אַרויף און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלינגען אַביסל שפּייעכץ. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צום זינגער ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרמעסטן מיט אים, און מיט אויפגעהויבענעם רעכטן אַקסל און קאַלטע פּייערלעך אין די אויגן, אים געפרעגט:

„איר מיינט, אַז שרעקלעכערס ווי פאַרגוואַלטיקט ווערן איז פאַר אַ פרוי שוין גאָר נישטאָ?"

ער איז בלאַס געוואָרן און זי שטום אָנגעקוקט.

זי האָט געמאַכט נאָך אַ האַלבן טריט צו אים און מיט נאָך דראָענדיקערע, בלישטשנדיקע אויגן אים אַריינגעקוקט אין פּנים:

„די ליבעריי אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און דערנאָך — איז פאַר דער פרוי אַ סך ערגער און דערנידעריקנדיקער, ווי דאָס מְאַנס זיין! נאָכן פאַרגוואַלדיקט ווערן פילט זיך די פרוי נישט אַזוי געשענדעט, ווי נאָך דער ליבעריי!

איבעראַשט און דערשטוינט האָט ער זי געפרעגט:

„וואָס מיינט איר?"

זי איז צוריק אַוועקגעגאַנגען פון אים. זי האָט ווייטער גערעדט, נאָר שוין אָן כּעס: „נאָכן פאַרגוואַלדיקט ווערן בלייבט מען נישט איבער אַזוי אויסגעהוילט, מיט אַזוי פיל וואונדן אין האַרץ, ווי נאָך די ליבעס מיט חברים. נאָכן געשענדעט ווערן ווייסט מען: דאָס איז געווען אַ ווייסער גוואַרדייעץ, אַ כוליגאַן, אַ פּאָגראָמטשיק, אַ ווילדע חיה. נאָך די ליבערייען אָבער, דער־פילט די פרוי, אַז זי איז געווען אַ צויג, אַ סמעטניק פאַר פּאַמיעס. ניין, אַ פרוי איז דאָך ניט ווי דער מאַן. פאַר איר איז דאָס בלויזע בעט נאָר בושה. און אַזוי וועט זי שוין בלייבן; זי וועט תּמיד בענקען נאָך אַ געליבטן, וועלן האָבן מיט אים קינדער און זיין אַ מאַמע."

זי האָט זיך פאַרטראַכט און גערעדט צו זיך: „פרייע ליבע? . . .

אַ פּייניקנדיקע שטילקייט. דער זינגער איז געווען דערשיטערט. ער האָט מער נישט געקענט בלייבן און אויך נישט געקענט אַוועקגיין. עוואַ האָט דאָס געזען און איז צו אים צוגעגאַנגען. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע דינע, פאַרחלשטע אָרעמס, און אָנגעלעגט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט. אָבער באַלד האָט זי אים אָפּגעלאָזט און גענומען דערציילן פון פוילן. ווייל תּמיד, ווען ער איז צו איר געקומען, האָט ער געוואָלט אַז זי זאָל אים דער־ציילן פון זיין אַמאָליקער היים. שטאַרק מיטפילנדיק מיט דעם באַרימטן זינגער האָט זי געזאָגט:

„איר האָט גאַנץ גוט געטאָן, וואָס איר זייט פון רוסלאַנד געפאָרן קיין דייטשלאַנד און נישט קיין פוילן. איר וואָלט אייער היים אפילו נישט דער־קענט. דאָס לעבן פון די יידן דאָרט — איך ווייס נישט ווי אַזוי איך זאָל אייך דאָס זאָגן — ס'האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי שטשורעס אויף אַ

מושב, וואָס לויפֿן אַהין און אַהער, אַהין און אַהער, ווייסן נישט וואו זיך אַהינצוטאָן. בייסן זיך איינע די אַנדערע אָפּ די עקן פֿון הונגער, און באַגייען זעלבסטמאָרד.

מיכאיל זוויעזדאָוו האָט ווי אַ וואַנזיניקער אַ געשריי געטאָן:

„הערט אויף!״ ער איז אַרויסגעלאָפֿן.

נאָר אָף די שטיגן איז ער שטיין געבליבן. ר׳האָט נישט געוואוסט וואוהין ער זאָל איצט גיין. ר׳איז געווען אינגאַנצן פֿאַרלאָרן, הילפֿלאָז. אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אָרימער יתום וועלכער האָט נישט קיין היים און קען מער נישט לעבן אין דעם שווערן מצב אין וועלכן ער געפֿינט זיך. ער האָט אָף זיך אַליין רחמנות געהאַט. אָבער ער האָט זיך צוזאַמענגענומען און איז אַראָפּגעגאַנגען. ערשט אין דרויסן, אַז די פֿרישע און קילע ערב פֿרילינג לופֿט האָט אָף אים אַ ווייע געטאָן, אים דורכגענומען און געמונטערט, איז ער אַביסל געקומען צו זיך.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער דאַן געטראַכט וועגן עוואַן, וועגן זיין היים און די עלטערן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ליבט עוואַן און געקלערט, ווי אַזוי ער וואָלט געקענט נעמען אָף זיך אַלע אירע ליידן, אַלע אירע פּיינען, וועלכע זי האָט געליטן, אויסקושן אַלע אירע וואונדן, באַשאַפֿן פֿאַר איר אַ נייע וועלט, אַז זי זאָל זיין גליקלעך, ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז צו איר געקומען, אַז זי האָט אַזוי אַרויפֿגעלייגט אירע הענט אָף זיינע אַקסלען און אָנגעלעגט איר קאָפּ אָף זיין ברוסט. ער האָט איצט געבערענט פֿון פֿאַרלאַנג זי אַרומצונעמען. ס׳איז אים אָבער אויסגעקומען נישט פּאַסיק, גלייך ווידער אַהינגיין צון איר, און באַשלאָסן זיך צו טרעפֿן מיט איר אין קאַפֿע, וואו זי קומט כמעט יעדע נאַכט. זי האָט אים עטלעכע מאָל מיט־גערופֿן, אָבער ער האָט ניט ליב געהאַט צו קומען אין קאַפֿעס, באַזונדערס דאָרט, וואו עס קומען קינסטלער.

די פֿליגל־טיר רוט נישט איין רגע. מענטשן גייען אַריין און אַרויס. באַ די קיילעכדיקע מאַרמאָר־טישלעך זיצן מענטשן, טרינקען קאַווע, רעדן, שמועסן און לאַכן. ס׳מאַכט דעם איינדרוק ווי אַלע וואָלטן געווען איין גרויסע משפּחה. די מענטשן זעען אויס צופֿרידן, כמעט גליקלעך, די קעלנער, אין ווייסע פֿאַרטיכער און מיט ווייסע סערוועטן אונטער די

אָרעמס, איילן הין און צוריק. די לופט איז געמישט פון רויך, קאַווע און פוידער.

דער זינגער איז אַרײַנגעקומען. ער זוכט מיט די אויגן עוואַן. זי אָבער האָט אים גלייך דערבליקט און רופט אים. פון פרייד — אים דערזעענדיק — איז זי אויפגעשפּרונגען און אויסגעגאָסן די קאַווע, וועלכע איז פאַר איר געשטאַנען אַפן טישל. זי זיצט אויבנאַן באַ אַ וואַנט מיט אַ גרויסן שפּיגל. באַם זעלבן טישל זיצט אַ מרה־שחורהניק און גאַפּיעט אַרײַן אין זיך. ער האָט שוין אַפילו עטלעכע מאָל געפּרואווט אָנהויבן אַ שמועס מיט עוואַ, געגלאָצט אַף איר מיט זײַנע האַלב אידיאָטישע אויגן; אָבער זי האָט אים געענטפערט בלויז מיט אײַנציקע ווערטער. לעבן איר זײַנען געלעגן אַ פּאָר צײַטונגען און זשורנאַלן.

ווען דער זינגער איז צוגעקומען צום טישל און זיך אַנידערגעזעצט לעבן עוואַן, איז דער פאַרשוין פאַרשוואונדן. באַלד איז צוגעקומען דער קעלנער. ער האָט זיך פאַרנויגט פאַרן נײַעם גאַסט מיט אַ באַזונדער־העפלעכן „גוטען אָבענד," און וועלכן ס'איז געווען אי דרך־ארץ, אי באַהאַלטענער ביטול, ווי צו אַלע געסט, וועלכע קומען אַהין בלויז זיצן און אַ סך רעדן. לויטער קבצנים! אַף אַ סך מוז מען גאָר אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן באַצאָלן באַם אַוועקגיין, פאַר דעם וואָס זיי האָבן גענומען. צו עוואַ — די קליינע און אויסגעדאַרטע, מיט מאָדנע אויגן — האָט דער קעלנער זיך באַצויגן אַנדערש. זי זיצט תמיד באַם זעלבן טיש און ער ווייסט שוין וואָס איר צו ברענגען: אַ שוואַרצע קאַווע און צען פּאַפּיראָסן. באַם באַצאָלן גיט זי אים תמיד עקסטרע טרינק־געלט און שמועסט מיט אים קלוג און מענטשלעך. זי גייט נאָר אַביסל צו אָרעם אָנגעטאָן. אַן אָרעמע קינסטלערין. צוליב איר קומט ער תמיד צו אַן אַנדער מיינונג וועגן די קינסטלער: אַז זיי זענען טאַקע קבצנים און מאָדנע, אָבער גוטע מענטשן. מיט פלייס, און צו־פרידן וואָס ער קאָן פאַר דער דאָזיקער אָרימער קינסטלערין טאָן עפּעס באַזונדערס, ווישט ער אָפּ דאָס טישל און ברענגט וואָס זי באַשטעלט פאַרן נײַעם גאַסט.

עוואַ האָט דערקענט אינעם זינגערס פּנים, אַז ער האָט אַ סך געליטן אין דעם טאָג און אַ סך געדענקט וועגן איר. זי זעט, אַז ער שטייט פאַר עפּעס אַן אַנטשיידונג דאָס האָט זי שוין אינדערפרי געזען. אפשר איז ער דעריבער באַ

איר אַזוי לאַנג נישט געווען און היינט געקומען אַזוי פרי? זי מוז איצט זיין זייער פאַרזיכטיק מיט יעדן וואָרט וואָס זי וועט מיט אים רעדן. זי האָט אים נישט באַדאַרפט דערציילן פון פוילן. אָבער זיך איצט פאַרענטפערן פאַר אים טויג נישט. אים דערציילן, אַז זי האָט אַ גאַנצן טאָג וועגן אים געטראַכט, טויג אויך נישט. זי וועט מיט אים רעדן וועגן זיין שפּילן אין „פידעליאָ״ און אים גלייך געפרעגט: „פאַרוואָס זענט איר אין „פידעליאָ״ אויפגעטראָטן בלויז נאָר צוויי מאָל און נישט מער?״

ער איז געוואָרן אומרואיק און נערוועז און אַ סך מאָל געטאָן מיט אַ האַנט, אַז זי זאָל מיט אים נישט רעדן וועגן דעם.

אָבער זי האָט אים געבעטן: „פאַרוואָס?״

ער האָט נישט געענטפערט.

דערפילענדיק אַף זיך אַ סך בליקן, האָט ער זיך אומגעקוקט. מ׳האָט זיך געגריסט צו אים, אָבער ער האָט נישט געוואוסט: צו אים, אָדער צו איר. טייל זיינען אים אויסגעקומען באַקאַנט. מ׳האָט זייטיק געכאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אַף אים, ווייטער געזופּט די קאַווע, געערויכערט, געלאַכט און געפּלוידערט. דאָך האָבן די מיינסטע זיך געלאַנגווייליקט. דער זינגער האָט זיך געפילט פרעמד. ס׳איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט ווידער פאַר־בלאָנדזשעט אַף אַ שוואַרצער בערזע, נאָר אַף אַן אַנדערער, מיט אַנדערע ספּעקולאַנטן. ער האָט געקוקט אַף די געמאַליעוועטע פּנימער פון די פרויען: די ליפּן — ווי רויטע פּאַסיקלעך פּאַפּיר, די אויגן — ווי זיי וואָלטן געווען אונטערגעהאַקט, די נעז — בלוי, ליליאַ, און די באַקן — ווייס, ווי אָפּגעקאַלעכט, אָדער ברוין געבייצט. און די מענער — אַ סך זעען אויס ווי גנבים, ווי פרויען־הענדלער שווינדלער, בעזיניקעס מיט כיטרע פּנימער, ציניקער. דאָס זענען קינסטלער, דיכטער.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ פאַרשוין אין אַ ברייטן געקעסטעלטן פּאַלטאָ, צעקנעפּלט, די פּאָלעס צושפּרייט, אין אַ ברייטן קינסטלער־קאַפּעלוש, מיט אַ שערלאָק־האָלמיש פּיפּקעלע אין מויל און מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. ער גייט זיך ברייט מיט צושפּרייטע פיס, דעם קאָפּ פאַריסן. פון ביידע זייטן גייען לעבן אים צוויי שלאַנקע, הויכע, אויסגעדאַרטע מיידלעך. ווי אַ מאַהאַראַדזשאַ, רופט ער איינעם. יענער האָט אַ מאָנאָקל אין איין אויג און זעט אויס ווי אַן ענגלישער לאָרד. „סערוואוס!״ דער מאַהאַראַדזשאַ שטרעקט

אויס דעם לאָרד אַ לאַנגע, פעטע, באַהאָרטע האַנט. מיט אַ באַלע־גאַלעריש קול, יעדער זאָל הערן, פרעגט ער: „וואָס הערט זיך, הערמאַן? האָסט באַקומען די פינף־טויזנט דאָלער? איך האָב היינט פאַרקויפט אַ בילד פאַר צען טויזנט! אין אויסלענדישער וואַליוטע! פון איצט אָן מאָל איך נאָר אָריענטאַלישע פרויען! דאָס זיינען מיינע צוויי מאָדעלן! פאַרדאָן! מיינע צוויי פריינדינס!" ער האָט געזען — כאָטש ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער קוקט צו קיינעם נישט — ווי כמעט אַלע אין קאַפע לאַכן פון אים און מאַכן זיך נישט הערנדיק וואָס ער זאָגט; האָט ער נאָך העכער געשריגן: „העי, קעלנער! פלאַץ פאַר פיער מענשן און צוויי פלאַשן ווייַן!"

צו עוואַן האָבן זיך צוגעשאַרט צוויי פריינדינס און זי געפרעגט עצות: „בײַ יענעם טיש, עוואַ, זיצט אַן אַמעריקאַנער רעדאַקטאָר; ער צאָלט צוואַנציק דאָלער פאַר אַ ליד, אָדער פאַר אַ דערציילונג. זאָל איך צו אים צוגיין? בײַ אַנדערע, וואָס האָבן קיין פיצל טאַלאַנט נישט, האָט ער גענומען זאַכן און זיי גלייך באַצאָלט!" זיי האָבן געמאַכט פאַרשידענע חנדלעך און געוואָרפן אייגעלעך אַף דעם באַרימטן רוסישן זינגער. זיי זיינען געווען בייז אַף זייער חברטע, פאַרוואָס זי שטעלט זיי אים נישט פאָר. ס'זיינען צוגעקומען קאָלעגן צום זינגער און געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. איינער האָט געזאָגט: „אַ קינסטלערין איז יאָהאַנאַ זוזאַ נישט!" אַ צווייטער: „מינשאָער דער טענאָר אין דער גרויסע אָפּערע, זינגט ווי דורך אַ ליעקע".

עוואַ האָט באַמערקט ווי אומגעדולדיק און נערוועז איר פריינט איז און צוגערופן דעם קעלנער צו באַצאָלן.ביידע זיינען אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זי אָפּגעפירט אַ היים. באַם געזעגענען האָט זי ווידער אַרויסגעשטרעקט צו אים אירע דינע פאַרחלשטע אָרעמס, זיי געלאָזט אַף זיינע אַקסלען, און אַנגעלעגט דעם קאָפּ אַף זיין ברוסט.

אַפן וועג צו זיך אַ היים האָט זוויעזדאָוו נישט אויפגעהערט צו טראַכטן: „וויפל האָט זי איבערגעלעבט!" אָבער די אַלע געפילן צו איר, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג אים באַהערשט, זיינען איצט געווען אויסגעלאָשן. דעם אַנדערן טאָג איז ער אַהינגעפאָרן צו ר' מרדכין. חוץ צו ביילען, האָט עס אים געצויגן אין יענער אָרעמער געגנט, ווי די מאַגנעטישע נאָדל אינעם קאָמפּאַס ציטערט תמיד צו איין זייט . . .

גייענדיק דורך די אָרימע גאַסן פונעם גאָרדן אין בערלין, האָט ער איצט

געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר מ׳זאָל אים אויפ־שניידן אַ מכה...

נח

באַם טישל זיינען געזעסן פיר מיידלעך און געמאַכט די לעקציעס. נח׳ל — דאָס מיזיניקל — האָט בלויז באַקוקט די פערדלעך און די אַנדערע שיינע זאַכן אין אַ ביכל. די קינדער האָבן זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצולאַכן. זיי האָבן באַהאַלטן די קעפּלעך אונטערן טיש. זיך צו־געהאַלטן מיט די הענט די מיילער, נישט צולאַכן; אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן: זיי האָבן זיך געשטיקט פון קיכן. בגנבה האָט אַלעמאָל אַן אַנדער קינד געכאַפּט אַ בליק אַפן אַריינגעקומענעם און אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. און אַז איינס האָט אָנגעהויבן לאַכן — האָבן אַלע הויך געלאַכט, ביז חנה, דער מזיק, מיט די אַרומגעשוירענע געדיכטע שוואַרצע האָר און פייערדיקע אויגן, האָט גענומען זאָגן מוסר און אָנשרייען אַף אירע אינגערע שוועסטער. זי האָט געוואוסט אַז דער גרויסער זינגער קומט צוביילען, און איז געגאַנגען זי אַריינרופן. זי האָט פאַר דעם באַרימטן אַרטיסט געהאַט גרויס דרך־ארץ, און אויך געפילט אַ ליבשאַפט צו אים, ווייל ער איז אַזוי שיין און וועט זיין איר שוואָגער. זי האָט דאָס געוואוסט און געווען שטאָלץ דערויף.

די קינדער — אַז די גרעסערע שוועסטער איז אַרויסגעגאַנגען — זיינען געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. ס׳האָט זיך זיי נאָך אַלץ געגלוסט צו לאַכן, אָבער זיי האָבן זיך איצט שוין איינגעהאַלטן. דער זינגער איז צו זיי צו־געגאַנגען, געפּרואווט ווערן היימיש מיט דער קליינער חברה. זיי זיינען אָבער געווען פאַרזיכטיק, כאָטש זיי האָבן דעם מענטש שוין עטלעכע מאָל געזען. נאָר פאַמעלעך האָבן זיי באַקומען צוטרוי צו אים. ווי קליינע חיהלעך האָט איינס ס׳אַנדערע צוערשט אָנגעקוקט און געפרעגט מיטן בליק: „זיין מיט אים נאָענט?...״ דער זינגער האָט זיי געגלעט איבער די קעפּלעך און געפרעגט: „וואָס טוט איר, קינדער?״

די קינדער האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט, וואָס האָט געהייסן „ווער פון אונדז זאָל ענטפערן?״...

די זיבן־יעריקע לאה האָט זיך אָנגערופן: „מיר — מיין שוועסטער דבורה מיין שוועסטער הדסה, איך און מיין שוועסטער חנה וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען — מאַכן די לעקציעס. ער, אונדזער קלענסטער ברודער — ער הייסט נח — קוקט בלויז צו, ווי מיר שרייבן. ער גייט נאָך נישט אין שולע."

דער קליינער, מיט אַ צוגעוואַקסן צינגל, האָט זיך געשטאַרקט אַליין צו רעדן פאַר זיך: „בין נאָך ניט אַלט זעקס יאָר. אַז ס'וועט זיין פסח, נאָך אַמאָל פסח, וועלעך גיין אין סולע, אין דער יידיסער סולע".

די צען־יעריקע הדסה האָט פאַרענטפערט איר ברודערל: „ער רעדט נאָך מיט אַ סאַמעך, ר'קאָן נישט אַרויסזאָגן קיין שין".

דער קליינער האָט פּראָטעסטירט: „כטען בעסער ריידן פון דיר"!

דער זינגער האָט דעם קליינעם נח'ל גענומען אַף אַ קני און געגלעט זיין גלאַטיק אָפּגעשוירן קעפּל, די פּאַהלעך און זיך געחידושט, וואָס מ'האָט בײַ די אויערן פון קינד איבערגעלאָזט אַזויפיל האָר. ער האָט אַפילו זיך עפּעס דערמאָנט וועגן פּאות, אָבער נישט גאַנץ קלאָר. צערטלעך האָט ער געגלעט די ווייכע, סאַמעטענע בעקלעך און געפרעגט דאָס קינד: „ווי הייסטו?"

אַלע דריי שוועסטערלעך האָבן זיך אָנגערופן: „ער הייסט נח!"

דער זינגער האָט נאָכגעזאָגט: „נח. דו הייסט נח".

די קינדער האָט עס ווידער געקיצלט צו לאַכן, וועגן דעם ווי אַזוי דער דאָזיקער טעאַטער־שפּילער רעדט; אָבער זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן. בלויז די זיבן יעריקע לאה האָט אַרויסגעלאַכט.

„לאַכט, קינדער! לאַכט! אָט אַזוי!"

האָט דער זינגער געמונטערט די קליינע חברה.

חנה איז צוריקגעקומען מיטביילען.

דערהערנדיק אַף דער שוועל דאָס קינדערישע לאַכן, האָט ביילעס ברייט און אָפן פּנים, מיט די פאַרשאַרצטע פולע ליפּן, זיך צעשיינט מיט דער גאַנצער בנעימותדיקייט אירער, די קינדער האָבן זיך איצט דערפילט באַפרייט — כאָטש זיי זיינען מיטן „אָנקל" שוין היימיש געוואָרן — און דאָס איינגעהאַלטענע געלעכטער פון דער גאַנצער צייט האָט מיט איינמאָל אַרויסגעפּלאַצט פון זיי. זיי זיינען צוגעלאָפן צו דער גרויסער שוועסטער, זי אַרומגערינגלט, און אַריינגעלאַכט אין איר.

ביילע האָט זיי געפרעגט: „וואָס שעמט איר אייך, קינדער? לאַכט, אַז איר ווילט לאַכן".

דער זינגער האָט געשמייכלט אומבאַהאָלפן און פאַרשעמט, ווי ער וואָלט געווען דער קליינער נח׳ל און קאָן נישט זאָגן שולע, נאָר סולע. ער האָט פאַרגעסן ביילען צו געבן די האַנט. ערשט ווען זי איז צו אים צו־געקומען און אים אויסגעשטרעקט איר האַנט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זי נאָך נישט באַגריסט. זי האָט אים געבעטן זיצן און געפרעגט די קינדער, אויב זיי האָבן שוין געמאַכט זייערע לעקציעס. זעענדיק באַם אַריינ־קומען, ווי דער באַרימטער זינגער שפּילט זיך מיט די קינדער, האָט זי זיך שטאַרק געפרייט, באַ איר איז תמיד אויסגעקומען, ווי מען וואָלט זי ליב געהאַט, ווען מ׳האָט ליב די קינדער.

די קינדער האָבן נישט דרייסט געמאַנט עסן באַ איר.

„גלייך, גלייך", — האָט זי זיי באַרואיקט און זיך אַראָפּגעזעצט טשיפּקע צו נחלען: „און דיך הונגערט אויך?" — זי האָט אים געדריקט צו זיך און געקושט.

„מיך הונגערט ניט!" — איז דער קליינער רויט געוואָרן.

זי האָט אים נאָך שטאַרקער געקושט.

דער זינגער האָט געקוקט אַף ביילען, ווי זי האַלט אַרום נחלען, אַף די אַנדערע קינדער, און געזוכט באַ זיך נאַשוואַרג פאַר דער קליינער חברה. אָבער ער האָט אין די קעשענעס גאָרנישט געפונען, און זיך ווידער געמאַכט פאַרוואורף, פאַרוואָס ער פאַרגעסט תמיד די קינדער עפּעס מיטצוברענגען. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ באַנקנאָט פון אַ וועסטל־קעשענעלע און געפרעגט: „ווער וויל גיין קויפן שאָקאָלאַדע?"

ביילע האָט געלאַכט ווי אַ קינד: „אַזוי פיל אַף שאָקאָלאַדע?..." זי האָט צוגערופן חנהן: „ברענג אַ טאָוועלע שאָקאָלאַדע!"

דער זינגער האָט זיך געבעטן: „פאַרן גאַנצן געלט!"

„ניין, בלויז איין טאָוועלע!" האָט ביילע נאָכגערופן חנהן און געפרייט זיך איבער דער גרויסער קינדישקייט פון דעם זינגער.

דער גרויסער אַרטיסט האָט ווידער גענומען דעם קליינעם נח׳ל אַף אַ קני. אַף דער צווייטער קני האָט ער אַוועקגעזעצט לאהען, און דבורהן און הדסהן האָט ער אַריינגענומען אין מיטן. ער האָט גענומען לערנען מיט די

קינדער ביבל. „נח האָט געמאַכט אַ תּיבה... דבורה איז געווען אַ פּראָפעטין... לאה האָט געהאַט אַ שוועסטער רחל...״

חנה איז צוריקגעקומען מיט שאָקאָלאַדע און אַ פולע האַנט קליינגעלט. זי האָט אַלץ אַנידערגעלייגט אױפן טיש. דעם זינגער האָט זי איצט אַ סך ליבער געקראָגן. נישט פאַר דער שאָקאָלאַדע, נאָר ווי אַזוי ער האָט אַרויסגענומען דאָס געלט פון דער וועסטל־קעשענע און עס געגעבן. אירע אויגן האָבן געקוקט פאַרליבט אױף דעם שיינעם מאַן און באַרימטן אַרטיסט. זי איז געווען אײפערזיכטיק: „אַלע שטייען לעבן אים... לאה זיצט אױף זיין קני און איך״... זי האָט זיך געטרייסט: „איך בין שוין גרויס״...

„און דו הייסט חנה?״ האָט ער זי צוגערופן.

ביילע האָט געזאָגט די קינדער „איך גיי אין קיך מאַכן פאַר אייך עסן!״

„ניין, איך גיי!״ האָט חנה פאַרשטעלט ביילען דעם וועג. „איך גיי!״ און זי איז אַרויסגעלאָפן. אין דער טיר האָט זי גערופן: „קומט קינדער! מירן עסן אין קיך!

נאָר ביילע האָט די קינדער נישט געלאָזט גיין. „ברענג דאָ אַריין דאָס עסן, חנה!״ זי האָט פאַרן זינגער גערימט איר שוועסטער: „אַ ווילע מוידן!״ די קינדער האָבן זיך וועגן עפּעס געקריגט. זי האָט זיך אַריינגעמישט „דאָס איז נישט שיין, קינדער! קינדער דאַרפן זיך תּמיד ליב האָבן! ווייסט איר פאַר וואָס? ווייל בלויז נאַראָנים קריגן זיך! אָט לאָמיר וועגן דעם פרעגן דעם הער!״

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און חנה איז צוריק אַריינגעקומען מיט אַ טעלער פעניצן ברויט, אַנגעשמירט מיט מאַרמעלאַדע.

די פריילעכקייט פון קינדערשן עסן, קייען, רעדן און לאַכן, האָט אָנגע־פילט די שטוב מיט רוישיק לעבן. ביילע האָט געקוואָלט פון נחת. זי האָט דעם זינגער מכבד געווען מיט ברויט און אַליין אויך געגעסן. דערנאָך האָט זי צעטיילט די שאָקאָלאַדע און געגעבן אַ שטיקל דעם זינגער. חנה איז אַ פלי געטאָן צום זינגער און אים אַריינגעפּאַקט איר שאָקאָלאַדע אין מויל. די אַנדערע קינדער האָבן דאָס נאָכגעטאָן: זיי האָבן זיך געריסן אױפן זינגער, אים געצויגן אַראָפּ און אים געשטופּט זייער שאָקאָלאַדע אין מויל אַריין. ער האָט זיי אַלע אַרומגענומען און אויפגעהויבן גאַנץ הויך. ביילע איז געווען איבער גליקלעך.

אַלץ אויפגעגעסן, אויפגענאַשט — האָבן די קינדער אוועקגעלייגט זייערע ביכלעך און די העפטן. און מיט אַ פריילעך געפילדער זיך אַרויס־געלאָזט אין דרויסן. די שטוב איז געבליבן כמעט ליידיק, אָן לעבן, כאָטש צוויי מענטשן זענען איבערגעבליבן.

אין דער שטילקייט האָט דער זינגער אָנגעהויבן ווערן נערוועז, ווי ער וואָלט געוואַרט, אַז איצט וועט אַריינקומען דער דאָקטער און אים אויפ־שניידן די מכה... ער האָט געקוקט אויףביילען מיט בעטנדיקע אויגן... נאָר זי איז אַלץ געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם גערויש פון די קינדער, אין דער ראָלע פון געבן זיי עסן — זיין אַ מאַמע. זי האָט דעם זינגער געענטפערט מיט אַ צערטלעכן בליק. אָבער זי האָט זיך עפּעס פאַר־שעמט דערביי האָט זי גענומען דעם רעשט פונעם געלט און עס געשטופּט דעם זינגער אין האַנט אַריין.

ער האָט זיך געבעטן: „פאַר די קינדער אַף שאָקאָלאַדע.״

ביילע איז אַלע מאָל מער צעטומלט געוואָרן און אים אַריינגעלייגט דאָס געלט אין אַ קעשענע פון דער מאַרינאַרקע. דערנאָך האָט זי אים געפרעגט: „פאַרוואָס זענט איר אַזוי לאַנג נישט געקומען? דער טאַטע האָט מיך עטלעכע מאָל געפרעגט אַף אייך. ער האָט זיך צו אייך שוין צוגעוואוינט. נאָך יענעם מאָל, ווען איר האָט דאָ געזונגען האָט ער אייך ליב געקראָגן. ער האָט געזאָגט, אַז די ניגונים זיינען אים אויסגעקומען באַקענט, ווי זיי וואָלטן געווען חסידישע זמירות, אָדער שטיקלעך פון גרויסע חזנים.״

דער זינגער האָט ביילען געקוקט אין מויל אַריין, ווי ער וואָלט זיך אַלע מאָל אין עפּעס מער דערמאָנט... אָבער דאָס, וואָס איר פאָטער האָט אים ליב געקראָגן, איז פאַר אים געווען אַ פרייד.

„פאַרוואָס זייט איר אַזוי צערודערט?״ האָט זי ווידער געפרעגט דעם גאַסט און גלייך חרטה געהאַט אַף דער דאָזיקער פראַגע: ווי קומט זי, אַ פרעמדן מענטש — דערצו נאָך אַזאַ באַרימטן — אַזעלכעס צו פרעגן?? אָבער דער טאַטע האָט איר געזאָגט, אַז מיט דעם מענטשן איז אינעם לעבן אַוודאי עפּעס זייער שווערס געשען. און זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָס דער טאַטע זאָגט, איז תמיד אמת.

דער זינגער האָט דערזען אַף אַ פּאָליצע שעקספּירס ווערק, ער האָט

אַראָפּגענומען אַ בוך און געפרעגט ביילען, אויב די ביכער זיינען אירע, און ווי עס געפעלט איר שעקספּיר

זי איז געוואָרן אַביסל צעטומלט און געענטפערט: „די אַלע ביכער זיינען מיין ברודערס, ער לייענט זייער אַ סך.״ אָבער איך לייען כמעט גאָרנישט. כ׳האָב שוין עטלעכע מאָל געפּרוּווט לייענען זייערע ביכער אָבער זיי האָבן מיך ניט אינטערעסירט. איך פאַרשטיי זיי נישט. אין דער גרויסער שראַנק שטייען דעם טאַטנס ספרים. ער לייענט מיר טיילמאָל פאַר חסידישע מעשיות. איינע, זייער אַ שיינע מעשה — פון אַ קעניגן און אַ דינסט — האָט ער מיר נעכטן פאַרגעלייענט. ס׳איז אַ געשיכטע, ווי אַ קעניגן און אַ דינסט האָבן געבאָרן צוויי אינגלעך און די הייב־אַם האָט פאַרטוישט די קינדער. דער פאַלשער פּרינץ איז זיך געוואַקסן אין קעניגלעכן שלאָס, אָבער ער איז תּמיד געווען טרויעריק. ווען ער איז גרעסער געוואָרן און אַרויסגעריטן אַפן פערד, האָט ער שטענדיק צעטראָטן די פעלדער פון אַן אָרעמען קנעכט, וועלכער איז געווען זיין פאָטער. דער אמתר פּרינץ, ווידער, איז אויסגעוואַקסן באַ דער אָרימער דינסט״.

זי האָט דעם זינגער דערציילט די גאַנצע מעשה. אַן אויפגעהייטערטע, האָט זי אים דערנאָך געזאָגט: „זי איז פון אַ גרויסן רבין. ער האָט נאָך אַנדערע מעשיות, איינע פון זיבן בעטלערס, וואָס איז נאָך אַ סך שענער פון די מעשיות וועגן בעל־שם, דער טאַטע פאַרטייטשט מיר דעם מדרש, איצט לייען איך אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער, עס הייסט „טביה דער מילכיקער״. דאָס איז אַ שיינע זאַך. נאָר אַמשענסטן איז דאָך דער חומש און אויך״... זי איז פּלוצים רויט געוואָרן און זיך געשעמט צו זאָגן וואָס זי האָט געוואָלט. אָבער זי האָט עס דאָך געזאָגט: „די מעשיות וואָס די קינדער דערציילן...״

ווי ער וואָלט געלייענט, אָדער געהערט די שענסטע פּאָעזיע, איז פאַר אים געווען דאָס, וואָס ביילע דערציילט. ער האָט ווייטער געפאָרשט: „און די דאָזיקע דראַמע „ראָמעאָ און יוליאַ״ — און דעם בוך — האָט איר געלייענט?״

„יאָ, אָבער זי איז מיר נישט געפעלן. זאַכן וועגן ליבע געפעלן מיר שוין גאָרנישט!״

„און ווי איז אייך געפעלן די אָפּערע, צו וועלכער איר זענט געווען?״

„די ערשטע! אין וועלכער איר האָט געהייסן גורנעמאַנץ, איז מיר נישט

געפעלן, און אויך אייער שפּילן איז מיר נישט געפעלן. די אַנדערע זאַך, אין וועלכער איר האָט געשפּילט פאַר אַ קרימינאַל וועכטער, איז מיר זייער געפעלן. אויך אייער שפּילן. אַמבעסטן איז מיר דאָרט געפעלן דאָס זינגען פון די קרימינאַלניקעס אַפן הויף, ווען זיי גייען שפּאַצירן און די זון שיינט. און ווייסט איר? — איר וואָלט אין יענעם שטיק געווען באַדאַרפט שפּילן דעם צוגעשמידטן צו דער וואַנט אין דער תפיסה. די ראָלע וואָלט אייך געפּאַסט... אָבער איך בין נישט קיין מבין, איך גיי בלויז אַ מאָל אין טעאַטער אַריין. יאָ און אַ דאַנק אייך פאַר די בילעטן!" דאַן איז זי פּלוצים אומרואיק געוואָרן: „דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען אין דער פרי און איז נאָך נישטאָ צוריק!"

דער זינגער האָט עפּעס דערפילט אַ פאַרצווייפלונג אין דעם הויז און געפרעגט ביילען: „ווי גייט עס דען? פאַרדינט אייער פאָטער שוין עפּעס? ער האָט דאָך געקויפט הייזער..."

זי האָט דעם זינגער אָנגעקוקט פאַרחידושט, וואָס ער פרעגט זי אַזעלכעס, און אַ שמייכל געטאָן: „וואָס פאַרשטייט ער וועגן דעם?"... אָבער זי האָט אים געענטפערט: „די הייזער... די אַלע יידן, וועלכע האָבן געהאַנדלט אַף דער בערזע, געקויפט הייזער — — זיינען היינט גרעסערע אָרעמעלייט, ווי זיי זיינען געווען פאַר דעם. וועגן אייערע עלטערן האָט דער טאַטע געקראָגן אַ בריוו פון פוילן. ער האָט געשריבן צו זיינעם אַ ברודער, וועלכער וואוינט נישט ווייט פון אייער שטעטל".

דעם זינגער איז פּלוצים געקומען אַפן געדאַנק, אַז זיין מוטער איז געשטאָרבן. און ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים אַ פאַרצווייפלטער געשריי: „וואָס מאַכט מיין מאַמע?"

ביילע האָט אים אָנגעכאַפּט באַ אַ האַנט, אָבער זי האָט אים ניט מער דערציילט, ווייל דער טאַטע האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל מיט דעם זינגער גאָרניט רעדן וועגן דעם בריוו, זי האָט דעם זינגער געהאַלטן באַ דער האַנט און געטרייסט: „עס וועט אַלץ זיין גוט"....

דער זינגער האָט זיך געריבן דעם שטערן און זיך געדריקט די דעקלעך פון די אויגן.

שרה פייגע האָט דורך דער טיר אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. דערזעענדיק דעם שפּילער פון טעאַטער און ביילען —ביידע אַזוי אומגליקלעך — האָט זי

זיך צוריקגעצויגן און אַפילו צוגעמאַכט די טיר. נאָר זי האָט גלייך ווידער געעפֿנט און געפֿרעגט די טאָכטער: „וואו זיינען די קינדער?״

אין דעם איז אַריינגעקומען ר׳ מרדכי.

די פֿרוי האָט אַנטקעגנגעטראָגן דעם מאַן אַ ברוגזע דערפֿרייטקייט: „וואו ביזטו געווען דעם גאַנצן טאָג? — האָסט דאָך היינט נאָך גאָרניט געגעסן?״

זי איז אַוועק אין קיך.

ר׳ מרדכי איז געווען שטאַרק דערשלאָגן. דערזעענדיק דעם זינגער האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אַ דערפֿרייטער אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

„ס׳קומט אייך שוין אַ שלום־עליכם... איך האָב געוואַרט אַף אייך יעדן טאָג, אַז מיר זאָלן ווייטער ריידן וועגן דעם, וואָס איר האָט געזאָגט. נאָר איצט וועט איר שוין אַוודאי גאָרניט געדענקען וועגן דעם גאַנצן שמועס פֿון דעמאָלט. נו, דערמאָנט אייך, וואו מיר זיינען שטיין געבליבן...״

דער זינגער האָט איצט געוואַרט אַף עפּעס אַנדערש: אַז ר׳ מרדכי זאָל אים זאָגן, וואָס מ׳האָט געשריבן וועגן זיינע עלטערן.

ר׳ מרדכי האָט צעשפּרייט און לאַכנדיק נערוועז, טריומפֿירט: „זעט איר! איר האָט שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן! אָבער איך וועל אייך איבערחזרן יעדעס וואָרט, וואָס איר האָט דעמאָלט געזאָגט. לויט אייער מיינונג איז אויסגעקומען, אַז די יידן קומען אַרויס פֿון די ערגסטע עבֿודה־זרה פֿעלקער. גוט, זאָל זיין אַז עס איז אמת. אָבער דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי איר וואָלט געזאָגט, אַז די אוילבירט־ביימער און די אַלע שענסטע און טייערסטע צמחים וואַקסן אַרויס פֿון דער ערד... אָדער ווי איר וואָלט געזאָגט, אַז די שענסטע פּאַלאַצן זיינען געמאַכט פֿון שטיינער און ליים״...

שרה פֿייגע האָט אַריינגעבראַכט עסן פֿאַרן מאַן.

נאָכן בענטשן — רייבנדיק זיך דערביי די גאַנצע צייט דעם הויכן שטערן און אַרויפֿרוקנדיק זיך אַלע מאָל העכער דאָס פֿאַרפּעצטע היטל מיטן אָפּגעריבענעם דאַשעק — איז ר׳ מרדכי אויפֿגעשטאַנען און געזאָגט צום גאַסט: „קומט, מירן אַריינגיין אין דער אַנדערער שטוב און מירן דאָרט רעדן״.

נט

דער פרילינג — פֿאַר אַסך אַ צייט פֿון לייכטזיניקייט און פֿאַר אַ טייל אַ דערהויבונג פֿון זייערע נשמות — איז ווידער געקומען.

דער זינגער האָט פֿאַר זיך און פֿאַר זיין קאָלעגין טערעזאַ טיפּענזע גענומען צוויי באַן־בילעטן פּערטע קלאַס. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל וועגן זיין צעטראָגנקייט, ווען ער האָט פֿאַר איר געעפֿנט די טיר פֿון אַ וואַגאָן פּערטע קלאַס. זעענדיק אַז ער כאַפּט זיך ניט וואָס זי מיינט, האָט זי עס אים געזאָגט: „דאָס איז דאָך פּערטע קלאַס!"

ער האָט איר געענטפֿערט: „איך ווייס".

האָט זי געטראַכט: „אַ קאַפּריז".

ביידע האָבן זיך אַנידערגעזעצט אַף דער האַרטער, הילצערנער באַנק צווישן פּשוטע און אָרעמע מענטשן, צווישן די פּאַסאַזשירן זיינען אַסך פּוילישע גוים מיט שאַרפֿע און שפּיציקע נעזלעך, אין בלויע היטלען מיט לאַקירטע דאַשקעס. זיי זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד אַף פֿעלד־אַרבעט, נאָך פֿאַר דער מלחמה, און זענען איבערגעבליבן. פֿון גרויס דרך־ארץ צו דעם אַריינגעקומענעם פּריץ און פּריצע, זענען זיי אויפֿגעשטאַנען פֿון זייערע ערטער, לויט געוואוינהייט פֿון דער היים. נאָר דער זינגער האָט גוט ברודעריש געזאָגט צו זיי אַף פּויליש: „וואָס שטייט איר? איך בין ניט קיין קיסר!"

די מענטשן, מיט טעמפּע פּנימער פֿון שווערער האַרעוואַניע, האָבן זיך איבערגעקוקט מיט זייערע בלויע און גרויע אויגן און זיך צוריק אַנידערגעזעצט.

דער זינגער האָט זיין ברוגזער קאָלעגין דערקלערט, אַז ס'איז אים אָנגענעמער צו פֿאָרן מיט די דאָזיקע פּשוטע מענטשן אין פּערטן קלאַס, ווי מיט די בורזשוקעס אין דער ערשטער קלאַס. איר פּנים איז ווייכער געוואָרן. ער האָט, אַן אויפֿגעלעגטער, אַרויסגענומען פֿון רוקזאַק דאָס גאַנצע עסן, עס אַנידערגעלעגט אַף אַ ליידיק אָרט פֿון דער באַנק, און דער זינגערין געבעטן, אַז זי זאָל עסן: „איר האָט דאָך, מסתמא, אויך נאָך נישט געגעסן קיין אָנבייס?" צו די אַרומיקע האָט ער זיך געווענדט אַף פּויליש און אַף דייטש: „ביטע"!

די אָרימע פּאַליאַקן האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט, נאָר אַז די זינגערין האָט זיי אויך געבעטן, האָבן זיי אָנגענומען. די קינדער זיינען מיטן פּריץ באַלד היימיש געוואָרן, זיי האָבן אים דערמאָנט אין די קינדער באַ ר׳ מרדכין. בעתן עסן האָט ער די פּאַליאַקן אויסגעפרעגט פון וועלכע געגנטן זיי זענען, וואָס זיי הערן פון זייערע היימען און ווי אַזוי עס לעבט זיך זיי אין דייטשלאַנד. „איך בין אויך פון פּוילן" — האָט ער זיי צום סוף געזאָגט.

די באַרימטע אַרטיסטין האָט אין דער פרעמדער סביבה זיך אָנגעהויבן פילן אַביסל היימישער. זי האָט די קינדער — און אויך זייערע עלטערן — געטיילט שאָקאָלאַדע.

דער וועג איז גיך פאַרשוואונדן, כאָטש ס׳האָט געדויערט זיבן שעה. דאָס שטעטל אין וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט פון דער ווייטנס — צווישן די בערג — אויסגעזען ווי אַ בילד פון אַ גרויסן מאָלער.

אין האָטעל האָט די זינגערין זיך דערפילט שטאַרק פאַרמאַטערט פון דער רייזע אין פערטער קלאַס, וואָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. זוויעזדאָוו האָט זיך פאַר איר אַנטשולדיקט: „איך פיל מיך שלעכט צווישן די לייט פון דער ערשטער קלאַס".

זי האָט געשמייכלט: „און ווי פילט איר אייך אין מיין געזעלשאַפט?... איך בין דאָך אויך, ווי איר רופט זיי אַ בורזשויקע"...

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ צערטלעכן בליק און זיך געגרייט אַרויסצוציען פון איר צימער: „איר מוזט אייך אויסרוען!"

„זענען דאָס געווען רוסן פון אייער היים?"

פון מיין היים, אָבער ניט קיין רוסן. איך בין פון פּוילן.

„אַזוי..."

ער האָט אַראָפּגעדריקט די קליאַמקע און געזאָגט:

„שפּעטער, ווען איר וועט מער ניט זיין מיד, וועלן מיר ריידן וועגן אַלעם." זיין צימער איז געווען לעבן אירס. ער האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט באַ אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט: די בערג — ניט ווייט פונעם האָטעל — זענען געווען ניט אַזעלכע הויכע, ווי ער איז געוואוינט געווען צו זען אין דער קרים, אָדער אין קאַווקאַז; אָבער דווקא דאָס, וואָס, זיי זיינען ניט געווען צו הויך, זייער גרינקייט, דער צאַרטער הימל און די מילדע זון פון אָנהויב פרילינג — דאָס אַלץ האָט אים איצט גוט געטאָן. ער האָט

געפילט, ווי עס ווערט אים גרינגער אַפן האַרץ, און זיין נשמה קריגט ווידער פליגל. ס׳האָט אים געצויגן גיין. אָנגעקומען איז ער אין אַ פּאַרק, וועלכער איז געווען צווישן בערג לעבן אַ וואַלד. זיינע אויגן האָבן געשלונגען די ברייט־צעוואַקסענע הונדערט־יעריקע דעמבעס, די געזילבערטע בעריאָזעס, די שלאַנקע הויכע טאָפּאָלן, די ליפּעס, די אַקאַציעס און באַזונדערס די סאָסנעס, ווייל זיי זיינען געווען ווי אילומינירט מיט גרין־גאָלדענע ליכטלעך.

אין דער לופט האָט אַרומגעפלאַטערט מוזיק. דעם זינגערס אויערן האָבן פאַרנומען דאָס טשוויטשערין פון די פייגל, די ווייטע פלייט פון אַ קוקאַווקע. ער האָט דערהערט אַ מורמלען און רוישן פון אַ וואַסער־פאַל און איז געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז ער איז צוגעקומען צום אָרט, וואו ס׳האָט פון אַ באַרג געפלאָסן זילבער און זילבערדיק געקלונגען... אין טאָל האָבן פון ביידע זייטן זיך געצויגן צוויי רייען פאַרחלומטע ווערבעס, מיט אַראָפּ־הענגענדיקע שלאַנקע צווייגן, ווי אָרעמס פון פאַרבענקטע, שלאָפנדיקע כלה־מיידלעך... דער טאָל האָט זיך געצויגן ווייט אַוועק, פאַרפאַלן ווערנדיק אין דער סודותדיקער טונקלקייט פון געדיכטן וואַלד.

אַליין מיט זיך אין דער שטילקייט, האָט דעם זינגער ווידער אָנגעהויבן האַמערן אין מוח ר׳ מרדכיס ווערטער. געלאַסן, ווי מ׳ציילט רענדלעך, האָט ר׳ מרדכי אים געזאָגט: „אינעם בריוו, וועלכן איך האָב געקראָגן פון פוילן, האָט מיין ברודער געשריבן, אַז לוי ר׳ יעקבס איידעם, הייסט אַפן פאַמיליע־נאָמען שטערן״.

דער זינגער האָט מער ניט געהערט דאָס רוישן פון דעם וואַסער־פאַל, דאָס פאַרבענקטע רופן פון אַ דורכפליענדן פויגל. ער האָט געהערט ביילעס ווערטער, ווען ער איז באַ איר געווען פאַרן אַוועקפאָרן. מיט אַ שטיל ווייך קול — כמעט אַ ציטערנדיקס — האָט זי אים געזאָגט: „ווי קאָנט איר — אַזוי לאַנג ניט האָבן געזען די עלטערן און אפילו ניט געהערט וועגן זיי — זיין רואיק אין בערלין און זיי נישט שרייבן!״ — — —

ער איז צוריק געגאַנגען צום האָטעל. אַפן וועג האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „ווי איז עס מעגלעך?״ — — — ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער קאָפּ קריכט אים אַריין אין האַרץ... ער האָט געבלאָנדזשעט. אין האָטעל איז ער געקומען שפּעט און שטיל אָנגעקלאַפּט באַ טערעזאַן. זי איז געווען ביין

אַף אים. אַזוי לאַנג האָט ער זי געלאָזט אַליין! זי האָט געמוזט אַליין עסן מיטאָג. שוין דאָס צווייטע מאָל האָט זי זיך אויסגערוט און אַלץ געוואַרט אַף אים.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר.

די זינגערין האָט איר קאָלעגע איבערגעפרעגט אַביסל איראָניש: „— — איר האָט געבלאָנדזשעט?... אָבער זי האָט געזען זיין צעקוועלט פּנים און די בלאַסע ליפּן, און איז צוגעגאַנגען נעענטער צו אים: „איר האָט נאָך נישט געגעסן קיין מיטאָג. קומט! איך וועל טרינקען קאַווע״.

ערשט איצט האָט ער דערזען ווי שיין זי האָט זיך אָנגעטאָן, און זי באַוואונדערט: ווי יונג זי זעט אויס!... זיינע בליקן זיינען געווען פול מיט יראת־הכבוד פאַר איר. דערפון איז איר כעס פאַרשוואונדן, ווי אַ בלום טרינקט דעם טוי און די שטראַלן פון דער זון, אַזוי האָט זי געטרונקען דעם זינגערס בליקן פון ערפורכט און באַוואונדערונג. זי האָט געזוכט אויך ליבע אין זיינע בליקן, אָבער איר באַציונג צו אים האָט זיך נישט געענדערט, אַז זי האָט די ליבע אין זיי נישט געפונען.

ביידע זענען אַראָפּגעגאַנגען אין עס־זאַל. צוריק אַרויפקומענדיק, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אַפן דיוואַן. זי האָט געלאַכט און ווייטער געפירט מיט אים דעם שמועס, וועלכע זי האָט אָנגעהויבן אונטן: „דאָס האָט איר נישט געוואוסט?... אַוודאַי ליבט זי אייך! אָבער באַ יאַהאַנאַ זווזאַ ווייסט מען קיין־מאָל נישט ווען זי מיינט ערנסט און ווען זי שפּאַסט. זי איז אַ טייוול. אָבער דאָס זאָג איך אייך נאָכאַמאָל: ס׳זענען פאַראַן אַסך מענער וואָס לאָזן זיך נאַרן; זיי האָבן דערפון אַ מין הנאה, ווי אַ זאַטער בער, ווען אַ פליג קיצלט אים אונטערן אויערל... מיר האָט אַמאָל אַ מאַן געזאָגט אַז אַ פרוי איז באַזונדערס שיין — ווען זי זאָגט ליגן. דאָס איז געווען אַ גרויסער ציניקער. אָבער געליבט האָבן אים בּמעט אַלע פרויען. און בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געלאָזט פון זיי נאַרן״...

דער זינגער איז געווען פאַרטראַכט און פון צייט צו צייט צוגעברומט: „הם... הם״... אָבער די זינגערין האָט אים געוואָלט פריילעך מאַכן און ווייטער געטריבן אירע קאַטאַוועסן: „מיר דאַכט, אַז איר זיינט דאָך אַן אייפערזיכטיקער, כאָטש איר האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אייפערזוכט איז אַ מין

קאַטאַר, וועלכן ס׳קריגן שוואַכע מענערלעך. און איך מיין: אַז נאָר די שטאַרקע מענער, די לייבן, קריגן דעם דאַזיקן קאַטאַר... און בײַ דער קלענסטער ליבעס פאַרקילונג... איך האָב געמוזט ליבן אַלעמאָל אַן אַנדערן ס׳איז מיר אויסגעקומען, אַז איך בין נישט איין טערעזאַ, נאָר אַסך. נאָר שפּעטער האָב איך מיך דערפילט, ווי איך וואָלט געווען אַ האָטעל מיט אַסך נומערן... אַסך פון מײַנע געליבטע זײַנען געווען גרויזאַמע, ברוטאַלע. דאָס זײַנען געווען אינטערעסאַנטע מענטשן און מיר איז אויסגעקומען, אַז ליידן און פּיין איז דאָס געווירץ אין דער ליבע, אַז אָן דעם האָט זי קיין שום טעם נישט... די גוטע מענער, די באַראָנען און באַנקירן, האָב איך געפּייניקט״...

נאָר זי האָט געזען, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי רעדט, לאַנגווײַליקט איר קאָלעגע און זי איז געוואָרן ערנסט: „אוודאי זײַנט איר גערעכט: דאָס אַלץ איז נישט קיין ליבע. איך האָב איצט בלויז געפּלוידערט אַביסל. נו, וויל איך אײַך דערציילן וועגן מיין אָפּשטאַמונג, וואָס אײַך אינטערעסירט אַזוי שטאַרק. מיין טאַטע איז געווען אַ גאַליציאַנער ייד. ער האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויזין. אַ פרומע קאַטאָליקין. אָבער איר זיידע און איר באָבע זײַנען געווען יידן. אויב דאָס איז די סיבה פון מיין שרעקלעכער אומרויקייט אין דער לעצטער צייט — איך ווייס נישט. איך קאָן כמעט מער נישט שפּילן אויף דער בינע. ווען איך דענק. דעריבער זעט די גאַנצע אומ־רויקייט אויס נאַריש. וואָס איז מיר דען אַ נפקא־מינה, אויב מיין טאַטע איז געווען אַ ייד, די מאַמע אַ פראַנצויזין, און איך בין אַ דייטשקע?? זאָלן זיך וועגן דעם ברעכן די קעפּ די נאַציאָנאַליסטן! איך בין אַ מענטש, אַן אייראָפּייערין. דער גאַנצער נאַציאָנאַליזם איז דאָך אַ געמיינער שווינדל, די גרעסטע פּלאָג פאַר דער מענטשהייט און פאַר דער קולטור! איך האַלט דווקא נאָר פון געמישט בלוט. אָבער דאָס געפיל... ביז פאַר אַ קורצער צייט האָב איך מיין אומרויקייט מיר דערקלערט מיט מער נאַטירלעכע, סיבות... איצט... יאָ! איך הער גאַנץ דייטלעך די יידישע שטימע אין מיין בלוט, בעזונדערס פון די פּאָגראָמען אין אוקריינע און אין פּוילן. דאָס איז מערק־ווירדיק. די מלחמה איז פאַר מיר געווען אַ שרעקלעכע באַרבאַריי. אָבער מיר איז קיין איין מינוט נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז עס פאַלן דייטשן, פראַנצייזן, אָדער רוסן; אַלע זײַנען פאַר מיר געווען גלייך. דער פּאָגראָם,

װעלכע די טערקן האָבן געמאַכט אַף די אַרמענער, האָט מיך דערשיטערט; אָבער דער פּאָגראָם אַף די ייִדן..."

דעם זינגערס אויגן זײַנען געװען װי צוגעקאָװעט צו אַ שװאַרצן פלעק אַפן טעפּיך.

די זינגערין האָט אויפגעהערט רעדן, געװאָלט שװײַגן און נישט געקאָנט: „די דאָזיקע שטימע איז מײַן בלוט... איך װײס נישט װאוהין זי רופט מיך, װאָס זי באַפעלט מיר... װאָס זאָל איך איצט טאָן?... איך האָב מער קיין ערד נישט אונטער מײַנע פיס..."

דער זינגער האָט זײַן קאָלעגין געפרעגט: „און די קונסט?"... נאָר לויט דעם, װאָס ער האָט מיט איר אַ סך מאָל שוין געהאַט גערעדט װעגן אָפּערע — און בכלל װעגן קונסט — איז איר אויסגעקומען, אַז זײַן איצטיקע פראַגע איז געװען איראָניע דאָס האָט זי עטװאָס געקרענקט און זי האָט אים געבעטן: „אָן איראָניע." און גלײַך „אפשר זײַנט איר גערעכט. די קונסט איז בלויז נאָר אַ מיטל און נישט דער ציל. און אַז מען האָט קיין ציל נישט..." זי האָט געשװיגן, נאָכגעדענקט: „אָבער דורך אַ רעװאָלוציע, דורך אַ פּאָליטישער און עקאָנאָמישער ענדערונג, קאָן מען דאָך דעם מענטש נישט בעסער מאַכן. איך װײס, אַז דאָס זאָגן אַלע קרעמער; און דאָך..." זי האָט װידער נאָכגעטראַכט: „אפשר זײַנט איר אויך דאָ גערעכט" — — —

אין זװיעזדאָװוס אויגן האָט געפלאַקערט קאַלט פײַער. אָבער ער האָט גערעדט אײַנגעהאַלטן: „די חזירים װילן בשום אופן נישט אויפהויבן די קעפּ פון די קאָריטעס... װאָלטן זיי כאָטש מער נישט געטאָן, װי נאָר געפרעסן, — װאָלט שוין נישט געשאַדט. אָבער די שרעקלעכע, טעמפּע, אײביקע רציחה, װאָס האָט אפילו נישט קיין העראָאישקייט און טעמפּעראַמענט אין זיך, דאָס קאַלטע פאַרניכטן אַלץ — דאָס מוז דורך פײַער פאַרטיליקט װערן!... די הידרע מוז צעטראָטן, צעהאַקט װערן אַף שטיקער!... און װערט דער העלד אַפן פערד, װעלכער טראָגט זיך װי אַ װיכער, דער אַליין די הידרע — מוז מען די שפּיז איבערדרייען און דורכן פּיסק זי אים אַרײַנ־דרוקן אין האַרץ!... פלאַקערן אין אייגענעם פײַער זאָל דער מענטש, ביז ער װעט געלײַטערט זײַן!... פון דער שײַנער װעלט האָט דער מענטש געמאַכט אַ מיסט קאַסטן; פוילט און שטינקט אין איר!..."

די זינגערין האָט אין התלהבות געשלונגען יעדעס וואָרט פונעם „רוס״ און אים דערנאָך געזאָגט:

„איך פאַרשטיי איצט אַ סך בעסער אייער שפּילן אין פּאַרסיפאַל און אין פידעליאָ״.

דאָס פייער אין דעם זינגערס אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן. זיינע בליקן האָבן גענומען אַרומבלאָנדזשען. נאָר באַלד, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט אין האַרטן דייטש האָט ער ווידער אָנגעהויבן: „פרוילין טיפענזע! איר זיינט אַ גרויסע קינסטלערין! שוין פינף און צוואַנציק יאָר זינגט איר אויף דער בינע. איר האָט גרויסע דערפאָלג. נו?! די אַלע, וועלכע האָבן געקניט פאַר שעקספּיר, פאַר געטע, פאַר בעטהאָוון, פאַר ראַנדט, פאַר מיקעל אַנזשעלאָ — פאַר אַלע גרויסע זשעניס — זיי האָבן געמאַכט, אָדער געהאָלפן מאַכן די מלחמה, האָבן קאַלט צוגעקוקט ווי מ׳קוילעט די אַרמעניער און די יידן, ווי מ׳שענדעט פרויען און מען דערהרגעט קליינע קינדער!... די טרוקענע הויט און דאָס פלייש פון די אָרימע האָבן זיי שוין לאַנג אויפגעגעסן! איצט גריזשען זיי די ביינער!... די קונסט... ווייסט איר, אַז די קינסטלער זענען אַממיינסטן שולדיק. די נביאים האָבן אין די גאַסן געשריגן צו די רייכע און מעכטיקע: „רויב פון די אָרימע איז אין אייער הויז!... אַפּטריניקע זיינען די פירשטן!... אַ חברה גנבים... ווי די, וואָס שלעפּן מיט שטריק פון לינגס די אומגערעכטיקייט!... ווי די, וואָס מאַכן פאַלשע געזעצן און שרייבן אומ־גערעכטע אורטיילן, צו פאַרדרייען דעם דין פון די אָרימע און צו באַגזלען די רעכט פונעם אביון!... און איך וויל די ריכטער צווישן זיי פאַרשניידן און אַלע פירשטן אויסהרגענען״... אַזוי האָבן די דאַמאָלסדיקע קינסטלער גערעדט צו די רייכע, צו די וועלכע האָבן געהאַט די מאַכט! די היינטיקע „נביאים״ גייען צו די רייכע מ׳זאָל זיי מאַכן באַנקעטן! איז די קונסט אַ טעפּיך אין זייערע הייזער, צירונג אין די באַרדעלן! זענט איר שוין אַמאָל געווען אין די קאַפעס וואו די קינסטלער קומען זיך צוזאַמען?״ —

אַ לאַנגע צייט האָבןביידע דערנאָך אַרויסגעקוקט צו די שטומע בערג און צום סודותדיקן וואַלד. דאַן האָט זוויעזדאָוו פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געגעבן אויך דער זינגערין.

די זון האָט שוין געהאַלטן באַם אונטערגיין. אַז ס׳איז געוואָרן שפּעט, האָבן זיי דורכגעקוקט די מאַפּע און זיך איבערגעלייגט, מיט וועלכן וועג זיי

זאָלן מאָרגן גיין אַפּן „בראָקן״ אַרויף און ווען זיי זאָלן אויפשטיין. דאָן האָט ער איר געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַריינגעגאַנגען צו זיך שלאָפן.

ס

גאַנץ פרי האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיט לאַנגע שפּיציקע שטעקענס אין די הענט, האָבן זיי געוואַנדערטן דורך דער „שטיינערנער רענע״.

צווישן פעלזן, אין אַ טיפן, ווי אַן אָפּגרונט, ציט זיך אַ וועג צווישן בערג, וואָס זען אויס ווי דורכגעזעגט, פון ביידע זייטן זיינען ווי אויסגעשטעלט גראַניטענע ריזן מיט ברוינע ריפּן. אין דער שטאַרקער טיפקייט הערשט אייביקער בין־השמשות און שווייגן. דער וועג ווערט אַלץ מער משופּע, געשלענגעלטער, געצאַקטער. דער זינגער אַ שטומער איצט ווי די בערג, דראַפּעט זיך אַלץ העכער און העלפט דערביי זיין קאַלעגין. די בלויקייט פון הימל איז שאַרף און קאַלט, די זון ווי געשליפן גאָלד. די וועלדער אַף די בערגשפּיצן זעען, פאַר די וואַנדערער אין טיפן טאָל, אויס ווי צעשויבערטע האָר פון ריזן...

איבערן גאַנצן וועג ליגן צעוואָרפן גוואַלדיק גרויסע גראַניט־שטיינער. טייל פון זיי „זעען אויס ווי מאַיומדיקע חיות, ווי שרעקלעכע ספינקסן, ווי בייזע גייסטער. זייערע רוקנס זיינען גרין, באַוואַקסן מיט מאָך. די זייטן און די בייכער גרוי. זוויעזדאָוון דוכט זיך אַז זיי שלאָפן. ס׳רוישט אין די וועלדער פון זייער אָטעמען... און אָט קומט אים אויס, אַז ער זעט ווי ס׳רונצלען זיך באַ זיי די שטערנס... זיי חלומען... באַלד כאַפּן זיי זיך אויף... שוין מאַכן אַ סך דעם איינדרוק אַף אים ווי זיי וואָלטן געזעסן טשיפּקע, געלעגן נאָזנאַק און געערעדט צווישן זיך וועגן דעם וואָס ס׳דערציילן זיי די שטורמען פון זייערע צעזייעטע ברידער און שוועסטער איבער דער גאַנצער וועלט: איין גרופּע פעלזן זעט אויס ווי קניענדיקע געטער... זיי זיינען זיך מתוכח וועגן מעשה־בראשית... אין אַ צווייטער גרופּע זעען די שטיינער אויס ווי כהנים, איינגעהיטלע אין טליתים, ליגן מיטן פּנים צו דער ערד און זענען מתפּלל צום בורא פון די שטערן באַנאַכט און די זון באַטאָג...

צו די צוויי וואַנדערער דערטראָגט זיך פון צייט צו צייט אַ טשוויטש פון אַ פויגל וועלכער שוועבט אין דער דורכזיכטיקער אַזורענער לופט, דער וועג ווערט אַלץ מער משופּע. פלוצלונג דערהערן ביידע דאָס רוישן פון אַ וואַסערפאַל און שוין זעען זיי דאָס צעשפּריצן זיך פונעם לויפנדיקן וואַסער און אויפלויכטן קעגן דער זון און מיליאַרדן שימערירנדיקע פּערל און בריליאַנטן... גלייך פאַרייניקן זיך די צעשפּריצטע טראָפּנס ווידער אין שוימענדיקע כוואַליעס און צישענדיקע, ליאַרעמדיקע און שטורעמדיקע, ווידער זיך צעברעקלענדיק און ווידער זיך פאַרייניקנדיק, שפּרינגען זיי פון איין שטיין אַפן צווייטן ווי אַף שטיגן... אונטן פליסן די כוואַליעס ווידער אין גלאַנצנדיקער גרינקייט, ביז זיי הויבן ווידער אָן קאָכן און ווערן קודלע־וואַטער זילבער.

די זינגערין קאָן מער נישט גיין. זי זעצט זיך אַנידער אויסרוען. ער זעצט זיך לעם איר. זי דערציילט אים, אַז זי האָט פאַרן שלאָפן גיין נאָכאַמאָל איבערגעלייענט כמעט אַלע קריטיקן וועגן אים, וועלכע זי האָט געזאַמלט: „אין איין צייטונג האָט מען וועגן אייך געשריבן, אַז אייער שטימע וועקט אויף ביבלישע בילדער, ס׳דאַכט זיך, אַז מ׳הערט דעם פּראָפעטישן צאָרן און דעם וויי־געשריי פון אַ פאָלק אין גלות״.

ער האָט זי פאַרחידושט אָנגעקוקט.

„דאָס איז ריכטיק״, האָט זי מוסיף געווען.

דער זינגער איז פאַרזונקן אין מחשבות. דאַן ווענדט ער זיך צו זיין קאָליעגין און זאָגט איר: „איר האָט מיר נעכטן דערציילט פון אייער אָפּשטאַמונג. זייער אינטערעסאַנט. צווייערליי בלוט, דרייערליי קולטור... דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן נאַציאָנאַליזם, איז ריכטיק. אָבער פאָלק איז נישט נאַציאָנאַליזם. פאָלק איז טאַטע־מאַמע. זיך שמדן, אַוועקגיין צו אַן אַנדער פאָלק, מיינט אָפּקערן זיך פון טאַטע־מאַמע, זיי פאַרראַטן. דאָס, וואָס איך האָב געטאָן. איך בין נישט קיין רוס, קיין פּאָליאַק. איך בין אַ ייד. געבוירן אין פוילן. מיינע עלטערן זענען פרומע יידן. ס׳איז מעגלעך אַז איך האָב אין מיר רוסיש בלוט, ווי איר פראַנצויזיש. אייך ווייס עס נישט.״

די זינגערין האָט נייגעריק געפרעגט: „איר זאָגט דאָך אַז אייערע עלטערן זענען פרומע יידן״. ער האָט איר געענטפערט: „יאָ. אָבער... אַ גאַנצע מעשה... וועגן מיינס אַן עלטער־עלטער־באָבן... כווייס נישט אויב

דאָס איז אמת. יעדנפאַלס: איך בין אַ ייד, געשמדט, כאָטש איך בין — אַזוי גלויב איך — אין קיין צערקווע נישט געווען. אַלציינס. כבין אַן אָפּטריניקער. מיין שטימע... כ׳האָב געוואָלט ווערן אַן אָפּערע זינגער...״

די זינגערין האָט אַרויסגערופן אַ באַגייסטערטע: „איר האָט אַ געטלעכע שטימע, איר זענט אַ גרויסער אַרטיסט!״

ער האָט געשריגן אַ צעווייטיקטער: „אַ פאַררעטער בין איך! אַן אָפּטריניקער! אַ פאַרשאָלטענער! מיין נשמה ווייסט נישט פון קיין רו! און צוליב וואָס?! די מיינסטע אָפּערעס זענען נישט מער ווי פאַרווײלונג פאַר די רייכע, פאַר די, וועלכע פאַרמעגן האָט פאַרוואַנדלט אין וואַנזיניקע, וואָס ווייסן נישט מער וואָס פאַרברעך איז, וואָס האָבן קיין שום געפיל פאַר אמת און גערעכטיקייט! פאַר זיי איז אַפילו מלחמה אַ מיטל פאַר דער קראַנקער ליידנשאַפט זייערער נאָך רייכער צו ווערן!״

די זינגערין האָט אים דאַרויף געענטפערט: „דאָס האָט איר געלייענט אין די עסלעכע קאָמוניסטישע צייטונגען, אין דער „ראָטע פאַנע!״ איר זענט אַ קאָמוניסט, אַ באָלשעוויק! איך האָב דאָס נישט געוואוסט.״

ער האָט ביטער געשמייכלט און איר געענטפערט: „איך בין נישט קיין קאָמוניסט, קיין באָלשעוויק. איך לייען נישט קיין צייטונגען, קיין שום צייטונגען.״ אַ ווײלע איז ער געווען פאַרשטומט. דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן און געזאָגט מיט ווייטיק: „איר קאָנט מיך נישט פאַרשטיין. פאַר מיר איז די קונסט דאָס זעלבע, וואָס פאַר די נביאים איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט. איך האָב נעכטן ציטירט פאַר אייך עטלעכע שטעלן פון די פּראָפעטן.״ ווידער האָט ער געשוויגן. דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן: „איך וועל מער נישט זינגען אין קיין אָפּערע. צוערשט האָב איך פאַרראַטן מיין פאָלק, מיינע טאַטע־מאַמע. דערנאָך האָב איך פאַרראַטן מיין שטימע. כ׳האָב אויך פאַרראַטן די ליבע. כ׳האָב געווײַלט ס׳פּובליקום, באַקומען אַסך געלט דערפאַר, רום. כ׳האָב געשיכורט, געליבט, הייסט עס. אַ פרוי וואָס האָט מיך געליבט, אַ שיינע פרוי, אַן איידעלע נשמה, אַזאַ צאַרטע — האָב איך פאַרגעוואַלטיקט, פּשוט פאַרגעוואַלטיקט. זי געטראָפן אויף אַ באַל, געברענגט צו מיר, אַראָפּגעריסן פון איר ס׳קלייד, ס׳העמד, ס׳גאָלדענע צלמל... כ׳האָב אַ סך געזינדיקט... שיער באַצאָלט מיטן לעבן!... ר׳האָט פאַרמאַכט די אויגן און

ווידער געשוויגן, לאַנג געשוויגן. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען, געהאָלפן דער קאַליעגין אויפשטיין, און ביידע זענען ווייטער געגאַנגען.

דער וועג האָט זיך דאַן געצויגן צווישן שיטערע סאָסנע וועלדלעך. אַסךביימער האָבן געשפּאַרט פון אונטער שטיינער אַפּיער, זענען געוואַקסן צווישן גראַניט און געקראָכן דורך פעלזן. ווי לאַפּעס פון חיות, ווי שלאַנגען, האָבן די וואָרצלען פון די ביימער זיך געוויקלט אַרום שטיינער, זיך געפלאָכטן מיט שלויהייט און בייגעקומען יעדע שטרויכלונג אויפן וועג פון לעבן, פון וואַקסן.

דער זינגער האָט זיין קאַליעגין דערקלערט: „איר זעט דעם בוים און דעם פעלז? — אַ קליין קערנדל, אַ בוימזאָמען, איז געפאַלן אויפן דאָזיקן אָרט — אין שויס פון דער ערד. אין מוטערס טראַכט איז געלעגן דער זאָמען, זיך גענערט פון איר בלוט און געוואָרן אַלעמאָל גרעסער. ביז ס׳איז געקומען די צייט, ווען ס׳קינד, אַ קליינטשיק ביימעלע, האָט געמוזט געבוירן ווערן: געוואָלט אַרויס פון מוטערס טראַכט וואַקסן אונטער בלויען הימל, ווערן געצערטלט פון דער זון. ס׳האָט אַרויסגעשטעקט ס׳פּיצינקע קעפּעלע, זיך געריסן, און איז געבוירן געוואָרן — געבוירן געוואָרן אונטערן שטיין. ס׳האָט זיך גענומען שאַרן, קריכן, זיך דראַפּען פון אונטערן פעלז אַפּיר, ווייטער, ווייטער, איינגעבויגענערהייט, ביז ס׳איז אַפּירגעקומען, דערזען דעם בלויען הימל, די לויכטענדיקע זון, אַ וואַרימע, און זיך גענומען קאַפּויער שטרעקן, ציען אַרויף, אַלץ העכער, העכער, העכער" — — —

און ער האָט איר ווייטער דערקלערט: „ביימער — אויף אייביק פאַרבונדן מיטן נאָפּל פון דער מוטער — זענען פאַרוואָרצלט אין איר, טיף, טיף — — — פעלזן? — גראַניט? — די ביימער באַזיגן זיי. פאַרקניפּט און פאַרבונדן זענען זייערע וואָרצלען, אין אַן אונטערערדישער נעץ, פאַרבּרודערט און פאַרשוועסטערט, נערן זיי זיך פון מוטערס זאַפט, זויגן די מילך פון אירע בריסטן, שלינגען דאָס ליכט און די וואַרימקייט פון דער זון, אָטעמען די לופט, יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען — — — די שטיינער, די שווערע פעלזן, האָבן זיי געמאַכט פאַר זייערע קנעכט — זיי צו שיצן מיט זייער שווערקייט געגן שטורם, נישט לאָזן זיי אַרויסרייסן פון דער ערד, זיי אַנטוואָרצלען פון דער מוטער" — — — —

דער זינגער האָט זיין פריינדין געוויזן אַף די אַרויס שטאַרטשענדיקע

וואָרצלען, וואָס האָבן, ווי לאַנגע, ברוינע פינגער, זיך געקלאַמערט אַרום די שטיינער און פאַראייניקט זיך געפלאָכטן אַרום זיי. פונקט אַזוי האָבן די געדאַנקען איצט זיך געפלאָכטן אין זיינע געהירן, זיך פאַראייניקט צו איין גרויסן געדאַנק און זיך געקלאַמערט אַרום זיין נשמה. ער האָט נאָכ־געדענקט וועגן דער מעשה פון דעם בן מלך און דעם בן־עבד, וואָס ביילע האָט אים דערציילט, און געטראַכט: „בין איך דער בן מלך, אָדער דער זון פון דער אָרימער דינסט?״ — — — אָבער די מעשה וועגן די זיבן בעטלער איז אים נאָך בעסער געפעלן. ס׳האָט אים נישט געקענט אַרויס פון קאָפּ די וואונדערבאַרע טיפקייט, באַזונדערס ווען צום יונגן פּאַרפאַלק קומט דער בעטלער, און דערציילט וועגן דער בענקשאַפט פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער . . .

מיט זיינע מאָדנע לויכטנדיקע אויגן איצט, גרויסע און אַלץ דורכ־דרינגענדיקע, האָט ער מיט אַמאָל אַרומגענומען די גאַנצע געגנט אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, אַוועקגערוקט די האָריזאָנטן, און געקוקט. . . און פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער פלעגט אַמאָל דאַווענען: „שמע ישראל״ . . . נאָר מער האָט ער נישט געדעקנט. אַז ס׳איז אים געוואָרן נאָך שווערער אַפן האַרצן, האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן דאָס וואָרט: „אחד״!

אַלץ אַרום: די וועלדער, די בערג און די פעלזן — האָבן געענטפערט: „אחד״! — — — — — — — — — —

סא

קיין בערלין איז דער זינגער צוריקגעקומען מיט אַ קלאָרן פּלאַן און פעסטן באַשלוס. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט אים אַמאָל געזאָגט וועגן ביילען: „זי איז ניט שיין; אָבער אין איר אַנוועזנהייט ווערט אַפן האַרץ אַזוי, ווי מ׳וואָלט אַפן וועג — ווען מ׳איז שוין מיד פון וואַנדערן — געטראָפן אַ בוים, און מ׳לייגט זיך אונטער אים אַנידער אויסרוען״. . .

אַפן וועג צו ר׳ מרדכין האָט ער געטראַכט וועגן דער דאָזיקער מיינונג

פון מיסטער זאַק און אויך וועגן עוואַן. ער האָט איצט נאָכאַמאָל באַשלאָסן — וואָס ער האָט שוין אייגנטלעך לאַנג געהאַט באַשלאָסן — אַז אָנהויבן זיין לעבן אַפּסניי קאָן ער נאָר מיט ביילען, הגם זי פאַרשטייט אים אַ סך ווייניקער ווי עוואַ. ער איז געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז מיט עוואַן זיך פאַר־אייניקן וואָלט געווען דאָס זעלבע, ווי צוזאַמענלייגן אין איין בעט צוויי מענטשן, וועלכע זיינען פון אַלע זייטן פאַרוואונדעט. אָבער דאָס געפיל פון אחריות האָט אים געקוועלט: „וואָס קען ער געבן ביילען, אַז ער איז אַזוי צעבראָכן און הויל? — מעג ער מיט איר חתונה האָבן, אויב זי וועט וועלן?״

אין „הארץ״ האָט ער פאַר די קינדער געקויפט שפּילזאַכן: פאַר יעדן קינד עפּעס אַנדערש, פאַר ביילען האָט ער געקויפט אַן אויסגעשניצט דאָרף פון האָלץ, מיט סטאַדאָלעס, מיט שטאַלן, מיט בהמות, פערד און קעלבלעך, און הינער, פויערן און אַ סך קינדער. זי וועט זיך פרייען דערמיט און לאַכן פון אים... ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ געוועלב און זיך געהייסן איינפּאַקן צען טעוועלעך שאָקאָלאַדע. אָבער דאָס פּעקל איז אים אויסגעקומען צו קליין און ער האָט געהייסן צולייגן נאָך צען.

אַ באַלאָדענער מיט פּעקלעך, איז דער זינגער געגאַנגען צו ביילען. נאָר געטראָפן האָט ער איר פאָטער. ר׳ מרדכי האָט געהאַלטן באַם אַוועקגיין. די קאַפּאָטע איז געווען לייטיש פאַרקנעפּלט ביז אַרויף. אַף זיין קאָפּ איז מיט קבצנישער גדלות געזעסן דאָס הויכע טוכענע היטל מיטן קיילעכדיקן פעטן פלעק אין מיטן דענקע, און פאַרפעצטן אָפּגעריבענעם דאַשעק. דער־זעענדיק דעם גאַסט האָט ר׳ מרדכי זיך אמתדיק דערפרייט. ער האָט אים אַרויסגענומען די פּעקלעך פון די הענט, זיי אַנידערגעלייגט אַפן טיש, און אים געגעבן שלום: „איר זעט אויס בעסער! מ׳זאָגט אַז אין „הארץ״ — דאָרט צווישן די בערג — איז גוטע לופט, אַ גאַנץ אַנדערע ווי דאָ הי״. ער האָט זיך איצט, באַם ריידן, אַלע מאָל טועה געווען, נישט געוואוסט: זאָל ער דעם זינגער — ער וועט דאָך זיין זיין איידעם — זאָגן „דו״, אָדער „איר?״ ער האָט געוואָלט אַריינרופן אין קליינעם חדרל צו ביילען: „ליב איז דיר דיין גאַסט!״ אָבער ער האָט געעפנט אַ קליין שפּאַרעלע אין קיך אַריין און דאָרט שטיל אַריינגעזאָגט: „שרה פייגע״...

זי האָט אַריינגעשטעקט דעם דערשלאָגענעם קאָפּ פון צרות. איר גערונצלט געוואָרן פנים האָט אויפגעשיינט מיט מאַמעדיקן נחת: „ברוך־

הבאו!״ באַם אויספרעגן דעם באַרימטן מאַן, האָט זי אַלע מאָל געוואָלט רופן באַם נאָמען „מיכאיל״. אָבער דער דאָזיקער גוישער נאָמען האָט זיך נישט געלייגט אין איר מויל. ווען ער וואָלט געהייסן מעכל... דער מאַן האָט מיט איר שוין גערעדט וועגן דעם נאָמען: אַז באַ גרויסע לייט רופן זיך די יידן מיט גוישע נעמען.

זי איז געגאַנגען ברענגען טיי פאַרן גאַסט.

ר׳ מרדכי האָט דעם זינגער געפרעגט: „נו, וואָס שטייט איר אַזוי? דאַכט זיך, אַז איר זעט גאָר אויס ערגער ווי פריער, איידער איר זיינט אַוועק־געפאָרן.״ אָבער ער האָט זיך דאָך געמאַכט האַרץ און אים אָנגעהויבן זאָגן דו: „דו האָסט, אַוודאי, זאָרגן וועגן טעאַטער?״

דער זינגער האָט אַ שמייכל געטאָן.

איז ר׳ מרדכי געוואָרן שוין אינגאַנצן פאַטערלעך צו זיין צוקונפטיקן איידעם און האָט אים געמונטערט:

„נו, וואָס שטייסטו אַזוי ווי דו וואָלסט געווען אַ פרעמדער דאָ... זעץ זיך!״

שרה פייגע האָט אַריינגעבראַכט טיי. זי איז שוין געווען אָנגעטאָן ווי אַ מחותנטע און געוואָלט זיך אַנידערזעצן באַם טיש, כדי צו הערן, וואָס איר מאַן רעדט מיטן קינדס באַשערטן, און זיך אויך אָנרופן מיט אַ וואָרט. זי האָט אָבער דערפילט, אַז עס איז גלייכער זי זאָל איצט אַרויסגיין, און זי האָט אַזוי געטאָן.

ר׳ מרדכי האָט זיך צוריק אויפגעקנעפלט די קאַפּאָטע, פאַרלייגט די רעכטע פאָלע, און מחותנדיק זיך אַוועקגעזעצט אויבן־אָן. זיין לינקע האַנט האָט אַרויפגערוקט דאָס הויכע היטל, און דער גרויסער למדנישער שטערן איז אויפגעגאַנגען ווי אַ לבנה. דערנאָך האָט די דאָזיקע האַנט אַריינגענומען אין דער גאָרשטש די באָרד, זי געהאַלטן אַביסל און פּאַמעלעך זי גענומען אַראָפּגליטשן, מאַכנדיק דערביי אַ קלין פון דער באָרד. אַ באַפרייטע — האָט זי זיך ווידער צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברוסט. דער מחותן האָט פאַרפירט אַ שמועס מיטן חתן: „יאַ, וועגן דעם בריוו פון מיין ברודער אין פוילן: ער האָט מיר געשריבן, אַז לויט זון איז טאַקע אַמאָל אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, און דאָרט געוואָרן אַ באַרימטער זינגער. אַף רוסיש איז שטערן זוויעזדאַ, אָדער... דער גוטער יאָר ווייסט זיי!... און באַ

פאַניע ענדיקט זיך דאָך אַלץ אַף „אָוו״: הייסטו איצט „זוויעזדאָוו״... אַפּן ייִדישן נאָמען האָסטו אַוודאי געהייסן... דאָס הייסט: דו הייסט נאָך — מעכל...״

דער למדן האָט אַנידערגעשטעלט אַפּן טיש די עלנבויגנס ווי קראַקוועס, און דעם קאָפּ אַריינגעלייגט אין דער גאַרשטש. זיין אָנגעשטרענגטער שטערן, מיט די פֿאַלבן אין דער ברייט און מיטן טיפן קאַרב, וואו די נאָז הויבט זיך אָן, האָט געערוט אין די הענט. דער אַמאָליקער בכבודיקער סוחר, מיט אַ שיינעם נאָמען, האָט געפילט זיין געפאַלנקייט אין דער לעצטער צייט. מיט אַ צוויי יאָר צוריק נאָך — שוין נישט צו ריידן פון אַמאָל אין פּוילן — וואָלט ער פאַר ביילעץ געזוכט אַן אַנדער שידוך, אָבער וואָס קען מען טאָן? — האָט ער גענומען ריידן מיטן זינגער וועגן תנאים.

שׂרה פייגע איז אַריינגעקומען זען אויב די גלעזער זיינען שוין ליידיק.

זעקסטער טייל

סב

בּיילע איז נאָך געשלאָפן. אירע ברוינע אָרעמס — נישט זייער שלאַנק, גיכער עטוואָס דיקלעך, באַזונדערס די מוסקולן, פון שווערער הויז־אַרבעט — זיינען געלעגן אויסגעשטרעקט איבער דער ווייסער קאָלדרע. זי האָט שטיל און גרינג געאָטעמט, און די קאָלדרע — צוגעדעקט ביז אונטער אירע אָרעמס, אַז מ׳האָט אַרויסגעזען אירע אַקסלען און עטוואָס פון איר ברוסט — האָט זיך ריטמיש געהויבן אַרויף און אַראָפּ. איר אויבערשטע ליפּ איז אין שלאָף געווען נאָך מער אַרויפגעשטאַרצט און דעריבער האָט מען איר פאָדערשטע, זייער ווייסע, ניט צו קליינע, געזונטע ציין, אינגאַנצן אַרויסגעזען. איר אונטערשטע ליפּ האָט אַ צוק געטאָן, עטוואָס זיך באַוועגט, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. אויך די אַראָפּ־געלאָזטע לעדלעך איבער אירע אויגן האָבן געצוקט און די ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגעזשמורעט. דעם שטערן האָט זיך געקנייטשט. נאָר באַלד איז ווידער אַדורך אַ גליקזעליקייט איבער איר פּנים, ס׳איז נאָך ראָזער געוואָרן, און ווידער האָט זי אין שלאָף זיך קינדעריש צעשמייכלט. אירע שאַטענע האָר זענען געווען צעשאָטן איבערן ווייסן קישן.

דער זינגער איז געשטאַנען פאַרן בעט פון זיין פרוי. כמעט יעדן טאָג, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער לאַנג געקוקט אויף איר. יעדעס מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז נאָך שענער געוואָרן, אַז אַזוי ווי זי זעט איצט אויס, זעט ער זי צום ערשטן מאָל. באַ יעדער תּנועה, וואָס זי האָט געמאַכט אין שלאָף, איז ער אַריינגעפאַלן אין התפּעלות. אָבער ס׳איז שוין געווען אַרום אַכט און ער האָט מורא געהאַט, טאָמער כאַפּט זי זיך אויף, וועט זי, ווי נעכטן — זיך שעמענדיק — אים זאָגן: „גיי, די ביסט שוין ווידער דאָ געשטאַנען!... ווידער בין איך אַזוי לאַנג געשלאָפן!״... אירע נאָך שלאָפנדיקע הענט וועלן די קאָלדרע נאָך מער אַרויפציען און זיך באַהאַלטן

אונטער איר... זי וועט זיך ברוגזן ווי אַ קליין קינד: פֿאַרוואָס האָסטו מיך נישט אויפֿגעוועקט?״... איבערגעוואָלט וועט זי וועלן אָפּן האַלטן די אויגן אָבער זיי וועלן איר ווידער צופֿאַלן. זי וועט שמייכלען און זיך בייזערן אַף זיך אַליין: „כ׳בין געוואָרן אַ פֿעפֿערן!״... האָט ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז ער וועט ווידער — ווי אייערנעכטן — זאָגן: „ס׳איז נאָך פֿרי, קינד... שלאָף״... זי וועט אים ווידער ענטפֿערן: „דו נאַרסט מיך אָפּ!״... און זי וועט צוריק איינשלאָפֿן.

ער האָט געוואָלט אַרויסגיין. אָבער ער האָט נישט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן פֿון „איר״: „זי לאַכט שוין ווידער!... ווי שיין״... פֿון אירע הענט האָבן זיך גערירט טייל פֿינגער, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס טאָן... נאָר באַזונדערס האָט זיין בליק זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פֿון איר גאָמבע, ווייל זי איז געווען זייער חנעוודיק. נאָר אָט האָט זי די הענט אַרונטערגענומען אונטער דער קאָלדרע און זיך געלייגט אַף אַ זייט. גיך איז ער דאָן צו־געגאַנגען אַף די שפּיץ פֿינגער צו דער טיר, זי שטיל געעפֿנט און פֿאַרשוואונדן.

דעם זינגערס נשמה איז איבערגעגאַנגען פֿון גליק. אין דער נייער דירה, וועלכע ער האָט געדונגען נאָך דער חתונה, זיינען געווען פֿיר צימערן. חוץ אַ קליין צימערל פֿאַר דער דינסט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ — ווי ס׳איז געווען זיין געוואוינהייט — און געוואָלט נעמען עטלעכע אַקאָרדן. אָבער ער האָט זיך באַהערשט: „ביילע שלאָפֿט נאָך!״ ער האָט געוואָלט זינגען. ס׳האָט זיך געריסן פֿון אים. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן, זיך פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט אַ האַנט. האָט ער פֿון שאַנק אַרויסגענומען נאָטן און געמישט, אַריינגעקוקט אין זיי, און זיי צוריק אַוועקגעלייגט. ר׳איז צוריק אַרויסגעגאַנגען פֿון קאַבינעט. זיך געדרייט און געפּאַרעט אין קאָרידאָר געוואָרפֿן אַלעמאָל אַ בליק צו דער טיר פֿון שלאָפֿצימער, געפֿילט די פֿרייד אין זיין האַרץ, און זיך גובר געווען ניט אַריינצוגיין צו איר. ער האָט זיך איינגעהערט, אויב זי שלאָפֿט נאָך און שטיל — שעמענדיק זיך — האָט ער געזוכט אירע שיך. ר׳האָט זיי דערזען שטיין נאָך נישט אָפּגעפּוצטע און זיך דערפֿרייט מיט זיי. ר׳האָט זיי גענומען און איז מיט זיי אַריינגעגאַנגען אין באַד צימער. דאָרט האָט ער זיי אָפּגעפּוצט. דערביי האָט ער פֿאַרגעסן, אַז ביילע שלאָפֿט נאָך, און זיך צעזונגען, ווי אַמאָל בײַם קאָמאַשנמאַכער, ווען

ער האָט געטראַסקעט מיט דער מאַשין און געזונגען. די שענסטע רוסישע פאָלקס־לידער האָט ער אַריינגעזונגען אין די שיך, די שענסטע אַריעס און אויך יידישע לידער, וועלכע ער האָט אַמאָל געזונגען אין די הייפן און זיך פלוצלונג איצט דערמאָנט אין זיי.

נאָר אָט האָט זיך געעפנט די טיר און ביילעס לאַכן האָט אים אָפּגעגאָסן ווי מיט עפּעס זיס און לויכטענדיקס... ער איז געשטאַנען צעהתלהבותט, מיט אַן אָפּגעפּוצטן שוך אין איין האַנט און מיטן בערשטל אין דער צווייטער האַנט...

ביילע האָט זיך נאָך אַלץ געשטיקט פון לאַכן. באַם טיש האָט זי אים באַדעקט מיט קושן, ער האָט זיך געשעמט. אָבער דערנאָך האָט ער אויך שוין געלאַכט. דאַן האָט ער זי געפרעגט, וואָס ס'האָט זיך איר אינדערפרי געחלומט, מיט וועמען זי האָט אין שלאָף גערעדט.

זי איז פלוצלונג שטאַרק רויט געוואָרן און זיך ווידער געשעמט פאַר איר מאַן, ווי באַם ערשטן מאָל אים אַרומנעמען און אַ קוש טאָן פאַר דער חתונה.

אויף אַ מינוט איז ער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, און דאַן זיך געכאַפּט וואָס איר רויט ווערן איצט האָט צו באַדייטן... אַ גליקלעכער און איבעראַשטער האָט ער געקוקט אויף זיין פרוי. זי איז אים נאָך טייערער געוואָרן. ער האָט זי אַרומגענומען, זי צערטלעך געגלעט, דעם שטערן און די האָר, אין זיך געהיט איר גאָרנישט צו טאָן וואָס קאָן איר שאַדן. ער האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין מיט דאַנקבאַרקייט און זייערע ליפּן האָבן זיך, ווי און חופּה־טאָג, פאַראייניקט. ער האָט זי מער נישט געלאָזט אַליין צעשניידן די זעמל און אַכטונג געגעבן, זי זאָל עסן אַ סך פּוטער, אין דער טיי האָט ער איר אַריינגעלייגט אַסך צוקער און איר געזאָגט: „מאָרגן בלייבסטו ליגן לענגער, איך וועל דיר געבן אין בעט אַריין דאָס אָנבייסן.״

ביילע האָט זיך צעלאַכט: „מאָרגן שטיי איך אויף גאַנץ פרי, ווי אין דער היים, און וועל אַלץ טאָן, ווי פריער, ווען איך בין געווען אַ מיידל. כ'האָב שוין גענונג געפּרוזשנעוועט! דו מיינסט, אַז כ'וויל זיין אַ פּריצטע, אַרומגיין פּוסט און פּאַסט? דאָס קאָן איך נישט! די דינסט וועל איך אויך אָפּזאָגן! ס'וועט מיר גאָרנישט שאַדן, אַז כ'וועל אַרבעטן! מיין מאַמע האָט געהאַט צוועלף קינדער און אַלץ געטאָן! ס'האָט איר גאָרנישט געשאַדט״.

זי האָט דעם מאַן דערציילט וואָס ס׳האָט זיך איר אינדערפרי ווידער געחלומט, און זיך ווידער פאַרשעמט.

ס׳איז אַריינגעקומען די דינסט און אָפּגערוימט דעם טיש.

ביילע האָט געגעבן צו פאַרשטיין איר מאַן: „זע, טייערער! פון קינדוויַיז־אויף בין איך געוואוינט צו אַרבעטן און צו לעבן אַזוי פּשוט ווי מ׳האָט בײַ אונדז געלעבט. איך האָב תמיד אַלץ געטאָן, אַפילו ווען דער טאַטע האָט פאַרדינט אַ סך געלט. איך פיל מיך נישט גוט, ווען אימיצער אַנדערש בעט־צו מיין בעט, באַדינט מיך. און נאָך וואָס דאַרפן מיר פינף שטובן? ס׳קאָסט צופיל דירה געלט!״

ער האָט געגלעט איר האַנט און זי געקושט: „יאָ, טייערע... אָבער איצט...״ ר׳איז געפאַלן אַף אַן עצה: „דו וועסט טאָן די גרינגע אַרבעט און איך די שווערע. אָבער פון דאַנען וועלן מיר זיך ניט אַרויסציִען. געלט האָבן מיר דערוויַיל גענוג. כ׳וועל געבן קאָנצערטן און פאַרדינען אַזוי פיל, אַז מיר וועלן קאָנען וואוינען אַפילו אין צוואַנציק שטובן. אין דער אָפּערע וועל איך מער נישט זינגען.״

ביילע איז עטוואָס טרויעריק געוואָרן. ער האָט דאָס גלייך באַמערקט און זי נישט אָפּגעלאָזט: „וואָס איז, ביילע״ נאָר זי האָט אים נישט געוואָלט זאָגן, ווייל זי האָט נישט געוואָלט באַטריבן זיין גליק איצט און איז ווידער פריילעך געוואָרן: „כ׳בין אַ נאַריש מיידל, מעכל!... דו ביסט אַזאַ באַרימטער מאַן און איך...״ ער האָט זי נישט געלאָזט וויַיטער רעדן און זי נישט אָפּ־געלאָזט, נאָר זי זאָל אים זאָגן פאַרוואָס זי איז פריער טרויעריק געוואָרן.

זי האָט אים געזאָגט: „ווייל... אָבער דו זאָלסט נישט זיין בייז אַף מיר... איך וואָלט געוואָלט... אַז דו זאָלסט זיין אַ פּראָסטער מענטש, אויך נישט געבן קיין קאָנצערטן, נאָר ווי אַלע פּשוטע מענטשן: אַרבעטן, און איך וועל דיר צוהעלפן. מיר וועלן צוזאַמען פאַרדינען וויפל מיר דאַרפן. דעמאָלט וואָלט איך געווען אַזוי גליקלעך!...״

ער איז פאַרשטומט געוואָרן און געבליבן שטיין דערשלאָגן.

זי האָט אים געמונטערט: „מעכל... מיר פאָרן קיין פוילן, שוין, די צווייטע וואָך, און ניט ערשט אַף סוכות! דו מוזט זיין פריילעך! אַזש פון רוסלאַנד ביזטו געקומען צו מיר... האָסט נישט געוואָלט גיין אין דער יידישער גמינע אַריין, נישט צום ראַבינער און נישט געוואָלט, אַז ס׳זאָל זיין

א חופּה. אָבער איך האָב אַלץ אויסגעפּירט!... איצט הייסטו ווידער מעכל!...
— ווייסטו, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט? — אַז דו ביסט מער ייִד ווי אַלע פרומע ייִדן, אַז אין דיר איז דאָ אַ נשמה פון אַ גרויסן צדיק!...״

מעכל האָט געלאַכט: „אַ שיינער צדיק בין איך!״...

סג

אין וואַגאָן, אויפן וועג קיין פּוילן, האָט מעכל געזאָגט צוביילען: „מיר איז אַזוי שווער אויפן האַרץ! — פּונקט אין דער לעצטער מינוט פאַרן אַוועקפאָרן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז טערעזאַ טיפּענזע — אַ גרויסע אַרטיסטן און אַ גרויסער מענטש — האָט זיך גענומען דאָס לעבן. דאָס איז אַ שלעכטער סימן.״

אין וואַגאָן זיינען געפאָרן ווייניק מענטשן. ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.

ביילע איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט, זי האָט געזאָגט איר מאַן: „אַ ייִד טאָר ניט גלויבן אין קיין סימנים.״

אויף מעכלס פאַרשלאָפן און בלייך פּנים האָט אַ דינער און קראַנקער שמייכל זיך דורכגעשלענגלט: „איך בין נישט אָבערגלויביש, ביילע.״ ער האָט אָפּגעזיפצט: „דעמאָלט, ווען כ׳בין צוריקגעקומען פון „האַרץ״, האָב איך דיר דערציילט וועגן דער זינגערין. זי איז געווען אַ טראַגישער מענטש!״ ער האָט צוגעטראָגן ביילעס האַנט צו זיינע ליפּן, זי געקושט און געפרעסט צו זיין שטערן.

פון אירע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט צוויי טרערן.

ער האָט זי אַרומגענומען: „וויין נישט, ביילע!״ ער האָט געלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט: „דו ביסט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.״

„דאָך״.

„אויך איך ווייניק. בײַ דער גרענעץ האָבן מיך אויפגעוועקט די גרעניץ וועכטער: זוכן און נישטערן!״ ער האָט ווידער געקושט ביילעס אויגן, געגלעט אירע האָר, דעם שטערן, די ברעמען. ס׳זענען פאַר אים אַרויסגעשוואומען בילדער פון זיין קינסטלער־לעבן אין רוסלאַנד און פון דער קורצער צייט אין דייטשלאַנד. ער האָט די דאָזיקע זכרונות געטריבן פון זיך.

אָבער ווי אַף להכעיס זיינע זיי אַלעמאָל לעבעדיקער געוואָרן אין אים, ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט אָפּהאַלטן פון זיין שריט, וועלכער איז נאָך דערוויַיל נישט געווען קלאָר פאַר אים.

אין וואַגאָן איז געוואָרן אַלעמאָל ליכטיקער. אַף אַ גרעסערער סטאַנציע זיינען אַריינגעקומען אַ סך פּוילישע יידן, מיט פּעקלעך און מיט טומל. די גוים האָבן געשאָלטן און געזידלט, חוזק געמאַכט פון די יידן, זיך געטשעפּעט צו זיי. דאָס אויסזען אין וואַגאָן האָט זיך געענדערט: ס׳איז אַוועק די שטילקייט, די ציכטיקייט; ס׳איז אַוועק דייטשלאַנד און געקומען איז פּוילן.

ביילע האָט זיך דערפרייט מיט איר אַמאָליקער היים. מעכל נישט. ער האָט מיט דער ענדערונג נישט געקענט שלום מאַכן און געזוכט שוץ איצט בּאַ זיין פרוי: „מיר ווערט אַלעמאָל שווערער אַפן האַרץ... איך פיל, אַז דיין טאַטע האָט מיר נישט געזאָגט דעם אמת וועגן מיינע עלטערן, און דו באַהאַלטסט עפּעס פון מיר. דעריבער וועלן מיר אין וואַרשע זיך גלייך איבערזעצן אַף אַן אַנדער באַן און גלייך פאָרן וויַיטער. קיין טעלעגראַמע וועל איך ניט שיקן, ווייל מיר פאָרן דאָך נאָר דריי שעה.״ ער האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין לעבן פון אַמאָל, דאָס שטעטל זיינס. ר׳האָט זיך צוגע־הערט צום ריידן פון די יידן אַף דער באַנק קעגנִיבער אים און לעבן אים, צום רעדן פון די פּאָליאַקן, צום ליאַרמען און שרייען אין וואַגאָן, צום גערודער און טומל. ער האָט זיך געפרייט מיט זיין אַמאָליקן נאָמען, ווען ביילע האָט אים גערופן מעכל, און זיך דערמאָנט ווי ער פּלעגט אין וואַרשע ארומגיין אין די הייפן זינגען. אָבער נאָך יעדן אָפּשטעלן זיך פון צוג אַף אַ סטאַנציע איז דער ליאַרם אין וואַגאָן געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דער זינגער האָט זיך צוגעהאַלטן די אויערן. ס׳איז אים ווידער געוואָרן שווער אַפן האַרץ. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געגרוילט צו זען דאָס נייע לעבן, וואָס ער וועט איצט מוזן אָנהויבן. די לופט אין וואַגאָן, דער שמוץ, דער געפּילדער — ער האָט עס נישט געקענט אויסהאַלטן.

אין וואַרשע האָבן זיך ביידע איבערגעזעצט אַף אַ צווייטן צוג. אין מעכלען האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אומרויִקייט. ביילע האָט געטראַכט: זאָל זי עס אים זאָגן גלייך, אָדער אַפן וועג פון וואָקזאַל אין שטעטל אַריין? און ווי אַזוי זאָל זי עס אים זאָגן? ווי אַזוי זאָל זי אים טרייסטן?... ער האָט

איר געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט דאָרט אַלץ געלייענט... זי האָט אים אַרומגענומען, כאָטש אַף זייער באַנק — און אַף דער באַנק קעגניבער — זענען געזעסן נאָך פּאַסאַזשירן. זי האָט געפילט די בליקן פון מענטשן אַף זיך, אָבער זי האָט איר מאַן נישט אָפּגעלאָזט.

ער האָט זיך געבעטן באַ איר: „ביילע!... זאָג מיר אַלץ! איך זע אַז דו באַהאַלטסט עפּעס פון מיר!״...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען.

מעכל האָט נישט דערקענט די סטאַנציע. דער וואָקזאַל איז געווען אַ נייער, אָבער נאָך נישט אינגאַנצן אַ פאַרענדיקטער. די הײַזער אַף דער אַנדערער זייט וואָקזאַל זענען שוין געווען אַלע פאַרברענט. פּוסט. צוויי אָמניבוסן האָבן געוואַרט אַף די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן. פון די אַמאָליקע דראָזשקעס זײַנען איבערגעבליבן בלויז עטלעכע. די דראָזשקאַזשעס האָבן גערופן פון די קאָזשלעס אַראָפּ: „הער לעבן, מיר ווילן פאַרדינען אַף פּרנסה פאַר ווייב און קינד!״

דער אַמאָליקער באַרימטער זינגער פון קיסרלעכן טעאַטער אין פּעטערבורג און פון גרויסן אָפּערע־הויז אין בערלין, האָט זיך אַריינ־געזעצט מיט זיין פרוי אין אַ צעבראָכענער דראָזשקע, און איז געפאָרן מיט איר אין זיין אַמאָליקער היים אַריין. שאָקעלנדיק זיך אַפן צעהויקערטן שאָסיי האָט ער שטאַרק אַרומגעהאַלטן ביילען און זיך געבעטן באַ איר: „נו, זאָג מיר!״

זי האָט אים פעסט צוגעדריקט צו זיך און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

סד

פונעם שטעטל, אין וועלכן מעכל איז געבוירן געוואָרן, זענען איבער־געבליבן בלויז עטלעכע געמויערטע הייזער און פאַרברענטע חורבות, דאָך האָט מעכל זיך דערמאָנט אין יעדן אָרט, אין מאַרק־פּלאַץ, וואו ער האָט אינגעלווייז געשפּילט אין פערד און אין מלחמה. אָבער ער האָט נישט דערקענט און נישט געוואוסט, וואו ס׳איז זיין היים. ביילע האָט

געפרעגט בּאַ אַ פאַרבּייגייענדיקן ייִד, וואו עס וואוינט לוי, ר׳ יעקבֿ׳ס איידעם, און געפירט איר מאַן.

צווישן פאַרבּרענטע קופּעס ציגל שטייט אַ קליין לייטערל אַראָפּצוגייין אין אַ קעלער אַריין. דאָ וואוינט לוי. געבּליבּן איז פון אים אַ גרויער סקעלעט. ער זיצט אין פינצטערן קעלער אַף אַן אייזערן בּעטל. דער־זעענדיק צוויי פרעמדע מענטשן איז ער אויפגעשטאַנען און געקוקט מיט אויסגעלאָשענע, פאַרגליווערטע אויגן, און נישט געפרעגט די פרעמדע ווער זיינען זיי, וואָס זיי ווילן.

מעכל בּאַהערשט זיך. זיין שטימע ציטערט. מיט אַ דערשטיקט קול פרעגט ער: „טאַטע... דערקענסט מיך נישט?...״

לוי פינטלט מיט די אויגן און שטאַמעלט עפּעס...

מעכלען בּרענען און וואַרגן די טרערן, אָבער ער וויינט נישט.

ביילע האָט אַרומגעכאַפּט איר שוער און קושט זיינע אויסגעצויגענע און איינגעפאַלענע בּאַקן און די אומריינע בּאָרד, פון וועלכער עס טראָגט זיך אַ שלעכטער ריח. זי דערפילט, אַז איר שוער קען זיך נישט האַלטן אַף די פיס, און זעצט אים צוריק אַנידער אַפן אייזערנעם בּעטל. דעם מאַן זעצט זי אַנידער אַפן איינציקן בּענקל אין קעלער, זי שטייט, האַלט איין האַנט אַף מעכלס פּלייצעס און די צווייטע אַפן שוערס.

מער קען זיך מעכל נישט בּאַהערשן. ער פאַלט אַרויף מיטן קאָפּ אַפן טאַטנס קניע און שלוכצט אַרויס: „טאַטע״! ———

אין קעלער איז נישטאָ קיין קיך, אַף אַ פעסל ליגן עטלעכע בּרעטלעך; דאָס איז דער טיש.

לויס אויסגעלאָשענע אויגן האָבּן אויפגעפלאַקערט. ער רעדט ווי אין דער וועלט אַריין: „שרהלע..״ דאָס דאָזיקע וואָרט חזרט ער איבּער עטלעכע מאָל, ווי ער וואָלט געזונגען אַ מין „זמר״ און קען זיך נישט אָפּרייסן פון אים. „שרהלע... אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט... ווי אַ שטילע טויבּ... שוין צוויי יאָר... האָט נאָך געהאָפט — בּיז פאַרן טויט: אפשר וועט ער קומען... ערשט אין קבר האָט זי צוגעמאַכט די אויגן...״ — נאָך אַ ווײַלע רעדט ער ווידער צו זיך: „שרהלע... כ׳האָבּ זי נישט פאַרגעסן... נישט איין רגע... כ׳זע זי... זי האָט מיך נישט פאַרלאָזט... איר טאַטן האָט מען אין פּאָגראָם

דערהרגעט... די גוים האָבן צוגענומען די מיל... מ'האָט געטריבן אין דער מלחמה... דערנאָך איז געווען טיפוס..."

אינעם חרוב־געוואָרענעם שטעטל האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז לויס זון — דער זינגער פון קיסרלעכן טעאַטער אין פּעטערסבורג — איז געקומען מיט אַ פרוי, אַ יידיש ווייבל. איז נישט אמת אַז ער האָט זיך געשמדט. ר'איז אַ ייד! באַלד איז דער קעלער פול געוואָרן מיט מענטשן, מיט צעבראָכענע, אָרימע יידן. נאָר גאָר צוערשט איז אַראָפּגעקומען רחלס מוטער, אַן אַלטע, איינגעבויגענע פרוי. פון איר ליידיק איינגעפאַלן מויל זענען נישט אַרויסגעקומען קיין ווערטער, נאָר אַ מין דומפּיק קײַכן. זי קוקט אָף מעכלען, מיט אויסגעטריפטע, פיצלעך אויגן. זי דערקענט אים ניט און פרעגט לוין, „טאַקע דיין זון?" נאָך נישט אין גאַנצן זיכער, פרעגט זי מעכלען אַליין: „ביסט טאַקע מעכל?... געדענקסט מיך?... כ'בין רחלס מאַמע... פלעגסט מיט איר שפּילן ווען ביסט געווען אַ קליין אינגל... זי האָט אַ מאַן און 5 קינדער שוין... וועט באַלד אַראָפּקומען."

באַלד איז רחלע טאַקע אַראָפּגעקומען: אַן אויסגעדאַרטע פרוי, הויט און ביינער. מעכל האָט זי דערקענט און איז רויט געוואָרן באַם געבן איר די האַנט. ר'האָט זיך דערמאָנט ווי זי פלעגט אים רופן „מיין קעניג", און ווי ער האָט איר געשוואוירן אייביקע ליבע באַם אַוועקפאָרן קיין וואַרשע...

די אַראָפּגעקומענע מענטשן האָבן מעכלען אויסגעפרעגט וועגן דער גרויסער און ווייטער וועלט, וועגן זיין לעבן, און אים דערציילט ווי דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן אין דער מלחמה, וועגן זייערע צרות צייט פוילן איז געוואָרן אַן אייגענע מלוכה.

לוין איז אויסגעקומען ווי שרהלע וואָלט ערשט היינט געשטאָרבן און די אַלע מענטשן זיינען געקומען צו איר לוויה...

ביילע איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר שווער.

רחלס מוטער האָט מיט אַ וואונק געוויזן מעכלען אָפן פאָטער און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז ניט אינגאַנצן מיט די געדאַנקען... אין אַ זייט האָט זי אים דערציילט, אַז צייט שרהלע איז געשטאָרבן, איז ער אַזוי: „ער קען זי נישט פאַרגעסן. ווען איך זאָל אים נישט אַראָפּברענגען עפּעס אין מויל אַריין און אַכטונג געבן אָף אים, וואָלט ער אַזוי אויסגעגאַנגען אָפן בעטל."

די מענטשן זיינען בּיסלעכווייז צוריק אַרויסגעגאַנגען פון קעלער. אויך רחלע מיט דער מוטער. ביילע האָט זיך געעצהט מיט איר מאַן וואָס צו טאָן: „דאָ וועלן מיר נישט קאָנען שלאָפן און מע מוז דעם טאַטן פון דאַנען אַרויסנעמען!״. זי האָט אַרומגענומען דעם שווער: „שווער!... מיר וועלן אייך נעמען מיט אונדז... איר האָט אַ טייערן זון...״

לוי האָט זי אָנגעקוקט. אַז מעכל האָט אים דערקלערט וואָס זי מיינט, האָט ער גענומען דרייען מיטן קאָפּ: „ניין... שרהלע... כ׳וועל זי נישט איבערלאָזן דאָ הינען...״ ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אינעם אייזערנער בעטל, ווי ער וואָלט זיך צוגעגרייט צו ווערן, אויב מ׳וועט אים בּגוואַלד וועלן אַרויסנעמען פון קעלער.

מאַן און ווייב האָבּן זיך איבּערגעקוקט. אין דער זעלבּער צייט איז רחלע ווידער אַראָפּגעקומען. אַבּיסל פאַרשעמט האָט זי זיך געווענדעט צו ביילען: „כ׳בּין געקומען אייך פאַרבּעטן צו מיר. כ׳וואוין, בּרוך־השם, אין אַ גאַנץ גרויסער דירה: אין אַ שטיבל מיט אַ קיכל. מיין מאַן פאַרדינט — ווי אין היינטיקע צייטן — נישט צו פאַרזינדיקן. ער איז אַ פּאַפּיראָסניק. מיר אַרבּעטן בּיידע און פאַרקויפן אַליין די אויסגעאַרבּעטע פּאַפּיראָסן. קיין אכסניה איז אין שטעטל נישטאָ. „אַז ביילע האָט איר געוויזן אָפן שווער האָט זי איר דערקלערט: „זיי וועלן גאָרנישט אויספירן בּאַ אים. מיין מאַמע, מיין מאַן און איך, האָבּן אים שוין אַ סך מאָל געבּעטן ער זאָל זיין בּאַ אונדז. אָבּער ער וויל נישט. ער גייט נישט אַרויס פון קעלער אויף איין מינוט, חוץ זיי זאָלן מיר מוחל זיין... און להבדיל אָפן הייליקן אָרט, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, ווען ער פאַסט, גייט ער דאַן אָף שרהלעס קבר, ע״ה.

נישט ביילע און אויך נישט מעכל האָבּן געקענט פועלן, בּאַם גייסטיק נישט גאַנץ קלאָרן, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דעם קעלער. זיי זיינען געגאַנגען צו רחלען וואוינען. ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, זענען זיי גלייך צוריק אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער אַריין. אַזוי יעדן טאָג. זיי האָבּן גערעדט מיטן פאָטער, אַז ער זאָל מיט זיי מיטפאָרן קיין וואַרשע. דאָ, אין דעם שטעטל, האָבּן זיי אים געגעבּן צו פאַרשטיין, קאָנען זיי גאָרנישט טאָן צו פאַרדינען אָף פּרנסה. זיי מוזן וואָס גיכער אַוועק פון דעם חרובן העק. אָבּער דער קראַנקער האָט אַלץ געדרייט מיטן קאָפּ: „ניין... כ׳וועל שרהלען נישט איבּערלאָזן אַליין...״

ביז איינמאָל — דאָס איז געווען טאַקע אין אַ דאָנערשטיק, — האָט מעכל און ביילע זייער קראַנקן טאַטן נישט געטראָפן אין קעלער. זיי זיינען גלייך אַוועק אַפן בית־עולם — זיי זיינען שוין דאָרט געווען עטלעכע מאָל — און אַף שרהלעס קבר געטראָפן לוין ליגן אַ טויטן.

סה

פון דער שול זענען איבערגעבליבן בלויז שוואַרצע, פאַרברענטע מויערן. אָבער די יידן, וואָס האָבן אין דעם שטעטל נאָך געלעבט — נאָך אַלע צרות פון דער מלחמה — האָבן מיט אָרימע גראָשנס, און אַרבעטנדיק אַליין גאַנצע טעג, די שול צוריק אויפגעשטעלט. אַזוי ווייט, אַז מען זאָל קענען דאַווענען אין איר.

עס איז געקומען ראש־השנה און יום־כיפור. דער חזן האָט באַ די תפילות געיאָמערט ווי אַ קליין קינד. דער עולם כמעט שוין אין גאַנצן אויס־געלאָשענע מענטשן, צובראָכענע אביונים — האָבן בלויז שטיל געזיפצט. זיי האָבן נישט געשריגן באַם בעטן, ווי אמאָל, צום רבונו של עולם און אויך נישט געוויינט. די קוואַלן פון זייערע טרערן זיינען שוין לאַנג געווען אויס־געטריקנט. זיי האָבן געהאַלטן אַראָפגעלאָזט זייערע ליידיקע אויגן. זיך געשעמט פאַר די ברענענדיקע יום־כיפור ליכט וועגן אַלע רציחות פונעם מענטש, וועלכע זיי האָבן געזען אין דער מלחמה און דערנאָך אין די פאָגראָמען. זיי האָבן זיך געשעמט פאַר זיך אַליין אין פאַר גאָט.

מעכל האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שול. דאָ האָט ער אַמאָל צו־געהאָלפן זינגען דעם טאַטן און דעם זיידן יקותיאלן באַם דאַווענען. ער האָט געקוקט אַף די יידן אין די ווייסע קיטלען און טליתים, אַף די עטלעכע — נישט מער ווי עטלעכע — טרויעריק ברענענדיקע ליכט, אַף די שאָטנס, וואָס האָבן זיך געקרומט און געבויגן אַף די נישט געקאַלעכטע ווענט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיינע געשטאָרבענע עלטערן און אַז די טויטע זיידעס און באָבעס, די געפאַלענע אין דער מלחמה און די דערהרגעטע יידן אין די פאָגראָמען — אַלע זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער שול... ער האָט געוויינט, הייס געוויינט, געכליפעט ווי אַ קליין קינד.

פון נאָך די ימים־טובים אָן זענען די טעג געוואָרן אַלע מאָל קלענער און קעלטער.

ביילע האָט נישט אויפגעהערט צו טרייסטן איר מאַן, אים געבן צו פאַר־שטיין, אַז זיין טאַטן איז בעסער וואָס ער איז געשטאָרבן, און אַז ער וואָלט גאָרנישט געוועז געקענט העלפן, ווען ער וואָלט דאַמאָלסט נישט אַוועק קיין וואַרשע און דערנאָך קיין רוסלאַנד. דער דאָזיקער שרעקלעכער חורבן האָט געטראָפן די גאַנצע וועלט. זי האָט אים געמונטערט, און געמאָלט פאַר אים זייער לעבן, ווי שיין עס וועט זיין. אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן און איז אַרומגעגאַנגען אַ צומישטער ער האָט אַרומגעזוכט די מאַמע און דעם טאַטן, ביז ער איז אַלע־מאָל אַריינגעפאַלן אין אַ גרעסערער מרה־שחורה, און זיך געפילט שולדיק אין דעם אומגליק פונעם שטעטל.

ס'זענען אַוועק עטלעכע וואָכן. מעכל האָט אויפגעהערט כמעט אינ־גאַנצן צו עסן. ביילע האָט מער נישט געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצורייסן איר מאַן פונעם דאָזיקן מצב. האָט זי אים געזאָגט: „אויב דו וועסט נישט עסן וועל איך אויך נישט עסן!" זי האָט אַראָפּגעשלונגען די טרערן, ער זאָל נישט זען ווי זי וויינט, זיך געמאַכט פריילעך און אים דערציילט פאַרשידענע מעשיות, וועלכע ער האָט תמיד ליב געהאַט צו הערן.

דערווייל האָבן זיי נאָך אַלץ געוואוינט באַ רחלען, כאָטש ס'איז דאָרטן געווען זייער ענג. ביילע האָט זיך זייער גוט איינגעלעבט מיט די מענטשן אין דעם אָרעמען שטיבל, באַזונדערס מיט רחלען. זי האָט געזען ווי שוואַך און קרענקלעך די דאָזיקע יונגע פרוי איז, און איר געהאָלפן אין דער הויז־אַרבעט ווי ווייט מעגלעך.

אָבער נאָך לענגער בלייבן אין דעם טויטן שטעטל האָבן זיי נישט געקענט. ביילע האָט געזאָגט צו איר מאַן: „מיר פאָרן צוריק קיין בערלין! דו וועסט ווידער שפּילן אין טעאַטער!"

ער האָט זי איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען: „קיין בערלין?" —

זי האָט אים געענטפערט: „זאָל זיין קיין וואַרשע, ווי דו האָסט געזאָגט".

זיי זיינען געפאָרן קיין וואַרשע. מעכל האָט נישט געוואוסט וואָס ער וועט דאָרטן טאָן. אָבער ער האָט באַ זיך פעסט באַשלאָסן, אַז אַף דער בינע

וועט ער קיינמאָל מער נישט אויפטרעטן, אפילו קיין קאָנצערטן וועט ער נישט געבן.

ביילע האָט אים געהאַלזט און געקושט: „מיר וועלן ביידע אַרבעטן און פאַרדינען וויפל מיר וועלן דאַרפן. מיר וועלן נישט פאַרלירן גייַן!" זי האָט געפּונען אַלערליי מיטלען אים צו טרייסטן און צוריק אויפמונטערן. זי האָט אַף אים אַכטונג געגעבן און געזען אַז ער זאָל עסן, אים אָפּגעהיט ווי אַ קינד. געלט האָבן זיי געהאַט נאָך גענוג. זיי זענען אַוועק קיין וואַרשע און דאָרט געדונגען צוויי שיינע צימערן.

מעכל האָט זיין פרוי דערציילט אַ סך פון זיינע קינדער־יאָרן, פון דער צייט ווען ער איז געווען אין וואַרשע — אַ סך פּאַסירונגען פון זיין לעבן. און ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיין מאַמען.

ביילע האָט יעדעס וואָרט זיינס אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, זי האָט געשריבן צו אירע עלטערן אַז זי איז גליקלעך, און פון דאָרט געקראָגן בריוו.

מעכל האָט די בריוו געלייענט, די גרוסן פון יעדן קינד און באַזונדערס פון חנהן, ווייל איר גרוס האָט תּמיד פאַרנומען אַ האַלבן בריוו. זיין ליבע צו ביילען איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן. איר טראָגן האָט אויפגעוועקט אין אים נייע צערטלעכקייטן צו איר. ער האָט געקוקט אַף איר ווי דאָס טראָגן פון אַ פרוי וואָלט פאַר אים געווען אַן אַנטפּלעקונג. עס האָט אים באַהערשט אַ מין ערפורכט. קוקענדיק אַף איר איצט, איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט אַלס מאַנצביל צום ערשטן מאָל געזען אַ פרוי... ער האָט זיך כמעט נישט געטרויט זי אָנצורירן און מייסטנס זי געצערטלט, געגלעט נישט מיט די הענט נאָר מיט די אויגן... ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל אַלץ טאָן פאַר איר. אַז זי האָט געמאַכט אַ קרומע מינע (וועגן דער שווערקייט פון שוואַנגערן, באַזונדערס אין די הויכע חדשים) האָט ער זיך דערשראָקן און זי מער גאָרנישט געלאָזט טאָן — נישט די קלענסטע אַרבעט אפילו. ער האָט אין שטוב געוואָלט טאָן אַלץ, איר אָפּנעמען יעדע אַרבעט. ביילע אָבער האָט אים, חוץ די גאָר שווערע אַרבעט, נישט געלאָזט טאָן עפּעס אַנדערש. ביז דער לעצטער מינוט האָט זי געראַמט און געקאָכט און צוגעגרייט אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַרן קינד וואָס וועט געבוירן ווערן. מיט איר מאַנס, איצט באַזונדערס, גרויסע ליבע איז זי געווען גאָר גליקלעך.

ס׳קינד איז געבוירן געוואָרן סוף ווינטער. די פרייד פון די יונגע טאַטע־מאַמע איז געווען אין לשער. ביילע האָט געשפּאַסט מיט איר מאַן: „איך האָב געוואָלט ס׳זאָל זיין אַ ייִנגעלע; דו אָבער האָסט געוואָלט אַ טאָכטער און אויסגעפירט!...״

ס׳זענען אַוועק וואָכן, חדשים פון פרייד און גליק. ביילע איז געוואָרן שענער ווי זי איז געווען אַלס מיידל; אין איר פּנים און אין אירע איצט ליכטענדיקע אויגן, איז געווען די שטראַלענדיקע שיינקייט פון אַ יונגער, צום ערשטן מאָל געוואָרענער מאַמע און דאָס גליק פון ליבע; אין איר קערפּער איז געווען די אָנציענדיקייט פון ווייבלעכער צעבליטקייט. ווען מעכל האָט געזען זיין פרוי זויגן ס׳קינד, האָט ער געקוקט אויף איר ווייסער פולער ברוסט ווי אויף אַ מיסטעריע, ווי ער וואָלט נאָך קיינמאָל קיין ברוסט פון אַ פרוי נישט געזען... ווי אַ פאַרצויבערטער האָט ער געקוקט אויף דער יונגער שיינער מוטער מיטן קינד אין די אָרעמס און ס׳איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט געקוקט אויף דער שענסט־געמאָלטער, „מאַדאָנע און קינד״ פון ראַפאַעל...

מאַן און פרוי האָבן זיך געשפּאַרט. ער האָט געזאָגט: „טייבעלע (אַזוי האָט געהייסן ס׳קינד) זעט אויס אינגאַנצן ווי די מאַמע״... זי האָט אים אָבער געוויזן: „זע! דאָס נעזעלע איז אינגאַנצן ווי דיין נאָז״...

„וואָס רעדסטו, „ביילע!״ האָט ער ווי דערשראָקן אויסגערופן. זאָל גאָט אָפּהיטן טייבעלע זאָל האָבן מיין נאָז! — אַזאַ גרויסע, מיט אַזעלכע גרויסע נאָזלעכער און אַזעלכע ברייטע נאָזפליגלען!... קיין מאָן״...

ביילע האָט געלאַכט: „כ׳מיין נישט אַזוי גרויס... זי האָט אַ קליין, אַ פּיצעלע נעזעלע... אָבער דער שטערן; אינגאַנצן ווי דיינער: קיילעכדיק, ברייט, הויך־ווי באַ אַ למדן, אַ גרויסן געלערנטן. און מ׳דערקענט שוין אַז אינעווייניק איז גרויס עקשנות, אַז אַלץ וואָס זי וועט זיך פירנעמען וועט זי אויספירן — ווי דער טאַטע אירער האָט אויסגעפירט וואָס ער האָט אַמאָל זיך פאַרגענומען... און אויך די האָר וועלן זיין ווי דיינע; דערווייל זענען זיי נאָך ווי העל גאָלד; אָבער זיי וועלן שפּעטער ווערן טונקל־ברוין — ווי קאַשטאַנעס. און״...

„וואָס און?״

„אַז זי וועט האָבן, ווי דו אַ... שטימע צום זינגען און וועלן ווערן אַן אָפּערע זינגערין ווי דו ביסט געוואָרן?״ — — —

„אָ״... מער ווי די איינע זילבע איז פון זיין מויל נישט אַרויסגעקומען. ס׳איז געווען ווי אַ ברום ווען מ׳דערמאָנט זיך פּלוצים אָן עפּעס גאָר וויכטיקס, אָבער זייער שרעקלעכס וואָס מ׳וויל פאַרגעסן. ער איז פאַר־שטומט געוואָרן, ווי זיין פּרויס לעצטע פראַגע וואָלט ווי אַן אומגעריכטער שטויס אים אַריינגעשליידערט אין דעם כאַאָס פון געפילן און געדאַנקען, וועלכע האָבן אים אין דער לעצטער צייט אַלץ שטאַרקער באַהערשט. ער האָט עקשנות׳דיק נישט געוואָלט וויסן פון זיי, געקעמפט געגן זייער מאָנען אַ קלאָרן ענטפער פון אים: יאָ, אָדער ניין. ער אָבער האָט געהאַלטן אין איין אָפּלייגן, אָדער געענטפערט אָט „יאָ״ אָט „ניין״, ווייל ר׳האָט נישט געוואוסט וואָס ר׳זאָל טאָן. ר׳האָט זיך פאַר אַ געווויסער צייט געהאַט פאַרגענומען מער נישט צו זינגען אין קיין אָפּערע — נישט צו זיין מער אַן אָפּערע זינגער. צוליב דעם, ווייל ער האָט אַלס אָפּערע־זינגער זיך געפילט מער אומ־גליקלעך ווי גליקלעך, אָפּט זייער דערשלאָגן. דער אינהאַלט פון די מייִנסטע, אָדער שיער אַלע אָפּערעס — חוץ גאַנץ ווייניקע, כמעט אויף די פינגער אויסצוציילן — זענען שרעקלעך באַנאַל. פאַרלאַנגען פון אַ פּריוואַטן אונטערנעמער, צי אפילו פון אַ שטאַטישער אָדער מלוכה׳שער אָפּערע, צו שטעלן בלויז די אָפּערעס אין וועלכע ער וויל שפּילן, איז נישט מעגלעך. ווערן אַ קאָנצערט־זינגער? ער איז נישט איבערגעצייגט געווען אַז זיין טאַלאַנט טויג דערפאַר, אַז ער קאָן אין לידער געבן דאָס זעלבע וואָס ער גיט אין אַ ראָלע פון אַן אָפּערע אַלס זינגער און שוישפּילער. ס׳זענען צווייערליי טאַלענטן. ווערן אַ משורר באַ אַ חזן? — באַ אַ גרויסן חזן (ווי ער איז אַמאָל געווען) — — — —

ער האָט געשמייכלט. דער דאָזיקער געדאַנק — צו ווערן אַ משורר, צו אַפילו אַ חזן — איז אים געקומען אויפן געדאַנק ווי אַ שפּילעריי פון זיין פאַנטאַזיע. פונקט ווי די פאַנטאַסטעריי אין געוויסע מאָמענטן, אַרומצוגיין זינגען אין די הייף ווי אַמאָל (דאָ אין וואַרשע, ווען ר׳איז אַנטלאָפן פון דער־היים און געהונגערט, געווען פאַרצווייפלט). די דאָזיקע פאַנטאַסטעריי איז אים מסתמא געקומען אין זין ווי אַ תשובה, וואָס ער זאָל טאָן פאַר זיינע באַגאַנגענע זינד אַמאָל, פאַר זיין ווערן אויס ייד, כאָטש געשמדט האָט ער

זיך אפשר נישט. אָבער דאָך? ער געדענקט עס נישט מער. ער איז דעמאָלט געווען שרעקלעך אומגליקלעך, גאַנץ פאַרצווייפלט, נישט געוואוסט וואָס ער טוט, וואָס ס׳געשעט מיט אים. ער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען, איז וואָכן־לאַנג, צי חדשים געווען כסדר שיכּור. דאָך, אינעם נייעם פּאַס וואָס ער האָט באַקומען, איז געשטאַנען: „מיכאיל זוויעזדאָוו״ און נישט „מעכל שטערן.״ און רעליגיע: „פּראַוואָסלאַוונע״, און נישט „יעוורעי. אָבער... תּשובה? — אַרומגיין אין די הייף זינגען? — לעכערלעך!

ביילע האָט געזען אַז איר מאַן איז פאַרשטומט, אַז ער קוקט נישט מער אויף איר און נישט אויפן קינד, אַז זיינע אויגן קוקן ערגיץ אין אַ ווייטקייט — איז זי אַן אַן ענטפער אַוועקגעגאַנגען מיטן קינד אין דער צווייטער שטוב.

אין מעכלען האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן אַן אומרואיקייט, די שטענדיקע אומרואיקייט זיינע, וועלכע האָט אים בלויז צייטנווייז, אַמאָל אויף אַ לענגערער און אַמאָל אויף אַ קורצערער צייט, אָפּגעלאָזט. ס׳האָט אים געטריבן און געריסן צוריק צו דער בינע, וואָס איז דאָך געווען דער עיקר אינהאַלט פון זיין לעבן, צי ער האָט עס געוואָלט אָדער נישט, צי ער האָט עס יאָ אָדער נישט קלאָר באַגריפן. אָן דעמדאָזיקן אינהאַלט וואָלט זיין לעבן געוואָרן פּוסט (אַז ס׳וואָלט געדויערט צולאַנג) ער וואָלט עס נישט אויס־געהאַלטן, אַפילו זיין גרויסע ליבע צו ביילען און צום קינד וואָלט אים נישט געהאָלפן. ער האָט אָנגעהויבן ווערן פאַרביטערט, דאָס גליק אין דער ליבע צו ביילען און די פרייד מיטן קינד האָט אָנגעהויבן איינשרומפּן, ער האָט אַלץ ווייניקער געשמועסט און גערעדט מיט דער פרוי, אַלץ זעלטענער און שוואַכער זענען געוואָרן זיינע צערטלערייען און אַלץ קנאַפּער זיין שפּילן זיך מיט טייבעלען. ביילע האָט זיך אַלעמאָל ווידער באַמיט איר מאַן אַריינ־צוציען אין אַ געשפּרעך; אָבער ס׳איז איר נישט געלונגען. ער האָט איר געענטפערט קורץ ווען זי האָט אים עפּעס געפרעגט.

ביילע איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער. זי האָט געטראַכט אַז מעכל ליבט זי שוין אפשר נישט מער; אָבער זי האָט דעם געדאַנק געטריבן פון זיך, ווייל זי איז אין איר געפיל, אַז ער ליבט זי יאָ, געווען זיכער. זי האָט געוואָלט פאַרשטיין וואָס מיט איר מאַן איז פּלוצים געשען און זיך געגריבלט: וואָס באַדייט די דאָזיקע פּלוצימדיקע ענדערונג אין אים? וואָס קומט אין אים פאָר? וואָס טוט זיך אין זיין האַרץ, אין זיין

נשמה? קיין ענטפער האָט זי אָבער נישט געפונען. אים פרעגן האָט זי זיך נישט געטרויט. זי איז אַ גאַנץ אומגעבילדעטע, איינפאַכע פרוי און ער איז אַזאַ באַרימטער מאַן, אַזאַ גרויסער זינגער! אין דער גאַנצער וועלט איז ער באַרימט! אין בערלין האָבן אַלע צייטונגען און אַלע זשורנאַלן נישט אויפ־געהערט צו שרייבן וועגן אים, אים געלויבט ביזן הימל אַריין! אומעטום איז געווען זיין בילד! די אַפּלאָדיסמענטן אין דער באַרימטער גרויסער אָפּערע אין בערלין — די גרעסטע און באַרימטסטע אין גאַנץ דייטשלאַנד — גלייך ווי מ׳האָט אים דערזען אויף דער בינע און נאָך יעדן אַקט!... באַם סוף ווען די אָפּערע האָט זיך געענדיקט — דעמאָלט האָט דער עולם נישט אויפ־געהערט צו פּאַטשן און שרייען בראַוואָ, אַז די ווענט האָבן געציטערט!... ביז ער איז צוריק אַרויסגעקומען אויף דער בינע... אַזוי ווידער, ווידער און ווידער!... איז ווי קאָן זי אים פרעגן וואָס אין זיין האַרץ טוט זיך? וואָס ער טראַכט וואָס ער דענקט? ———

נאָר אַז ער האָט כמעט אויפגעהערט עסן, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט און זי האָט אים געמוזט צווינגען צו יעדע מאָלצייט און געגעסן האָט ער אָן טעם אַפילו דאָס בעסטע וואָס זי האָט פאַר אים געקאָכט, האָט זי אים ווידער געפרעגט וואָס מיט אים איז. אָבער ער האָט איר נישט געענטפערט. „ביסטו קראַנק?״ האָט זי אים נישט אָפּגעלאָזט. „ניין,״ האָט ער געענטפערט. „דאַן ווייס איך עס!״... האָט זי, ווי אין נצחון, אויסגערופן און גלייך געפּאַסט אַ באַשלוס: „מיר פאָרן צוריק קיין בערלין!״

ער האָט זי אָנגעקוקט, צוערשט ווי ער וואָלט נישט געווען גאַנץ זיכער אַז ער האָט ריכטיק געהערט וואָס ביילע האָט געזאָגט, און דאַן אַז זי האָט איבערגעחזרט, און מיט פעסטקייט אין איר שטימע: „מיר פאָרן צוריק קיין בערלין און דו וועסט ווידער״... האָט ער זי אַרומגעכאַפּט און זי געדריקט אין זיינע אָרעמס, זי געקושט און אומאַרעמט מיט אַזאַ פייער, ווי אפשר נאָך קיינמאָל נישט אין זיין ליבע...

בערלין 1929 — 1931